STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07628

# DER KOYEH TSU SHTARBN

Faivel Zygielbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פייוול זיגעלבוים / דער כוח צו שטאַרבן

[illegible]

ירושלים 13/2/76

פייוול זיגעלבוים

# דער כוח צו שטארבן

משפחה–בוך

פארלאג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשל"ו — 1976

FAIVEL ZYGIELBAUM

# DER KOACH TZU SHTARBEN

*(Mishpoche Buch)*

(THE POWER TO DIE)

פאַרלאַג י. ל. פרץ
רח' אלנבי 31, תל־אביב, ישראל
I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby St., Tel-Aviv, Israel

אַ הארציקן דאַנק מיינע טייערע חברים:
יצחק יאַנאַסאָוויטש און יעקב צבי שאַרגעל,
פאר זייער הילף ביים גרייטן דאָס בוך.

Copyright by

פייוול זיגעלבוים
רח' טוסקניני 7, תל־אביב, ישראל

Faivel Zygielbaum
7 Toscanini St., Tel-Aviv, Israel

דפוס מ' גרינברג, רח' תושיה 2, תל־אביב, טל' 33341

נדפס בישראל תשל"ו

Printed in Israel 1976

לזכר אלע פון אונדזער גרויסער משפחה,
וואס זענען קבר־לאָז צעשפּרייט איבערן מזבח:
פּוילן, רוסלאַנד, אַזיע; און אלע צו וועמען
אַרטורס לעצטע ווערטער זענען געווען:
„מ י י ן ל ע ב ן ג ע ה ע ר ט צ ו ז י י".
אין זייער אנדענק דאס משפּחה־בוך. — —

# אינהאלט:

| | |
|---|---|
| במקום אַן אריינפיר | 11 |
| דער ערשטער רוף | 17 |
| דער טאַטע | 21 |
|ביים זיידן אברהמל באַראַוויצער | 30 |
| דער שוועגערין גאָלדעס היים | 38 |
| אונדזער וויך־וועלט | 41 |
| מיר ווינען אין וואַרשע | 56 |
| די מאַמע און וואָס אונדזער שוועסטער פייגע דערציילט | 64 |
| די מאַמע ווערט אַ שניידערין דער טאַטע א לערער | 82 |
| ביים זיידן פאר כל־נדרי | 87 |
| די צעצווייגטע משפחה | 89 |
| שמואל דער „וואַרשאַוויאַק" | 111 |
| שמואלס ערשטע עקידה | 122 |
| דער ברודער משה | 151 |
| דער ברודער פיניע | 157 |
| פאָליטישע פּאַרטייען אין כעלעם | 179 |
| פון אַרטורס מויל | 189 |
| אַרטור אין לאָנדאָן | 194 |
| דער טרויעריקער טאָג | 201 |
| איציק מאנגער / מיין שנאה־ליד | 202 |
| דער בריוו פון בערל רויזנער | 203 |
| אזוי זענען מיר געוואַקסן | 212 |
| אַרטור׳ס בריוו (פאַקסימיליע) | 227 |
| אַרטורס לוויה אין ניו־יאָרק | 230 |
| אברהם זיגעלבוים / וועגן דער לוויה אין ניו־יאָרק | 237 |
| י. פאַגעל / ארטור זיגעלבוים ווי אַ סימבאָל פון ווידערשטאַנד פון יידישן פאָלק | 241 |
| ש. טענענבוים / שמואל זיגלבוימס הייליקע אַש | 248 |
| רעדע פון ח׳ ב. טאבאטשינסקי אויף דעם קבר... | 249 |
| ארטור זיגעלבוים אָנדענק פארזאמלונגען אין פארשידענע שטעט | 254 |

די סימבאָלישע לויה פון ארטור זיגעלבוים 256
יעקב פאַט / ארטור זיגעלבוים 258
דערעפנט די גאַס א.ג. פון אַרטור זיגעלבוים 263
וולאדקע / ארטור זיגעלבוים — דער אויפשטענדלער 269
פייוול זיגעלבוים / שמואל מ. זיגעלבוים (ארטור) 278

שרייבער און דיכטער וועגן ארטור זיגעלבוים
ה. לייוויק / עקדת זיגעלבוים 285
רחל קאָרן / אַרטור זיגעלבוים (ליד) 286
חוה ראָזענפאַרב / אַ. זיגעלבוים גייט אהיים... (ליד) 288
בינם העלער / דעם אָנדענק פון ש. זיגעלבוים (ליד) 293
שלמה ביקל / שמואל מרדכי זיגעלבוים ז״ל 294
רחל קאָרן / די לעגענדע פון אונדזער דור 299
ח. ש. קאזדאן / זיגעלבוים אין דער יידישע פאָעזיע 303
חבר ארתור... 310
ב. שעפנער / שמואל זיגעלבוים, דער איינציקער 312
אַרטורס מצבה 323
אַנטהילט דענקמאָל פון ארטור זיגעלבוים 325
צו ארטורס 30־טער יאָרצייט 328
העשיל קלעפפיש / סוכות: אריינבליק אין דער
יידישער פסיכיק 331
יוסף זיגעלבוים / מיין פאַרהייליקטער פאָטער!... 333
שלמה מענדעלסאָן / די טאַט 336
גדעון האוזנער / פאַרוואָס איז זיגעלבוים
באַגאַנגען זעלבסטמאָרד? 342
אסתר לודען / ריפּס און ארטור זיגעלבוים 343
ראובן זיגעלבוים / על קידוש העם 347

פון אַרטורס פאַרבליבענע שריפטן
צום 25־טן יאָרצייט פון י. ל. פרץ 363
די פאבריק (נאָוועלע) 369

לעצטער ארטור זיגעלבוים עקספּאָנאט אין יד־ושם 381



א נישט פארענדיקטער פארטרעט פון שמואל מרדכי (ארטור) זיגעלבוים.

## במקום אן ארייַנפיר

בדרך־כלל שטימט די אויסערלעכקייט פון א מענטש זייער זעלטן מיט זיין אינערלעכער וועלט, מיט זיינע פאַקטישע אייגנשאַפטן און קוואַליטעטן.

מען זאָגט אַז דער מענטש איז נישט דאָס וואָס ער טראַכט וועגן זיך נאָר דאָס וואָס אַנדערע טראַכטן וועגן אים. אפשר דערפאַר באַמיט זיך דער מענטש צו פאַרשטעלן די אַזוי געראָפענע אינערלעכע פּערזענלעכקייט, ווייל זי וואָלט פאַרלייקנט די אויסערלעכע וועלכע ער פּרעזענטירט פאַר דער געזעלשאַפט.

דער מענטש מיט א ביסל געוויסן פירט אָפט א דועל מיט דער צווייאיקייט, אָדער אפילו מיט דער דרייאיקייט אין זיך.

דער רוב אַטראַפּירן אין גאַנצן די „אַנדערע" אין זיך און שפּילן ס׳גאַנצע לעבן די ראָל וואָס פּאַסט זיי, מיט אינטאַקסירטער צופרידנ־קייט פון זיך אַליין, אָן קאָנפראָנטאַציעס מיט די „אַנדערע" אין זיי.

ס׳זענען אויך פאַראַן יחידי־סגולה וואָס זייער אויסערלעך בילד רעפּרעזענטירט האַרמאָניש אַלע עטיש־מענטשלעכע קוואַליטעטן אין אַלע באַציאונגען און מעשים צו זייערע מיטמענטשן. אַזאַ הומאַניטאַר, פאַרשטאַכן מיט א גרויסער אידיי, וואָס האָט שטאַרק ליב דאָס לעבן פאַר וועלכן ער קעמפט, איז נוטה צו נעגירן זיינע פּערזענלעכע פריידן, זיין היים, זיין משפחה און אויב נויטיק, אַפילו דערגיין ביז פּערזענלעכן קרבן...

אַזאַ מענטש, אַזאַ אידעאַליסט איז געווען אונדזער ברודער, שמואל מרדכי (אַרטור). ער איז נישט „געווען גליקלעך צו שטאַרבן"

ווי זשורנאליסטן האָבן געשריבן. ער איז געווען אומגליקלעך צו לעבן ווען זיין פאָלק שטאַרבט...

„איך קאָן נישט לעבן, ווען די רעשטלעך פון יידישן פאָלק אין פוילן ווערן אומגעבראַכט".

א. ש. שטיין, א פועלי ציוניסט, שרייבט אין זיין העברעאיש בוך „חבר ארטור": „נאָר דער ‚בונד' האָט געקאָנט פון זיך ארויסגעבן אזא קדוש".

דער גרויסער יידישער חלום געהער דעם ציוניזם. דער שטורעמ־דיקער קאַמף פול מיט שיינקייט, אקטיוויקייט און זעלבסט־אָפּפער, די באהעפטונג מיט די יידישע פאָלקס־מאסן געהער דעם „בונד".

דאָס פארגאָסענע בלוט פון די יידישע פאָלקס־מאסן, זיין אומ־מעכטיקייט אָפּצושטעלן די שחיטה איבער זיין פאָלק האָט פארשעמט און אטראָפירט זיין ווילן צו לעבן. האָט ער פון זיינע לעבנס־פעדים אויסגעוועבט א פלאַטערנדיקע פראָטעסט־פאָן קעגן אַ פארדאָרבענער וועלט און אויף איר אויפגעשריבן זיינע ווערטער פון בטחון, אז די וועלט וועט סוף סוף ארויס פון דער חשכות אין וועלכער בייזע כוחות האָבן זי מיט אזוי פיל מענטשלעך בלוט פארברעגעוועט...

דער לייט־מאָטיוו פון מענטשלעכער גאַנצקייט אויף אלע שטעגן פון זיין פערזענלעך און געזעלשאַפטלעך פּאָליטיש לעבן, ציט זיך פון די פריסטע קינדער־יאָרן אין דער הייט מיט טאטע מאמע, שוועסטער ברידער, אָן פערזענלעכע חשבונות, נאָר איבערגעגעבן. זיין דראַנג שטענדיק אין פאַרבונד מיט אנדערע. אפילו צו שווימען קעגן שטראָם, אויב נאר זיין אינערלעכע איבערצייגונג האָט אים אזוי דיקטירט.

„עס איז די אַבסאָלוטע גרייטקייט צו שטארבן, וואָס גיט כוח צו קעמפן פארן לעבן"... דער אויסגעהאמערטער געדאנק ארטורס אין טעג פון גרעסטער נאַציאָנאלער נויט, איז געווען זיין דעוויז אלע טעג פון זיין לעבן, וואָס האָט שטענדיק געטליעט אין אים. פונקען

פון דעם דעוויז וועלן אַרויסשיינען פון די ווייטערדיקע זייטלעך אין דעם משפחה־בוך.

*

קינדער־יאָרן זענען אומענדלעך ווי דער הימל. יעדער טאָג וועבט זיך אין צווייטן טאָג אַריין, ווי אַ פאַרביקער פאָדים אין אַ טעפּעך. אוודאי ווערן מיט דער צייט אַ סך פעדעם פאַרלוירן, אָבער די צו וועלכע מ׳דערגרייכט, צעפינקלען דערמאָנונגען פונעם „שלאָס״ וואָס אויפן „צויבערבאַרג״ פון אונדזער קינדערלאַנד.

שלעסער שלאָפן, שאָטנס שפּאַנען, שווערע שאָטנס שפּרייזן שטום,
שווימען שורות שוואַרצע שוואַנען, שוואַרצע שוואַנען שווימען אום.
ס׳שווייגן שטימען, שוואַרצע שוואַנען שלייכן, שלייכן שרעקלעך שטום.
שלעסער שלאָפן, שאָטנס שפּאַנען, שווערע שאָטנס שפּרייזן אום.
לייב ניידוס.

די דיכטערישע אַליטעראַציע־שורות פון לייב ניידוס פאַרוועבן זיך אינעם טעפּעך פון דערמאָנונגען אין אונדזער משפחה־„שלאָס״ וואָס האָט זיך געקרישלט אונטער דעם לאַסט פון נויט, השכלה, שריפות, מלחמות, פּאָגראָמען און אידייאישע קאָנפליקטן.

די שאָטנס פון אונדזער גרויסער משפחה אומגעקומענע מיט אַלע טויטן, שטומען נישט... שלייכן נישט שטום... זיי שפּרייזן אַרום און מאָנען, מאָנען...

דאָס האָט זיי שמואל (אַרטור) אַרויסגערופן. אין לאָנדאָן, אויף פּיקאַדילי־סקוועער האָט ער געזען אין די וואָלקנס שוועבן זיינע יידן פון פּוילן: „אוי וויי, אוי וויי אַ גאַנץ פאָלק, אַ גאַנץ... און מענטשן איילן אַ היים שלאָפן אין וואַרעמע בעטן און שעמען זיך נישט?״...

צום קאַפּיטל שמואל אַרטור זיגעלבוים, וואָס איז צוגעקומען דער „העראָאיקאַ אויף דער יידישער גאַס״, פאַרלאַנגען יידן מיט געשיכטע־

אחריות א משפחה־ראם. לאָז איך זיך צום חורבן־„שלאָס", צו אלע מעגלעכע שטעגן פון אים דורך קינדערישער נויט און פרייד, פון שבתים און ימים־טובים אָן בשר ודגים, נאָר מיט זמירות־געזאנג שכנים זאָלן הערן. דורך יום־כיפור „יעלות" און פורימדיקע „שושנת יעקבס". ארעמע טישן מיט א סך חדווה, דורך תשובה־דביקות, דורך ארבעטער דעמאָנסטראַציעס, בונדישע לאמעס, דורך דאָרפישע „יויז־לעך" און פויערישע הולאנקעס, דורך שריפות און פּאָגראָמען, דורך וויינאַכט־„שאָפּקעס" מיט יידיש בלוט, דורך אלע טויט־וויסטענישן, גאַז־קאַמערן, כדי צו מאַכן אונדזער חשבון — טויט און לעבן געבליבענע...

אָן אייביק געיעג נאָך צייט. דארויף זאָגן קלוגע לייט: „אייל זיך ווען דו האָסט צייט, כדי זאָלסט זיך נישט דארפן איילן ווען וועסט נישט האָבן קיין צייט". אלע ווייסן דערפון און אלע פארגעסן אין דעם. ס'רוב לעבט מען מיט יאָגענישן נאָך אנטוישונגען, ביז... ביז מ'טרעפט זיך, ווי מ'רופט עס, אויפן „גוטן־אָרט"... מ'באַגלייט אזא לויפער, אָדער מ'איז אליין דער אָפּגעשטעלטער לויפער אין געיעג...

איצט הענגט די איילעניש איבער מיר. אַ סך יאָרן זענען פארביי מיט זכרון־עקסקורסיעס, מיט איינסדרן און דורכזיפּן די זכרונות פון די עלטערע אין דער משפחה וואָס זענען זיך אָפּט סותר. זעט אויס אז דעם מענטשס זכרון־קאַמער האָט אויך איר אייגן לעבן, איר אייגענעם באַנעם, טעמפּעראַמענט און שפּארקעלעך, קומען פאקטועלע געדענקענישן פון די זעלבע געשעענישן אין סתירהדיקע פארבן, מיט דער זעלבער באַגלויבטקייט און זיכערקייט.

דאָ גייט דאָך אין א רעאלער משפחה־ראם צום פּאָרטרעט פון א מענטש וואָס האָט באַוווסטזיניק און פרייוויליק צושטייער געגעבן זיין בעכער אַש צום גרויסן יידישן אַש־בארג אין פוילן כדי אויפ־צוזשארען דאָס געוויסן פון א געוויסנלאָזער וועלט.

זענען די באַשריבענע זייטלעך אַרויסגערופענע, אַרויסגעפּאַדערטע דורך יידן מיט געשיכטע־אחריות: „ניִשט פון אַרטור זיגעלבוים דעם קדוש און בונדישן טוער, פון דעם שרייבט מען און מ׳וועט שרייבן. אַ משפּחה־בוך דאַרף מען, פון וואַנען איז ער אַרויסגעוואַקסן. דאָס מיינט: משפּחה־יחוס, טראַדיציע, סאָציאַלע משפּחה־פּראָבלעמען, קינדער יאָרן, יוגנט איבערלעבונגען, פּאָליטישע שטרייטן אין דער משפּחה, זיין ווירקונג אויף דער משפּחה, קינסטלער, טעאַטער, „בונד״, זיין נאַציאָנאַלער חוב וואָס האָט אים דערפירט צו זיין טאַט. ווער האָט אויפגעבלאָזן אין אים דעם קדושים־פונק?...

צי וועל איך אָבער געפינען די אמתע פאַרבן פאַר יעדן פון דער גרויסער גאַלעריע טיפּן און געשטאַלטן פונעם משפּחה־בילד? געשטאַלטן: חסידיש גבירישע, קבצניש פּאַטעטישע, טרובאַדורן, פריי־לעכע קבצנים, מקובלים, אַרבעטער, אַרענדאַרן, רבנים, ראָמאַנטישע טרוימער, וויל־לערנער, רעוואָלוציאָנערע וועלט־שטורמער, אַקטיאָרן, חזנים, וויצלער און מעלאַנכאָליקער, אויך דואַליסטיש געשפּאָלטענע מיט נעגאַטיווע כאַראַקטער־שטריכן. וואָלט איך געהאַט דעם מאָלער־טאַלאַנט פון מיינע צוויי טעכטער אילנה און אבידע, וואָלט איך געמאָלן אַזאַ סורעאַליסטיש משפּחה־בילד:

אַ רינג מיט רמזים־שטריכן פון פנימער, ביימער, אַ מיל, אַ פריי־צישע וואַנסע, אַ בלעטל תפילות, גמרא, זוהר, פּרץ, שלום־עליכם, מענדעם, קאַרל מאַרקס, אַ ליד יידיש, העברעאיש, אַ ברויט, אַ ניי־מאַשין, אַן עילוי, אַ קאָזאַקישע פּיקע, אַ שריפה, חתונה, פּאָגראָם, אַ רעדנער מיט אַ מאַסע, אַ טעאַטער־בינע און נאָך, נאָך. איין רינג־וועלט, אַ גאַנצע וועלט מיט גאַנצע שפּאַלטן...

אַ צווייטער רינג, צעבראָכט די ערשטע מיט רמזים־שטריכן פון פנימער וואָס פליען אין אַלע עקן וועלט, די מיל פאַרברענט, די ערד צעגראָבן, דער הימל פייער־רויט, אַן עקדה, שרידים פון מענטשן, חורבות, אַ רויטע פאָן, אַ ווייסבלויע פאָן, אין ווינקלען סקעלעטן

פנימער מיט לעבעדיקע בליקן צו די חורבות, אַן אָפּן בוך מיט: „יזכור״, „אני מאמין״, „זאָג נישט קיינמאָל״, „שוועסטער און ברידער פון ארבעט און נויט״, „אלע מענטשן זענען ברידער״ און „עוד לא אבדה תקוותינו״.

א זון גייט אויף, א פולע זאנג ווי א פרעג־צייכן רייסט זיך צו דער זון...

## דער ערשטער רוף

טו זיך אויס פון אבילות, שרייב! שרייב א משפחה־בוך, שרייב פון דער היים, טאטע מאמע, שוועסטער ברידער, שטעטל, סביבה פון וואנען ער איז ארויסגעוואקסן. אזא בוך דארף מען...

דער ערשטער רוף איז געקומען פון מארק טורקאָוו בוענאָס איירעס, ווי נאָר ער מיט אברהם מיטלבערג ז״ל האָבן פארלייגט דעם פארלאג „דאָס פוילישע יידנטום״.

אין זיין ערשטן בריוו פון 21טן פעברואר 1947 שרייבט מ. טורקאָוו צווישן אנדערע: „אזא פאמיליען בוך איז נויטיק און מיר וואָלטן עס מיט גרויס כבוד ארויסגעגעבן״. דעם 16טן מיי 1947 שרייבט ער ווידער: „כ׳וועל אייך נישט אָפּלאָזן, אזא ארבעט מוז געמאכט ווערן, אין ניו־יאָרק איז דערשינען א זיגעלבוים בוך, שיין ארויסגעגעבן, איר וועט עס מאכן ווארעמער, אינטימער״.

אויף מיינע ענטפערס מיט ספיקות שרייבט ווידער מ. טורקאָוו: „עס איז וויכטיק צו באשרייבן אפילו דאָס ביסל וואָס איר ווייסט און געדענקט, עס וועט דינען אַלס מאַטעריאל פאר די, וואָס וועלן שרייבן וועגן דעם שפעטערדיקן ארטור דעם קדוש. עס איז א שאָד, אז אזא וויכטיקער מאַטעריאַל זאָל גיין לאיבוד און אויב מיר, די לעצטע (אונטערגעשטראָכן) פון זיין דור און איר זיין ברודער וועט עס נישט טאָן — טאָ ווערזשע וועט עס טאָן? איך דערוואַרט פון אייך גוטע ידיעות״.

אין מיינע ענטפערס צום רעדאַקטאָר מ. טורקאָוו האָב איך ווידער ארויסגעדריקט צווייפל, צי כ׳וועל זיין בכוח דאָס אויסצופירן

און אָפּטרייסלען פון זיך דאָס אַש, כדי אָביעקטיוו קאָנען שרייבן פון אזויפיל פון אונדזער משפחה וואָס איז אוועק מיטן רויך. צו פאַרנעפּלט איז דער ווייטער אַמאָל און צו פריש־זשאַרענדיק איז דער היינט. אויב יאָ שרייבן, וועט עס נאָר זיין א לייטערל צום גרויסן מזבח פון יידישן פוילן און צו ארטורס עקדה. און דאָס טוען דאָך אַנדערע פּאָעטן און שרייבער.

מיט דער צייט זענען צוגעקומען נאָך מאָנער פאר אזא ארבעט. אברהם סוצקעווער, רחל קאָרן, ארטור לערמער, מ. ג. צימערמאַן ז״ל. רוען האָט עס נישט געלאָזט. די געשטאַלט פון אונדזער טאַטן דעם נסתר, האָט שטענדיק געררייצט אלע אין דער משפחה. האָב איך אָנגעשריבן אַן ארבעט וועגן טאַטן און עס געגעבן צו לייענען דעם דיכטער דוד וואָלפע, דעמאָלט רעדאקטאָר פון זשורנאל „דרום־אפריקע״. ער האָט עס באלד אָפּגעדרוקט. די ארבעט מיט נאָך עטלעכע פּרוּוון. ווי א מוסטער האָב איך איבערגעשיקט צו מארק טורקאָוו אויף וואָס כ׳האָב אין מאי 1955 באקומען צווישן אנדערן אזא ענטפער: „עס פרייט מיך, וואָס איר האָט פארקאטשעט די ארבל און גענומען שרייבן דאָס משפחה־בוך. קענט איר דאָס העב־רעאישע בוך פון שטיינען וועגן ארטורן? עס איז דערשינען אין תל־אביב״.

אין זעלבן יאָר בין איך געפאָרן קיין ארגענטינע זען אונדזער עלטסטע שוועסטער פייגע מיט איר משפחה, קריגן פון איר פרישע היים־אינפארמאציעס און ארומריידן דעם ענין מיט מארק טורקאָוו, וועלכער האָט מיך אָנגעצונדן מיט עול און אחריות.

אין אפריקע האָב איך באַקומען פון אונדזער עלטערן ברודער ישראל נאָך פרישע היים־אינפארמאציעס און ווידער גענומען לייענען דאָס פּעקל בריוו ארטורס, פון פינצטערן היטלער־פּעריאָד. אַ טייל בריוו, די ערשטע, האָב איך באקומען מיט דער הילף פון רויטן־קרייץ נאָך זיין פארלאָזן ווארשע אין יאָר 1940.



ביים טאַטנס קבר אין כעלעם. (פון לינקס): רחל דובקאָווסקי, פאַניע זיגעלבוים, פייוול זיגעלבוים.

די בריוו האָבן מיך אויפסניי דערשיטערט און כ׳האָב ווידער גישט געקאָנט שרייבן מער ווי יאָרצייט־אַרטיקלען. איין אַרטיקל א. נ. „שמואלס ערשטע עקדה״ דערציילט פון זיין מוט און מסירת־נפש, אַן עפּיזאָד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס דער ברודער ישראל האָט מיר געהאָלפן אַרויסוויקלען פון מיין קינדיש געדע־כעניש.

כ׳האָב אָנגעשריבן נאָך צוויי דערציילונגען: „דער רבי האָט תשובה געטאָן״ און „ביים זיידן פאַר כל נדרי״, געדרוקט אין „לעצטע נייעס״ ישראל און אַנדערע אויסגאַבעס. יאָרן זענען אַוועק. ביי באַגעגענישן מיט יידישע שרייבער אין פאַרשידענע לענדער האָט זיך דאָס מאָנען אַזאַ משפחה־בוך איבערגעחזרט. דער עיקר, זינט די אַרבעט וועגן טאַטן א. נ. „יאָסקע לערער״ איז געוואָרן איבערגע־דרוקט אין פאַרשידענע לענדער. איך הער ווידער מ. טורקאָווס ערשטן רוף. איך הער מיין אייגענעם אינערלעכן רוף. ווענד איך זיך ווידער נאָך פריע היים־אינפאָרמאַציע צו די עלטערע שוועסטער פייגע און ברודער ישראל, ווייל צווישן ישראלן און מיר איז געווען א טיפער שניט. פון... משה, חוה און פּיניע מיט זייערע משפחות, וואָס זענען אומגעקומען.

אַדאַנק פייגעס און ישראלס אינפאָרמאַציעס פון די אָנהייב היים־יאָרן, קאָן איך עפענען א טירל צו דער משפחה־כראָניק.

איך צווייפל, צי כ׳בין מסוגל צו האַלטן א כראָנאָלאָגיע־שנור, ווי א משפחה־כראָניק פאַרלאַנגט, להיפּך צו א זיגזאַג, וואָס מער מ׳זעט אים פון ווייטן, אַלץ מער גלייכט זיך דער זיגזאַג אויס. אויב כ׳וועל אין דעם נכשל ווערן, בעט איך די משפחה און די לייענער מיר דאָס מוחל צו זיין.

אחוץ די משפחה־געשטאַלטן און געשעענישן וואָס פייגע און ישראל גיבן צושטייער, רוף איך אַרויס פון זכרון־באַהעלטעניש ווענען און וואָס נאָר איך קאָן דערגרייכן. פּאַרזונקען אין א ווייטער

וועלט מיט צעוואָרפענע שטחים, לעבן אויף מיינע נעכט מיט זעאונגען און געשטאַלטן: זיידעס און באָבעס, פעטערס און מומעס. הונדערטער משפחה־מענטשן. כ׳רוף ארויס א גרויסע עדה פון יענער־וועלט, די דורכזיכטיקע מאַמע־געשטאַלט, הענעלע דעם שוחטס, וואָס היטלער האָט אומגעבראכט, די פארנעפלטע געשטאַלט פון טאַטן, דער איינציקער וואָס איז געשטאָרבן אין א בעט מיט יאָרן צוריק.

## דער טאטע

אן איש מכאוב איז ער געווען, א שווייגער, וואָס האָט אין שווייגן געשניטן זיינע טעג און נעכט, קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען ביי זיין לעבן. ער איז געבליבן אַ פראגע־צייכן, וואָס רעגט עד היום צוליב זיין אנדערשקייט.

געשטאָרבן צו צוויי און פערציק יאָר, א הויכער, אויסגעדאַרטער טאַטע־סקעלעט פון צען לעבעדיקע קינדער.

א פאַרהוילענער, א ניסתר איז ער געווען, געוואקסן אין אַ דאָרפיש הויז אין באַראַנוויצע, דעם זיידן אברהמל׳ס בן־יחיד פון צווייטן ווייב, די באָבע גאָלדע. א טאטע א שווייגער, האָט אונדז גענערט מיט שטומער ליבשאפט, די מאמע, מיט אָפענער ליבשאַפט און באַצערטע אויגן מחמת ברויט־דוחק. די בכבודיקע נויט, האָט טאַקע באשריבן דער בכור שמואל מרדכי אין זיין דערציילונג „די פאבריק״, ווו ער האָט אַלס קינד געארבעט און דאָרט געלאָזט זיין ערשטן, קליינעם קרבן — צוויי שטיקלעך אָפּגעשניטענע פינגער. דער טאטע טאַטע מאָנט א חשבון פון אלע טויטן, כ׳ווייס, ער איז נישט צופרידן, וואָס מ׳דערציילט וועגן אים, כאָטש די גמרא זאָגט: „כל תלמיד חכם שאומרים דבר שמועה מפיו בעולם הזה שפתותיו דובבות בקבר״. אז מ׳ברענגט א גוט וואָרט פון א תלמיד חכם נאָך זיין טויט, באוועגן זיך זיינע ליפּן אין קבר, דאָס מיינט, אז דער מת איז צופרידן, אָבער אונדזער טאַטנס דרך איז געווען צו בלייבן

א פאַרשלאָסענער נסתר. דעריבער האָט די היים, די קינדער־יאָרן נישט איבערגעלאָזט קיין צאַרטן אָנדענק. אין דעם איז אונדז אויך שולדיק די נויט, די אויסזיכטסלאָזיקייט ביי אָרעמע יידישע קינדער אין פוילן. דאָס אַלץ פאַרשטעלט דעם פרי־קינדישן פייזאַזש, וואָס רופט געוויינלעך צו זיך מיט נאָסטאַלגיע אין די שפּעטערע יאָרן.

דאָך, וועט אויסקומען צו גיין אויף די שפּורן פון די קינדער־יאָרן, פון אַמאָל, היים, שטעטל און שטעטלעך, איז דאָך דאָס די סיבה פון דאָזיקן בוך.

„הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה". נאָר ווייזט אויס אַז זיינע אייגענע קינדער האָט דער טאַטע געהאַלטן פאַר „גבירישע קינדער", ווייל אפילו מיט אָרעמע יידן האָט ער געלערנט אַ פּרשה חומש מיט רש"י, א פּרק משניות, געלערנט יונגע און דערוואַקסענע לייענען און שרייבן, צוגעגרייט צו עקזאַמענס, געווען אַ „דאַלמע־טשער", אַ „פּראָשעניע"־שרייבער, נאָר זיינע קינדער נישט געלערנט. פאַרשלאָסן פאַר זיי זיין קענטשאַפט אויף זיבן שלעסער. פאַרוואָס? ס'איז געבליבן א סוד. אפשר ווייל „יוסיף דעת יוסיף מכאוב?". דער טאַטע האָט א סך געוווּסט און א סך געליטן. יונג חתונה געהאַט, יונג געשטאָרבן. צום פּריזיוו האָט די מאַמע געטראָגן דאָס דריטע קינד. צוליב דעם און צוליב זיינע שוואַכע אויגן איז דער טאַטע אַרויס מיט א ווייסן בילעט.

קינדער זענען געקומען איינס נאָכן אַנדערן, ס'געזינדל איז קיין ע"ה געוואַקסן מיט דער נויט צוזאַמען. אָרעם אָבער פריילעך.

שכנים באַלעבאַטישע יידן האָבן דעם טאַטן געהאַלטן מיט גרויס כבוד. עלטערע יידן האָבן דעם טאַטן גערופן — יאָסקע אַבּרהמל באַראַוויצערס. יידן פון זיין עלטער און יונגערע, האָבן אים גערופן — יאָסקע לערער, און כשמו כן הוא. — ער איז געווען א לערער כל־בו. די הויפּט פּרנסה־געבערין פאַר א משפּחה מיט צען קינדער איז געווען די מאַמע מיט איר „זינגער" ניי־מאַשין.

וואָס איך געדענק און וואָס כ׳האָב געהערט וועגן טאַטן פון די עלטערע שוועסטער און ברידער, אויך פון דער מאַמען, וואָס האָט דערטראָגן אירע עטלעכע זעכציק יאָר ביז היטלערס שחיטה אויף יידן אין כעלם, מאַכט אים רעטעניש דיק אין מיינע אויגן און, וואָס מער איך טראַכט פון אים, אַלץ וויניקער קאָן איך אים פאַרשטיין. אויך פאַר די עלטערע קינדער איז אונדזער טאַטע געבליבן אַ רעטעניש וואָס רייצט מיט זיין אַנדערשקייט אין דער סביבה און אין דער צייט.

אַ הויכער, אויסגעדאַרטער אַסקעט מיט אַ הויט־קאָליר פון אַ מזרח־ייד, מיט קורצזיכטיקע, פאַרחלומטע אויגן, מיט אַ ברוינלעך פאַרשפּיציקט בערדל און אויסגעצויגענע פינגער פון אַן איבער־נאַטירלעכער לענג.

אַן אָפּגעהיטענער אין יידישקייט, געריידט שטיל און אַזוי האָט ער געדאַוונט, צי געלערנט. אַ קוזמירער חסיד און געדאַוונט ביי די „טריסקער״, אַוועק פון „שטיבל״, ווי נאָר די שטעטלדיקע יחסנים זענען געקומען. אויף אַ יחסנישן זאָג: „יאָסקע, שעמסט זיך מיט מיר?״ האָט ער נישט געענטפערט, נאָר שטיל אָפּגעדאַוונט בציבור און אַוועק. זיינע „שטיבל״־יידן האָבן אים אפשר פאַרשטאַנען, זיין ווייב און קינדער האָבן אים נישט פאַרשטאַנען, ווייל אין דער היים האָט ער זעלטן גערעדט, אָדער ער איז געווען אין „שטיבל״, אָדער געגאַנגען געבן לעקציעס, אַ טייל תלמידים זענען געקומען צו אים. ער איז אָפט געווען פאַרטיפט אין אַ ספר. אין זיין פאַרלאָזענעם ביכער־אוצר, זענען אויך געווען יידישע, רוסישע, פּוילישע, אָפּ־געזונדערט פון ספרי־קודש. צו די קינדער האָט ער קיין ביכל נישט צוגעלאָזט. די עלטערע שוועסטער פייגע דערציילט, אַז דער טאַטעשי, ווי זי רופט אים, האָט אַרויסגעריסן פון אירע הענט י. י. לינעצקיס „דאָס פּוילישע יינגל״, זיין פּנים האָט געפלאַמט און ער האָט גע־זאָגט: „נישט געשטויגענע מעשיות, איך וועל דיר זאָגן וואָס צו

לייענען״. ער האָט נישט געזאָגט און נישט געלערנט מיט זיינע קינדער. נישט מקיים געווען די מצווה פון: „ושננתם לבניך״. די מאמע האָט דערציילט, אז פארטיפט אין לערנען פלעגט דער טאַטע מורמלען: אלחריזי, תחכמוני, מרכבה און פארשרייבן מיט דראָבנינקע אותיותלעך. משמעות ער האָט געשוועבט אין דער מרכבה און געלעבט אין אַן אַנדערער וועלט.

שכנים האָבן זיך באַצויגן צום טאַטן מיט גרויס דרך־ארץ. מען איז געקומען צו אים נאָך עצות, אויסגלייכן לאַדענישן, סיכסו־כים. אויף זיך אליין האָט ער זיך נישט סומך געווען, פארן באַלייגן די טענות האָט ער אריינגערופן ר׳ שלמה לייבושן, א ייד א למדן און מזג־טוב מיט א לאנגער באָרד ביז איבערן גארטל וואָס האָט שבת גערעדט נאָר לשון־קודש, לויטן מינהג פון זיין משפחה־יחוס אין ירושלים. צום „בית־דין״ האָט שלמה לייבוש מיטגעבראַכט זיין בן־יחיד שימעלע, אַן עילוי מיט א הויקערל און לאנגע גאָלדענע פיאות. דער טאַטע האָט געהערט און געשוויגן, ר׳ שלמה לייבוש האָט וואָס געפרעגט די צדדים אין אַזאַ טאָן, אז יעדער פון די צדדים, ווי אויפגעקאָכט זיי זאָלן נישט זיין, האָבן אים געמוזט ענטפערן שטיל און געלאַסן. דאָס „בית־דין״־שטיבל איז געווען אויך דער מאַמעס שניידער־ווארשטאַט, דאָס עס־צימער, שלאָף־צימער, קינדער־צימער, זענען די צדדים געבליבן אין שטוב, די מאַמע האָט זיי געמאכט א גלעזל וואַרעמס און די „דיינים״ זענען ארויס אין דרויסן באַהאנדלען דעם פסק־דין וואָס ר׳ שלמה לייבוש האָט ארויס־געטראָגן מיט שטילע, וואַרעמע רייד בהסכם מיט יאָסקען. אויך גויים זענען געקומען צום טאַטן זיך אויסגלייכן, דאָ איז דער טאַטע אליין געווען דער פוסק, און די גויים האָבן אָנגענומען זיין פסק דין. א מומחה אין פויליש און רוסיש, האָבן די גוייִשע שכנים דעם טאַטן פארערט און גערופן „נאַש יאָסעק״. דער קריסטלעכער בעל־הבית פון דער דירה ווו מיר האָבן געוווינט האָט אונדז געלאָזט וווינען

אָן דירה־געלט און מיט א פריינדלעכן שמייכל געטרייסט דעם טאַטן, ער זאָל זיך נישט זאָרגן „פאַן בוג זאפּלאַטשי״ (גאָט וועט באַצאָלן). משמעות, אז דער גוטער קריסט האָט באַווירקט און געדינט אונדזער בכור שמואל מרדכין, זיין גאַנץ לעבן ווי א סימבאָל פאַר אַ האַרמאָניש צוזאַמענלעבן מיט אונדזערע נישט־יידישע שכנים.

אין סתירה צו ישראלקען וואָס זאָגט, אז ווי ווייט ער געדענקט, איז דער טאַטע נישט געווען קיין „זוהר״־ייד, דערציילט אונדזער קוזין, הרב ברוך פערלמוטער פון מאָנטרעאַל, אז חתן־ווייז איז אים אויסגעקומען צו נעכטיקן ביי אונדז א נאכט, קיין עקסטרא געלעגער איז נישט געווען, איז ער געשלאָפן מיטן טאַטן אין איין בעט. אין מיטן דער נאכט, הערט ער ווי דער טאטע זאָגט פסוקים פון זוהר און קרעכצט, געמיינט, אפשר רעדט ער פון שלאָף, ער פילט אָבער אז דער טאַטע איז וואך, פרעגט ער אים: יאָסקע, נאָך חצות זענט איר עוסק אין זוהר?״ האָט אים דער טאטע געענטפערט: „ווי ר׳ שמעון בן יוחאי בין איך אין א הייל, א גוטע נאכט ברוך״. מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט און איך האָב מער קיין אויג נישט צוגעמאכט״.

דער טאַטע האָט זעלטן געלאכט, נאָר טיילמאָל דערציילט אגדות, אגדתא׳ס, קרילאָווס משלים, מיט א סך הומאָר. נאָך אַזאַ געשעעניש — האָט די מאמע נאָכדערציילט דער שכנה מיזשע, וואָס האָט געהאט גרויס דרך ארץ פאַרן טאטן און פירגעוואָרפן איר מאן, אז: „יאָסקע רעדט צו הענעלען דברי תורה״. טיילמאָל האָט דער טאַטע געלייענט פאַר דער מאמען פון א בוך פאַרטייטשט אויף יידיש, אָבער צו די קינדער נישט צוגעלאָזט קיין שום לימוד אויסער חדר. זיין פאַרשלאָסענער ספרים־שראַנק האָט געוווּנקען און גערייצט די אונטערגעוואקסענע קינדער, וואָס האָבן געדורשט צו לערנען און וויסן. מעגלעך, ווען נישט דער דלות, וואָס האָט אונדז געהאלטן אין איין שטוב, וואָלט דער טאַטע אפשר אויך באַהאַלטן

די חומשים און סידורים. כאָטש די בנים זאָלן דאַווענען, לייגן תפילין האָט ער יאָ צוגעהיטן. ווי נאָר אָבער א בן איז געוואָרן בר־מצווה, אָדער פריער נאָך, איז ער אַוועק פון דער היים זוכן ברויט.

די ערשטע שוואַלב, דער בכור שמואל מרדכי, ארטור, איז אוועק קיין ווארשע צו 12 יאָר. דער טאַטע האָט אים מיטגעגעבן א בריוו צוזיין שטיף־ברודער, דעם פעטער יאנקעל ראָטענבערג, ער זאָל זען שמואל זאָל לייגן תפילין.

צי דער טאַטע האָט אָפּגעהיטן דעם „לא תעשה לך פסל וכל תמונה", אָדער דאָס רימל איז געווען אזא, קיין בילדל פון טאַטן האָבן מיר נישט. געבליבן איז נאָר דאָס געדעכעניש פון א טאַטן, אַן אַסקעטישן שווייגער מיט נישט פארשטענדלעכע דרכים, מיט פארשלאָסענע ספרים און א פאַרשלאָסענער וועלט אין זיך. א „יאָסקע־שווייג".

די מאַמע האָט געזאָרגט פאר זיין אויסערלעכן אויסזען. שטענ־דיק אין א ווייס ציכטיק העמד, שווארץ שניפּסל, פארקעמט בערדל און אויסגעפּוצט כאַלאַטל מיט זיין בערשטל.

יאָרן שפּעטער אין ווארשע, האָבן פּיניע און איך גערעדט מיט ארטורן וועגן טאַטן. ס'איז געווען מוצאי־שבת, ביי א חסידישער מלוה־מלכה אויף פראנטשיקאנער גאס האָבן מיר געהערט זינגען דעם זיידנס א ניגון וואָס האָט אונדז זייער געוווּנדערט. זענען מיר ארויף צו שמואלן אויף עלעקטאָראַלנע 30 און אָנגעהויבן זינגען דעם ניגון (אזוי האָבן מיר אָפּגעמאַכט צווישן זיך). שמואל האָט גלייך מיטגעזונגען אויף זיין „באַס". „איר געדענקט אים?" מיר האָבן אים דערציילט פון דער מלוה מלכה ווו מיר האָבן געהערט דעם ניגון וואָס האָט אים אי געפרייט און אי געוווּנדערט. ס'איז אוועק א סדרה פון זיידנס ניגונים. די שוועגערן מאַניע האָט גיך „געכאַפּט" און מיטגעזונגען, דערלאַנגט צום טיש און מיר האָבן געהאַט צוויי מלוה־מלכות...

פון זיידנס ניגונים זענען מיר אריבער אויף א שמועס וועגן טאַטן. ווי דעם בכור, האָבן מיר געבעטן שמואלן ער זאָל אונדז דערציילן פון טאַטן, וואָס מיר קאָנען כמעט נישט. אַ שאָקל מיטן קאָפּ האָט צעדרויבלט שמואלס לעצטע טענער פון ניגון וואָס ער האָט נאָך געצויגן און האָט ארויס גערעדט דעם זיידן יעקבס נוסח רעדן „אָנרריען לאָזן זיי נישט, שררים מיינע"... „מיר האָבן געהאַט א טאַטן אַ פּאָעט, אַ סאָציאַליסט, א באָהעם מיט א סך וויסן, מיט מיסטישער כפירה און אמונה, א בעל־מקובל, וואָס האָט געלעבט נישט אין זיין צייט און נישט אויף זיין אָרט. אונדזער טאַטע איז נישט דער איינציקער וועמען דער רבונו של עולם האָט אָפּגעטאָן אזא שפיצל. אונדזער טאַטע איז געווען און וועט פארבלייבן א פארמאכטער קוואַל"...

פונעם טאטנס אלע באשעפטיקונגען האָט די מאמע געטראָגן דעם עול פרנסה וואָס איז נישט געווען. די איידעלע, שיינע יחסנטע הענעלע דעם שוחטס, איז געוואָרן א האָרעפּאשניצע, א „זינגער" ניי־מאשין אויסצוצאָלן, האָט געמאכט פון דער מאמען א שניידערין פון „וויפּראוועס". 11 קינדער האָט די מאמע געהאַט, שטענדיק געטראָגן, געזייגט, געבייט און מתיקותדיק צוגעזונגען דעם זיידנס חזנישע „שטיקלעך" און ווי א גוטע אקטריסע נאָכגעזאָגט די גריי־זיקע עברי פון ווייבער אין עזרת נשים און אמוזירט די צוויי לערן מיידלעך, וואָס האָבן ביי איר געארבעט. אז א מיידל האָט „באַ־גראָבן" א שטיקל ארבעט, און געוויינט פאר בושה און צער, איז די „מייסטעראָווע" געשטאַנען מיט א פינגער אויף א באק און גע־קלערט, ווי אזוי עס צערעכט צו מאכן. אז זי האָט געפונען א „פאָרטל" האָט זי זיך צוגעבויגן צום פארוויינטן מיידל און חיותדיק געזונגען איר „שלאגער":

„פלייש ווייקט מען און מ׳זאַלצט עס אויס,
אַן איי מיט אַ בליץ־טראַפּ ווארפט מען ארויס.
פארוואָס זאָל א מענטש נישט בודק זיין זיך אליין,
ער זאָל זיין אין גוף און נשמה ריין?...״

זי האָט דיריגירט מיט די הענט די לערן־מיידלעך זאָלן מיט זינגען. „ווייִן נישט שרהלע, סעט זיין א העמד, א בעכער״...

איך בין נוטה צו גלייבן, אז די אַקטיאָרישע נטיות פון אלע בנים, זענען א ירושה פון דער מאמען.

לא די וואָס די מאמע איז געווען די שפּייזערין, האָט זי נישט איינמאָל געשלונגען ביטערניש, ווען עס איז צו איר געקומען א קריסטלעכע קונדן און זי האָט דערוואָרט דעם טאַטנס הילף מיט אַ ביסל רוסיש צי פּויליש. שטיל, מן הצד פלעגט זי בעטן: „נו יאָסקע, דבר א וואָרט, כוועל דאָך פארלירן א קונה״. און ער, דער מאַן, דער בעל־מטופל, פארטיפט אין אן אנדערער וועלט, הערט כמעט נישט, קוקט ווי דורך דער מאמען, זעט נישט די קונדן, דאָס ווייסע געצייג, טוט א שמייכל און שווייגט, ווי די וועלט פון חומר געהער זיך מיט אים נישט אָן... „ביסט דאָך א טאַטע פון קינדער, יאָסקע״... נאָך אזא סצענע האָט די מאמע א פארביטערטע געוואָרפן קללות אין אלע וויסטע וועלדער און צו ווייזן דעם טאַטן, אז זי מיינט עס נישט, געכאַפּט דאָס יינגסטע קינד אויף די הענט, אויסגעקושט אלע גלידער, עס איבערגעגעבן אין זיינע הענט אריין און אים אריינגעסודעט: „ווייסט יאָסקע, אם ירצה השם, נאָך פיר חדשים״...

אלע צוויי יאָר האָט די מאמע געקינדלט, געווען א הייב־אַם ביי אנדערע, געווען א גאַנצע דאָקטערקע, ווייבער זענען געקומען צו דער מאמען נאָך עצות, רפואות, די מאמע האָט נישט געזשאַ־לעוועט, שטענדיק געהאַט איר געמיט פאר אנדערע, אַנגעזייגט

מיט איר מילך קינדער פון אנעמישע קינפעטאַרנס, געמאַכט איי־גענע מאשטשן, געהייסן צולייגן אַדער־בלעטער, אָפּגעשפּראָכן א גוט־אויג, געשטעלט באַנקעס, פּיאַווקעס, א סך זענען געזונט געוואָרן, מן הסתם געשטאָרבן אויך, אָבער הענעלעס א וואָרט איז געווען הייליק.

די שוועסטער פּייגע דערציילט פון א זעלטענער כלה־מתנה, וואָס דער טאַטע האָט געשאָנקען דער מאַמען צו זייערע תנאים. דאָס איז געווען א „טאָוול־טעלער" אָנגעפּיקעוועט מיט א דראָבנער, פּערל־דיקער שריפט. א „שיר השירים" מיט השכלה־מליצה און גימטריאָות אויפן נאָמען „הענעלע בת יעקב", געווידמעט זיין שיינער כלה הענעלע, געשריבן אין איין רונד־געפלאָכטענער שורה. די „מאַמעשי" האָט עס נישט געקאָנט לייענען, אָבער געוווּסט וואָס דאָרט איז געשריבן, ווייל אונדזער שכן ר׳ שלמה לייביש האָט עס פאַר איר געלייענט אין יידיש־טייטש און איר געגעבן צו פאַרשטיין סאַרא דימענט א מאַן זי האָט. אגב, איז די שוועסטער פּייגע די איינציקע פון אלע קינדער, וואָס באַנוצט זיך מיט א גביריש, צערטלעכן נוסח פון „מאַמעשי, טאַטעשי, זיידעשי, באָבעשי". אָרעמע קינדער האָבן נישט פאַרוואָס צו „מאַמעשין"...

## ביים זיידן אברהמל באראוויצער

דער טאַטע איז געווען אברהמל באַראָוויצערס זון פון צווייטן ווייב, די באַבע גאָלדע. געבוירן אויף דער ארענדע אין דאָרף באַראָ־וויצע, ווו מילן האָבן זיך געדרייט, פויערים האָבן געאַקערט און געדרעשעט פעלדער, פּאַסטוכער מיט פייפלעך האָבן געטריבן טשע־רעדעס פּי אין זיידנס שטאַלן אריין, גוים מיט לאַנגע זעגן און העק האָבן געסאַפּעט ביים שניידן הויכעביימער אין וואלד, וואָס זענען געפאַלן מיט א קראַך, חרוב געמאַכט נעסטן און פייגל זענען גע־פלויגן מיט געשווישטש און פלאַטער זוכן נייע היימען... וועגענער אָנגעלאָדענע מיט תבואות און „קאַשעניצע" האָבן אויף גרויסע רעדער זיך לאַנגזאַם געקייקלט צום זיידנס שייער, אין ווינטער־נעכט האָבן פויערים דערציילט פון וועלף אין נאָענטן וואַלד, וואָס פאַרצוקן פערד און בהמות. זומערדיקע בריטשקעס מיט פיר פערד נאָשפּיץ, האָבן מיט רעש און וואָלקנס שטויב גאַלאָפּירט פאַרביי די פויערים און פויערטעס אויף די פעלדער. פויערן האָבן געהויבן די שטרויענע היט, קאָסעס און פאַרביקע טיכלעך צו באַגריסן די פּאַנעס, דער זיידע פון גאַניק, צי פאַרטאָן אין פּאָלווארק האָט געשיקט זיין חלק כבוד די פּריצים אויף דער האָפּקענדיקער בריטשקע, דורך פאָכען מיט דער האַנט־פּאַטשיילע און אין איינוועגס אויך באַגריסט די פויערים אין פעלד.

ווען דאָס לעצטע ביסל שקיעה־גאָלד איז אנטרינען פון די ביימער, די לבנה האָט זיך לאַנגזאַם ארויסגעשאַרט מיט א רויט פנים, די זשאַבעס האָבן פאַרהילכט, די קוקאַווקעס אומעטיקן „הו

הר״ ,זענען פויערים מיט ווייב און קינד אהיים געגאַנגען פון פעלד פאַרביי דעם זיידנס הויז און אַריינגעשריגן : „דאַבראַנאָץ פּאַן אַב־ראַמקאַ״, זיידע־באָבע זענען אַרויסגעקומען זיי ענטפערן מיט ברכות און באַלד איז דער זיידע געבליבן שטיין מיטן פּנים צו מזרח, געדאַוונט מנחה און די באָבע גאָלדע איז אַריין אין הויז גרייטן וועטשערע.

ווינטער־צייט האָבן צעקלונגענע שליטנס אויף פינקלענדיקן שניי זיך אָפּגעשטעלט פאַרן זיידנס הויז מיט אַ סקריפּ און הירזשען פון פערד. באַפּעלצטע זענען גאַוהדיקע פּריצים אַרויס פון אונטער בלוי־פּלושענע דעקעס און אַריין אין זיידנס וואַרעמער „גאָשטשינע״ זיך אָדורכצוורעדן און מאַכן פּלענער פאַרן קומענדיקן פרילינג, באַ־שליסן וועלכן טייל וואַלד צו שניידן ווי נאָר דער שניי וועט צעגיין און צי זאָל מען וואַרטן מיט גראָבן טאָרף. „און וואָס מיינסטו, אַב־ראַמקאָ, וועגן בויען אַ טאַרטאַק, טאָקע דאָ און נישט שלעפּן די קלעצער צום גערלן גבזה, סטאַך. איך קאָן אים נישט „טשערפּיען״. „און די סאַדזעלקעס, אַבראַמקאָ, האָבן די כלאָפּעס פאַרפּאַסקודזיעט. מען דאַרף זיי אָפּרייניקן, מאַכן אַ צוים און ווידער פּלאָדיען פיש. יידן האָבן ליב פיש, הע ? כבאַלעבאָסטע ? מאַש זשידאָווסקי ריבי ?״ „ניין, פּריץ לעבן, נאָר אויף שבת״. „דאַברא, וועל איך הייסן מיינע צושיקן דעם פאַראָבעק שבת, איך האָב ליב יידישע פיש״. „גוט, פּריץ לעבן״, האָט די באָבע גאָלדע געענטפערט פון ווייטן. דעם זיידן איז דער שמועס נישט געווען צום האַרצן, האָט ער איבער־געריסן מיט הויף־ענינים, מסחר, געגעבן עצות, דאָס יאָ און דאָס נישט, געגעבן אַ ווונק דער באָבען צו ברענגען כיבוד, ער אַליין האָט אָוועקגעשטעלט אַ פלאַש אָקעוויט אויפן טיש, די באָבע האָט דערלאַנגט פאַרעדיקע גלעזער טיי אויסגעשטעלט אין אַ רייַ, וואַרעניע און אייגן געבאַקענע קיכלעך. די פּריצים, צעוואַרעמטע, פאַר־שוויצט, וואַרפן אַרונטער די שווערע פעלצן, עסן, טרינקען, פאַר־

רויכערן לאנגע ציבעקעס. דער רויך מישט זיך אויס מיט דער פּאַרע, וואָס שלאָגט פון די גלעזער טיי, די שטוב ווערט פול מיט דאָרפישער ווארעמקייט, רויך, פּארע און גוישע לויב־רייד צום קלוגן ייד אב־ראמקאָ, וואָס פארשרייבט אלע פּלענער און באַשלוסן אויפן נייעם פרילינג. די באָבע גאָלדע איז זיך מרחם אויפן קוטשער אין פּראָסטיקן דרויסן. זי רופט אים אריין אין קיך, גיט אים אַ טאָפּ טיי מיט קיכלעך. אָפּגערעדט, פארשריבן האָבן די פּריצים, צופרידענע, אויסגעזופּט די לעצטע טראָפּנס אָקעוויט, געווישט די פארשוויצטע פּנימער, ארויפּ־געשלעפּט די פוטערס און גוט־ברודעריש געקלאָפּט דעם זיידן אין פּלייצע, לויבנדיק די קלוגע זין פון אברהם אבינו. געזעגנט האָט מען זיך ביי אויפגעפּראלטע טירן אין א וואָלקן ווארעמער פּארע, וואָס האָט זיך געשפּארט אין פּראָסטיקן דרויסן ארויס.

די שליטן־גלעקלעך מיט פּריציש געלעכטער האָט שוין אָפּגע־קלונגען פון ווייט. דער זיידע איז נאך געשטאנען אויפן גאַניק און געפּאכעט מיט דער פּאטשיילע „פּאַרט געזונט". די באָבע האָט אָפּ־גערוימט פון טיש און דער בן־יחיד, דער יונגער יאָסקע האָט שוויי־גנדיק געקוקט אויף דער צעשמאָלצענער קאלוזשע שניי־בלאָטע, וואָס די געסט האָבן געלאָזט ארום טיש, געקוקט אויף די שויבן מיט פראָסט־בלומען, אויף זיין טאַטן דעם ארענדאר, אויף זיין ליבער מאמען, וואָס רעדט מיט הכנעה צום „פּריץ־לעבן"...

זיין וועג: דאָרף, מיל, פעלד, וואלד, פייגל און בלום, דאָרפיש־גוישע סביבה פון פּריצים און לייב־אייגענע פּויערים מיט זייערע געזאנגען, געשלעגן, הולאנקעס, יויזל־גלעקלעך, וויינאכט־שאָפּקעס און „זשידאָווסקי ריבי". זיין דאָרפישער לערער, סטודענט, זיינע מלמדים, ישיבה, ימים־טובים אין שטעטל מיט יידן, דביקות־ניגון ביי א רבנישן טיש, השכלה־ביכער און קבלה־ספרים. דער איינזאמל פון דעת, כדי צו ווערן א שטילער „איש־מכאוב", כדי צו פארלאטען זיין צעריסענע וועלט, זיך איינצווויקלען אין א רחמים־בגד פון

שווייגן... די פּאַנאָראַמע פון דאָרפישן ייִנגל יאָסקע דעם אַרענדאַרס, ביז יאָסקע־לערער, יאָסקע דעם בעל־מטופל, אָרעמאַן וואָס קען זיך מיט דער וועלט קיין עצה נישט געבן, קעמפט נישט, נאָר שטייט מיט דער ביקס פון „שווייגן" און פאַלט יונג אין דער פּאַסיווער מלחמה פון אינערלעכער צעריסנקייט און לאָזט אַ צעטומלטן דעם דור פון זיין געביין, וואָס זוכט נישט נאָר ברויט צו זעט, נאָר אויך צו פאַרשטיין דעם טאַטן מיט זיין גדלות פון אָרעם זיין. אַרומגיין אַ פאַרקאָרקעוועטער, אַ פאַרוויקלטער אין זיך שטענדיק אין אַ זייט, אַ כמעט בלינדער ביינאַכט, אַן אַסקעטיש שוואַכער גוף און אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער, וואָס האָט נאָכגעקוקט די רינגעלעך רויך פון מויל, וואָס ציען אַרויף העכער, העכער, ווי די רעדער פון זיין מרכבה, ווייט אַוועק פון אַ וועלט אָנגעלאָדן מיט גשמיות, אַ וועלט פון וועלכער ער האָט זיך אינגאַנצן איזאָלירט און געלעבט אין אַ פאַרשלאָסענער וועלט, וואָס איז געווען נאָר זיין, נישט דורכ־צולאָזן אַפילו אַ שפּאַרקעלע צו ווייב און קינד. אפשר, איז עס געווען סימן עניוות? נישט צו פאַרשעמען דעם גבירישן שכן מיט זיין „כל־טוב"...?

אויך צו כביכול האָט דער טאַטע שטיל געדאַוונט, אַזוי געלערנט זיין „דף־יומא". אַ חסיד און קיינמאָל צום רבין נישט געפאָרן, ליב געהאַט חסידות און פיינט געהאַט רביסטווע, ווי אויף ברויט האָט דעם טאַטן אַוודאי געפעלט אויף הוצאות. דער עיקר האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן „דאָס געשעפט" מיט די קוויטלעך און פּדיונות, דעם רבישן הויף מיט די „שאַלאַטן־שמשים", זענען זיינע ימים־טובים און שבתים געווען אַ סקאָרינקע חלה מיט זמירות און שטילער דביקות, זיין אייגענער „הויף" איז אויך כביכולס שויס. אַ „לישב בסוכה" מיט אייגן געקוועטשן ראָזשענקע־וויין, מיט ברויט און הערינג, ווען דער לעצטער שכן איז פון סוכה אַרויס איז דער טאַטע אַריין מיט אביונישן שטאָלץ און בטחון מיט די בנים זמירות

צו זינגען ביי זיין טיש אָן חלות, אָן פליייש און אָן פיש. האָבן פייגעלעך הארבסטיק געגורקעוועט אין סכך, געזוכט א וואָרעם באַ־העלטעניש, צי שריים פון זיין יום־טוב־טיש, סוכותדיק געשירה׳ט. האָט דער טאטע זיך פארטראַכט, פארטריבן פון זיך דעם שרויבצער און מיט א שטילן ניגון געזאָגט „איר הערט קינדער, די מלכים זינגען שירה, וואָס דארף מען מער?". די מאמע אין שטוב האָט געשאָנקען דעם אויבערשטן איר פרומע טרער.

איז ווייל, טויט־לעבעדיקער טאטע־גאַסט פון דיר צו שמועסן, זען דיך אָן אכטן צו די זיבן־געסט פון די „אושפיזין" וואָס האָסט מקבל געווען שוין איינער אליין ביי צאנקנדיקע ליכטלעך שיין. די פייגעלעך האָבן שוין גערוט אין סכך זאטע און דו, מיט דיינע שוואכע אויגן, טאטע, האָסט מקבל געווען א מתנה־נבואה פון נאָך א שוואכערן בעל־ראיה — יצחק, דיין אושפיזין־גאַסט — א זילבערן פעדערל סוכותדיק נאָס... פארדמיונט ביסטו געבליבן אין סוכה, אוודאי איינגעדרימלט. צווישן נאכט און טאָג האָט דער מאָרגנ־שטערן דיך געפירט אין שטוב אריין מיט טראָפּנס־טוי אויף דיין מתנה און צעלאָקשנטער, אַטלאַסענער קאַפּאָטע.

לאָז מיך, דאָס זיבעטע קינד דיינס, דעם מזלדיק געבליבענעם מיט נדר־זאק געלאָדענעם נאָך אביסל דאוונען צו דיין פרייוויליק יונגן טאטע־טויט, ווייל דוחק־ברויט האָט דיך געגערט מיט פּאַפּי־ראָסן־רויך. מיר געדענקען, האָסט פארוויקלט אין פּאפּיר, אפילו מיט דיינס א דראָבנעם שיר, דעם טיטון צעריבן פון טרוקענע בלעט־טער, האָסט נאָכגעטרונקען טיי, צי גאָר וואסער. דיין חלק „קוקו־רוזע"־ברויט באהאלטן, געהיטן פאר די עופהלעך, די יינגסטע, שפעטער אין טאָג־אריין צעשניטן אויף גלייכע חלקים א יעדן און דו אליין האָסט געשלונגען רויך און דעם מלאך־המוות שלום געגעבן...

אַן „אָפּגעהויבענער" בר־מינן אויפן דיל, איז ביי דיין פאר־גליווערטער אויסגעצויגנקייט אויך געשטאַנען דער אלטער קרילי־

ווער דאָקטער, א פרומער קאַטאָליק וואָס זינגט דעם ערשטן באַצאָלטן וויזיט איז ער צו דיר געקומען יעדן טאָג בחינם, געברענגט רע־צעפּטן און פּאָמעראַנצן. זיך מטפּל געווען מיט דיר, ווי א געטרייער טאַטע, בעת שטיל סודותדיקע שמועסן אין דער רוסישער שפּראַך. יענעם טאָג, איז ער געשטאַנען איבער זיין אויסגעגאַנגענעם פּאַציענט, איינגעשרומפּן און באַצערט אריינגעווײנט אין ווייסן בערדל אריין און סודותדיק געזאָגט: „וואָס דער ייד נעמט מיט מיט זיך, א שאָד... אַ שאָד...״ אזוי ביי דער לוויה — דיין איינציק נישט־יידישער באַגלייטער.

מיר געדענקען דיין לוויה, דעם קברן, די אויגן־שערבעלעך, די קבר־ברעטלעך, די אייזיקעביימער־צעפּלעך אין פּראַסטיקן שבת־טאָג תרע״ח, דעם משוגענעם ביינישלס זאָג „יאַסקע האָסט עס גוט געמאַכט, תרע״ח מאכט טראַך! ס׳איז דיר שוין בעסער פון מיר אוי וויי, ווי ווי האָלט איך שוין דערביי״... מיר געדענקען דעם כאַר קדיש־זאָגער. איצט, א פראסטיקער מאַנער, דורכזיכטיק ווי די אייז־צעפּלעך ביי דיין קבר טענהסטו אָן ווערטער ווי דיין שטייגער, צי איז נישט דער מאמעס גורל ערגער פון מיינעם? און די קינ־דער: משה, חוה, פּיניע מיט זייערע משפחות, זייער קבר ווו איז? א זכות האָט שמואל מיין בכור. געהערט כ׳האָב רופן א בת־קול: שמואל מרדכי בן יוסף זאָל זיין א קדוש! מיין זון זכות קדוש? גובר צו זיין דעם רוצח? א פייער־האַנט האָט אויסגעקריצט — „מזבח״... שמואלס וידוי צום אויסגעהרגעטן פאָלק צו די לעבן געבליבענע. זיין לעצט געשריי פארגליווערטן, דאָס קול פון זיין סאמע לעצטע טרער, זיין טאַט, וועט בלייבן פארזיגלט אין ספר הספרים, ביי ראַנדן פון אלע קברלאָזע יידישע קברים.

מיט באהארצטער טאַטישקייט, ווי קיינמאָל ביי דיין לעבן, מאָנסטו אונדזער ראש־המת א חשבון פון אלע אומגעקומענע פון דיין געביין. מאָנסט דעם סוד פון אזעלכע טויטן, וואָס האָבן נישט

זוכה געווען ווי דו צו שטאַרבן אין א בעט מיט ווידוי און אָפּענע הענט, נאָר מיט צעפליקטע, פאַרקראַמפּטע פויסטן קומען צום עולם האמת אָן רמ״ח אברים, געשענדטע, פאַרשרפעטע פון פלאַמען צי פון טליענדיקע זשאַרן, בלוי פאַרגליווערטע פון גאַזן צי פון אָפּענע קברים־גריבער, פון שוואַרצן הימל־ערד קומען זיי. ווער קאָן אזא חשבון געבן טאַטע? גאָט אליין איז דאָרט נישט געווען. פאַר אים שטעל זיך, פאַר זיין כסא מאָן, מאָן טאַטע, מאָן און פרעג: ווי לאָזט עס א טאַטע זיינע קינדער הפקר פאַרן שאַרף פון מולכס שווערד?... דיין בכור האָט אויך געפרעגט און קיין תשובה נישט באַקומען, האָט ער אייגנוויליק געלייגט ס׳האַרץ פון דיין געביין אויף „זיין״ געטלעך מזבח כדי צו רירן זיין האַרץ און דאָס האַרץ פון זיין קרויז־באַשאַף — דעם בן־אדם... ער האָט געמאָנט א חשבון פון אַלע יידנס בלוט, ער האָט געמאָנט רחמים און שכר־עונש פאַרן מערדער. האַרט, פאַרקאָוועט ווי אונטער שטאַרקן פראָסט די ערד, האָט קיינער זיין מאָנען נישט געהערט, נישט באַנומען. צום דור־תהפוכות געהער כביכול און מענטש, ביידע האָבן אָפּגעגעבן אַלע זיינע האָפענונגען צו ראַטעווען כאָטש איין קינד... ביידע האָבן גענאַרט ס׳גאַנצע פאָלק ישראל. צי איז דער קרבן פאַר דיר א טרייסט, אָדער אפשר א זינד לויטן „מתאבד עצמו לדעת״? מיט וואָס א טייל אַטראַפּירטע רבנישע הערצער האָבן געוואָלט פאַרשטעלן דעם קרבן אזוי גרויס און לסוף געבויגן די רבנישע קעפּ צום קדוש, וואָס ס׳פאָלק האָט אַריינגענומען אין זיך מיט יראת־הכבוד, דערהויבן זיין אָנדענק צו א העכערער שטופע פון עקזיסטענץ... נישט קיין העלדן־קולט, נאָר באַשערטער יאָך צו זיין דער קדוש פון פאָלק, דער באַשולדיקונגס־אַקט פאַר גאָט און וועלט, די עקדה פון דיין געביין, צו וועמען א מלאך האָט נישט געשטרעקט א האַנט צו ראַטעווען.

ווייזט אויס, א מענטש דאַרף וויסן ווען געבוירן צו ווערן און ווען צו שטאַרבן. אונדזער טאַטע איז אָן ספק צו פרי געקומען אויף

דער וועלט און צו פרי פון איר אוועק. זיין קורץ לעבן איז געווען ארומגערינגלט מיט א גרויסן חלום, וואָס ער האָט אפשר נישט גע־וואגט, צי נישט געקאָנט פותר־חלום זיין. ס׳איז אים געווען צו ענג אין זיין מענטשן־קרייז, צו באַגרענעצט איז געווען זיין ערד־שטח וואָס איז באשטאנען פון באַראַוויץ, קראסנסטאַוו, כעלעם, רייוויץ און מער נישט. פון ביכער האָט ער געוווּסט פון א גרויסער וועלט, פון לענדער, פעלקער און אידייען וואָס האָבן געלעבט אין זיין דמיון אָבער פיזיש איז ער געווען איינגעקלאמערט אין רינג פון זיין פּיצעלע וועלט אָן אן אויסבליק. חסידות איז געווען זיין איינציק ליכטיקער שטראַל וואָס האָט געוואָרעמט זיין ארעם האַרץ־געצעלט. האָט ער זיך און אנדערע געקוויקט מיט א בעל־שמסקי מעשהלע.

די יינגסטע יינגלעך האָט דער געלער בערל, א פארברענטער חסיד געשטעלט אויף א באנק אין קוזמירער־שטיבל, געהייסן נאָכ־זאָגן וואָרט פאַר וואָרט „יתגדל ויתקדש שמה רבא״. זיין הייזעריק קול האָט געוויינט און איין האנט איז געלאָפן פאַר זיינע אויגן הין און צוריק, ווי א ווייזער פון א זייגער וואָלט משוגע געוואָרן. דער פעטער לאָזער בוים מיט זיין איידעם הערשעלע וואָל האָבן אונדז געהאלטן ביי די הענטלעך און הויך אויסגעשריגן: „יהא שמה רבא״, אזוי א גאנץ קדיש־יאָר. דאָס איז געווען די איינציקע צייט ווען אלע צען קינדער זענען געווען צוזאמען אין דער היים.

ס׳איז אונדז צוגעקומען א טרייע מיט־טרויערן, גאָלדע שפּערלינג, שמואלס כלה. טאקע באלד נאָך די שלושים האָבן זיי חתונה געהאַט. ביי די תנאים האָט דער טאטע נאָך געלעבט און גאָלדען זייער ליב באקומען, איז זי איצט טאָפּלט פאראַבלט געוואָרן, ווייל א שטיקל צייט פריער איז איר פאָטער ר׳ לייב שפּערלינג געשטאָרבן. זייער בכור הייסט נאָך ביידע זיידעס יוסף לייב. דער איינציק לעבן גע־בליבענער פון שמואלס משפחה יאָסל לייב זיגעלבוים, וווינט אין לאָס אנדזשעלעס מיט זיין ווייב אַדעלאַ און צוויי זין שוין אויך

מיט משפחות. דער עלטערער הייסט נאָכן זיידן ארטור און דער ייִנגערער נאָך אונדזער ברודער פּיניע.

## דער שווערער גאָלדעס היים

גאָלדעס משפחה די שפּערלינגס, האָבן מיר גאָר גיך פאַראייגנט דורך אבלות און שמחה. וועגן איר פרומען טאַטן ר׳ לייב, א יגיע כפּיימניק, האָט שמואל דערציילט ווונדער פון זיינע מעשים טובים, אָרנטלעכקייט, אצילות, ממש א פארשטעלטער „עלענאָבי״ געווען. די אבלות נאָך ביידע טאַטעס האָט אונדז מער דערנענטערט. מיר זענען געוואָרן איין משפּחה מיט אלע משפּחה־פּעדים. די גוטהאַר־ציקע גאָלדע, איר מאַמע דבורה, א שטילע טויב מיט אַזא שטילן פלאַטער אין שטוב־באַלעבאַטישקייט, די שוועסטער: קיילע, לעבט אין ארגענטינע, פייגע אין פאַריז, טעמע די מיזינקע וואָס איז געבליבן גאָר שטאַרק פאַראייגנט, זי איז אונדזער ברודער אברהם׳ס געטריי ווייב, לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס. זייער ברודער פּרץ אין בוענאָס איירעס. געווען ביי די שפּערלינג נאָך צוויי ברידער, דער עלטסטער יאָסל איז געשטאָרבן אין בוענאָס איירעס און יואל איז געפאַלן אין דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. דעם צער פון זיין טויט האָבן מיר געשלונגען צוזאַמען.

*

גאָלדעס היים אין וואַרשע, פאַלעניץ, שפּעטער ווידער אין וואַרשע איז געווען אונדזער היים, ביי איר האָבן מיר ביסלעכווייז געקומענע קיין וואַרשע געוווינט, ווי איין משפּחה זיך געפּרייט, געפּראַוועט די קינדערס געבורטס־טעג, געגרייט צו שול־פייערונגען, געזונגען מיט א גאַנצן כאָר, אימפּראָוויזירט טעאַטער שפּילן. דער וויצלינג פּיניע האָט גאָר צעפּאָכעט זיינע פליגל, מיט הומאָר אימפּראָוויזירט, קאָפּירט, געפייפט מעלאָדיעס מיטן מויל, שטענדיק שלאָג־פּאַרטיק עמעצן ארייַנצוזאָגן. א פריילעכע שטוב געווען



שמואל, גאלדע מיט זייער ערשט קינד יוסף לייב.

געווען גאָלדעס היים. כאָטש שפּעטער שוין געשיידט פון שמואלן, האָבן מיר געפונען מער משפּחהדיקע ווארעמקייט ביי דער שוועגערין גאָלדע, ווי ביים ברודער שמואל, אים האָט די פּארטיי־ארבעט אין גאנצן פארשלונגען און נישט געהאט קיין צייט פאר אונדז. א בונדיש פאָלקסטימלעכע שטוב מיט ביכער, צייטונגען, דיסקוסיעס און היימישע קאָנצערטן. מיט גאָלדען האָט אויך גע־ווינט איר שוועסטער קיילע מיט איר מאן יאקוב שטעקן. אַן ערשט־קלאסיקער דאָמען־שניידער, אַן איבערגעגעבענער בונדיסט, אַ סאָ־ציאליסט פון רייַנסטן קוואל. ווי ס׳איז געשען אין יענע יאָרן, האָבן די לינקע פארכאפּט עטלעכע פון אונדז און פון די שפּערלינגס האָבן שוין קיין מויל־מלחמות נישט געפעלט. חברים פוןביידע מחנות האָבן צושטייער געגעבן זייער געווער מיט אָפענע רייד און סודות. פאר אַן ערשטן מאי איז אין שטוב געווען א שטימונג ווי צווישן חסידים און מתנגדים. „טאקע איין גאָט, נאָר פיינט האָב איך אייך״...

ביסלעכווייז זענען די „מלחמות״ געוואָרן הייסערע מיט באַזונ־דערע געטער, ווייל איין מחנה האָט דעם „גאָט״ סטאַלין אינגאנצן פארלייקנט.

א ווייטער קרוב, שעפּסעלע פון דוביענקע, א פרומער ישיבה־בחור האָט גאָר שטיל אריינגעבערענגט אונדזער אלעמענס אלמעכ־טיקן גאָט פון ישראל, וואָס האָט רחמנות און איז מוחל די פארפירטע נעבעך וואָס בלאָנדזשען אין דער פינצטערניש. ער האָט ביידע מחנות געטרייסט מיט „אף על פי שיתמהמה אני מאמין״, אז איר אלע וועט זיך אומקערן צום איינציק לעבעדיקן גאָט אונדזערן און דערפילן זיין כוח...

# אונדזער ווין־וועלט

מ'קאָן זאָגן, אז מיר האָבן געהאַט מזל צו אונדזער אָנהייב „ווין־וועלט": קראַסנסטאַוו און כעלעם, צוויי שטעטלעך אנדערש פון אלע שטעטלעך אין פוילן. מילא די אנדערשקייט פון כעלעם, ווייסט מען פון די מעשות, די „כעלעמער חכמים", אָבער מיט וואָס איז קראַסנסטאַוו אנדערש? דוכט זיך א שטעטל אין לובלינער קרייז ארומגערינגלט מיט בלאָטיקע שטעטלעך: רייזוויץ, איזשביצע, קראַס־טשין, טראַווניק און אנד. קראַסנסטאַוו איז אנדערש, ווייל אין קראַ־סנסטאַוו איז נישט געווען קיין נויקעץ בלאָטע פאר א רפואה. א ריין ציכטיק שטעטל מיט ברוקירטע גאַסן, ברייטע טראָטוארן, ראַוון פאר שטורעם־וואַסער צו די טייכן,ביימער, 2 שטאָקיקע הייזער, א שפּאַציר־גאָרטן מיט א קונציק געשניצטע הילצערנע אלטאַנע ווו א מיליטערישער אָרקעסטער האָט געשפּילט אין חגא־טעג, א גאַזאַווע לאָמפּ ביים מאַגיסטראַט. א שטעטל ארומגעגארטלט מיט 3 טייכן: זשיקי, קאַוועגקע און דער גרויסער טייך וויעפּש. מיט יידן גוטע שווימער, קלאַפּטער־לייגער און נורקעווער. 600 יידן בעלי מלאכות, סוחרים, מעקלער, נגידים, הייזער־גייער און געמיטלעך בכבודיקע קבצנים. חסידים־שטיבלעך, פּאָליטישע פּארטייען, משכי־לים, ביבליאָטעקן און אן אייגענעם פּאַעט מיט א שווארצער שלייף, פּנחס אָקסענבערג, דער מאַן פון אונדזער קוזינע רחל פינקער. דעם גלחס סאָד אין שטעטל גופא מיט א סך שמעקנדיקע סעדער און פעלדער ארום. א שטיל שטעטל מיט א שטילן הימל און שטילע שטערן און אפטע „שטילע" שריפות... אן אריסטאָקראַטיש עסטעטיש

שטעטל, וואָס דער רבונו של עולם האָט שיין אויסגעסטראָיעט, שיין דעקאָרירט, אפילו די לבנה איז נידעריקער און גלאַנציקער געהאַנגען איבער קראַסנסטאַוו. א טייער שטעטל געווען קראַסנסטאַוו. אין וועלכן אנדערן שטעטל האָט אַן ארעם יינגל געקאָנט עסן אַ „באָטל" וואָס האָט געקאָסט א גראָשן, בחינם?

די רביצן, מאָטעלע מלמדס ווייב, האָט זיך נישט פאַרלאָזט מיט דער פרנסה אויף איר מאַנס מלמדות, האָט זי צוגעהאָלפן מיט אַן אייגן „געשעפט", זי האָט געבאַקן „באָטלען", א מין פיר־שפּיציק ציקערל פון האָניק מיט מאָן, טעם גן־עדן. אַ גראָשן אַ באָטל האָט זי פאַרקויפט אין איר חדר און אין אנדערע חדרים, א טייל יינגלעך האָט זי געגעבן אויף קרעדיט, פאַרשריבן אין א קליין ביכעלע. די אָרעמע יינגלעך האָבן נישט געהאַט דעם גראָשן און נישט קיין קרעדיט, אָבער נאָטלען האָט מען געגעסן און נאָך א היים געבראַכט פאַר א ברידערל אויך — מ'האָט איר געהאָלפן מישן דעם מאָן מיטן האָניק, „היטן די בלעכן זאָלן נישט סמאַלען", א קאַפּעטשקע רחמנות אויף די אָרעמע האָט די רביצן אויך געהאַט, איז דאָס געווען דער שכר: אָרעמקייט און שכר עבודה.

אוודאי מיט דער נאָסטאַלגיע צום דאָרף באָראָוויץ, האָט דער טאַטע ליב געהאַט דעם פייזאַזש אין קראַסנסטאַוו מיט די יידן און גוים, אויסער די נגידים, וואָס זייער עם הארצות איז געווען גרעסער פון זייער נגידישאַפט. אויך ביי זיי האָט דער טאַטע נישט נושא־חן געווען. אויף די לייט פלעגט דער טאַטע טייטשן די תלמודישע מימרה: „זקני עם הארץ כל זמן שמזקינים טפשות ניתוספת עליהם", (וואָס עלטער זיי ווערן אַלץ גרעסערע פּראָסטאַקעס ווערן זיי), פון אים האָבן די קינדער געירשנט דאָס געפיל פון סאָציאַלן יושר, פון שטיין אויף דער זייט פון די באַעוולטע.

קראַסנסטאַוו, א שטעטל, בארימט מיט איר אַלט־פּוילישער שלאַכטע, מיט א פעסטונג, מיט לעגענדעס פון קייסער „קאַזשימיעזש

דער גרויסער״ און זיין יידישע געליבטע, אסתרקע. זי איז טאקע דאָ געזעסן אין פאלאץ אויפן בארג און אראָפּגעקוקט מיט צער צו דער אָנגעשאָטענער דאמבע ערד, וואָס מ׳האָט גערופן „גראָבלע״ —



אין פאלעניק, ס׳זיצן: ארטור, גאלדע. אין צענטער, קלארא שפערלינג.
שטייען: פייוול זיגעלבוים, יאקוב שטעקן, טעמע שפערלינג.

א געטאָ ווי אירע יידישע ברידער האָבן געוווינט אין אָרעמקייט. שפּעטער, אין אונדזער צייט, האָבן יידן געוווינט אויסגעמישט מיט ניש־יידן און קינדער האָבן אַרויפגעקוקט צום באַרג, צו דער פּעס־טונג און דערציילט מעשׂות פונעם גוטן קייסער „קאַזשימיעזש".

## אַלע קינדער האָבן ליב שפּילצייג

שפּילצייג האָבן אָרעמע קינדער נישט געהאַט. מיר אויך נישט. מיט קנאה צו רייכערע קינדער, נישט אַלע שפּילערייען קאָנען מיר זיך שפּילן. זיך אַרויפכאַפּן פון הינטן אויף אַ פּויערישן וואָגן, טרייבן אַ רעדל צי די פּאַלאַנט־גליטשקע־שפּיל, פּאַסט פּאַר „לאַבוסעס", נישט פאַר יעקב שוחטס אייניקלעך. זענען דאָך קינדער דערפינדעריש, האָט די שוועסטער פייגע געמאַכט פון לייוונט אַ פּילקע, מיט אַ גומענעם קאָרק אין מיטן. זי איז געשפּרונגען העכער פון אַן אמת גומענער, אויך לאַלקעס האָט זי אויסגעשטאָפּט פון שמאַטקעס, לאַלקעס מיט נעז, מיילער און גלאַנציקע אויגן. אַלץ פאַר מיידלעך. די „טשייכן"־שפּיל מיט שטיינדלעך אויך פאַר זיי. האָבן די אָרעמע יינגלעך אויס־געקלערט אייגענע שפּילערייען, וואָס מ'דאַרף נישט קויפן: אַ „פּאַלנבויגן"־שפּיל מיט וואָס די רייכע יינגלעך האָבן אונדז מקנא געווען און אויך געשפּילט. די פריילעכע שפּיל איז באַשטאַנען אין דעם, ווער קאָן העכער און לענגער האַלטן דעם „פּאַלנבויגן" פון השׂ־תנה און נישט באַנעצן די פאַרביי־לויפער. אַ „כורעים"־שפּיל. ווער קאָן פאַלן כורעים אויפן הינטן נישט צו בייגן די קני. אַ "זכרון"־שפּיל. ווער קאָן גאַנץ קריאת שמע לייענען, אָדער גאַנץ אשרי אויף אויסנווייניק. מיר האָבן אויסגעקלערט אַקטועלע חדר־רעטענישן, צי אונטערגעהערטע פון עלטערע: ווער עסט אַ בייגל מיט פליגן? ווער דאַרף זיך טובלען אין מקווה מער ווי 3 מאָל? ווער איז דער, וואָס אַ פּשוטער מענטש זעט שטענדיק, אַ גביר זעלטן, אַ קייסער נאָך זעלטענער און גאָט קיינמאָל נישט?... דער סוף פון די נויט־

דערפינדעניש איז געווען, אַ פּאַראייניקטער שפּיל־פּראָנט פון אָרעם און רייך אין דער קינדישער וועלט פון קראָסנסטאַוו, נישט פון די „כעלעמער חכמים"...

## דער כעלעמער באַרג

א לערער אין באַרצעלאָנאַ האָט מיר פאַרזיכערט, אז א טייל המון אין שפּאַניע גלויבט אַז דאָן־קיכאָט און סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ זענען אמתע היסטאָרישע געשטאַלטן.

ביי אונדז להיפך, זענען א סך איבערצייגט, אז כעלעם, דער כעלעמער באַרג, איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך פאַר מעשהלעך צום לאַכן. אויף א שמייכל באַגלייט מיט: „גייט שוין גייט, איר מאַכט א וויץ", האָט זיך נישט איין כעלעמער אָנגעשטויסן, ווען ער האָט געזאָגט, אז ער איז א כעלעמער. אָ, כעלעם איז אַן אמתע שטאָט, דער באַרג איז אַן אמתער באַרג. אַן אַלטע יידישע שטאָט, וואָס שטייט אויף א באַרג און אויפן שפּיץ־באַרג איז דאָ א „הייליקער ברונעם". יעדן זומער פלעגן טויזנטער פרומע פּראַוואָסלאַוונער קומען צו דעם הייליקען ברונעם טרינקן „הייליק" וואַסער. ס'איז געווען א דרייטאָגיקער יום־טוב פון „הייליק"־טרינקען. „וואָדקאַ" האָט מען אויך געטרונקען. דער באַטיושקאַ, צאַר ניקאָליי בכבודו ובעצמו, איז אויך געקומען קיין כעלעם טרינקען „הייליק" וואַסער און געפּלאַנירט צו מאַכן פון כעלעם און אומגעגענט א ריין רוסישע גובערניע, כאָטש ס'האָבן געוווינט אוקראַינער, פּאַליאַקן, גריכן און יידן. צוליב דעם האָט מען געבויט אויף און אַרום דעם באַרג דעם „סאָבאָר" — הייליקע, פּראַוואָסלאַווגע לערנאַנשטאַלטן, א מין גלחים־סעמינאַר מיט פיל טויזנטער יונגע גלחים. ראַספּוטין האָט זיך אין דעם עסק אַריינגעמישט און באַשטימט פאַרן הויפּט־אויפ־זעער זיין רעכטע האַנט, דעם טרויעריק באַרימטן אַנטיסעמיט „יעפּיסקאָפּ יעוולאָגי", וועמען די כעלעמער יידן האָבן גערופן „זאָוואָלי דראָגי".

צו דעם אנטיסעמיט זענען יידישע שתדלנים געלאָפֿן בעטן אין אַן עת צרה, אָפּצושטעלן צעיושעטע פּאָגראָמשטשיקעס. האָט דער „זאוואָלי דראָגי״ געמוסרט די יידן, פּאַרוואָס זיי זאָרגן נישט, אַז די יונגע יידן זאָלן דינען געטריי דעם צאַר, די יידן אַליין זענען שולדיק אין די פּאָגראָמען, ווייל דאָס רוסישע פֿאָלק זעט אין די יידן זייערע שונאים. אין רואיקע צייטן האָבן יידן געצויגן זייער חיונה פֿון די טויזנטער גלחים. פֿאַרקויפֿט זיי א קיכל, א פּאָר שיך, א בערשטל, א בגד.

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט צעשטערט דעם צאַרס און ראַס־פּוטינס „כעלעמער חלום״ פֿונעם „הייליקן״ ברונעם. דער ריזיקער „סאָבאָר״, דער שיינער גאָרטן מיט אַלייען, ביימער, בלומען, קלויס־טערס מיט קופּאָלן, טייל נישט פֿאַרענדיקטע, זענען געבליבן אָפֿן, פֿריי צו באַזוכן און שפּאַצירן. בעת דער אָקופּאַציע האָבן הויכע עסטרייכישע און דייטשע אָפֿיצערן געהאַט דאָרט זייער רעזידענץ מיט אַן אָפֿיצירן קאַסינאָ.

כעלעם איז אַן אמתע שטאָט מיט א רייכער יידישער געשיכטע, מיט א שול געבויט ווי א פֿעסטונג, 800 יאָר אַלט. אין די ווענט — א באַהאַלטן קבר פֿון א חתן־כּלה, וואָס כמיעלניצקיס באַנדעס האָבן דערהרגעט אונטער דער חופּה. אָט די טרויעריקע „אָרנאַמענטיק״ אונדזערע, האָט ש. אַנסקי געניצט אין זיין דראַמאַטיזירטער לע־גענדע „דער דיבוק״. איצט, איז פֿון יידישן כעלעם געבליבן, דאָס וואָס ס׳איז געבליבן פֿון גאַנצן יידישן לעבן אין פּוילן: חורבות און קברים וואָס די היטלער היידאַמאַקעס האָבן איבערגעלאָזט. מען דערציילט, אַז א סך דינאַמיט האָבן די דייטשן געניצט צו צעשמעטערן די אַלטע פֿעסטונג — די 800 יעריקע שול.

טאָפּאָגראַפֿיש, איז כעלעם אַוודאי געבליבן א שיינע שטאָט.

יידיש, מיט יידישן גייסט, איז כעלעם געווען א שיינע שטאָט, א חוץ דעם באַחנטן פֿאָלקלאָר, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען אַרום

די „כעלעמער חכמים״, איז כעלעם געווען א יידיש פּולסירנדיקע שטאַט, אין נוסח פון יידישע שטעט אין פּוילן: מיט לומדות, ישיבות, וועלטלעכע שולן, גימנאַזיעס, מיט השכלה און חסידים, פּאָליטישע פּאַרטייען, ביבליאָטעקן, לינת־הצדק, הילף־אינסטיטוציעס, מיט א זעלבסט־שוץ קעגן אנטיסעמיטישע אָנפאַלן. אן אינטעליגענץ, מיט אידייאישע שטרעבונגען — אן ארבעטער קלאַס מיט שטרייקן און ערשטע מיי־דעמאָנסטראַציעס, טעאטער פאָרשטעלונגען, מוזיק־קלוב, שאך־קלוב, מיט יארידים און אן אייגענע כעלעמער גולם־לעגענדע, און דערצו — א שפע אייגנארטיקע, אינטערסאנטע טיפּן פון אלע מינים. מיין לעצטער איינדרוק פון כעלעם, סוף 1937, כ׳בין געקומען זיך געזעגענען מיט דער מאמען פאר מיין פארלאָזן פּוילן. ס׳איז פאר ווייכאכט, א פּראַסטיקער טאָג. אויפן טאָרג א בהלה, וואָס איז געשען? באָטעלע, א יידישע שוסטער־יינגל האָט זיך ארויפגעכאפּט אויף א פּויערישן וואָגן און האלט א פּאָליטישע רעדע. פּויליש רעדן קאָן ער נישט, נאָר ער שרייט פון דינעם העלזעלע: „כעלעם געהער נישט צו פּוילן, כעלעם געהער צו אוקראַינע, די פּאָלאַקן האָבן נישט קיין רעכט צו אונטערדריקן די אוקראַינער״. פּאָליצייאישע פּאָלקעס פאלן איבער זיין קאָפּ, פארבלוטיקט, מ׳שלעפּט אים, מ׳רייסט פון אים שטיקער און ער האלט זיך ביי זיינס... „כעלעם געהער צו אוקראַינע״.

דער „סאָבאָר״ מיט די ברייטע שטיינערנע טרעפּ, די אַלייען, ביימער, קופּאָלן, גלאָקן, אלץ איז דאָ. באָטעלע דאָס שוסטער־יינגל איז נישטאָ... דער באַרג איז אויך דאָ, נאָר די כעלעמער „חכמים״ שטופּן אים נישט מער...

לעבן דעם שיינעם „סאָבאָר״ האָבן מיר געוווינט ווען די „קאָר־נארעקעס״ האָבן ארעסטירט שמואלן. די איז געווען אונדזער שענסטע דירה מיט א גבירישן באלקאָן אין משפחה־הויז פון משה לערערס עלטערן מיט אנדערע רבנישע יורשים. אונדזער באלעבאָס

וואָס האָט געהאַט זיין צימער צוזאַמען מיט אונדז, איז געווען מרדכי בעבלאַק, אַן אַלטער בחור פון א יאָר 50, א פרומער, מיט אַן איידל טרויעריק פּנים, אַביסל אַ קרום מויל, דערפאַר האָט ער געבעבעט ביים ריידן אין פאַרקאַלטעוואַטן בערדל אַריין, שטענדיק געזעסן ביי א ספר און געלערנט. די מאַמע האָט אים צוגעזען מיט א גלעזל טיי און מיט וואָס מיר האָבן געגעסן. מיט אונדז האָט מרדכי געלאַכט, האָבן זיינע קרובים געזאָגט: „די זיגעלבוימס האָבן דיך אויסגעלערנט לאַכן". אין הויף איז געווען אַ פאַרוואָרלאָזטער גאָרטן, ביים פאַרקאַן איז געוואַקסן כריין, האָבן מיר צעאַקערט בייטן און געגעסן פון אונדזער מי: ראש חודש רעטעכלעך, שטשי־פּיער, אוגערקעס, אפילו קאַרטאָפּלעס.

אונדזער באַלקאָן איז געווען א פענסטער צום הימל און צו דער „וועלט", מ'האָט געזען דעם גאַנצן „סאַבאָר" מיט די קלויס־טערס און גערטנער, ווייטער, לעדערמאַנס מיל ביזן הרובעשויוער וואַלד, פון דער רעכטער זייט האָט מען געזען דעם וועג צום ריי־וויצער וואַלד וווּ מיר פלעגן גיין נאָך האָלץ צו ברענען. ווען מיר זענען אַריין אין דער דירה האָבן מיר קיין האָלץ צו ברענען נישט געדאַרפט, ווייל פון דער אַנדערער זייט פאַרקאַן, אין א הויז פון רויטע ציגל, האָבן געוווינט אמתע דייטשן, נישט קיין עסטרייכער און אויפן גרויסן ליידיקן פּלאַץ האָבן זיי אויפגעשטעלט א היל־צערנע בודע־טאַרטאַק צו צעשניידן סאָסנאָווע קלעצער אויף קליינע קלעצעלעך, זענען מיר געשטאַנען אויפן באַלקאָן, געשמעקט דעם זיסן ריח פון סאָסנאָווע „זשיוויעצע" און געהערט די „מוזיק" פון עלעקטרישן זעגל. די דייטשן האָבן פריינדלעך אַרויפגעלאַכט צו אונדז, געוויזן מיט די הענט און גערופן מיר זאָלן קומען נעמען די סאָסנאָווע קאָרע און שפענער, אפילו קלעצלעך האָבן זיי אונדז געגעבן. נאָך האָלץ צום רייוויצער וואַלד זענען מיר מער נישט געגאַנגען. די גוטע דייטשן האָבן אונדז באַזאָרגט מיט „ענערגיע"

אויפֿן היינטיקן לשון, און מיט א שטיקל טשאָקאָלאדע אויך, גע־ייזן ווי דאָס זעג־רעדל לויפֿט און שניידט דאָס סאָסנע־פֿלייש מיט א ניגון, זיך געשפּילט מיט אונדז, ממש ליב געהאט אונדז, יידישע קינדער. אָבער דאָס איז געווען „אמאָל", „אמאָל" — מיט קאַרגע צוואַנציק יאָר פֿאַר היטלערן...

## אַ פֿריילעכער „פּאָגראָם"

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן די דייטשן אונדז גערופֿן צו זיך אין הויז און געהייסן נעמען וואָס מיר ווילן, ווייל זיי פֿאָרן אוועק. דאָס גרויסע הויז האָט א מאָל געהערט צו א רוסישן גענעראל, דאָרט איז געווען א גאנצער מעבל־מאגאזין: רונדע און לאַנגע טישן, שטולן, געשניצטע הילצערנע סאָפֿעס, שענק מיט ביכער, עטאזשאַרקעס, לאַנגע בענק. צעטומלטע פֿון אזא אוצר זענען מיר געלאָפֿן נאָך דער מאַמען מיטן טאַטן, וואָס איז באלד צו צו די ביכער און זיך אויסגעקליבן אַ פּאַק רוסישע ביכער. מיר האָבן גענו־מען דעם רונדן טיש, עטלעכע שטולן, אַ סאָפֿע מיט א קונציק געשניצטער דריי גאָרנדיקער עטאזשערקע. דאָס שלעפּן האָט גענומען א גאנצן טאָג. דערטראָגן ביז אונדזער גאָרטן און צוריק געלאָפֿן. מיר האָבן געזען, ווי גוים שלעפּן אויך פֿון „סאָבאָר" מעבל און כלים. באלד האָבן אלע שכנים זיך דערוווּסט און אלע האָבן גע־שלעפּט, אפֿילו די טאַרטאַק־בודע האָט מען צעטראָגן אויף באַזונ־דערע ברעטער. ס'איז געווען א פֿריילעכער „פּאָגראָם" אויף רוסיש האָב און גוטס, וואָס די דייטשן האָבן צוגענומען פֿון די רוסן און איצט „כל דכפין ייתי ויאכול". מ'שלעפּט אויף וואָס די וועלט שטייט, מיר זענען נאָך צוריקגעלאָפֿן נאָך אַ פּאַטער־שטול. ארויפֿ־שלעפּן דאָס „ווערטשאַפֿט" אויף שמאָלע טרעפּ האָט גענומען א גאנצע נאכט. מיד איז מען נישט געווען, מ'האָט זיך געשפּיגלט אין דעם שיינעם מעבל, געכאַפּט א „זיץ" אויף דער סאָפֿקע איינס נאָך

איינס, יעדערער האָט געוואָלט די סאָפּע פאר זיין בעט, די געגע־ראלסקע פאטער־שטול, א צאצקע, האָבן „מיר" געגעבן א מתנה אונדזער באַלעבאָס, דעם בעכלאק, אזא שיין מעבל אין א דירה מיט א באלקאָן, אמתע גבירים...

עסן דאָס שיינע מעבל האָט מען נישט געקאָנט, מ'האָט אלץ געלעבט אויפן קוקורוזע־ברייטל א טאָג, פון הונגער און פון רויכערן געטרוקנטע בלעטער איז דער טאטע מער און מער פארקווארט גע־וואָרן, זיך אוועקגעלייגט אין בעט און איז מער נישט אויפגעשטאַנען. א חסידיש מעשהלע דערציילט פון א חסיד, וואָס איז איינמאָל געקומען צו זיין רבין און געזאָגט „רבי לעבן, כ'האָב א שלעכטע בשורה, לייזער למדן פון מיין שטעטל איז פלוצים געשטאָרבן. „ברוך דיין אמת", פון וואָס איז ער געשטאָרבן? פון הונגער נעבעך. בייזערט זיך דער רבי, „ס'טייטש, ווי לאָזט מען א ייד שטאַרבן פון הונגער?" מ'האָט נישט געוווסט רבי לעבן, ווען מ'האָט אים געפרעגט, ווי גייט עס אייך ר' לייזער? האָט ער שטענדיק געענט־פערט „גאַנץ ווויל, ברוך השם". זאָגט דער רבי: „אזוי גאָר, איז ער דאָך געשטאָרבן פון גאווה, נישט פון הונגער"...

עפּעס פון דעם שטעקט אין אונדזער טאַטנס פארהונגערן ביז טויט.

פאר דער לאנגער צייט וואָס דער טאַטע איז קראנק געווען, איז די שטוב שטענדיק געווען פול מיט אלע קינדער, משפחה און שכנים, שמואל איז נאָענט געוואָרן מיט אונדזער באלעבאָס מרדכי און אסך מיט אים געשמועסט. יעדע האָבן געוואכט איבערן טאַטן. די ענערגיש, פריילעכע מאמע איז געוואָרן אויס מענטש, א טרויעריק פארצוקטע מאמע מיט פארוויינטע אויגן. אז דער אלטער קריילעוור דאָקטער איז געקומען זענען אלע אוועק פון טאטנס בעט כדי צו לאָזן זיי אליין שמועסן שטיל אויף רוסיש. דער דאָק־טער איז אָפט געקומען מיט פעקעלעך: פּאָמעראנצן, א פלעשל וויין,

מעדיצינען, אפילו פאַרשידענע קעזן, סמעטענע האָט ער געברענגט. ער פלעגט זיצן שעהען לאַנג, אים קאָרמענען און באַהאַנדלען, ווי אַן אייגן קינד און זיך סודען מיט דער מאמען און שמואלן. די לעצטע עטלעכע נעכט פאַרן טאַטנס יציאת נשמה האָט דער אלטיטשקער דאָקטער געוואַכט צוזאַמען מיט אונדז, זיך געווישט די אויגן און שטיל דערציילט שמואלן סאַראַ מענטש אונדזער טאַטע איז. אַז חברה־קדישא האָט „אָפּגעהויבן" דעם מת, האָט ער געוויינט אין ווייסן בערדל אַריין נישט ווייניקער פון אונדז. צווישן אַלע יידן איז בעת דער לוויה געווען אָנזעעוודיק דער ווייסער קריסטלעכער קאָפּ פון טאַטנס לעצטן, בעסטן פריינד, אפשר דער איינציקער פאַר וועמען דער טאַטע האָט זיך אַנטפּלעקט און אפשר דער איינציקער וואָס האָט אים פאַרשטאַנען.

## אונדזער לעצטע דירה אין כעלעם

נישט לאַנג נאָכן טאַטנס טויט זענען מיר פון דער גבירישער דירה מיטן שיינעם מעבל אַריבער אין אַ קבצנישער דירה צו בערישל קאַמאַשנמאַכער אין אַ סוטערינע אויף פּילסודסקי גאַס, ווו דאָס שיינע מעבל איז נעלם געוואָרן ווייס איך נישט, אפשר פאַרקויפט. מיר ווינען ווידער ווי „ראַסאָווע" אָרעמעלייט, פריילעכע קבצנים מיט הונגער און געזאַנגען. דאָס איז געווען אַ דירה אין אַ קעסטל־הויף מיט אַ צענטראַלן אָפּטריט קעגן אונדזערע פענצטער.

האָבן מיר געהאַט אַ חשבון פון יעדן שכן, וויפיל מאָל, וויאַזוי און מיט וואָס ער לויפט... דר. קאַנפּערס משפחה, איז געגאַנגען געלאָסן מיט ווייס פּאַפּיר אין די הענט. לייבקע קצבס טעכטער זענען שעמעוודיק גיך אַריין מיט צייטונגס־פּאַפּיר און אַרויס קאָקעטיש, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען שפּאַצירן אויף דער לובלינער גאַס. אַזוי אויך די מיידלעך פון משה לאַקס. ער אַליין האָט פאַר־שטעקט דאָס העמד אין די הויזן אויפן וועג צוריק. בערישל, דער

באַלעבאָס, האָט נישט געהאַלטן פון פּאַפּיר נאָר פון שעלטן, איז ער אַריין און אַרויס מיט קללות אויף זיינע לאַקאַטאָרן וואָס פּאַרפּאַס־קודזשיען אים דעם הויף. די גרעסטע פּאַרפּאַסקודזשיער, זענען געווען זיינע פיר ווילדע יונגען. דאָס געלע שוסטערל האָט מען גערופן „שפּינגעדעגינגגע", ווייל ר'איז געווען פּיצל און דאַר, ער איז גיך אַריין און אַרויס פאַרציענדיק דעם פּאַסיק, זיין ווייב האָט זיך פאַרגונען דאָס פאַרגעניגן אַביסל לענגער. קליינוואַרג, האָט מורא געהאַט צו „זיצן" אין דער פינצטער, האָבן אַלע געהאַט דאָס פאַרגעניגן פון זייער הנאה... זרח, דער האַלצהענדלער, איז נישט געגאַנגען, אויף אים האָט מען געזאָגט „נישט ער האָט אַ באָרד, נישט ער האָט קינדער, נישט ער האָט אַ מאָגן, דערפאַר האָט ער געלט". זיין אַלטער שווער, אַ טויבער און אַביסל בלינד, האָט אָפּ־גענומען דעם איידעמס חלק, ער איז דאָרט לאַנג געזעסן, נישט געהערט ווי מ'קלאַפּט אין טירל, דערפאַר האָבן די „וואַרטער" גע־הערט זיין קרעכצן און זאָגן „אוי ס'גייט נישט"... די פּסח־וואָך, איז כסדר געשטאַנען אַן „אַטשערע" מיט אָפּטע „קאַטאַסטראָפעס". איינ־מאָל איז געשען אַן אומגליק, אַ קינד איז אַריינגעפאַלן, מ'האָט עס אַרויסגעצויגן, אָבער שפּעטער איז עס געשטאָרבן. מ'האָט גע־זאָגט, אַז ס'בלוט איז געוואָרן שוואַרץ ווי סמאָלע. דער באַלעבאָס האָט דערפאַר געהאַט צו טאָן מיטן מאַגיסטראַט, ס'האָט געזאָלט זיין אַ ספּראָווע, ווייל די פּאָדלאָגע איז נישט געווען שטאַרק, אָבער בעריש'ל האָט זיך אַרויסגעדרייט, ער האָט געהאַט אַ באַקאַנטן ביים „סטאַראָסטווע"... ווען שמואל האָט זיך אַריינגעצויגן צו די ראָ־זענס, נישט ווייט פון אונדז, זענען מיר פאַר אַ „גרעסער" גע־שעפט — געלאָפן צו אים אין הויף. דאָרט איז געווען ריין און שיין. משה לאַקס' צוויי זין, „אינטעליגענטנע" ציוניסטן, זענען „געגאַנגען" צום כעלעמער ראש הקהל אַנשל בידערמאַן, אַ יוסטער באַלעבאָס מיט אַ קאַמעניצע און אַ פּלומפּ אין הויף. פון אים האָבן

מיר געטראָגן וואסער לויט דער ריי. פּיניען האָט מען פון דער פליכט באַפרייט צוליב זיין שוואכן געזונט, דערפאר האָט ער אויס־געפּראוועט א פאָר „נאָשעס״. אברהמטשע און ראובן, די יינגסטע האָבן ביידע געטראָגן איין עמער צוזאמען. לעבן אונדז איז געווען די יידישע גימנאזיע אין א צווייסטאָקיקער געביידע. פּיניע האָט ליב געהאט צו אָבסערווירן יעדן פרימאָרגן די באַלעבאַטישע יינג־לעך און מיידלעך וואָס גייען מיט ביכער אין גימנאַזיע, וואָס ער האָט געטראכט ווייס איך, ווייל אויך איך בין נישט איינמאָל גע־שטאַנען און געקוקט מיט קנאה־בליקן צו די ביכער און גלאנציקע קאָקאַרדעס אויף די גימאַזיסטישע היטעלעך.

מיין חבר, פייוול ווייניק, אַן ארעם יינגל, איז אויך געווען אַ גימנאזיסט, זיינע עלטערע ברידער, אברהם און נחום האָבן פאר אים איינגעצאָלט, אָבער מער ווי איין יאָר נישט געקאָנט אויס־האַלטן, איז ער אוועק צום ברודער אברהם שטאָפּן פּאַפּיראָסן. שפּע־טער בין איך דורך אים געקומען אין קאָנטאקט מיט די גימנאַזיסטן און צוזאמען געשאַפן א ליטעראַרישן קרייז ביי דער גימנאזיע. פּיניע האָט זיך פאַרחברט מיט דער גימנאזיסטקע פייגע ווילדער און איר „קרוזשאָק״, אזוי האָבן מיר זיך אויסגעמישט, געוואָרן איין חברותא. כדי נישט צו „פאַרשעמען״ אונדזערע חברים גימנאַזיסטן, דער עיקר גימנאזיסטקעלעך, האָבן מיר זינט דאַן געטראָגן וואסער נאָר ביינאכט.

איינמאָל האָט דער ראש הקהל, אנשל בידערמאַן ווי א תקיף באַליידיקט א בונדישע דעלעגאַציע צו דער גמינע. האָט מען אים אָפּגעשראָקן מיט א פלאַש זויער־זאַלץ דורכן פענצטער. ביי אים איז שמואל געווען דער „בונד״ און אונדזער מאמע, די מאמע פון „בונד״. האָט ר׳ אנשל נקמה גענומען אין „בונד״ און אונדז פאַר־ווערט צו נעמען וואסער פון זיין פּלומפּ. האָבן מיר געמוזט טראָגן וואסער פון ראַזענס הויף וואָס איז געווען אביסל ווייטער. דער

געלער ראָזען איז שוין געווען אַ מער מאָדערנער באַלעבאָס מיט אַ נאַכט־וועכטער ביים טויער. האָט דער גוי נישט אַריינגעלאָזט אין הויף ביינאַכט, „בכלל טאָרן קיין פרעמדע דאָ נישט נעמען קיין וואַסער". שמואל, אַ תושב אין דעם הויז, האָט זיך משתדל געווען ביים וועכטער, געזאָגט ווער מיר זענען, ס'האָט נישט גע־האָלפן „גאָספּאָדאַזש ניע פּאָזוואָליל". האָבן מיר בגניבה געטראָגן וואַסער פאַרנאַכט, ביז שמואל האָט אויסגעפּועלט, אַז דער מאַגיס־טראַט זאָל שיקן בריוו צו ביידע שיינע באַלעבאַטים: „היות ווי קיין אַנדערע וואַסער־קוואַלן זענען אין דער געגנט נישטאָ, טאָרן זיי נישט פאַרווערן צו נעמען וואַסער ביז צען ביינאַכט. אַזוי זענען מיר ווידער געוואָרן ר' אַנשלס ליבע געסט. אַז ער האָט אונדז געזען אין זיין הויף, האָט ער געדרויבלט מיט די ליפּן — אוודאי אונדז געבענטשט...

יאָרן שפּעטער, בעת מיינע רייזעס אין אַפריקע מיט שלום שוואַרצבאַרד, פאַר דער יידישער ענציקלאָפּעדיע, האָט ער מיך אויסגעלערנט אַ ליד, וואָס ס'זינגען טרובאַדורן אין פראַנקרייך:

„מיט זיין פאַרמעגן דער גביר, קאָן נישט רואיק שלאָפן
און דעם קבצן איז וואויל, ער לעבט זיך שטענדיק אָפן..."

אָט די לעצטע דירה אונדזערע אין כעלעם, האָט געהאַט איין גרויסע מעלה, זומער צייט האָט מען געקאָנט אַריין אין שטוב דורכן פענצטער, וואָס מ'האָט געקאָנט עפענען פון דרויסן. איז מען געקו־מען פון שפּעט זומערדיקע נאַכט־שפּאַצירן, צי שוין פון זיצונגען און אַריין אין דער שלאָף־נאָרע קיינעם נישט צו שטערן. אין דער דירה זענען מיר אויפגעוואַקסן. פון דאַנען איז מען געפאָרן אין דער פרעמדער וועלט אַריין, די וואָס זענען געפאָרן קיין וואַרשע זענען אַהיימגעקומען געסט אויף פּסח מיט אַביסל וואַרשעווער גאווה און גרויסשטעטישן בגד. פיניע און איך פלעגן אַהיימקומען צוזאַמען

מיט צוויי טשעמאָדאַנטשיקעס, איין ערב פּסח בין איך נישט געזונט געוואָרן, האָט די מאמע געבעטן פיניען ער זאָל ברענגען פּריש־שטרוי פאַר די שענקעס לכבוד פּסח. א פּסחדיק אויסגעפּוצטער אין הויכע שיך מיט מעשענע קולקעס און אין אַן אַלט־נײַ גראַנאַטן אַנצוגל, ווי קאָן ער גיין טראָגן שטרוי?... האָבן מיר זיך איבער־געקוקט, געלאַכט און מיט אָפענעם חשד האָט ער צו מיר געזאָגט „ביסט טאַקע קראַנק". נאָך שטרוי איז פיניע נישט געגאַנגען, די שוועסטער חוה האָט אים אויסגעלייזט.



שמואל ארטור זיגעלבוים אין ציווילע קליידער מיט רוסישע געפאַנגענע, אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע אין כעלעם אין יאָר 1916, בעת א געהיימען צוזאַמענטרעף וועגן פּאָליטישער אַרבעט.

# מיר ווינען אין ווארשע

פון דער כעלעמער סוטערינע זענען מיר אין ווארשע „דער־הויבן" געוואָרן צו א בוידעם־שטוב דירה אויף דלוגע 12. אין דער דירה פון צוויי לענגערע צימערן האָבן מיר, פאר שליסל־געלט אָפּגעקויפט נאָר איין גרויס צימער מיט א מחיצה־ווענטל פאר א קיכל, מיט צוויי שמאָלע פענצטער, און ארויסבליק צו דער אלט־שטאָט. אין צווייטן צימער האָבן געוווינט אן אלמנה מיט א טאָכטער. דער „בוידעם" האָט אַמאָל געדינט ווי גאַרדעראָבע־צימערן פאר אקטיאָרן וואָס האָבן געשפילט טעאטער אין זאל אויפן ערשטן שטאָק. איינער פון די עלטסטע טעאטער־זאַלן אין ווארשע און אין אונדזער צייט איז דאָרט געווען א מין אינטערנאַט פאר יידישע מיידלעך יתומות וואָס האָבן שטענדיק געזונגען פוילישע לידער. דער ארויפגאַנג צום ערשטן שטאָק, דער קאָרידאָר, די טירן אין זאל אריין זענען געווען רחבותדיקע, נאָר אין א ווינקל פון דעם שיינעם קאָרידאָר איז געווען א שמאָלער וואַנט־שניט ווו ס'האָבן זיך ארויפ־געשרויפט פינצטערע טרעפּלעך צו די גאַרדעראָב־צימערן וואָס איז געוואָרן אונדזער ווארשעווער היים מיט גאָר אן אנדער פנים און כאַראַקטער.

די מאַמע איז געוואָרן א שטוב־באַלעבאָסטע, אויס שניידעריי ווי אמאָל ווען דער מאָגערער לעפּל־ווארעמס האָט נישט פארטריבן דעם הונגער און די סומנע טונקעלע שאָטנס, וואָס דאָס נאָפט־לעמפּל ביי דער מאַמעס ניי מאשין און דעם טאַטנס ליכטל ביים ספר האָבן צעוואָרפן אויף די ווענט; אַלערליי געשטאַלטן פון כלערליי באַ־שעפענישן: מענטשן, מלאכים און חיות. און אויף די שויבן האָבן

געבליט פּראַסטיקע־ביימער, ווייס ווי די לייוונטן וואָס די מאַמע האָט געשטאָכן מיט אירע נאָדלען. און מיר, קליינוואַרג אויפֿן דיל האָט זיך געשפּילט מיט די שאַטנס אין „טרעפענישן״. די שפּיל איז געווען אונדזער וויג־ליד איינצושלאָפֿן אויפֿן דיל.

איצט, אין וואַרשע, פֿירט די מאַמע די ווירטשאַפֿט און אירע דערוואַקסענע קינדער אַרבעטן, אָדער זוכן אַרבעט. אין די אָוונטן לערנט מען אויף פֿאַרשידענע קורסן: ליטעראַטור, טעאַטער, ספּאָרט. מ׳גייט צו רעפֿעראַטן, קאָנצערטן, טעאַטער, פּאָליטישע קרייזלעך, דעריאָגן דעם „היינט״ קאָן מען אַלץ נישט — די פֿאַר־דינסטן סטייען קוים פֿאַרן נעכטיקן־טאָג אויסקומעניש. די מאַמע, אין איר נייער ראָל האָט פֿאַרלוירן דעם כוח צו באַפֿעלן, זי האָט נישט מער איר קרייז שכנים וואָס דאַרפֿן איר הילף, כאָטש אין זעלבן גרויסן הויף וואָס האָט פֿון דער צווייטער זייט געהאַט אַן אַרויסגאַנג צו דער „שוויענטאָיערסקע״ גאַס, איז געווען אַ שילעכל ווו זי האָט שבת געדאַוונט בציבור, איז זי נישט מער געווען די פֿירזאָגערן, איז זי געקומען פֿון דאַווגען אַן אומעטיקע, ווייל די קינדער זענען אין שבתדיקע פֿרימאָרגנס געגאַנגען מיט אָרגאַני־זירטע פֿון דער קולטור־ליגע אויספֿלוגן צו מוזייאומס, אָדער מיט אַ „סטאַטעק״ אויף דער ווייסל און אַהיים קומען הונגעריקע ווען די מאַמע איז שוין געווען ווייט אַוועק אין אירע תחינות צי פּרק. דער־לאַנגענדיק צום טיש האָט זי תחנונימדיק־מאַמיש געבעטן: „און אַז נישט פֿרום, פֿאַרטרייבט מען אין גאַנצן די נשמה־יתירה? שבת, ב״ה, חלות, פֿיש איז דאָ, זאָל מען נישט עסן צוזאַמען, נאָר כאַפּ לאַפּ באַזונדער, נישט נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין. אַ שטיקל זמירות. עץ האָט דאָך אַזוי ליב דעם זיידנס זמירות־ניגונים. ס׳ווערט דאָך פֿריילעכער אויפֿן האַרצן אַז מ׳זינגט זמירות. איין טאָג אין דער וואָך מעג דאָך זיין אַנדערש. ביי אַ גוי להבדיל, איז זונטיק זונטיק נישט מאָנטיק... אָן שבת, וואָס זענען מיר, ציגיינער?...״

אויב ס׳זענען פאַראַן פרומע טרערן, זענען עס געווען אונדזער מאמעס וואָס האָבן באגלייט אירע ווערטער, וואָס נישט אלע אירע קינדער האָבן מכוון געווען, ווייל די ארעמע מאַמע האָט נישט געוווּסט, אז נאָך אין כעלעם האָבן די „לינקע" שוין געהאט פעסט איינגעצויגן עטלעכע פון אירע קינדער וואָס האָבן געהאט געהיימע פארבינדונגען מיט זייערע פירער, וואָס האָבן געמוזט פון דאָרט עוקר־זיין קיין ווארשע און געמאכט אונדזער שטוב פאר זייער עיר־מקלט מיט געהיימע קרייזלעך, פּאָליטישע דיסקוסיעס און „פּלע־נער", שטאָט „רעאקציאָנערע" שבת־זמירות... צום שטרוי אין די שעניקעס, איז צוגעקומען דין פּאַפּיר, אומלעגאַלע ליטעראטור... דער „רעכטער" משפחה־פליגל איז אוועק יעדן פרימאָרגן צו דער ארבעט. דער „לינקער" האָט מכלומרשט פארלייגט אין שטוב אַ וואר־שטאַטל צונויף צו נייען מיט דער האנט סוועטערס וואָס זיי האָבן באקומען פון א טריקאָטאַזש פאבריקל אין באזונדערע טיילן. די מאמע איז געווען צופרידן פונעם ביסל פארדינסט און זיך נישט געכאפּט אויף די „פאבריקס־אגענטן" וואָס פלעגן קומען מיט „פּעק־לעך"... א טייל פון די „אורחים" פלעגן בלייבן אויף נאכט־לעגער אפילו אונטער א טיש און באגין נעלם ווערן. ביסלעכווייז איז קלאָר געוואָרן, אז אונדזער היים איז א לינקער קלוב. אָפענע רייד קעגן דעם זענען געפאלן ווי וואסער אויף א קאטשקעס פעדערן, ווי אין יענע יאָרן, האָט חברה אויסגעטאָן דאָס שעם־היטל, ארויס מיט לשון און מיט נישט ווייניק חוצפה קעגן די בונדיסטן, פועלי ציוניסטן און קרובישע ישיבה־בחורים וואָס פלעגן ארויפקומען צו אונדז, אלע זענען פאשיסטן וואָס האלטן אָפּ די רעוואָלוציע. דאָס שיינדל איז שטענדיק געווען דאָס הייליקע ראטנפארבאנד מיטן פאָטערל סטאלין. פאר דער „הייליקייט" האָט מען ריזיקירט מיט דער מאמעס פרייהייט, — זי געשיקט מיט „מתנות" צו א חתונה פון א חברטאָרן אין פארשידענע שטעטלעך ווו מיר האָבן געהאט קרובים, געגעבן


Fotografja ubezpieczonego
Fotografja
Fotografja
Fotografja

— 1 —

LEGITYMACJA

członka Kasy Chorych m. Warszawy

P. ........ (nazwisko i imię)

(imię ojca) ........ (imię matki) ........ (nazwisko panieńskie)

Miejsce urodzenia ........

די מאַמע מיטן מחבר אויף זיין קראַנקן־קאַסע ביכל אין וואַרשע.

דער מאַמען אויף הוצאות „וועסט אין איין וועגס קאָנען זען די מומע שרה־יישקע", „דעם פעטער דוד", א.א.. שפּעטער, לויט דער מאַמעס רייד, האָט זי געוווּסט און די „מתּנות" האָבן געבריט אירע הענט, נאָר דער באַגער צו זען אייגענע האָט גובר געווען די געפאַר, האָט זי געזאָגט תּהילים און געבעטן גאָט זי צו היטן. „און אפשר זענען זיי גערעכט?" „זיי" זאָגן אַז אין רוסלאַנד איז יידן אַזוי גוט...

„די פּאַשיסטן" האַלטן אָפּ די גאולה, א „רויטער" אומרו איז געוואַקסן אין שטוב, דער קלוב איז געוואָרן פאַרדעכטיק, געהיים־אַגענטן דרייען זיך פאַרן טויער, די „אורחים" קומען נישט מער, פון די שעניקעס רוימט מען אַרויס די „סחורה"... נישט די נויט, נאָר דער וועג צו „גאולה" האָט שטיקערווייז צעריסן די משפּחה אין וואַרשע. עטלעכע זענען אַוועק פון דער היים וווינען באַזונדער.

איינמאָל, נאָך א פאָרשטעלונג פון „טרופּע טאַנענצאַפּ" אין „יונג טעאַטער" ווו פּיניע און איך האָבן געשפּילט, האָט איינער פון די „אורחים" צו אונדז געזאָגט: „איר האַלט זיך פאַר א רעוואָלוציאָנער טעאַטער, אין דער אמתן דינט איר מיט אַזעלכע פאָרשטעלונגען דער רעאַקציע" און מיט איראָניע פון איינעם וואָס האָט גאָט אין וועסטל־קעשענע ממשיך געווען: „נאָר איר זענט דאָך ,אינטעליגענטן', שיער־שיער בין איך אויך געוואָרן אַן אינטעליגענט, אין תּפיסה האָט מען מיך געלערנט לייענען און שרייבן פּויליש, איז אויסגעבראָכן אַן אַמנעסטיע בין איך באַפרייט געוואָרן, בין איך נישט קיין אינטעליגענט, אָבער א רעוואָלוציאָנער בין איך און איר זענט אַלע פּאַשיסטן"...

טאַקע אין „יונג־טעאַטער" האָט אונדזער פרומע מאַמע פאַרגעסן אין „מושב לצים לא ישב" און געקומען שעפּן א ביסל פאַרגעניגן פון אירע דריי בנים, (דער ייִנגסטער ראובן האָט שוין אויך געשפּילט אין „יונג טעאַטער") און פון נאָך א בן, אַבֿרהמטשי, וואָס האָט געשפּילט הויפּט־ראָלן אין „אָרפעאוש" וואָס יעקבֿ ראָטבוים

האָט געפּירט. דר. מיכאל ווייכערט, אונדזער רעזשיסער פלעגט ליב האָבן צו קוקן אויף דער מאַמעס צעשטראַלט פּנים בעת די פאָר־שטעלונגען און שפּעטער פרעגן איר מיינונג.

איין טאָג האָט דער מאַמעס א תפילה־נאָכזאָגערין באַפוילן דורך א שליח מען זאָל איר זאָגן, אַז אַן איידעלער ייד, א פרומער אלמן וועמען די מאַמע האָט געקאָנט איז גרייט מיט איר חתונה צו האָבן, „וואָס מ׳שטיינס געזאָגט פאַר א יידישע וועלט קאָן העגעלע פירן אין וואַרשע ביי אירע פרייע קינדער?״

נאָך א לאַנגן ישוב הדעת מיט שמואלן האָט די מאַמע באַשלאָסן צו ברעכן איר לאַנגיאָריקע אַלמנהשאַפט און חתונה האָבן פאַר דעם אלמן. אַזוי האָט זיך די מאַמע ווידער באַזעצט אין כעלעם ווו זי מיט איר מאַן און דער רוב כעלעמער יידן זענען אומגעקומען בעתן היטלער־חורבן.

### ת ת ח ד ש

נישט געקוקט אויף אונדזער אָרעמען טיש מיט בשר ודגים פון קליינע צעהאַקטע פישלעך פאַרבראָקט מיט חלה, מער חלה ווי פיש. און בשר פון א „דרויבל״ צי א קעלבערן קעפּל, זענען אונדזערע שבתים און ימים־טובים געווען פריילעך צעזונגענע פון א גאַנצן כאָר זמירות־זינגער מיט „פּוגיעס״ און „טערצעס״ ווי דער זיידע האָט איינגעשטעלט. די ניגונים לעבן נאָך אין אונדז עד היום און ווערן געזונגען, ווען די פיר געבליבענע ברידער וואָס לעבן אין פאַרשידענע וועלט־ווינקלען טרעפן זיך צוזאַמען. אַזא „קאָנצערט״ האָט געהערט א טייל עולם אויף קאַלישער 48 אין תל־אביב בעת דער „ליאַמע״ נאָכן קבלת־פּנים־אָוונטביים משפחה־צוזאַמענטרעף אין ישראל אין 1969. נאָך אין וואַרשע, אַז מיר האָבן זיך באַגעגענט ביי שמואלן אין שטוב, האָט דער פאַרהאַרעוועטער בונדישער טוער אַרטור, דעם זיידנס „סאָליסט״ פון אַמאָל, באַלד פראַוואָצירט דעם זיידנס „יום זה מכובד״, צי אַן אַנדער שטיקל חזנות אין א כאָר,

וואָס האָט אוודאי געוווּנדערט די שכנים פון גרויסן הויף צו הערן חזנות פון בונדישן פירער ארטורס שטוב. אטאוויזם, אָדער נאָסטאַל־גיע צו אן אייגענעם משפחה־ניגון, די אָרנאמענטיק פון פריען היים־טיש לאָזט ביי יעדער געלעגנהייט הערן אירע טענער.

יום טוב איז די צייט פון פרייד פאר קליינוואַרג, דער עיקר, פסח מיט די לאנגע סדר־נעכט מיט צעזונגענע „חד־גדיאס״, דערביי האָט אָבער דער יום טוב געבראַכט אונדז קליינע קינדער א סך צער און ווייטיק. יום טוב פלעגן אונדזערע יונגע הערצלעך ווערן פאַר־ביטערט און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן פרעגן קשיות. פאַרוואָס זאָלן מיר אויך אַמאָל נישט הערן דאָס ליבע וואָרט: „תתחדש״? פאַר־וואָס זאָלן נאָר די רייכערע, באַלעבאַטישע קינדער האָבן דעם זכות צו פאַראַדירן אין שול־הויף אין נייע בגדימלעך? יינגלעך אין גאַר־ניטורלעך, אין סקריפּנדיקע שיכלעך, זיידענע קאַפּאָטקעלעך מיט גלאַנציק סאַמעטענע היטעלעך, און מיידלעך אין נייע ציצענע קלייד־לעך מיט פאַרביקע שלייפלעך פון פאָרנט און פון הינטן, שאָרכען מיט יומטובדיקער נייקייט, באַווייזן איינע די אַנדערע באַרימעריש, קאָקעטיש, מאַכן פאַרגלייכן וועמענס איז שענער און דערביי זיך ווונשן „תתחדש״... אין אַ זייט שטייען פאַרשעמט די אָרעמע קינדער אין זייערע אָפּגעחומלטע, אַלטע בגדימלעך, אין צעפּאָרענע שיכלעך צי גאָר באָרוועסע מיט יומטובדיקע פאַרשעמטע נשמהלעך, מיט הערצלעך פאַרקוועטשטע פון ווייטיק־בענקשאַפט נאָך דעם וואָרט „תתחדש״, שפּאַרן זיך טרערעלעך פון קינדערשע אייגעלעך, קייקלען זיך איבער בעקעלעך קינאה־טראָפּנס...

דוואָטשע און בערעלע דער נאַפּטשערקעס האָבן גאָר געהאַט אַ ביטער מזל, פון זיי זענען די יומטובדיק באַנייטע קינדער אַנט־לאָפן מיט פאַרצויגענע נעזלעך, ווייל פון זיי האָט זיך געהערט אַ טוכלער ריח נאַפט, זענען זיי געשטאַנען אין זייערע אַלטע בגדי־נאַפט אויף דער „אָרעמער״ זייט, געקוקט און געטראַכט מן

הסתם ווי זייערס גלייכן, כאַטש דער עלטערער דוווטשע האָט זיך געמאַכט אַ לב, אַז אים אַרט עס נישט, ער שעמט זיך נישט, ער איז קיינעם נישט מקנא און האָט נישט קיין תרעומות צו גאָט. „קוקט בעסער צו דער „בלאַניע" וואָס טוט שוין אָן אַ גרין פּעלעכל, צו די געלע טשאַטשקעס וואָס ווייזן שוין ווי שיין זיי וואַקסן, די לאָשקעלעך זאָלן זיי נאָר נישט אויפעסן..."

זיין טאַטע, דער שוואַרצער אפרים, איז געווען א ייד אַן ארעמאַן מיט בטחון און סוכאַטע, האָט ער דעם „אוצר" געלאָזט זיין בכור דוווטשע בירושה. איז דוווטשע געוואַקסן מיט דער ירושה, מיט זיין איידל יינגליש הארץ ביז פערצן יאָר, נישט מער. פון שפּיטאָל ביים הרובישוויוער וואלד צום בית עולם האָט מען אים געפירט אין א פערד און וואָגן־געשפּאַן, זיין מאַמע חנה די נאָפּטשערקע, זיין ברידערל בערעלע און צוויי חברים: משה טאַרבינער און איך זענען נאָכגעלאָפן דעם וואָגן. מער האָט אים קיינער נישט באגלייט, נאָר געוויינט האָבן אַ סך...

דער יינגערער, אומעטיקער בערעלע איז אויסגעוואַקסן א גוטער לערער, געלערנט מיט קינדער, ביז היטלער האָט פאַר זיי אַלע געעפנט די גאַז־טירלעך...

פּיניע און איך פלעגן אָפט טרעפן בערעלען אין וואַרשע בעת ער האָט געלערנט אין לערער־סעמינאַר.

איין ערב־סוכות, זענען מיר אוועק צו דער „וואָלוווקע" זיך איינהאַנדלען נייע אַנציגער, דערמאָנט אונדזערע קינאה טרערעלעך און זיך צום ערשטן מאָל געווונטשן איינער דעם אנדערן „תתחדש".

אַז כ'האָב שפּעטער געלייענט דוד פרישמאַנס דערציילונג אונ־טערן זעלבן נאָמען, האָב איך געטראַכט — א שרייבער איז א נביא.

## די מאמע
## און וואס אונדזער שוועסטער פייגע דערציילט

ווען שמואל האָט אריינגעצויגן אין „בונד" פייגען, ישראלקען און משהן וואָס איז געוואָרן א יוגנט־פירער, חוהן און פיניען, נאָך גאָר יונגע, האָט ער צוגעצויגן צום כאָר און דראמאטישן קרייז, מיך, א צוציק צום יוגנט־כאָר, צו זינגען מיט די קינדער פון דער קינדער־היים אונטער דער אָנפירונג פון די ווארשעווער לערערינס טאָשיע און זאָשיע. דעמאָלט האָט מען די מאַמען אָנגעהויבן רופן „די מאמע פון בונד".

א שיינע, געשטאלטנע פרוי מיט א ליכטיק פנים, קלוגע, וואַרעמע אויגן, באריידעוודיק מיט א שיין קול צום זינגען, א ירושה פון זיידן. מאַמישע מילדקייט צו אלע, זייער פרום מיט א זעלטענעם חוש פאר הומאָר אויף איר אייגענעם שטייגער.

פון רבנישן יחוס געווען. די באָבע רבקה האָט געשטאַמט פון די קאָוואלסקיס. דער וואָצלאַווקער רב, ר' יהודה לייב קאָוואַלסקי איז געווען פאָרשטייער פון יידישן בלאָק אין פוילישן סענאט. די מאַמע, איינע פון 14 קינדער, דער זיידע, ר' יענקל שוחט איז אויך געווען חזן, א הדרתפנימדיקער רעמבראנדט ייד, מיט א מתיקות־דיקער באס־באריטאָן שטימע, א בעל־תפילה וואָס האָט געריסן הימלען, גערעדט מיט א קייקלענדיקן רי"ש. איך געדענק אים שוין ווי א זקן, אזוי ווי א זיידע דארף זיין, שטענדיק זיצן און לערנען, בייזערן זיך אויף די אייניקלעך וואָס לויפן אלע ווילע אריין צו דער באָבען נאָך עפּעס. דעם זיידן האָט עס געשטערט אין לערנען פלעגט ער א שליידער טאָן די פאטשיילע פון דער אָפענער גמרא

און ארויסקייקלען זיינע רישן: „ררריפ סקררררריפ רררריפ סקרר־רריפ אנרררריען לאָזן זיי נישט, א ניש געדאכט זאָלן זיי ווערררן". די באָבע רבקה, א קליין באָבעלע ווי א באָבע דארף זיין, רירעוודיק מיט דראָבנע טריטלעך, אַ טשיפּיקל אויפן קאָפּ, אַ גוטע נשמה, גערעדט זינגענדיק א תפילה־ניגון, האָט נאָר געוואַגט שעמעוודיק



פון לינקס זיצן: אייזיק פרידלענדער חוה'ס מאַן, די מאַמע. שטייען: חוה, חנה'טשע, ראובן.

א מאך צו טאָן מיט א האנט וואָס האָט געזאָגט: „בייזער זיך נישט, ווי דען זאָלן זיי גיין אז זיי ווילן עסן? די גמרא וועט נישט אנט־לויפן..."

דעם קאָליר פון דער מאמעס האָר געדענק איך נישט, ווייל איר קאָפּ איז שטענדיק געווען פארדעקט מיט א שבתדיק גלאנציק שייטל און שלאָפן פלעגט די מאַמע אין א טשיפּיק (אַ קופקע), צום ערשטן מאָל ווען כ'האָב געזען אירע האָר שוין אין ווארשע איז איר

קאָפּ געווען באַזילבערט מיט געבליבענע טונקעלע האָר־סימנים, לויט דעם און לויט אירע אויגן איז די מאַמע געווען אַ שאַטינקע.

א פייערדיקע בריה און א פייערדיקע זאָגערן פון סידור, נאָך מיידלווייז איז זי געווען א פירזאָגערן אין עזרת־נשים, געלערנט יעדע וואָך די פּרשה חומש. ביי דעם פירזאָגער־פאַך איז זי געבליבן איר גאַנץ לעבן.

פון מיינע גאָר יונגע יאָרן געדענק איך די שבת נאָך מיטאָג־דיקע זאָג־פאַרזאַמלונגען פון ווייבער אין שטערן־טיכלעך ביי אונדז אין שטוב, פריער האָט די מאַמע געלייענט די צאינה וראינה ווינטער צייט, ברכי נפשי, זומערדיקע שבתים פּרקי אבות, די ווייבער האָבן געקלאָגט, געווישט די נעזער, געוויינט. די ווייסע נאַזטיכלעך האָבן מער נישט געקאָנט אריינגעמען האָט מען געניצט די האַלקעס. קאָליעס, אויך אויך איר פּרום געבאָמבלט פון די ווייבע־רישע אויערן און העלדזער. אין הייסע שבתים איז די „סעסיע" פאָרגעקומען אין דרויסן ביי אונדזער פענצטער, אויב פּאַווליניוס, א שכנותדיקער שייגעץ, א טויבן־כאַפּער, האָט נישט געשטערט מיט נאַכשפּעטן די ווייבערס געוויין, חוזק מאַכן, אַמאָל אויך מיט וואַרפן א שטיינדל גלאַט אַזוי, און שרייען: „ביילים". די ווייבער לויפנדיק אין שטוב אריין האָבן צוריק געשריגן: „מאַצאָך". אַז פּאַווליוניוס מאַמע האָט דאָס דערזען, פלעגט זי אָפּגיסן איר זון מיט א פּאַמישאַף און פּאַריאַגן אים מיט טויטע קללות. אויף דעם פּאַווליוניוסן האָב איך שטאַרק רחמנות געהאַט, דעם עיקר אין שבתים און יום־טובים, ער ווייסט נעבעך נישט פון קיין לעבן, פון א יום טוב, שטענדיק דער זעלבער מיטן פּאַרפּעצטן העמד פול מיט טויבן־פעדערן, אפילו זונטיק יאָגט ער זיך אויף דעכער, פייפט צו די טויבן, אין דער אמתן האָב איך אים ליב געהאַט דעם פּאַווליוניוס און אפילו מקנא געווען זיין פלינקקייט זיך צו דראַפּען ווי אַ קאַץ איבער דעכער, אפילו ביז צום קלויסטער־צלם האָט ער געקאָנט דערקריכן, מיטן העמד

פאַרבונדן איבער די הויזן, אינעם העמד די טויבן, האָבן אַרויס־געשטעקט די שאָקלענדיקע קעפּלעך, געוואָרקעט און געוואַרט אויף זיינס אַ פייף כדי אַרויסצופליען און ער אויפן דאַך פייפט און דיריגירט אַזוי קונציק מיט די הענט אין אַ קרייז, די טויבן פאָלגן אים, פליען אַרום און אַרום ביז פּאַווליוניוס מאַכט אַ ספּעציעלן צייכן מיט די הענט און די טויבן קומען צוריק אין זייער נעסט אַריין, אין זיין העמד. ער גיט זיי קערנדלעך צו עסן און צו טרינקען שפּייעכץ פון זיין מויל. ווינטער איז ער געשלאָפן מיט די טויבן אין העמד. פּאַווליוניוס איז געווען זייער נעסט און די טויבן זיין אויוון. די פּאַווליוניוסעס טויבן־שפּיל האָט נישט איינמאָל גורם געווען שמיץ פון רבין אין חדר...

### די מאַמע איז געווען זייער אַ שיינע

פון שיינעם, רבנישן יחוס, מיט אַזעלכע מעלות, איז הענעלע געווען זייער „וויבערדנע" אין שידוכים. אין חול־המועדס זענען יונגע לייט פון קרוין־פּוילן געקומען אויף אַ „זעעכץ". שדכנים האָבן זיך געדרייט אין דרויסן און אוועקגעפּאָרן מיט גאָרנישט. הענעלע דעם שוחטס איז נעבעך געבליבן אַ פאַרזעסענע ביז ניינצן יאָר. אַ שדכן מיט גאַנץ קנאַפּע האָפענונגען, מיט אָפּגעשלאָגענע פליגל פון פריער האָט געברענגט פון דאָרף באַראָוויצע צו פירן אַ הויכן, דאַרן בחור אָן אַ סימן בערדל אויפן טונקעלן פּנים, אַ זיבעצן יע־ריקן שווייגער אפילו ווען ער זאָגט עפּעס, יאָסקע אַברהמל באַראַ־וויצערס מיט קורצזיכטיקע אויגן וואָס הענגען אויף דער שיינער הענעלע און זי קאָן זיך פון זיין בליק נישט אַרויסדרייען. ער איז איר געפעלן געוואָרן. צו אים האָט זיך זיך פאַרקנסט. מיט אים האָט זי חתונה געהאַט.

די חתונה האָט מען געפּראַוועט אין קראַסנסטאַוו מיט שבעה ימי סעודה מיט אַ לאַטשינע, דרשה געשאַנקען, דעם חתנס דרשה

האָבן נאָר געהערט די וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו אים און פארשטאַנען האָבן נאָר די וואָס זענען געווען בקי אין די קליינע פּינטעלעך.

## א שנור אויף קעסט

די נייע שנור איז איינגעגאנגען זיך צו באזעצן אין זיידע אברהמלס פּאלווארק אין דאָרף באַראָוויצע אויף קעסט פאר אן אומבאשטימטער צייט.

אין דאָרף, ביי דער שוויגער האָט די שנור הענעלע ארויסגעוויזן אירע שטאָטישע בריהשקייטן. די שוויגער פלעגט זי בעטן נישט צו ארבעטן אזוי שווער און אָנווייזן אויף איר שוואנגערשאַפט: „הענעלע, לאָז אלץ צו מיר, דו ביסט אונדזער קייסערינ׳יע". צום יאָר האָט מען געפראוועט דעם ברית פון בכור שמואל מרדכי. דער זיידע אברהמל באַראָוויצער, אן ארענדאר, א געזונטער דאָרפישער ייד, א טיפער זקן שוין האָט נאָך געקנאַקט ניס מיט די ציין, ווי מ׳האָט דערציילט איז ער פלוצים געשטאָרבן צו הונדערט און זעקס יאָר.

דער ברודער ישראלקע דערציילט פון זיידן אברהמלס גבורה און פרומקייט שטוינענדיקע זאכן, דערהויפּט פון די צייטן ווען ער איז געשווומען אויף וואסערן מיט טראַטוועס האָלץ קיין דאַנ־ציג. די נסיעה פלעגט דויערן לאנגע וואָכן. שטארקע וואסער־שטראָמען פלעגן צערייסן די שטריק פון די קלעצער, גוים פלעגן באפאלן פון די ברעגן, שיסן אויף אים פון שטיינער־ביקסלעך, זיינע אייגענע גוים, די „וויאַסלאַזשעס" האָבן זיך אויך אַמאָל צע־בונטעוועט קעגן איינציקן ייד אין מיטן טייך. ער איז געבליבן איינמאָל שבועות אויפן וואסער און אָפּגעשטעלט דאָס שווימען בעת זיינע גויים האָבן געוואָלט ווייטער שווימען. דער זיידע אברהמל האָט שטענדיק גובר געווען אלע מכשולים מיט תפילות און אויב נויטיק אויך מיט דער פויסט... דער זיידע אברהמל האָט

געהאַט אַ סך קינדער. (ווער אין אונדזער משפחה האָט נישט געהאט א סך קינדער?) ביי אים איז געווען, מיינס, דיינס און אונדזערס. די באָבע גאָלדע האָט מיט אים חתונה געהאט אן אלמנה מיט קינדער, דער זיידע האָט פון ערשטן ווייב אויך געהאַט אַ שפּאָר ביסל קינדער און צוזאמען האָבן זיי געהאט זעקס קינדער.

דער טאַטע איז געווען דער מיזיניק פון צווייטן ווייב.

אלע פעטערס און מומעס פון טאַטנס און מאַמעס צד האבן געהאַט פון 6 ביז פערצן קינדער, פון ווייניקער איז גאָר קיין רייד נישט געווען, אויב ווער האָט חלילה נישט דערצויגן צו דעם מספר האָט מען אזוי לאנג מתפלל געווען, ביז ס'איז געקומען א בן, אָדער א בת זקונים, אן אויסנאם מיט פינף קינדער נאָר, איז געווען דאָס פּאָרל לאַנג, דער פעטער בענטשע מיט דער מומע דבורה דעם טאטנס שוועסטער. קאָן זיין ווייל זיי זענען געווען גבירים און פאר גבירים פאסט עס נישט. א סך קינדער איז סימן קבצאָנסק. פון דער משפחה לאַנג איז געבליבן דער בן יחיד משה לאַנג, א ציוניסטישער עסקן אין ניו־יאָרק און זיין שוועסטער פערל סופר אין חיפה.

די יחסנישע שנור הענעלע האָט דער דאָרפישער שווער ממש געטראָגן אויף די הענט. צום אייניקלס ברית האָט ער פארבעטן פּריצים, געפראוועט א פריצישע סעודה, געהיטן די שנור ווי אן אויג אין קאָפּ און געמוסרט דעם זון יאָסקע, למאי ער איז נישט כסדר מיט זיין שיין ווייב נאר ווערט פארפאלן אליין אין פעלד צי אין וואַלד, „וואָס האָסטו אזויפיל צו שמועסן מיט די כלאָפּעס? אפשר רעדסטו מיט די ביימער אויך?"

דאָס פּאָר־פאָלק האָט זיך זייער ליב געהאט, געשפּאצירט מיטן קינד איבער פעלד און וואלד. דער טאַטע האָט דער מאמען דער־ציילט פון זאכן וואָס זענען איר פרעמד געווען, אויך פון דער נאטור, פון קבלה ספרים. זיידע באָבע האָבן פון גאניק געקוואָלן פון נחת, דער עיקר דער זיידע וואָס האָט די שפּאצירן געהאלטן

פאַר זיין אויפטו און גלאַט אַ זאָג געטאָן: „אַ גוטער זון יאָסקע, ער פאָלגט אַ טאַטן". אַ סימן אַז טאַטע מאַמע האָבן זיך זייער ליב געהאַט, איז דאָס צווייטע קינד, די טאָכטער פייגע וואָס איז זיי געבוירן געוואָרן צו צוויי יאָר פון בכור, און נאָך קאַרגע צוויי יאָר נאָך אַ זון ישראלקע.

אַז דער טאַטע איז געגאַנגען „שטיין צום פּריזיוו", האָט די מאַמע געטראָגן טאָקע דאָס דריטע קינד, ישראלקע. אַז מ׳איז זוכה צום פּריזיוו צו זיין אַ טאַטע פון דריטהאַלבן קינדער מיט שוואַכע אויגן גייט מען אַרויס מיט אַ ווייסן בילעט, און שוין מיט אַ שיטער בערדל, קוים קוים אַ בערדל. די מאַמע האָט געקינדלט, געווינדלט, געזייגט, דער טאַטע האָט אויך צוגעהאָלפן מיט וואָס ער האָט געקאָנט, דער עיקר צייט אָבער איז דער יונגער טאַטע געווען בחדרי־חדרים מיט זיינע ספרים און רעיונות, ספרים, וואָס קיינער האָט נישט געוווסט אין וואָס פאַרא לשון זיי זענען. טייל מאָל האָט זיך דער טאַטע אַרויסגעכאַפּט אין שטעטל אויף אַ יום־טוב, צו אַ חסידישן טיש. די מאַמע האָט אוודאי געליטן דערפון נאָר אָנגענומען באהבה די לויב־רייד פון די געלערנטע פּריצים וועגן איר מאַן, דעם „אוטשאָני מאָנזש יאָסעק". ביסלעכווייז האָט דער יחוס געכאַפּט אַ שפּאַציר פון דער מאַמען צום טאַטן, אויך דאָס האָט די מאַמע אָנגענומען באהבה נאָר זיך אָנגעהויבן קלאָגן, אַז די דאָרפישע פרומקייט איז קיין פרומקייט נישט. זי בענקט נאָך איר טאַטנס נהיגה, נאָך זיינע תפילות, נאָך זיין שבת און יום־טוב, נאָך יידן און ווייבער וואָס דאַרפן אירע תפילות פירצוזאָגן פאַר זיי, דאָ דאַרף מיך קיינער נישט, דאָ דאַוונט מען נישט בכוונה, דאָ זינגט מען נישט, דאָ זע איך נאָר גוים מיט צלמים, כ׳הער זייער „פּאַטשיעזש". כ׳וויל נישט אונדזערע קינדער זאָלן וואַקסן צווישן גוים. מער האָט זי גאָרנישט געזאָגט נאָר שטאַרק געוויינט. דער טאַטע האָט זי געפּרווט איינעמען מיט גוטע, ליבע רייד: ווייסט

זען הענעלע, װעסט זיך צוגעװױנען צו הערן דאָס געזאַנג פֿון פֿייגל, אױך זײ זינגען תּפֿילות צום בורא. ער האָט אָפּגעװישט אירע טרערן, דערציילט פֿון בעל־שם־טוב, און אַנדערע חסידישע מעשׂות, װעגן דער שירה צו גאָט אין װאַלד, דער אױבערשטער איז מלא עולם װוּ מיר זענען, זענען מיר מיט אים. װײן נישט, הענעלע, אונדזערע קינדער װעלן אױפֿװאַקסן ערלעכע ייִדן, הערסט? אַזױ האָף איך צום רבונו של עולם, לאו דװקא פֿרומע, ערלעכע ייִדן. די מאַמע האָט אַ ציטער געטאָן, שרעק זיך נישט הענעלע, מיר חסידים האָבן א פשט אויף פרום: פיל רשעות וויניק מצוות, דער עיקר, זיין אַן ערלעכער ייד, ערלעכקייט איז פרומקייט... איבעראַשט פֿון אַזעל־כע אפיקורסישע רייד פֿון איר מאַן האָט איר פּנים אױפֿגעפֿלאַמט, דער טאַטע האָט זי ליבלעך אַרומגענומען, געגלעט איר פּנים און געזאָגט: װער נישט בייז הענעלע, כעס מאַכט דאָס שענסטע פּנים מיאוס און דו ביסט אַזױ שײן. כאָטש זי האָט פֿון טאַטנס רייד נישט אַלץ פֿאַרשטאַנען, האָט זײַן צערטלעכקײט אַרױסגערופֿן אַ שמייכל אויף איר פּנים, אָבער נישט אָפּגעװישט אַ נאָגנדיקע אומצופֿרידנ־קײט, אַן אָפּגעפֿרעמדקײט װאָס איז דוכט זיך געבליבן ביזן סוף פֿון זײער צוזאַמענלעבן.

## די מיל ברענט

מיט דריי קינדער שוין, איז דאָס באַדערפֿעניש געװאַקסן. צוליב זיקנה, איז דער זיידע שוין לאַנג אַרױס פֿון האָלץ־מסחר, זײַן פּרנסה איז דער עיקר געװען די מיל װוּ ס׳האָבן געאַרבעט פּויערים פֿון דאָרף, די פּריצים האַלטן אין איין העכערן די שטײַערן, אין מיל גנבעט מען און דאָ, דרייט זיך אַרום יאַסקע, אַ בעל מטופּל מיט קינדער שוין, האָט דער זיידע אָנגעהױבן אַרײנצורעדן אין אים: „אפשר, יאַסקע, װאָלט געװען אַ יושר זאָלסט נעמען אױף זיך אַ שטיקל עול פּרנסה, נישט כּסדר זיצן און לערנען, קוקן אין הימל

אריין, אָדער ארומשפּאַצירן אין וואַלד, „אָם אין קמח אין תורה״. מ׳דאַרף אכטונג געבן אין מיל מ׳זאָל ווייניקער גנבענען, טאַקע איבערנעמען די מיל ווען דו וועסט בעסער וויסן וואָס דו פאַרשרייבסט אין די ביכער״. אַזוי איז דער טאַטע געוואָרן אַ מילנער, ביז אַ פייער האָט אַ סוף געמאַכט פון דער מיל, פון דאָרף און די מאַמע איז געהאָלפן געוואָרן...

*

וועגן דעם איבערגאַנג־פּעריאָד פון דאָרף אין שטעטל קראַ־סנסטאַוו, דערציילט די עלטסטע שוועסטער פייגע דאַנציגער פון אַרגענטינע. די איינציקע פון אַלע קינדער מיט איר צאַרט־דראָבנעם „טאַטעשי מאַמעשי״. לאָזן מיר עס אַזוי, כאַראַקטעריסטיש פאַר איר אייגענער וואַרעמער מאַמישקייט און פערזענלעכקייט. איר לשון. „אַלץ וואָס איך דערצייל דאָ איז פון מיין זכרון, וואָס איך געדענק און וואָס די מאַמעשי האָט מיר דערציילט״.

אין אַ זומערדיקן פאַרטאָג איז דאָס דאָרף באַראַוויצע אויפגע־וועקט געוואָרן פון דעם טרומייטערן פון די „וואַרטאָווניקעס״ און די געשרייען: „פּאָזשאַר״! עס ברענט, די מיל ברענט. אַ רויטע לאָנע איז געהאָנגען אויפן הימל, די מיל האָט געפלאַקערט, מען האָט געטראָגן פון ברונעם קובלעס און טעפּ מיט וואַסער און ביז וואָס ווען איז פון דער מיל מיטן שפּייכלער און שייער קיין זכר נישט געבליבן. דער זיידעשי האָט געמיינט, אַז דאָס פאַרמעגן זיינס האָבן די פּריצים פאַרסטראַכירט, ווייל ס׳איז דאָך געוועזן אויף זייער ערד, אָבער אַזוי איז נישט געוועזן. דער זיידע איז געבליבן אַן אָרעמאַן. דער טאַטעשי האָט זיך שוין געהאַט צוגע־וווינט צו דער מיל, צו די אַרבעטער, זיי האָבן אים ליב געהאַט און טאַקע ווייניקער געגנבעט, ער האָט געקאָנט יעדן ראָד און שטיין. נאָך דער שריפה איז ער אַרומגעגאַנגען אין גאַנצן אַ צעבראָ־כענער, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך און געוויינט אין די

ווינקעלעך. די פּויערים־אַרבעטער האָבן צוגעזאָגט דעם טאַטעשין אַז זיי וועלן אַליין אויפשטעלן אַ נייע מיל, אָבער דער זיידעשי האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף בוי־מאַטעריאַל. די פּריצים האָבן עפּעס געביטן דעם טאָן צו זייער „אַבראַמקאָן", אויסגעמיטן אים צו גריסן. דער זיידעשי איז געוואָרן דערשלאָגן און איז קלענער געוואָרן, לאָ די וואָס ר'איז אונטערגעגאַנגען, פאַרסטראַכירט איז ער נישט, נאָך אַזוי פיל יאָרן האַלטן די אַרענדע, באַלוינט צו ווערן אַזוי? נאָך אַלע שבחים וואָס די פּריצים האָבן אים געגעבן, אַפילו אַ גאָלדענעם זייגער האָבן זיי אים געשאָנקען... אַ ברישקע מיט צוויי פערד, ווי לייבן וואָס איז פאַרבייגעלאָפן ווי אַ ווינט, האָט אים אַלץ קלאָר געמאַכט

ער האָט שוין לאַנג געוווּסט פון דעם תכשיט נאָטע שיינדלס, דער אײַזשביצער יחסן, וואָס חנפעט די פּריצים אין בריוו אויף פּויליש, וואָס זיין איידעם דאָס ווינקל־אַדוואָקאַטל שרייבט מיט צוזאָגעכצן דאָ אויסצובויען פּתום ורעמסס: אַ ציגעלניע מיט ברען־אויוונס און אַ קוימען וואָס וועט זיך אַזש אָנזען אין לובלין, אַ טאַר־טאַק מיט מאַשינען פון פּעטערסבורג מיט ספּעציאַליסטן פון גרויסע שטעט.

איצט לויפט ער, דאָס ווינקל־אַדוואָקאַטל מיט זיין ווייב אויס־געסטראָצלט ווי אַ גראַפיניע, אוודאי חנפענען, פאַלן כורעים פאַרן אַלטן פּריץ. פּטור געוואָרן פון דער אַלטער מיל, איז צייט פּטור צו ווערן פון אַלטן „אַבראַמקאָ" און ריידן גרויסגעשעפט. מיט די געדאַנקען איז דער זיידעשי צוגעקומען צום באַרג אַש, ווו ס'איז געשטאַנען זיין מיל, דורכגעזיפּט אַ זשמעניע אַש, ווי פריער גוט־געמאָלן מעל, דער ווינט האָט אויך געהויבן אַש־פּאַרעך און אים פאַר־דעקט מיט אַן אַשיקער מרא־שחורה, אַזוי איז דער זיידע אַריינ־געקומען ריידן מיטן טאַטעשין: „יאָסקע... אפשר... דו קאָנסט בעסער פון ווינקל־אַדוואָקאַטל רעדן פּויליש, רוסיש, דער פּריץ האָט דיך

ליב. אפשר וואָלסט זיך צוגעכאפט רעדן מיט אים, די פויערים ווילן בויען בחינם, פאר א טוּזנט קערבלעך קאָן מען צוריק אויפשטעלן א מילעכל... איין ייד דעם אנדערן זאָל אָפּטאָן אזא זאך. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן ?...

די מאמעשי האָט נישט געוווסט וועמען דער זיידעשי מיינט, זי האָט נישט געוואָלט הערן דערפון און אָפּן געזאָגט: „שווער, ס'איז א גאָט זאך, טאָקע אן אומגליק, אָבער פון דעם אומגליק האָף איך צו גאָט וועט ארויסקומען א גוטע זאך. ס'איז א סימן, אז מיר דארפן אוועק פון דאָרף און זיין צווישן יידן און נישט מיט דער געטשקע אין די אויגן שטענדיק. כ'האָב קינדער, שווער, זיי דארפן אויפוואקסן מיט יידן".

דער טאָטעשי האָט גוט געוווסט וואָס דער זיידע מיינט און איז געווען ניט ווייניקער צעבראָכן פון אים, אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט זאָגן, געקוקט אויף דער מאמעשין און ארויסגעווייַנט. „אוי, וואָס צו אונדז איז געשען"...

צווישן די מענערס צעבראָכנקייט און די מאָמעשיס צופרידנקייט איז דער זיידע געשטאַנען ווי א פארמשפּעטער און גערופן: „גאָלדע", די באָבעשי איז באלד אריינגעקומען און געהאָלפן די מענער פאר־גיסן א טרער.

צו לינדערן דעם זיידעשיס צער, האָט דער טאטעשי ארומגענומען דעם זיידעשין מיט דער באָבעשין, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קליינע, פארצווייפלטע קינדער לעבן הויכן זון און אָנווייזנדיק אויף דער מאמעשין געזאָגט אויף לשון־קודש: „איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו... הענעלעס פייגנבוים שטייט אין קראסנסטאוו"...

דער זיידעשע מיט דער באָבעשין זענען ארויסגעגאַנגען, ווי מ'גייט צו א לויה, און דעם טאטעשין האָט די מאָמעשי געקושט, וואָס כ'האָב געזען צום ערשטן מאָל, זי האָט צו אים גערעדט צערט־לעכע רייד, אים געטרייסט, ווי א מאמעשי קאָן אין אַן עת צרה.

זיי האָבן ביידע געווײנט, אויך איך האָב זיך צעווײנט, ס'איז געווען תשעה־באב אין שטוב. זיי האָבן באשלאָסן צו פאַרלאָזן ס'דאָרף און פאָרן קיין קראַסנסטאַוו. און אַזוי איז געשען.

## מיר גרייטן זיך צו פאַרלאָזן באַראַוויצע

שווער איז געווען צו פאַרלאָזן ס'דאָרף. אַלע האָבן איבער־גענומען דעם טאַטעשיס נטיה צו שווייגן. אפילו די פויערישע, פריילעכע געזאַנגען האָט מען מער נישט געהערט, אויך זיי זענען צוליב דער שריפה טרויעריקער און אָרעמער געוואָרן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן בראָנפן און ניכטערערהייט זינגט זיך נישט אין באַראַוויצע. אויך מיר די קינדער האָבן זיך נישט דערוועגט פריילעכע אַרומצוּוואַיוען, אַ שטילער טרויער איז געהאָנגען אין דרויסן און אין שטוב, כאָטש די פייגל און דער גאָלדיקער זומער האָבן געקלונגען מיט זייער געזאַנג און רויש.

שטיל און צעבראָכן איז דער זיידעשי אַרומגעגאַנגען, דער עיקר איז ער געגאַנגען יעדן טאָג צו דער פאַרברענטער מיל, געשטאַנען ווי ביי אַ קבר פון אַ ליב קינד, דורכגעזיפּט אַש צווישן די פינגער און געפּרעפּלט ווי אַ קדיש, אַז ר'איז אַהיימגעקומען זענען זיינע אויגן געווען קלענער, רויט און פייכט. די באָבעשי האָט געוווסט וווהין ער גייט יעדן טאָג, האָט זי אים אַרויסבאַגלייט און באַגריסט מיט אַ טיפן קרעכץ, דאָס גלאָז טיי מיט אַ קיכל וואָס זי האָט אוועק־געשטעלט לעבן אים, איז געבליבן נישט אָנגערירט. זי אַליין, די באָבעשי, האָט געררימט, געקאָכט, געהאָלפן דער מאַמעשין צונויפּ־נעמען און פּאַקן אירע זאַכן אָן אַ וואָרט, נאָר געווישט די אויגן און אַרויסגעלאָזט ביטערע קרעכצן. דער טאַטעשי האָט געטראָגן אַ שטילע לאַסט פון אַ שולדיקן קעגן דער מאַמעשין און זיידע־באָבעשין. פאַר יוצא־זייגן האָט ער אַביסל צוגעהאָלפן דער מאַמעשי. נישט געהאַט דעם קאָפּ אַריינצוקוקן אין אַ ספר אַריין, נאָר פלעגט

פאַרפאַלן ווערן אויף לאַנגע שעהען, גיין אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג פון דער מיל. ווען ער האָט אַ פאַרשוויצטער אריינגעשטעלט זיין הויכע געשטאַלט אין שטוב אריין נאָך זון אונטערגאַנג, האָט דער זיידעשע פון אַ ווינקל ארויסגעברומט: „האָסט דאָך עובר־מנחה געוועןʺ. דאַרויף האָט דער טאַטעשי מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל געענטפערט: „דעם בעל־שם־טובס מנחה׳ס האָט דער אייבערשטער געהערט פון וואַלד אויךʺ... יאָרן שפּעטער, אין קראָסנסטאַוו שוין, ווען באַראַוויצער פויערים פלעגן קומען צום טאַטעשי נאָך עצות, האָבן זיי דערציילט, אַז נאָך דער שריפה האָבן זיי געזען דעם טאַטעשי גיין אַליין ווייט אין וואַלד און מאַדליען זיך הויך אויפן קול. כאָטש ס׳איז נאַטירלעך פאַר מענטשן וואָס ווערן דערצויגן אויף דער פרייער נאַטור צווישן פעלד און וואַלד צו ריידן הויך, האָבן מיר דאָס פון טאַטן נישט געהערט צו וואָס די פויערים האָבן יאָ זוכה געווען. די איינציקע וועמענס שווייגן האָט געאָטעמט מיט דער פרייד פון אַן „ערב־פרילינגʺ איז געווען די מאַמעשי, כאָטש אין הויכע חדשים מיט משה׳ן, איז זי געווען רירעוודיק ביים פּאַקן, פּוצן, וואַשן די כלים, אפילו שטיל, קיינער זאָל נישט הערן זיך צו־געזונגען ביי דער ארבעט און אַלע ווײַלע צוגעלאָפן קושן די קינדער, דער מאַמעשעס קושן אין דער טרויעריקער צייט אין דאָרף וואַרעמען מיך ביז היינט. דורך דער לאַנגער צייט פון ערב פאַרלאָזן ס׳דאָרף האָט מען אין שטוב גערעדט נאָר מיט די אויגן און מיט אַ קרעכץ. גאַנץ פרי, ווען דער באַגינען הויבט זיך אָן ארויסצוּוויקלען האָב איך געהערט טאַטע־מאַמע ריידן אין זייער צימער, פון זיידע־באָבעס צימער האָט מען געהערט שווערע זיפצן. דעם טאָג פון אוועקפאָרן האָבן אַלע געוויינט, דעם טאָג וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

די לעצטע נאַכט אין דאָרף איז געווען אַ וואַך־נאַכט. דאָס האָב איך געזען אין די מידע אויגן פון זיידע באָבעשין און טאַטע

מאמעשין. אונדז קינדער האָט מען אויפגעוועקט ווען גאָט איז נאָך געשלאָפן. שוין אָנגעקאָרמעטע האָבן מיר געזען טראָגן פעק אין א גרויסן וואָגן אריין. דער דרויסן איז געווען זומערדיק ווארעם, כאָטש אָקאָרשט ארויס פון א קורצער נאכט, דאָס קעגנאיבערדיקע „יויזל" האָט שוין קעהאָט אויף זיך אַ שפריץ גאָלד פון א רויטער זון וואָס איז געשווומען אין הימל בארג ארויף, מיט יעדן זון־שפּאַן העכער, זענען געקומען אלץ מער און מער פויערים און פויערטעס מיט קליינע טלומיקלעך און פעקעלעך צידה לדרך. מתנות פאר זייער יאָסקען מיט זיין „קרולאָווא" העניא: פון גראָז געפלאָכטענע קיישלעך האָבן מיט פארבונדענע פיסלעך געקוואָקעט: הינער, קאַטש־קעס. פון נאַסע טלומיקלעך האָבן ארויסגעשטאַרט אָסלקעס פוטער, קעז געוויקלט אין גרינע בלעטער, אין פויערישער לייוונט, אויבסן, פויע־רישע ברכות האָבן געקלונגען אין אפענעם ארום, אויפגעוועקט די פייגל אין די נעסטן צו אַ פריעדיקן מאָרגן־טריל. די זון האָט געטאָן אירס, ארויף העכער און שוין געפּארעט, דער טאטע האָט געשלעפּט געפּעק און געשוויצט, האָבן די גוטע שכנים ארויסגענומען פון זיינע הענט דאָס געפּעק צו טראָגן אין וואָגן אריין און אים געהייסן זיך בעסער „מאַדליען", אכטונג געבן אויף זיין טראָגדיק ווייב און קינדער און באטראכטן צום לעצטן מאָל ווי שיין באַראַ־וויצע איז. אויפן וואָגן זענען געוואָקסן פעק, שטיקער מעבל און ארום וואָגן אן אלץ גרעסערע מאַסע דאָרפס לייט מיט טרויעריקע פנימער און גוטע ווונטשן. צום טרויעריקסטן זענען געווען זיידע־באַבעשי וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון וואָגן איינגעשרומ־פּענע, צוגעטולעטע איינס צו איינס, ווי צוויי איינזאמע פייגעלעך אויף א שטיינערנעם בארג אָן שוץ בעת א שטורעם. דער מאַמעשעס האלטן זיך לעבן זיי האָט זיי נישט געטרייסט. קאָן זיין אז זיי האָבן אפילו נישט געהערט דעם געפילדער ארום. נישט סטעפּאנס שפּילן אַ מאַזורקע אויף זיין מויל־האַרמאָשקע און יאַנס איבער־

שרייען אלע, פּאַכנדיק מיטן גלאַנציקן דאַשיק פון היטל צום טאַטעשין: „ווערסט אונדז נישט פארגעסן יאַסקע האַ? אז מירן האָבן עפּעס א ספּראַווע, וועלן מיר קומען צו דיר אין שטאָט אריין״!!! דער טאַטעשע האָט פון ווייטן „פּאַטאַקעוועט״ און זיך אָנגעהויבן געזעגענען. מען האָט זיך געשטופּט, גערעדט אַלע מיט אַ מאָל, די מענער האָבן זיך געקושט מיטן טאַטעשי און די ווייבער מיט דער מאַמעשין און אונדז. זיי האָבן געשווירן צו היטן די „סטאַרושקעס״ ס׳זאָל זיי קיין שלעכטס נישט געשען אין די ווייַנאַכטן, זיידע־באַבען האָבן די פויערים געטרייסט און געבענטשט בעתן געזעגענען זיך מיט ווערטער אָן א קלאַנג... דער בעל־הבית פון וואָגן איז דער ערשטער ארויף צו די לייצעס, דערנאָך די מאַמעשי מיט מיר און ישראלקען. שמואל איז שוין געווען ביים זיידן יעקב אין קראָסנס־טאַוו, ער האָט דאָרט געלערנט אין חדר. ווען דער וואָגן האָט גערירט האָבן געפּלאַטערט פארביקע טיכער און ברכות אין דער לופט ווי להבדיל צו זייערס א גלח. פון ווייטן האָבן זיידע־באָבע נאָכגעקוקט דעם דראָבניאַסטן וואָגן, וואָס האָט געקרעכצט אין זאַמדיקן וועג. דער טאַטעשי האָט זיך אָנגעהאַלטן אין וואָגן, נאָכ־געגאַנגען און געוויינט. די מאַמעשי האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק און אויך געווישט א טרער. זי האָט זיך אויסגעדרייט צום דאָרף כאַפּן א לעצטן קוק און שוין קיינעם נישט געזען, נישט געהערט אויסער דאָס סקריפּען פון וואָגן אויפן זאַמדיקן וועג, דעם פויערס „וויִשטאַ וויאָ״ און דעם סוויטטש פון דער בייטש איבער פערדישע רוקנס. די זון האָט הייסער געבאַקן, מיר האָבן געשוויצט אין וואָגן און דער טאַטעשי ביים וואָגן. די מאַמעשי מיט איר שווער געמיט האָט זיך געמאַכט א לב און געזאָגט:

„וואָס קלאָגסטו אזוי, יאַסקע, ס׳איז חלילה א קינד געשטאָרבן? דאַנקען גאָט דערפאַר״.

„וואָס רעדסטו? הענעלע? האָסט נישט פארשטאַנען מיין געמיט

די לעצטע פּאָר שעה אין דאָרף? א קליינינקייט, דאָ בין איך אויפ־געוואַקסן, קאָן יעדעס גרעזל, יעדעס ביימל, די פּויערים, די ארבעט אין מיל, דאָ האָב איך געלערנט פארשטיין גאָט און די וועלט, דאָ אהער ביסטו געקומען, מיט דיר איז דאָס דאָרף שענער געוואָרן, און כ׳האָב עס נאָך מער ליב באקומען. די קינדער זענען דאָ געבוירן געוואָרן, כ׳האָב ליב באקומען די ארבעט אין מיל און געוואָרן אליין א בעל פרנסה. וואָס רעדסטו הענעלע? כ׳האָב גענוג אויף וואָס צו וויינען״.

„גאָט וועט דיר העלפן אין שטאָט אויך. אי״ה וועלן מיר באלד האָבן א שמחה אין שטאָט... האָסט א גאנץ גוטן קאָפּ, מיטן אויי־בערשטנס הילף וועסטו פארדינען פרנסה. איך זע אין אלץ גאָטס ווילן און איך דאַנק זיין ליבן נאָמען וואָס מיר פארלאָזן ס׳דאָרף. יעדן פרי־מאָרגן ווען איך זאָג „מודה אני״, הער איך זיי בלעקעכצן און דער צלם קוקט גלייך אין פענצטער אריין, מיר זענען מיאוס געוואָרן די פּויערים מיט זייערע הולאנקעס און געשלעגן, כ׳דאנק און לויב דיר גאָט דערפאר״ דעם גאנצן וועג האָט מען געשמועסט און דער טאטעשי האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען.

אויפן וועג זענען היימישע פּויערים ארויס פון די שטיבער אונדז באדויערן, זיי האָבן נישט געקאָנט גלויבן, אז זייער יאָסעק פארלאָזט טאָקע באָראָוויצע. איין פּויער האָט אונדז געצווינגען זיך אָפּצושטעלן ביי אים אַפּרוען, ער האָט געהייסן זיין ווייב אָנ־מעלקן מילך אין דער מאַמעשעס טעפּל אריין, געפּאַקט אין וואָגן אריין פּרוכט און גרינוואַרג. די מילך האָבן מיר אלע געטרונקען פון טעפּל. שוין ביים וואָגן האָט דער פּויער געזען אז אין אונדזער וואָגן איז צו ענג, האָט ער אונדז פארהאלטן און באלד ארויסגע־פירט זיין פערד אין וואָגן: „וואָס רעדסטו? נאַש יאָסעק? קום, פאָר ווי א פּאניטש, ס׳איז צען וויאָרסט נאָך״. אזוי זענען מיר פארפאָרן קיין קראסנסטאוו ווי די פּריצים אין צוויי וועגענער.

## אונדזערע דירות און שריפות

דער זיידע יעקב האָט שוין געוווסט פון דער שריפה און אז מיר קומען, האָט ער אָנגעגרייט א דירה אויף דער גראַבלע צווישן אלע געמיינע יידן, ווייל דאָרט האָט א דירה געקאָסט א שיבוש. דער טאַטעשי איז אלץ ארומגעגאַנגען א צעבראָכענער אָן פּרנסה. די באָבע רבקה מיט אירע דראָבנע, גיכע טריטעלעך האָט געבּרענגט פּעקלעך מיט בייטעלעך שפּייז און די מאַמעשי האָט זיך גענומען איינשטעלן די שטוב און קאָכן, איך האָב איר צוגעהאָלפן.

אויפן מאַרק האָט דער טאַטעשי געטראָפן באַראָוויצער פּויערים, זיי האָבן זיך מיט אים דערפרייט און אויסגעפרעגט וואָס עס מאכט די קראַסאוויצע העניא און די קינדער, ווי עס גייט אים דאָ? אז זיי האָבן געהערט ווי עס גייט זייער יאַסקען, האָבן זיי אים צו־געריעדט ער זאָל אָנהויבן האנדלען מיט תבואה, זיי וועלן אים צושטעלן ביליקער ווי אויפן מאַרק. אויך פיש וועלן זיי אים ברענגען יעדן דאָנערשטיק פון די סאַדזעלקעס, „ביסט א קלוגער קופּיעץ יאַסקע״ און „בוג פּאָמאָזשע״. אזוי איז דער טאַטעשי פּלוצים געוואָרן א תבואה סוחר, מיר האָבן זיך אריבערגעקליבן אין א בעסערער דירה אויף דער זאַקרעטשנע אין עטעלע דאַזערס שטוב. דער טאַטעשי איז קיין גרויסער סוחר נישט געווען, ער האָט ארויס־געגעבן אויף קרעדיט, ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און פון תבואה־מסחר איז גאָרנישט געוואָרן. אין דער נייער דירה איז פון פריער געווען אַן איינגעמויערטער קעסל האָט די מאַמעשי צוגעלייגט קאָפּ און פון דער דירה איז געוואָרן א טשאַיניע מיט א שפּייז קרעמל, ווייל אין זעלבן הויף איז איינגעשטאַנען א ראָטע זעלנער, האָט מען געקלערט, ס׳איז א גרייטע פרנסה, די זעלנער זענען טאַקע געקומען טרינקען טיי, קויפן א טשאַיניק געקאָכטע וואַסער, צוקער און אנדערע זאַכן. טיילמאָל זענען זיי געקומען שיכורע, אָנגעמאַכט שאַדנס, דער טאַטעשי האָט גערעדט מיט די אָפיצירן זיי איינ־

צושטילן. אַפּוועגן אַ פונט צוקער האָט דער טאַטעשי נישט געוואָלט ער זאָל חלילה נישט נכשל ווערן, האָט ער מיך ארויפגעשטעלט אויף א בענקל, מיר געוויזן די וואַגשאָל זאָל זיין גלייך און איך בין געווען די וועגערין. די מאַמעשי איז געווען פארנומען מיטן קליינוואַרג. ביי חוהס געבורט בין איך שוין געווען אַ מיידעלע פון זעקס יאָר האָט מיך די הייב־אַם ארויפגעפּאַקט אויפן פּיעקעליק און מיר אָנגעזאָגט נישט אראָפּצוקוקן, אנישט וועל איך בלינד ווערן, בין איך געזעסן מיט פארמאכטע אויגן און געהערט דער מאַמעשיס קולות, האָב איך אויף איר שטאַרק רחמנות געהאט און אָנגעהויבן וויינען, איז די באָבע רבקה ארויפגעקראָכן אויפן פעקעליק מיך איינצושטעלן. זי האָט מיך געקושט און געגלעגט, בין איך שטיל געוואָרן און געווארט אויפן „שאָס״ ווען עס פלאצט דער בויך און אויפן געזאַנג פון מלאכים ווען זיי פארמאכן דעם בויך און די מאמעשי פילט גאָרנישט. אזוי האָבן קינדער דערציילט.

אויף די זאקרענטשע דירה איז איין נאכט אוועק מיטן פייער, דאָס מאָל זענען מיר קוים ארויס מיטן לעבן, מיר זענען געבליבן אויף דער גאַס און דערנאָך זיך אריינגעצויגן אין אברהם קצבס הויז אויף דער קיילער גאַס, דאָרט זענען געווען די כשרע און די טרייפענע יאַטקעס. קיין נעמען האָבן די גאסן אין קראסנסטאַוו נישט געהאט, מען האָט זיי גערופן לויט די הייזער אָדער מלאכות: שוסטער גאס, שניידער גאס, שול גאס, להבדיל קלויסטער גאס, א. אז. וו. קיין פרנסה איז ווידער נישט געווען.

## די מאַמע ווערט אַ שניידערין דער טאַטע אַ לערער

די מאַמעשי, אַ בריה, האָט אויך געקאָנט נייען, האָט מען זי צוגערעדט צו נעמען אַ זינגער ניי־מאַשין אויף חודש־געלט, אַזוי איז די מאַמעשי געוואָרן אַ נייטאָרן און דער טאַטעשי האָט אָנגע־הויבן געבן לעקציעס און געוואָרן אַ לערער.

דאָס לערעריי האָט געמוזט זיין בסוד, ווייל מ׳האָט באַדאָרפט האָבן אַ דערלויבעניש אויף אַ שקאָלע און ס׳האָט געמוזט הענגען דעם צארס בילד. נאָך אַ סכנה איז געווען, וואָס דער טאַטעשי האָט געלערנט מיט קינדער, אויך פון קריסטלעכע היימען פויליש וואָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן, איז דער טאַטעשי געגאַנגען אין פוילישע שטיבער געהיים געבן לעקציעס, און אין דער היים האָט ער געלערנט מיט יידישע קינדער און דערוואַקסענע ביי פאַרהאָנ־גענע פענצטער מיט אַ קאָלדרע. ווען דאָס איז אויך געווען געפערלעך האָט דער טאַטע געלערנט מיט יינגלעך אין טריסקער שטיבל ביי אָפענע חומשים, פאַר זיכערקייט זענען אויך געזעסן עלטערע יידן ביים לימוד. דעם טאַטעשיס שם ווי אַ גוטער לערער איז גיך פאַרשפרייט געוואָרן און זיין נאָמען איז געוואָרן יאַסקע לערער. אַ קראַסנסטאַווער ייד, לייזער לויפער, איז געקומען פון פעטערסבורג מיט אַ לערער דיפלאָם, געעפנט אַ שולע, דווקא בשכנות מיט אונדז, לעבן טריסקער שטיבל, אויפגעהאָנגען דעם צארס בילד, דער טאַטעשי האָט מורא געהאט אַז ער וועט פאַרלירן אַלע תלמידים, אָבער קיינער איז פון אים נישט אוועק.

די מאַמעשי איז דער עיקר געוואָרן אַ נייטאָרן פון „וויפּראַ־

וועס", זי האָט געגייט: העמדער פאַר מענער און ווייבער, ציכן, ליילעכער, איינשיטן, אויסגעצאַצקעט קליינע 3 שפּיציקע קישעלעך מיט שלייפלעך און פראַנזן, די אַרבעט האָט זי באַקומען פון גביר־רעטעס, אויך קריסטלעכע פּריציטעס פלעגן פאַרפאָרן אויף בריטשקעס מיט זייערע דינסטן, וואָס האָבן נאָכגעטראָגן פּעק ווייסע ליי־ווונטן מיט פאַרביקע צעטעלעך פון די פאַבריקן, פראַנזן מיט שפּיצ־לעך אַרומצוזוימען די קישן־ציכלעך אויך מיט רויטע צעטעלעך. מיר האָבן ליב געהאַט די צעטעלעך און זיי באַהאַלטן; שמואל פלעגט זיך קלאָגן אַז די ווייסע לייוונט בלענדט אים די אויגן און אַ קעלט יאָגט פון זיי ווי פון תכריכים. פאַרוואָס נייט נישט די מאַמע קיין הויזן, רעקלעך, קליידער נאָר תכריכים?

נישט ווייל שמואל האָט אַזוי געעצהט, נאָר שפּעטער איז די מאַמעשי געוואָרן אַ נייטאָרן פון אַלץ וואָס שמואל האָט געמאָנט, אָבער דאַן האָט ער שוין געאַרבעט אין דער פּודעלע־פאַבריק און נישט לאַנג דערנאָך אוועקגעוואָרן קיין וואַרשע. פון דער מאַמעשי און פון אַנדערע ווייס איך פון טאַטעשיס בילדונג. אַ פּריצישער זון, אַ סטודענט, וואָס האָט שטודירט אין אויסלאַנד, האָט בעת זיינע וואַקאַציעס אין דאָרף געלערנט מיטן טאַטעשי שפּראַכן און פאַר־שידענע אַנדערע וויסנשאַפטן, דער טאַטעשי האָט אים אונטער־ריכטעט אין מאַטעמאַטיק און אים דערציילט פון אונדזערע אגדות, גמרא, זוהר, דער סטודענט האָט געהייסן אַמנעריטש.

דער זיידע אַברהמל האָט געהאַלטן פאַרן טאַטעשי אַ רבין פאַר תורה און אַ לערער פאַר רוסיש, פּויליש, נאַטור וויסנשאַפט און געשיכטע. ער האָט ביי זיי געלערנט ביז איך, דאָס צווייטע קינד, בין געבוירן געוואָרן.

דער זיידע מיט דער באָבען האָבן זיך אַ לענגערע צייט נאָכן פייער, נאָך אַרומגעדרייט אין דאָרף און שפּעטער אַוועק קיין כעלם ווו זיי האָבן געהאַט אַ זון און דריי טעכטער מיט זייערע משפּחות;

דעם פעטער שמואל, די מומע ביילע בוים, דעם פעטער לאַזערס ווייב, דבורה דעם פעטער בענטשעס ווייב און פערל, דעם פעטער דודל וועלטשערס ווייב.



די פעטערס: דוד און מאָטיע פינקער.

## אונדזערע בריתן און שמחות

בריתן זענען ביי אונדז געווען פייערלעכע. רבנים, די שענסטע יידן זענען געווען קוואטערס. אלע פעטערס מיט די משפחות פלעגן קומען. דער זיידע אליין אין קיטל און טלית איז ביי אלע געווען מוהל.

כאָטש פון פיניען אָן האָט די מאַמעשי מורא געהאַט, ווייל דעם זיידנס הענט האָבן שוין געציטערט, אָבער דער זיידע האָט זיך פאַר־

עקשנט און מַל געווען אפילו דעם מוזיניק ראובן. דיין ברית, פּיוול, איז געווען א טרויעריקער ברית, ווייל מ׳האָט געוואָרט אַז שמואל מיט ישראלקען זאָלן צוריקקומען פון דער קבורה פון דיין צווילינג־ברודער און מ׳האָט דיר געגעבןביידע נעמען. ישראלקע האָט דערציילט, אז אויפן בית־עולם האָט מען דאס טויטע קינד מל געווען מיט א שטיקל גלאָז און ער האָט געחלשט״.

די הארציקע שוועסטער פייגע דערציילט און כישופט ארויס פון מיין געדעכעניש דערמאָנונגען וועלכע זי באשטעטיקט. כ׳זע, הער און פיל דעם שווייס פון טאטנס טלית אין וועלכן ער האָט שוין איינגעהילט דעם פינפטן, 3 יעריקן בן און געטראָגן צו פישעלע דעם דרדיקן־מלמד מיט א שטילן שפרוך „זאָלסט נישט וויוועןָ, זאָלסט באגערן צו לערנען, ווערסט א חדר בחור״. די מאמע, געווינט שוין צו דעם נחת, טיילט די חדר־יינגלעך שקארמוצלעך זיסוואַרג. די יינגלעך, צעשמחטע שמאַטשקען די צוקערלעך און זענען מיך מכבד מיט: „אָ! די האלבע נשמה איז דאָ!״. „יאָ יאָ״, איז פייגע ממשיך, „אזוי האָבן דיך קינדער גערופן, ווייל דיין צווילינג־ברודער איז געשטאָרבן״. האָב איך אין שפּאַס אָנגעשריבן דאָס לידל —

## א צווילינג

איז איינער אוועק פארן ברית,
האָבן די ברידער שמואליק און ישראליק
גענומען דאָס טויטע חלק צווילינג
אין א שטרויען קיישל
מקבר צו זיין דאָס מת׳ל.

א היים געקומען,
האָט מען זיך צו מיר גענומען,

## פ י י ו ו ל  ז י ג ע ל ב ו י ם

געיידישט,
געקידושט,
מיר געגעבן
ביידע נעמען:
פייוול לייב. (אויף לשון־קודש)
אריה שרגאי
„די האלבע נשמה״.

## ביים זיידן פאַר כל־נדרי

דעם זיידן ר׳ יעקב שוחטס הכנות פאַר כל־נדרי האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּייערלעך, יומטובדיקע מורא אויף די אייניקלעך.

די סעודה המפסקת איז שוין געווען פול מיט עצבות. דער זיידע, דער חזן, האָט ווייניק געגעסן.

זיין שטוב איז גיך פול געוואָרן מיט זין, שנורן, טעכטער, איידעמס, אייניקלעך אויך נאָענטע שכנים, דער זיידע האָט אנגעטאָן דעם קיטל, ווייסע יאַרמלקע, אין ווייסע זאָקן איז ער שוין געווען פון פריער. פון אָפענעם טלית־זעקל האָט געפינקלט די זילבערנע עטרה פון געלבלעך טערקישן טלית. די פּעטערס האָבן געשאָרכעט מיט אַטלאָסענע קאַפּאָטעס, די אייניקלעך, ערנסטע, אין אויפגעריכטע קאַפּאָטקעלעך האָבן זיך געהאלטן ביי די טאַטעס, דער עלטערער ברודער פון מיר, פּיניע, האָט זיך געהנדלט מיט זיין „ניי״ קאַפּאָט־קעלע, וואָס די מאַמע האָט איבערגעניצעוועט פון שמואלס א כאַלאַטל און זיך אָנגעהאַלטן אָן טאַטנס גאַרטל. מיידלשע קעפּלעך און צעפּלעך האָבן געגלאַנצט און „געשמעקט״ מיט נאַפט פון צוואָגן לכבוד יום טוב און זיך געהאַלטן ביי די מאַמעס. די מומעס אין שענסטן צירונג: קאַליעס רינגלעך אויערינגלעך, שנורן־פּערל, שפּילקעס, אויף אויערן, העלדזער, סאַמעטענע בלוזקעס און פינגערלעך, ירושות פון באָבעס און חתונה־מתנות, האָבן געסטראַיעט זייערע קינדער און פאָרכטיק געוואָרט דער זיידע זאָל שוין „אָנהויבן״. די שכנים: חנה די נאַפט־שערקע מיט איר מאַן, דער שווארצער אפרים, מיזשע מיט איר בן־יחיד שאַלעמל, זענען אויך געקומען דער זיידע זאָל בענטשן. דער זיידע

האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב מיט אויפגעהויבענע הענט און צוגעמאַכטע אויגן. יעדער לויט דער עלטער, איז געקומען אונ־טערן זיידנס הענט ער זאָל בענטשן. דעם זיידנס הענט האָבן געפלאַ־טערט אויף די קעפּ, ווי בלעטער אין ווינט. זיינע ליפּן האָבן כסדר געפּרעפּלט. ביים טאַטן האָט דעם זיידנס ברכה געדויערט א ביסל לענגער באַגלייט מיט א קרעכץ. ס'איז געווען ווייט צו שקיעה, אָבער אין זיידנס שטוב האָט מען שוין געהערט א „קול דממה דקה" מיט ווייבערישע זיפצן און גלאַנציקע טרערן אויף יום טובדיק צעפלאַמטע פּנימער.

אַז די שכנים זענען שוין אויך אַדורך דעם זיידנס ברכות האָט די באָבע רבקה געזאָגט „שוין", האָט דער זיידע געעפנט די אויגן אַ קוק צו טאָן דורכן פענצטער אין דרויסן, זיך פאַרנומען גיין און געזאָגט „בנעורינו ובבנותינו נלך", „מ'זאָל אויסבעטן א גוט יאָר". אַנו ישראלקעלע, ווער האָט דאָס געזאָגט ? משה רבינו צו פּרעהן, האָט דאָס „רעבעלע" אונטערשפּרינגדיק באַלד געענטפערט און געכאַפּט אַ ווארעם קניפּ אין בעקל פון זיידן און אַ קוש פון דער מאַמען. „א גוט קעפּל, אַן עילוי" האָבן די פעטערס אונטערגעהאלטן. און ווען מענס בקשה איז „תפילה זכה" ? האָט דער טאַטע געפרעגנט, דאָס „רעבעלע" דער עילוי האָט נישט געוווסט דעם ענטפער, די פעטערס אויך נישט, דער טאַטע האָט זיי אָנגעקוקט יעדן באַזונדער, ס'איז געווען שטיל... האָט דער זיידע אַ טיפן קרעכץ געטאָן און ארויס־געקייקלט מיט זיינע רישן, ר' סעדיה גאון, איר ווייסט נישט ? מנע... תנאים מיינע, פאַרגרעבט געוואָרן, אַוודאי, אַז מ'האָט נאר אין זינען די סטרא־אחרא, מסחר, באַקן ברויט, ווי קאָן ליגן דער קאָפּ צו דעם ?...

לאָמיר האָבן אַ כתיבה וחתימה טובה...

אַ מילד ווינטל האָט געריסן די ליכט פלעמלעך אין שטוב אריין. דורכן פאַרהענגל האָט די שקיעה אַריינגעקוקט מיט דראָבנע פיצלעך

רויט. דער זיידע האָט גענומען זיין טלית־זעקל אונטערן אָרעם, אַריבערגעקוקט איבער די ברילן צו די מאַנצפּערשוינען, וואָס זענען צוליב דער „תפילה־זכה" געשטאַנען פאַרשעמטע און געקוקט בייז אויפן טאַטן. אַלע האָבן געפילט: אַ נס ס'איז פּאַר כל נדרי...

דער זיידע איז דער ערשטער אַרויס, אונטערגעברומט די נייע „יעלה", וואָס ער האָט צוגעגרייט, איינגעחזרט מיט די אייניקלעך משוררים. ביים קושן די מזוזה אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף איר און אַרויס מיט אַ גיכן טראָט.

די פּעטערס, בעלזער חסידים, האָבן זיך געזעגנט מיט אַ כתיבה וחתימה טובה, אַ גרינגן תענית און אַוועק צו זייער שטיבל, די איבעריקע זענען נאָכגעגאַנגען דעם זיידן, ווי נאָך אַ כהן־גדול...

## די צעצווייגטע משפּחה

דער זיידע יעקב מיט דער באָבע רבקה האָבן געהאַט פערצן קינדער. די צוויי עלטסטע זין זענען געווען קרבנות פון דער „קאַנטאָניסטן"־גזירה און זענען פאַרפאַלן געוואָרן. די געבליבענע צוועלף קינדער האָט מען גערופן „די צוועלף בני יעקב".

דער קוזין, הרב שמואל גאָלדנער פון בת־ים דערציילט פון איין פּעטער איטשע שוואַרץ, פון דער מאַמעס צד, אַן עושר פון לאָנדאָן, איז געקומען מיט אַסך יאָרן צוריק אין ארץ ישראל איינקויפן מגרשים, דער פּלאַץ פון דער תל־אביבער עיריה איז אויך געווען זיינער. נאָך אַ פּעטער אנשל פינקער האָט זיך גערופן פינקערטאָן, האָט געלעבט אין נאָרד־אַמעריקע און זיך פאַרנומען מיטן זיידנס „מסחר" — געווען מוהל, שוחט און חזן. די פּעטערס מאָטיע און בנימין פינקער, אַלע פון מאַמעס צד, זענען געווען שיינע יידן מיט שיינע בערד, מיט גרויס אָנזען און נאָך גרעסערע משפּחות,ביידע האָבן געהאַט בעקערייען, בנימין אויף דער גראָבליע און מאָטיע אין מיטן שטאָט קעגן דעם גאָרטן, בעת דער עסטרייכישער אָקו־

פאציע האָט מען דעם פעטער מאָטיע געהאלטן פאר א גביר און גערופן, מאָטיע מיט די קראַניקעס, ווייל ער האָט צוגעשטעלט ברויט צום מיליטער און באקומען קראַנען. דער יינגסטער ברודער דער מאמעס, דער פעטער דוד איז געווען א זיידענער יונגערמאַנ־טשיק מיט א געל גלאנציק בערדל, א שיינער, א הויכער, חתונה געהאָט קיין לובלין, אַריין אין אַ „שמאַלץ גרוב״, דאָס שמאלץ איז גיך אויסגערונען און ר׳איז געבליבן א קבצן אין אכצן פאָלעס מיט א שטעקעלע אין האנט, געזוכט א פארדינסטל אין מארק. געהאט 6 קינדער, איין זון, לייבל פינקער, מיט זיין זון דוד לעבן אין ישראל. די איבעריקע פון אלע פעטערס און אלע מומעס זענען ס׳רוב אומגעקומען.

דעם זיידן אברהמלס עלטסטע טאָכטער פון ערשטן ווייב, ליבע גאָטליב מיט איר מאַן הערש מענדל, זענען מיט איבער זעכציק יאָר צוריק געפאָרן קיין ארץ ישראל, שפּעטער איז אירס אַ זון ,יעקב גאָטליב, געקומען קיין ארץ ישראל מיט זיין משפחה און איז דאָ געשטאָרבן. זיין ווייב דאָבע לעבט אין אַ בית־אבות אין חולון. די גאָטליב משפחה ווי אסך אנדערע פון אונדזער פארצווייגטן משפחה־בוים מיט פארשידענע פאַמיליע־נעמען וואָס זענען געקומען קיין פּאַלעסטינע אַמאָל און קיין ישראל שוין נאָכן חורבן, האָבן דאָ אין ישראל פארוואָרצלט נייע דורות יונגע. א טייל איז געבליבן ביי זייערע אָריגינעלע פאמיליע נעמען, ווי די: בוכשטיינס, גאָטליבס, רויטערס, קאמס, זיגעלבוימס א. א. פריידעלע, די ווייב פון אהרון קאם, די טאָכטער פון פעטער בונים זיגעלבוים האָט באאיינפלוסט אירע צוויי זין אברהם און עמיר צו בלייבן ביים נאָמען קאם, איר איז דאָס לייכט אָנגעקומען, אוודאי ווייל „קם״ איז במילא עברית. דאקעגן האָבן א טייל יונגע געביטן די נעמען. פון בוים אויף אלון, פון זיגעלבוים אויף תורן, פון הירשלער אויף אילון, דאָס זעלבע איז געשען אין אמעריקע, ארגענ־

טינע, קאַנאַדע. די זין פון די ברידער, ישראל און ראובן: יאָסל אין קאַליפאָרניע, בן־ציון אין אפריקע און ארטורס אייניקלעך, די זין פון יאָסל, ארטורס איינציק געבליבענעם זון: ארטור און פיניע אין לאָס אנדזשעלעס, ציען דעם המשך־נאָמען זיגעלבוים. אויך ביי די קוזינען: לאנג און עפעלבוים אין אמעריקע זענען געבליבן די נעמען נישט געענדערט. בייטן פאמיליע־נעמען איז גורם משפחות זאָלן אין אַ דור צוויי אָפּגעפרעמדט ווערן און זיך אין גאנצן פארלירן.

נאָכן גרויסן חורבן, איז א פרייד צו וויסן, אז אין ישראל ווי אין אנדערע לענדער זענען מיר ווידער א גרויס צעוואקסענע משפחה מיט ניי אויפגעשטאַנענע יונגע דורות, טעטיקע אומעטום אויף פארשידענע געביטן פון עקאָנאָמישן סאָציאלן און קולטורעלן געזעלשאפטלעכן לעבן. מיר האָבן אין דער משפחה: ארבעטער, סוחרים, רבנים, דאָקטוירים, אַדוואָקאטן, מאָלער, אקטיאָרן, שרייבער, לערער, וויסנשאַפטלער. אין ישראל אויך: קיבוצניקעס, פילאָטן, אָפיצירן אין צה״ל און קרבנות פון אלע ישראל מלחמות.

## שמואל רויטער

א ווארעמער משפחה־מענטש און א ביז גאָר טשעקאווע טיפ, איז געווען אונדזער קוזין, דער ירושלימער ותיק שמואל רויטער „דער גייער״. ער איז געווען דער מאַן פון דער קוזינע ליבע עפעל־בוים. ביידע זענען שוין אויפן עולם האמת, פון זיי זענען געבליבן צוויי טעכטער מיט אייניקלעך און א ווארעמער אָנדענק פון א ייד א „דזשיוואק״. אין לאנד זענען זיי געקומען אין אָנהויב 20קער יאָרן. פון ארבעטן האָט דער קוזין נישט געהאַלטן, דערפאר האָט ער שטארק געהאלטן פון גיין, לייענען, תורה לערנען און שיטן וויצן און ווערטלעך. א למדן און מעשה־דערציילער איינער אין דער וועלט. צו מאכן א שפאציר פון ירושלים קיין רחובות צי תל־

אביב איז ביי אים געווען אזוי לייכט ווי צו דערציילן די פאנ־טאַסטישסטע מעשה. געהייסן האָט ער שמואל רויטער, געהאט א רויט פנים, רויטע האָר און א נאָז, וואָס וואָלט געסטאַיעט פאר דריי יידן און מיט דעם אלעם איז ער געווען א הויכער, סימפּאַ־טישער מאַן מיט א באחנט געלעכטער, דער עיקר פון זיינס אַן אייגע־נער מעשה. ער שטאַמט פון רייוויץ, התונה געהאט מיט דער קוזינע אין כעלעם, קיין פרנסה איז נישט געווען, אַ הייסער פועלי ציון איז ער יאָ געווען, זענען זיי באלד אוועק קיין פאלעסטינע.

גוט באקענט האָב איך אים אין ירושלים, ווו כ׳האָב געלעבט ווען כ׳בין געקומען אין לאנד אריין מיט 8 יאָר צוריק און געווען ביי זיי אַ בן־בית. כאָטש שוין אַ ייד אין די יאָרן האָט מיך דער קוזין פאסצינירט מיט זיין יוגנטלעכן הומאָר, שטענדיק גוטן מצב־רוח, מיט זיינע ווונדערלעכע ירושלים־מעשות וואָס ער האָט מיר דערציילט שלעפנדיק מיך איבער בערג, טאָלן און גריבער אין און ארום ירושלים. נישטאָ קיין ווינקעלע אין ירושלים צי אין גאנץ ישראל ווו ער איז נישט דערגאנגען און נישט געוווסט צו דער־ציילן די פאנטאַסטישסטע מעשות היסטאָריש באַווסטע, צי פאר־הוילענע אָדער אליין איבערגעלעבטע, אפילו ווען זיי האָבן נישט געשטימט מיט דער צייט צי לויט אונדזערע אגדות פון לאנד צי פון ירושלים, איז גוט געווען זיי צו הערן און זען זיין הנאה... געוווינט האָבן זיי אין קרית משה, זייער בית משותף האָט געהאַט א „פרדסל״ מיט עטלעכע אנעמישע פלוימעןביימלעך, האָט ער זיך געפּאָרעט ארום זיי, געגראָבן, געוואסערט, געשוירן די צווייג־לעך און לסוף געגעסן די פרוכט פון זיין מי, מיך אויך מכבד געווען מיט „זיינע״ פלוימען און מיט די מעשות פון זיין „פרדס״, און אלץ ארומגייענדיק אין שטוב. זיצן און דערציילן, דאָס האָט ער נישט געקאָנט. זיינע מעשות האָבן ארומגענומען איבער 50 יאָר ארץ ישראל: פאלעסטינע בעתן מאנדאט, קאָמישע עפּיזאָדן מיט

ענגלישע אפיצערן, ריידן ענגליש האָט ער נישט געקאָנט נאָר פאַרשטאַנען אביסל, דערפאַר האָט ער גערעדט אראביש, האט אים אן ענגלישע וואך אָפּגעשטעלט ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון אויסבאהאלטן געווער, האָט ער זיך אָנגעגעבן פאר אן אראבער און געענטפערט אויף אראביש, זאָגט דער ענגלענדער: „א רויטער אראבער? דאָס האָב איך נאָך נישט געזען". ער האָט אינטערע־סאנט דערציילט פון דער באפרייאונגס מלחמה אין וועלכער ער האָט געקעמפט, פארוואונדעט געוואָרן, אפילו פון טראגישע מאָמענטן האָט ער דערציילט מיט הומאָר, ווי מאנגער באשרייבט הערשעלע אָסטראָפּאָלערס פריילעכע לוויה אין מעזשיבעזש. אין זיין דער־ציילערישן רעפּערטואר בעל־פה, האָט מען געלאכט פון „צנע־פּעריאָד", כנסת, פּרעזידענטן, צה"ל, לאנדסלייט, חברות, שכנים, ער האָט געהאט א רייכע ביבליאָטעק ספרי קודש, עברית, יידיש. באזונדער האָט ער ליב געהאט שירים, דיכטונג. כ'בין זיכער, אז געלייענט האָט ער אויך ארומגייענדיק. זיין ווייב איז געווען א גוטע נייטאָרן, לויט אים, איז ער געווען דער פּרנסה־געבער און געטאָן אין לאנד כל מיני מלאכות: געפלאסטערט וועגן, געווען א שומר פון פּרדסים, א קיבוצניק, א פּקיד, א לערער, א שטיקל אגענט פון סחורות, א חייל קבוע, א גמרא־בלאט זאָגער אין א חברה. כאָטש קיין פרומער איז ער נישט געווען האָט ער ליב געהאט צו לערנען תורה.

וואָלט ער נישט געקומען אויף דער וועלט אין רייוויץ און אין אן אנדערער צייט, וואָלט אָט דער ייד געווען א הערשעלע אָסטראָפּאָלער, צי אַ זעלטענער אקטיאָר פון אן אייגנארטיקן מין ווערטל־זאָגער, וויצלינג, מעשה־שפּינער און גייער, לאנגפּיסיקער לאנד־מעסטער, אפשר נאָר דאָ, ווייל ער האָט אזוי שטארק ליב געהאט די ישראל ערד, די שטיינער, די לאנדשאפט. די פאַרביקע געשטאלט פון קוזין שמואל רויטער לעבט אין זכרון ביי דער משפחה

אין ישראל, ווו די משפחה האָט געלעבט אין זיין זכרון, ער האָט אלעמען געדענקט און פון אלע גערעדט, מיט יראת הכבוד האָט ער געוווּסט צו דערציילן פון אונדזער שמואלן, (ארטור) ווען ער האָט אין כעלעם געארבעט אין דער „אַליארניע" ביי דער קוזינע אסתר מאַנטיק, זיין ווייב ליבעס שוועסטער. „איך וואָלט דאָרט נישט געוואָלט פארפעצט ווערן, אָבער אייער שמואל האָט געשוויצט און געבונטעוועט די ארבעטער"...

בעת משפחה־שמחות אין ישראל ווערן רויטערס מעשות איבערדערציילט, אפילו יונגווארג האָט א הנאה, ווייל זיי געדענקען אויך זיין למדניש פערפעקטן עברית, די עלטערע געדענקן זיין היימיש יידישן חן. זינגען האָט ער נישט געקאָנט, אָבער ער האָט געזונגען, צוליב זיין פאלשן פארציען א זמרל בעת אונדזערע שפאַצירן, פלעג איך אים בעטן בעסער דערציילן עפעס. אָבער עטלעכע ווערטער פון אַ „פריזיוו־ליד" זענען מיר פארבליבן. האָב איך לעצטנס געהאט א גאסט דעם דיכטער פרץ מיראנסקי פון טאָראָנטאָ וואָס האָט געלייענט מיין ארטיקל וועגן די „יידן אין פינלאַנד" וואָס שטאַמען פון די קאַנטאָניסטן און מיין פרצקע פרעגט מיך: „קאָנסטו דאָס פריזיוו־ליד' פון דעם פעריאָד?", אַז איז דאָס ליד, וואָס מיין „רויטער" קוזין פון ירושלים האָט אזוי שיין באַגראָבן:

אלעקסאנדער, אלעקסאנדער א קייסער געוואָרן,
האָט ער ניט גענומען קיין יידישע נאַבאָרן,
ניקאָליי, ניקאָליי א קייסער געוואָרן,
האָט ער אָנגעהויבן „כאפן" יידישע נאַבאָרן.

ווי איך האָב געהערט פון דער גרויסער בראָך,
בין איך אנטלאָפן אין מיטן דער וואָך.

דער כוח צו שטאַרב;

איך בין אנטלאָפן 25 מייל,
ניט צו זיין ביי ניקאָלייען אין יידישן חייל.

25 מייל בין איך אנטלאָפן,
א פינצטערן גרוב האָב איך אָנגעטראָפן.
האָט מען מיך אין גרוב אויכעט געכאַפט,
געשלאָגן, געפייניקט, געצווונגען צו שמד.

געשלעפט מיך אין בלאָטעס 3 מעת־לעת,
איז מיין פנים געוואָרן ווי ביי א מת...
אוי וויי, אוי וויי אזא מין גזר,
האָט ארויסגעגעבן ניקאָליי דער צאר.

פון דער דערמאָנטער „אַלארניע" האָט שמואל אָפט אהיימ־געבראכט א פלאש „זשעפאק"־אייל וואָס איז געווען אונדזער „מן". מיט דעם אייל האָט מען געשמירט ברויט, שבת געמאכט ציבעלעס מיט אייל, געקאָכט זופן, געבאַקן „באָבעס" פון צעריבענע קארטאָפל. דער „מן", איז געווען אונדזער פוטער, אונדזער שמאלץ און וואָס מיר האָבן זיך געבאָדן און די מאמע האָט נאָך געהאט אייל צו שענקען א שכנטע, נאָך אזא „גבירטע" ווי זי איז געווען. דער „מן" ליגט אונדז נאך אלע אין טעם. די פעטע אייל־צייטן האָבן זיך געענדיקט, ווען שמואל איז געוואָרן א פול־צייט פונקציאָנאר אין „בונד", וואָס האָט א דאנק די באמיאונגען פון דר. פענצטערבלאו, א בונדיסט פון גאליציע, א געוועזענער אָפיציר אין דער עסטרייכישער ארמיי און וויצע בירגערמייסטער וואָס איז געבליבן אין כעלעם און דר. מירלאס, באקומען פון מאגיסטראט א גרויסע געביידע אויף לובלינער גאס. אין דער געביידע האָט דער „בונד" אנטוויקלט א ברייטע טעטיקייט, געשאפן א קינדער־היים, א קיך

פאר דער אָרעמער באַפעלקערונג מיט שפּייז פון „דזשוינט״, א קאאפּעראַטיווע בעקעריי, א ביבליאָטעק, א דראמאטישן קרייז מיט מאיר טאָרן (וואָס מ׳האָט גערופן מאיר פּענטאַק) אלס רעזשיסער. די געביידע האָט געהאט א גרויסן זאל מיט א בינע. חברים פון „בונד״ האָבן געגעסן דעם מיטאָג פון רייז מיט זיס קאָנדענסירטער מילך און ווייסע בולקעלעך אויפן אָרט. נישט־חברים האָבן אַ היים גענומען אין טעפּלעך, דאָס עסן איז געווען גאַנץ גוט, נאָר צו אַ „באָבע״ מיט אייל קומט עס נישט.

*

אין יאנואר 75, איז געשטאָרבן אין תל־אביב משהלע בוים, א קוזין וועמען אלע האָבן ליב געהאט און געשעצט. איך בין צוריק געקומען פון אויסלאנד צו די שלושים, געהערט פון זיין גרויסער לוויה, הספדים וועגן זיין ענוות און כסדרדיקע גוטהאַר־ציקייט. משהלע איז געווען איינער פון 9 קינדער פון פעטער לאָזער און מומעביילע דעם טאטנס א שוועסטער. פון דער גרויסער משפּחה מיט צוואקסענע משפּחות שוין איז געבליבן נאָר איין טאָכטער מאַטל, דעם רוב האָט היטלערס פייער פארשלונגען. זאָלן דאָ זייערע נעמען פארצייכנט ווערן לויטן סדר לזיכרון. פייגעלע, מראַדל, בריינדל, שיינדל, נתן, דבורה, משהלע און אברהם. צום נאָענטסטן לויטן עלטער האָב איך מיט משהן זיך געהאלטן צוזאמען, אויך ווי חברים. ביי אונדזער טאטנס לוויה אין א פראָסטיקן שבט־טאָג איז משה געגאַנגען מיט מיר און פּיניען האַנט אין האַנט און געוואַרעמט אונדזער יתומשאפט. זיי, די בוימס זענען געווען חסידיש־גבירישע קינדער לויטן כעלעמער סטאנדארט און מיר, די זיגעלבוימס, זענען געווען חסידיש קבצנישע קינדער לויט יעדן סטאנדארט. שיינדל און משהלע האָבן געוווסט ווען אונטער צו טראָגן אַ זיסן ביסן פון זייער טאַטנס קאַלאַניאל געשעפט וואָס איז אונטערגעגאנגען באלד נאָכן פעטער לאָזערס טויט. די מומע

ביילע איז שוין לאנג נישט געווען. די משפחה איז פאראַרעמט געוואָרן און צו די קבצנים, די וועלטשערס און מיר, איז צוגעקומען נאָך א משפּחה, די בוימס.

*

דוד וועלטשער, גערופן האָט מען אים, דודל קאָלעקטאָר, א קליין יידעלע אַ חלוש מיט א שיטער געל בערדל. געווען אַ מעקלער



משה בוים

און קיינמאָל גאָרנישט אויסגעמעקלט, אָנגעבאָטן לאָטעריע־צעטלען, א מוראדיקער קבצן מיט א קרענקלעך ווייב און זעקס קינדער: משה, זלאטע, חיים, אברהם, שבע, קיילע, זיין ווייב, די מומע פערל, איז געווען דעם טאטנס שוועסטער. דודל איז געשטאָרבן אויף זיין בעט. די מומע מיט משהן, זלאטען, חיימען זענען אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ. אברהם, שבע און קיילע זענען געבליבן לעבן, אוועק קיין ניו־יאָרק, אברהם איז עולה געווען מיט 6 יאָר צוריק, געלעבט אין דימונה ווו ער איז געשטאָרבן מיט 2 יאָר צוריק.

די צוויי שוועסטער מיט זייערע משפחות זענען ארויס פון דער ערעמקייט און לעבן אין אמעריקע.

נאָכן פעטער לאָזערס טויט, זענען די פאַראָרעמטע בוימס איינציקוויין אוועק קיין ווארשע, געוואָרן פראַלעטאריער ביי פאר־שידענע פאכן. דער פארחלומטער פאָעטישער נתן מיט א בלייך אידל פנים און מיידלש צארטע הענט, א געוועזענער מתמיד אין תורה האָט די התמדה אריבערגעפירט צו ליטעראטור, זיך געגרייט צו עקזאמענס און געטרוימט פון אן אינטעלעקטועלער קאריערע, האָט צוזאמען מיט משהן געארבעט אין ווארשע ביי קעשענע־בייטעלעך און געוואָרן א „כאלופניק״.

מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן אין יונג־טעאטער ווו פיניע, איך און ראובן האָבן געשפילט. אהיימגייענדיק האָט מען דיסקוטירט די געשפילטע פיעסע „מיסיסיפי״. משהלע, אן אקטיווער פועלי ציוניסט האָט געפאָדערט יידיש נאַציאָנאַלע מאָטיוון פון יונג־טעאטער און נתן דער בונדיסט, האָט מיט אינטעלי־גענץ און א שמיצל סארקאזם באוויזן, אז לייב מלאכס נעגער פיעסע „מיסיסיפי״ איז א יידישער מאָטיוו, מיטן חילוק וואָס זיי, די נעגער, קומען אויף דער וועלט שווארץ און מיר ווערן „פארשווארצט״...

איין חגא־טאָג זענען מיר פיר: נתן, אונדזער ברודער פיניע, משה און איך אוועק שפאצירן קיין זשאליבאָזש. פיניעס פריילן, א קראַנקן שוועסטער, האָט זיך ארויסגעדרייט פון גיין מיט פיר מאַנצפערשוינען, אַזוי האָט ער זיך געוויצלט. די פאָרשטאָט זשאלי־באָזש האָט שוין געהאט דאָס שיינע „אטענעאום״ טעאטער ווו סטע־פאן יאראטש האָט געשפילט, ס׳זענען שוין דאָרט געשטאַנען גרויסע הייזער־בלאָקן פאר ארבעטער, נאָר אויפן וועג אהין, זענען מיר געגאַנגען איבער פעלדער מיט הויכע גראָזן און מאָן־בלומען. ווי זאָרגלאָזע חדר־ייִנגלעך האָבן זיך די „מאַנצפערשוינען״ פאר־מאַסטן — ווער וועט שנעלער אָנרייסן א בוקעט פון פופציק מאָן־

בלומען, ווער וועט שנעלער דערלויפן צו דער כאַטע און צוריק צום אָרט ווו פּיניע איז געבליבן שטיין צוליב זיין קורצן אָטעם; געגעבן אַ „קאָנצערט" פאר שקצים און שיקסלעך וואָס האָבן געפּאַשעט פערד, קי, חזירים, קאָזעס. געזונגען פאר זיי און מיט זיי „זא גוראמי זא לאסאמי" און אנדערע לידער. איין שייגעצל האָט צוגעפּייפט אויף אן אליין געמאכטן פייפל פון א בעז־צווייגל. פּיניע איז געווען א מייסטער מויל־פייפער, ער פלעגט אויספייפן גאנצע אָפּערעס, האָט ער זיך באוויזן מיט זיין „פייפל" מיט „גוראלסקע" און פאָפּולערע פּוילישע פאָלקסלידלעך, און דערפאר האָבן זיי אונדז מכבד געווען מיט פרישע מילך. צופרידענע זענען מיר אוועק ווייטער און געלאָזן די פריילעכע כאַפּטע פאַסטעכער אין פעלד. דער הערלעכער שפּאציר האָט זיך ליידער געענדיקט גאַרניט פריי־לעך. אין זשאליבאָזש, איז אונדז אומגעריכט אנטקעגן געקומען אן עלטערער ייד מיט ווייסע שטיפּטלעך ארום נישט ראזירטן פּנים, אונדז אָפּגעשטעלט און געפרעגט: „וואָס קוקט עץ דאָ אאָס, זשאַ־ליבאָזש איז אונדזער ראיאָן". דאָס איז געווען הענעך פליישער, א כעלעמער שוסטער, געווען א בונדיסט און אין ווארשע אריבער צו די קאָמוניסטן. ווען ער האָט געזען אז מיר ווייסן נישט וואָס ער מיינט, האָט ער אזוי געזאָגט. „אייער ארטור מיטן גאנצן בונדישן צענטראל קאָמיטעט דינען דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי, מען דארף אייך אלע אויסשיסן". מיר האָבן ספּאָנטאַן אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער, פּיניע האָט זיך שטאַרק פארהוסט, נישט געקאָנט כאפּן דעם אָטעם, כאַטש נתן האָט דעם „רעוואָלוציאָנער" קלוג אָפּ־געשמיסן און יענער האָט פון ווייטן שוין, געפּאַכעט מיט א פויסט, גראָב געזידלט און געשריגן: „די שויבן אין דער שולע אויף מילע האָב איך אויסגעזעצט, מעט אך אלע צעזעצן די קעפּ". פון אונדזער געלעכטער איז געוואָרן א ביטער געלעכטער, ווייל פּיניע איז געזעסן אויף דער ערד אָן אן אָטעם, בלייך ווי די וואנט און ארויס געהוסט

פינטעלעך בלוט. פארנאכט זענען מיר אהיים געפאָרן מיטן טראַמוויי.

דאס טראגישע דערביי איז, וואָס מיט 4 יאָר שפעטער, האָט אזא הענעך פליישער געהאט כוח ארויפצולייגן זיין שווארצע פויסט אויף אלטער און ערליכס קעפ...

*

ווי אלע יידן אין פוילן, האָט אויך אונדזער משפחה געהאט א סך קרבנות נישט נאָר אין היטלערס געטאָס, גאז אויוונס, לאגערן, און פארטיזאנקעס, נאָר אויך אין סאָוויעטישע תפיסות צו טויט פארמשפטע, געפאלענע אויף קאטארגע, הונגער־טויטן. די לעבנ־געבליבענע, אין די. פי. לאגערן ארומגעוואלגערטע, האָבן זיך צע־שפרייט איבער ווייטע מרחקים. יאָרן זענען פארביי, ביי א טייל פון דער משפחה וואָס זענען געווען אויסער גרענעצן פון אומגליק, טליעט א מיסטעריעז שולד־געפיל, כאָטש בלויז דערפאר, וואָס מ׳איז נישט געשטאנען ביי די טויערן פון די שוין באפרייטע לאַגערן זיי משפחהדיק ארומצונעמען... ס׳איז קיין סוד נישט, אז אזא באשול־דיגונגס געפיל טראָגן אַ סך געבליבענע אין זייערע הערצער.

אין אמעריקע און דער עיקר אין ישראל האָבן זיך צונויפ־געקליבן די לעבנגעבליבענע פון אונדזער משפחה מיט ניי געבוי־רענע און שוין חתונה געהאטע קינדער, צעצווייגטע משפחות וואָס מערן זיך, כן ירבו: אונדזער מיזיניק ראובן מיט זיין משפחהלע איז געקומען קיין ישראל פון בארי (איטאליע), דאָ געלעבט א לענגערע צייט, היינט אין אפריקע מיט זיין ווייב יהודית, טאכטער ארטא און זון בן ציון. אין ישראל לעבן: פריידעלע, די איינציק געבליבענע טאָכטער פון דער מומע רבקה רעכל און פעטער בוני, דעם טאטנס ברודער, די איבעריקע: חנה שיינדל, גאָלדע, שמואל, פייגעלע, שמעון, מלכהלע, אלע מיט ווייבער, מענער און קינדער זענען אוועק מיטן היטלער־פייער. פערעלע פינקער, איז אן איינציק

געבליבענעביים לעבן פון זעקס ברידער און שוועסטער. זי איז די טאָכטער פון דער מומע דבורה און פעטער בנימין, דער מאַמעס ברודער, לעבט אין רחובות מיט אירע צוויי טעכטער, איידעמס און אייניקלעך. לייבל פינקער, לעבט אין תל אביב, איז דער איינציק געבליבענער זון פון דער מומע חוה און פעטער דוד, דער מאַמעס ברודער, אַלע אַנדערע פינף קינדער מיט די עלטערן זענען אומגעקומען אין לובלין.

משהלע בוים, וואָס איז צו אונדזער צער דאָ לעצטנס געשטאָרבן, האָט איך געפונען אין ישראל א גליקלעכן מיט זיין ווייב פרומע, קינדער: בעלאַ און שמוליק, ביידע קינדער שוין מיט אייגענע משפחות. פון דער גרויסער בוים־משפחה, איז געבליבן אין תל־אביב נאָר מאַטעלע, איר זון אהרון מיט א ווייב און קינד.

אונדזער קוזין, הרב שמואל גאָלדנער האָט צו 17 יאָר באַקומען סמיכה אין וואַרשע און באַלד אין 1935 אוועק קיין ארץ ישראל, אַלע אַנדערע 5 ברידער און שוועסטער מיט די עלטערן זענען אומגעקומען אין יונעף (יאַנאָוו). גאָלדנער איז דער זון פון פעטער יצחק אייזיק (שרייבער) און מומע שרה ייסקע, דער מאַמעס א שוועסטער. ער מיט זיין ווייב יפה וווינען אין בת ים, זייער זון אפרים שמעון איז אויך א רב און א טאָכטער שרה, חתונה געהאַט מיט קינדער. דער מאַמעס עלטערער ברודער, דער פעטער מאָטיע, מומע יענטע מיט פינף קינדער זענען אומגעקומען, געבליבן לעבן זענען: משה, רוחטשע און דער איידעם ברוך אין קאַנאַדע. א טאָטאַלן שניט, אָן איין לעבן געבליבענעם האָט געליטן די משפחה פון טאַטנס עלטערן שטיף ברודער, שמואל באַראָוויצער מיט ווייב און קינדער: טילע, יצחק, בריינדל, הערש, פּראַדל. זענען אומגעקומען מיט פאַרשידענע טויטן, בריינדל און פּראַדל האָבן געפונען זייער טויט אין פּאַריז.

*

נאָך די בוימס מאַטעריעלער ירידה, איז אונדז אין כעלעם גע־בליבן איין נגידישע משפחה, דער פעטער בענטשע לאַנג מיט דער מומע דבורה דעם טאַטנס שוועסטער. דער פעטער בענטשע האָט געהאַנדלט מיט תבואה, מעל וכדומה, געהאַט אַן אַריינפאָר־הויף, אַ קאַמעניצע און 5 קינדער: פייגעלע, בלומע, פערל, משה און מלכהלע. אין דער משפחה איז געהאַט געשען אַ גרויס אומגליק. אַ פּוילישער אָפיציר האָט זיך געשפּילט מיט זייער ערשט אייניקל אַברהמלע, באַוויזן זיין רעוואָלווער און אומגערן דערשאָסן דאָס קינד. פון די לאַנגס זענען געבליבן: פערל אין חיפה און משה אַ ציוניסטישער עסקן אין ניו־יאָרק. אַלע אַנדערע זענען אומגעקומען מיט זייערע משפחות.

פון אונדזערע גראַטעוועטע משפחה־מענטשן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דימונה, איז שוין דערמאָנט געוואָרן דער קוזין אַברהם וועלטשער, וואָס איז דאָרט געשטאָרבן. דער זעלבער בית־עולם האָט אויך שוין צוגענומען אין פריען עלטער דעם קוזין, שיעלע קראַטמאַן, אַ פּיאָנער אין נגב־שטעטל דימונה וואָס האָט איבערגע־לעבט די מלחמה מיט אַ צעקאַלעטשעטן פוס און אינערלעכער נער־וועזיטעט. אַ פאָטאָגראַפיסט, פאַר דער מלחמה געלעבט אין סאָס־נאָוויץ (פּוילן). דעם טאָג, ווען אַן עס־עס גזירה האָט צונויפ־געטריבן יידן אויף איין פּלאַץ געפירט צו ווערן צו „אַרבעט", וואָס האָט געמיינט טויט, האָט ער מיטגענומען איין פאָטאָגראַפישן אַפּאַ־ראַט. נאָך אַ סדר־נאַכט ביי אים אין שטוב אין דימונה, ווייזט ער מיר אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און דערציילט: „כ'בין געשטאַנען מיט אַ סך יידן, דער אַפּאַראַט איז געהאַנגען אויף מיין אַקסל, פּאַלאַקן זענען אַרומגעגאַנגען און געשמייכלט צו אונדז. איין פּאַלאַק, אַ שכן מיינער קומט צו און זאָגט: „מען נעמט דיך אויף זייף, גיב מיר דעם אַפּאַראַט". ער רייסט אַראָפּ דעם אַפּאַראַט און לויפט. אַן עס־עס מאַן האָט געמיינט אַז איינער פון אונדזערע אַנטלויפט האָט ער אים

דערשאָסן. איך מיטן אַפּאַראַט זענען אין ישראל און דער פּאַלאַק פוילט אין גרוב״.

געבליבן אין דימונה איז זיין יינגסטע שוועסטער לאָלא פינקלמאַן מיט א טאכטער ציפּי און א זון צבי, ביידע מיט אייגענע משפחות. זיין ווייב און זון צביקי, אין א קיבוץ. די קראַטמאַנס זענען אן אָפּצווייג פון פעטער בוניס עלטסטע טאָכטער חנה שיינדל, וואָס האָט חתונה געהאט מיט אהרון הערש קראַטמאַן און די צווייטע טאָכטער גאָלדע האָט חתונה געהאט מיט חיים וואָלף קראַטמאַן, צוויי ברידער האָבן גענומען צוויי שוועסטער און געהאַט איבער א טוץ קינדער. פון אַט די משפחות זענען נאָר געבליבן לעבן: דאָבטשע מיט איר מאַן שמואל בוכשטיין אין ירושלים מיט טעכטער חנהלע, בעלאַ מיט מענער און קינדער, עקיבא מיט זיין משפחה אין ראשון, לאָלא אין דימונה, יאָסקע (נאָך אונדזער טאַטן) אין חיפה, און דאָבע מעלניק מיט א טאָכטער און 3 זין אין תל אביב. אלע איבעריקע צוואָקסענע משפחות ביז 80 נפשות זענען אומגעקומען אין היטלער פייער. מיט א צעבראָכן הארץ און שווער געמיט מאך איך דעם חשבון פון אונדזערע טויטע, וואָס איז ווייט ווייט נישט אויסגעשעפּט. זאָלן מיר די נישט דערמאָנטע אין קברימלאָזע ערדן פון ווער ווייסט ווו, אין פון ווינט פארווייעטע אשן פון זייערע ביינער און די, על פּי נס לעבנגעבליבענע, זאָלן זיי מיר מוחל זיין וואָס זייערע נעמען זענען אין דער רשימה נישט אריין. טאקע דער משפחה־בילאַנס... האָט מיך יאָרן לאנג געשראָקן... די לעצטע פּאָר יאָר, זוך איך זיי אויס, רוף זיי ארויס פון מיין געדעכעניש, פון אנדערע, איך לעב מיט זיי טעג און נעכט און טראכט — צי איז דאָס אלץ טאַקע געשען? פארוואָס און וויאזוי, האָבן מענטשן בצלם אלוקים, אויס־שטודירטע אין אוניווערזיטעטן, מענטשן וואָס האָבן ליב קונסט און ליטעראטור, מענטשן וואָס האָבן געלייענט געטען און שאָפּענ־האַער, מענטשן וואָס קאָנען זיין אזוי ליב צערטלעך צו א הינטל

און אַ קעצל, גלעטן אַ קינדס קעפּל, זיך אַנטציקן פון וואַלפּורגיס־נאַכט, פון ראַינער מאַריאַ רילקעס לידער, פון בעטהאָווענס מוזיק. וויאַזוי האָבן די זעלבע געקאָנט אויסטראַכטן ראַפינירטע מעכאַניזמען צו פאַרסמען, פאַרניכטן מענטשן, נישט קאַלטבלוטיק, נאָר מיט הייסער הנאה טאָן די מאָרד אַרבעט. עקספּערימענטירן און מעדיציניש פאָרשן אויף גופים פון יידישע קינדער צו זען, ווי לאַנג קאָן אַ קינד לעבן מיט פאַרמאַכטע אַרויסלאָז־אָרגאַנען.

## די געלע לאַלקע שמואלס כלה

פייגע דערציילט, אַז ביז פּיניעס געבוירן, האָבן מיר געוווינט אויף דער קיילער גאַס, דערנאָך איז מען אַריבער אין אַ דירה צו אַ גוטן קריסט סטאַך, אַן אַלטער בחור וואָס האָט געוווינט מיט זיין מאַמען און געפירט אַ געהיימע ליבע מיט חוהלע דעם מילנערס וואָס האָט זיך געלערנטביים טאַטעשי שרייבן. איך בין געווען סטאַכס ברייוול־טרעגערן צו חוהלען, אַ צעפּיעשטשעט גביריש שיין מיידל מיט שוואַרצע צעפּ און בלויע אויגן. אַ גרויס־האַלטערקע, האָט זי זיך ליב געהאַט צו שפּילן מיט שמואלס בלאָנדע פּיאַהלעך, זיי פאַרשאַרן הינטער שמואלס אויערן, דערפאַר האָט זי אונדז געבראַנגט קאַראַמעלקעס אין בלויע פּאַפּירלעך. שמואלן און מיר איז געפעלן איר שפּיל מיט די פּיאות, דער מאַמעשין נישט. האָט זי צוגעוואָרפן צום טאַטעשי. „יאָסקע, הייס דער מויד רעדן אַ שידוך״... איינמאָל, האָט מיר חוהלע געבראַנגט אַן אמתע לאַלקע, אַ שיינע מיט געלע לעקעלעך. אַלע שכנישע מיידלעך האָבן זיך געשפּילט מיט איר און ריכטשע דעם מאָלערס האָט איר אַ נאָמען געגעבן „שמואלס כלה״. ווען שמואל איז געקומען פון חדר, איז זי אים אַנטקעגן געלאָפן מיט דער לאַלקע: „האָסט אַ שיינע כלה, אַ געלע״ און צעקלונגען איר קוויטשיק געלעכטערל. שמואלן איז די „כלה״ נישט געפעלן, האָט ער זי אַריינגעוואָרפן אין פּאַמישאַף

אריין. איז די „כלה" צעגאַנגען אין שמוציקן וואַסער. אַ צעוויקסט שטיקל פּאַפּיר־קלאַטשע, געלע אויסגעצויגענע הערעלעך זענען אַרום געשווומען אין פּאַמישאַף. איך האָב געוויינט, די מאַמעשי האָט געפּאַטשט שמואלן אין הינטן אַריין און דער „העלד" האָט געלאַכט.

חוהלעס ליבע האָט זיך געענדיקט זייער טרויעריק, זי האָט זיך דערטרונקען אין טייך לעבן איר טאַטנס מיל. גאַנץ קראַסנסטאַוו האָט געוויינט און ס'האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. אין זעלבן הויז ביי דעם קריסט האָט אויך געוווינט דער זיידע יעקב מיט דער באָבע רבקה, זיי האָבן פֿאַר אונדז באַקומען די דירה. דאָרט האָבן אויך געוווינט חנה די נאַפּטשערקע און מיזשע. צוליב דער נאַפּ־טשערקעס קאַנען נאַפּט האָט געשטונקען אין לאַנגן קאָרידאָר. מיזשע האָט שטענדיק געשריגן אויף איר בן־יחיד שאָלעכל, זי איז געווען אַ בייזע יידענע, די מיזשע, ווייל זי האָט נישט געקאָנט האָבן מער קיין קינדער. גאָט האָט זי פֿאַרשעמט, פֿאַרשאָלטן, פֿלעגט זי זאָגן דער מאַמעשי. אין הויף איז געווען אַ סאָד וואָס האָט זיך געצויגן ביזן טייך. דער גוטער בעל־הבית, דער קריסט האָט אונדז געלאָזט רייסן אַגרעסן, וויינפּערלעך, פֿלוימען, וואָס איז אונדז שטאַרק צונוץ געקומען זומער־צייט און די מאַמעשי האָט פֿון זיי געמאַכט פּאָווידלע מיט איינגעמאַכץ אויף ווינטער. דורך דעם הויף איז געווען אַ שטעגל צום טייך. זענען מיר געלאָפֿן זיך באָדן. דער טאַטעשי אויך, אָבער נאָר פֿרייטיק פֿאַר ליכט בענטשן. ישראלקע איז געווען אַ גאַנצער שווימער, זיין פּאַטשן מיט די הענט אין וואַסער האָט אָפּגעהילכט אויף דער בלאָניע אַנטקעגן פּאָסטעכער האָבן באַוווּנדערט ווי גוט ער לייגט „קלאַפּטער". אין הויף האָט דער קריסט געהאָדעוועט חזירים און געהאַלטן אַ פֿערד מיט אַ פֿאַראָבעק, אַ הויכען שייגעץ. דורך אונדזער קאָרידאָר פֿלעגט ער אַ דורך פֿירן די חזירים מיטן פֿערד פֿון דער פּאַשע,

האָט די מאַמעשי געעפנט די טיר פּונקט ווען דאָס פערד איז פאַרביי און די קלאַמקע האָט א קראַץ געטאָן דאָס פערד אין בויך, אַז דער גוי האָט דערזען פערדיש בלוט, האָט זיך די יוכע ביי אים אָנגעצונדן, איז ער אריין אין שטוב און דערלאַנגט דער מאַמעשי א פאַטש, אַז זי איז אַנידערגעפאַלן, ס'איז געוואָרן א בהלה, דער טאַטעשי איז אַוועק צום בעל־הבית סטאַך פרעגן היתכן ?... סטאַך האָט איבערגעבעטן דעם טאַטעשין, פאַרגיטיקט און געבעטן ער זאָל נישט מאַכן קיין ספּראַווע, ווייל סטאַך האָט געוווּסט, אַז דער טאַטעשי ווייסט פון געזעץ.

צום טאַטעשי זענען געקומען פויערים פון דאָרף, מיט אַלע ספּראַוועס, שרייבן פּראָשעניעס, רעדן פאַר זיי אין „סאָנד״, גיין מיט זיי צו נאַטשאַלסטווע.

א חוץ די דירות אויף דער גראָבלע און זאַקרענטשע, האָבן מיר געוווינט ביי סטאַכן לעבן טריסקער שטיבל, דאָרט זענען געבוירן געוואָרן: פאַוויש, חנהטשע, אברהמטשע און ראובן. דאָרט זענען געווען די חדרים ווו אַלע אַנדזערע ייִנגלעך האָבן געלערנט, פריער ביי פישעלע דעם דרדקי מלמד, שפּעטער ביי מאָטעלע דעם גמרא מלמד און אין טריסקער שטיבל. דער זיידע איז געווען חזן אין גרויסן בית מדרש, כאָטש ער איז געווען א קוזמירער חסיד אויך זיינע זין זענען געווען חסידים. דער טאַטעשי האָט געדאַווענט אין טריסקער שטיבל. קיין שטיבל־זיצער איז דער טאַטעשי נישט געווען, נאָר פון לערנען תורה מיט זיינע יידן האָט ער געהאַט גרויס פאַרגעניגן.

פאַר ר׳ אַזשען, א מלמד פון רייכע קינדער, א טריסקער חסיד, א בעל מטופּל מיט קינדער, האָבן אַלע מיידלעך אין קראַסנסטאַוו געציטערט, ער האָט נישט דורכגעלאָזט א מיידל ער זאָל איר נישט א קניפּ־טאָן אויף א געוויס אָרט... דערפאַר האָבן די ברידער פון די מיידלעך זיך אין אים נוקם געווען תשעה־באָב אין שטיבל

ביי די קינות, מ׳האָט אים פאַרקאַלטענעוועט די באָרד און דעם קאָפּ מיט שטעכיקע „באָזשעקעס״, ער האט געמאכט געוואלדן און יידן אין די זאָקן אויף איבערגעדרייטע בענק געהילט אין תשעה־באב־עצבות האָבן דערפון א הנאה געהאט און געזאָגט: „א מצוה אויף דיר, ווייבערניק״. זיין ווייב האָט דערפון געוווסט און אויך געהאט אַ נקמה, אים נישט געוואָלט מיטגעבן קיין האָנטעך צו פאַרדעקן די באָרד.

אז דער טריסקער רבי איז איינמאָל געקומען קיין קראסנסטאוו, האָבן די מיידלעך געבעטן די טאטעס, זיי זאָלן דערציילן דעם רבין פון זיין חסידס מעשים, האָבן די טאַטעס אָפּגעהאַלטן אן אסיפה און באַשלאָסן אים נישט מבייש צו זיין פארן רבין.

אונדזער מאמעשי איז געווען א זייער ענערגישע פרוי, זי האָט שטענדיק געאַרבעט, געטראָגן, געזייגט, געלאָפן אָנזייגן אנדערע קינדער, איז שטענדיק געווען ארומגערינגלט מיט א קרענצל אייגענע קינדער, וואָס זענען שוין ארומגעקראָכן זיך צו ווארעמען אין מאמעשן גוף דער עיקר ווינטער צייט, פון דער מאמעשן האָט ממש געשמעקט מיט זיס ווארעמער מאמעשקייט.

איך, די „גרויסע״ טאָכטער האָב ארויפגעקוקט אויפן גרעסערן ברודער שמואל, וואָס האָט זיך קיינמאל נישט געוואלט שפילן מיט מיר, ער איז געווען א שייך, בלאָנד יינגעלע, געהאט זיינע חברים, וואָס האָבן אים מקנא געווען צוליב זיין שיין זינגען ביים זיידן. דער טאַטעשי האָט זיך יאָ מיט אים טיילמאָל געשפּילט, אויפגעהויבן אים ביז איבערן הילצערנעם ווענטל, וואָס האט אָפּגעטיילט ס׳קיכל און זיך געשטעלט אויפן באַנק־בעטל, אויפגעהויבן שמואלן ער זאָל דערגרייכן ביזן סופיט און שמואל האָט הויך געלאכט, פאר א טובה ווענן, האָט דער טאַטעשי מיך אויך א הויב געטאָן. קיין סך צייט פאר קינדער שפּילערייען האב איך שוין נישט געהאט, כ׳האב געדאַרפן העלפן מיט שטוב־ארבעט און האָדעווען די יינגערע, משהן, חוהן,

שפּעטער איז דאָס האָדעווען די ייִנגערע אַריבער צו חוהן און איך האָב שוין געהאָלפן דער מאַמעשי אין שניידעריי. חוה איז געווען זייער גוט צום קליינוואַרג, פלעגט די מאַמעשי צוקוקן און זאָגן: „גאָט גיט מיר קינדער זיי זאָלן האָדעווען מיינע קינדער".

## „מאַנאַ־וואַנאַ"

אַז איך טראַכט פון חוהן, ווײַנט אין מיר דאָס האַרץ, זי האָט נעבעך געהאַט דאָס ערגסטע מזל אין שטוב, ווײַל צווישן איר און חנהטשען, זענען געווען צוויי ייִנגלעך פיניע און פייוויש, איז זי געבליבן די רוימערקע, די קעכן, די וועשערן, שטענדיק פאַרהאָרע־וועט, אַ מיידל אין וואַקסן האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט פאַר חברטאָרנס, פאַר חברים. צו צען יאָר, איז זי געוואָרן די ניאַנקע, די קעכן אַלץ, אַלע יאָרן. נאָכן טאַטעשיס טויט, האָבן שמואל און איך געזען, אַז די ייִנגערע זאָלן גיין אין שולעס, אין שטוב האָבן אַלע אָנגעהויבן לייענען ביכער. נאָר חוה האָט קיין צייט נישט געהאַט, בלייבן הינטערשטעליק האָט זי דאָך נישט געוואָלט, איז זי אַ מידע נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט געבליבן אין קיכל גאַנצע נעכט לייענען ווען אַלע זענען געשלאָפן. פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט איר גענומען אַ לענגערע צייט איבערצולייענען אַ בוך. די ייִנגלעך זענען געווען גיכע לייענער, האָט זיך חברה פריילעך געמאַכט און חוהן אַ נאָמען געגעבן „מאַנאַ וואַנאַ". איך געדענק נישט וואָס פאַרא בוך דאָס איז געווען וואָס חוה האָט געלייענט אַ גאַר לאַנגע צייט און פאַרוואָס „מאַנאַ וואַנאַ". („מאַנאַ וואַנאַ", איז מאָריס מעטערלינגס אַ דראַמע איבערגעזעצט אויף ייִדיש דורך א. פרומקין. די דראַמע אויף ייִדיש איז אַרויס אין לאָנדאָן אין יאָר 1909, פ.ז.). „זי האָט אָפּגעפּינצטערט איר יוגנט, אַזאַ איז אויך געווען איר ביטערער סוף. קורץ פאַר דער מלחמה האָט זי חתונה געהאַט. ווען און ווו איר מאַן, אייזיק פרייד־לענדער איז אומגעקומען האָט זי נישט געוווּסט. איינזאַם, אַ געשוואַ־

לענע פון הונגער איז זי אויסגעגאַנגען אין אוזבעקיסטאַן, האָבן צוריקגעקומענע מיר דערציילט".

איך טראַכט, מיט וויפיל טויטן קאָן א מענטש שטאַרבן?... אלע טויטן האָבן דעריאָגט אונדזער בלוט און פלייש: גאָלדע און רבקה־



פון לינקס אונטן: פיניע, פריידעלע, פייוול זיגעלבוים.
אין מיטן: פראַדל זיגעלבוים, דבורה בוים, רחל פינקער.
שטייען: מלכה'לע און חוה זיגעלבוים.

לעס גאַז־טויט, מאַניע און ארטעקס פייער־טויט, חוהס הונגער־טויט, פיניעס קויל־טויט, משהס פאַרפייניקטן־טויט דורך ען־קאַ־וואַ־דע, רוזשקע מיט איר קינדס־טויט צווישן קלעצער אין פּאַנאַר, אייזיקס וואַסער־טויט און דער מאַמעשיס טויט, באַגראָבן צו ווערן לעבע־

דיקערהייט. ווער האָט אויסגעטראַכט אַזויפיל טויטן? בין איך צו־פרידן מיט מיין עלטער — נאָענט פון אַזאַ וועלט אוועקצוגיין. אונדזער גרויסע טרייסט איז אפשר דאָס לאַנד ישראל. ווען מ׳האָט אונדז געשאָכטן האָט אונדזער ברודער שמואל, זייער פאַרשטייער, נישט געהאַט קיין טיר אָנצוקלאַפּן, נישט געהאַט צו וועמען צו שרייען „העלף!", אַלע משוגענע הינט: דייטשן, פּאָליאַקן, אוק־ריינער, ליטווינער, אַלע האָבן געקאָנט הרגענען יידן פּראַנק און פריי.

א פינצטערע וועלט האָט פאַרלאָשן אַזויפיל ליכטיקע יידן...

*

משה איז געווען אַ „שלעכץ", נישט געוואָלט גיין אין חדר, געשלאָגן אַלעמען, געשפּילט אין פּאַלאַנט און גליטשקע, וואָס האָט געפּאַסט נאָר פאַר לאָבוסעס נישט פאַר יעקב שוחטס אייניקל, נאָר אים האָט דער טאַטעשי אַ מאָל געגעבן אַ פּאַטש. די מאַמעשי האָט געהאַט אַ סך צער פון אים, דערפאַר האָט זי געהאַט אַ סך נחת פון ישראלקען, אים האָט מען גערופן: ס׳רעבבעלע, געהאַט אַ גוט קעפּל צום לערנען און איז געווען זייער פרום. צו דרייצן יאָר איז ער געווען בעל־קורא, איין שבת נאָכן עסן, האָט דער טאַטעשי געהייסן ישראלקען ער זאָל פאַרהערן משהן די פּרשה פון דער וואָך, איז משה, אַ פאַרשעמטער, אַנטלאָפן פון שטוב, נישט געפאָלגט דעם טאַטעשיס צוריק רופן און אַ היים געקומען שפּעט ביי נאַכט, טאַקע יענעם שבת צונאַכט האָט אים דער טאַטעשי דערלאַנגט אַ פּאַטש.

ישראלקען האָט מען גענומען צו פאַרהערן אַ חתן־בחור אין תורה. ער איז געווען אַ יחסן אין שטוב, נישט געבערענגט קיין וואַסער פון טייך. גראָד דאָס האָט משה גערן געטאָן און מיר, די מיידלעך נישט אַזוי גערן. משה האָט ליב געהאַט צו האַקן האָלץ און צו שלאָפן שפּעט, אַז מיר האָבן אים געוועקט צו גיין אין חדר אַריין, האָט ער געקאָפּעט מיט די פיס און אַרויסגעשטעקט די צונג

ביז די מאַמעשי האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון בעט: „שטיי אויף תּכשיט מיינער, די קאַץ וועט דיר אויסלעקן די אייגעלעך". ער איז אַרויס פון שטוב אָן אַ מודה־אני, נישט געוואַשן, נישט געגעסן, פלעגט איך אים ברענגען אין חדר אַריין זיין אָנבייסן. דער טאַטעשי האָט געהאַט טענות צו מאַטעלע מלמד, וואָס ער זעט נישט, אַז משה זאָל וועלן לערנען, מיט ישראלקען, מיטן רעבעלע האָט משה גאָרנישט געלעבט בשלום, ישראלקע האָט אים אויסגעמיטן און גערופן: גוי, פּאַוולינאַ.

## שמואל דער „וואַרשאַוויאַק"

שמואל איז שוין געווען אין וואַרשע, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגעהאַקט צוויי שטיקלעך פינגער אין דער פּודעלע־פאַבריק איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פּאַרמראַ־שחורהטער און גערעדט וועגן פאָרן קיין וואַרשע אַרבעטן ביי אַ פאַך. דער טאַטעשי איז מסכים געווען, געשריבן אַ בריוו צו זיין האַלבן ברודער יעקב ראַטענבערג, וואָס האָט געוווינט אין וואַרשע און אַהין איז שמואל פאַרפאָרן. פאַרוואָס ער האָט נישט געוווינט ביים פעטער יעקב האָט ער נישט געזאָגט. אַהיים קומען פלעגט ער נאָר אויף פּסח, ברענגען פון וואַרשע שיינע זאַכן, ער איז געגאַנגען שיין אָנגעטאָן, געוואָרן אַן אַנדערער מענטש, אַן אַנדערער ברודער, האָט זיך מיט אונדז געשפּילט, געזונגען נייע לידלעך, טייל וואָס ער אַליין האָט אָנגע־שריבן די ווערטער און צוגעפּאַסט מעלאָדיעס. אַלע יינגלעך האָבן געקלעפּט אַרום אים און אים מקנא געווען, ער איז מיט זיי געגאַנגען שפּאַצירן אויפן לובלינער שאָסיי, דערציילט פון וואַרשע און גע־וועקט ביי אַלע דעם חשק אויך צו פאָרן און אַזוי איז טאַקע געשען, זיין קומען אַהיים האָט פריילעכער געמאַכט דעם יום־טוב, די קראַסנסטאַווער בחורים האָבן אַרויסגעוויזן גרויס דרך־ארץ צום „וואַרשעווער" פּאָעט, הענטשקע־מאַכער, וואָס לייענט זיי פאָר זיינע

שאפונגען, דערציילט פון ארבעטער פאַרזאַמלונגען, פון פרצן מיט די וואַנצעס, פון סיראַטעס שול, פון א גרויסער וועלט וואַרשע, דער חלום פון אלע בחורים אין קליינע שטעטלעך.

דעם פסח פון יאָר 1913, האָט שמואל, שוין א דערוואַקסענער אין טאטע מאמעס אויגן, גערעדט מיט זיי, אז ס׳איז א פּלאַן איך זאָל מיט אים מיט פאָרן קיין וואַרשע. די מאמעשי האָט נישט גע־וואָלט הערן דערפון, האָט ער איר דערציילט פון פעטער יעקבס שטוב, „זי וועט זיין ווי אין דערהיים״, כאָטש מיר האָט ער באלד דערציילט פון דער שלעכטער קוזינע בראַניע. אחוץ דעם האָבן מיר אין וואַרשע א משפחה פון קראַסנסטאַוו, גיטעלע און שמואל ראָזנפעלד, א העברעאישער לערער, איך בין דאָרט אַן איינגייער, זיי וועלן אויך אויף איר אכטונג געבן, ווי אויף אַן אייגן קינד״. איך האָב זיך צוגעהערט, מיין הארץ האָט געציטערט פון פרייד און כ׳האָב שמואלן נאָך מער ליב באַקומען. איך בין אלט געווען 16 יאָר, ווען כ׳האָב געפּאַקט מיין קיישל צום פאָרן, האָב איך געוויינט און געלאַכט. די מאמעשי האָט נאָר געוויינט און מיר אָנגעזאָגט ווי א דערוואַקסן מיידל דאַרף זיך נוהג זיין. זי האָט מיר מיטגעגעבן אונטערהייזלעך פון רויטן קאַליר. כ׳האָב איר צוגעזאָגט צו עסן כשר און געהאַלטן וואָרט. די באַן איז געפאָרן א טאָג מיט א נאַכט, כ׳האָב געמיינט אַז כ׳פאָר איבער דער גאַנצער וועלט. אַזויפיל סטאַציעס, אַזויפיל מענטשן אריין און ארויס פון באַן. מיין הארץ האָט געקלאַפּט ווי די רעדער פון באַן. ביי יעדער סטאַציע האָב איך געפרעגט שמואלן: „מ׳איז שוין אין וואַרשע?״. שמואל האָט געשמייכלט אין דרימל מיך געגלעט און געהיטן, ווי א גוטער טאַטע, כאָטש ער איז נאָר צוויי יאָר עלטער פון מיר האָט ער זיך אויפ־געפירט ווי א טאטע מיט א נאַיוו קינד, וואָס מ׳דאַרף היטן און לערנען. ער האָט ארויסגענומען א יידיש ביכל, מיך געהייסן לייע־נען: י. ל. פרץ „מאָניש״. ער האָט פאַר מיר פאָרגעלייענט גאַנץ

מאַניש, מיר געגעבן צו פאַרשטיין, דערציילט וועגן פּרצן, גערעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג ווי מ׳רעדט פון אַ הייליקן, ער האָט גע־שילדערט, ווי פּרץ זעט אויס, ווי ער גייט אָנגעטאָן: „דו האָסט אים געזען?״ האָב איך אַ צעפּלאָמטע געפרעגט, „דו ווילסט אים זען?״ האָט שמואל שטיל געפרעגט. „מ׳קאָן?״ האָב איך ווידער געפרעגט מיט זיכערקייט אַז ניין, ווייל אַזאַ הייליקער וווינט דאָך ערגעץ אין אַ צויבער פּאַלאַץ און נאָר גרויסע לייט קאָנען אים זען. „וועסט אים זען, וועסט אים זען, פייגעלע. אין זאַקסישן גאָרטן קאָן אים יעדערער זען, ער שפּילט זיך דאָרט מיט קינדער און די שכינה רוט אויף אים״. דאָס האָט מיך אַזוי צענומען, אַז כ׳האָב זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. איך האָב געוויינט און שמואל האָט געלאַכט, מיך געקושט און געזאָגט: „דאָס איז אַ סימן, אַז פּרץ איז דער אמתער פאָלקס דיכטער, דאָס „פאָלק״ וויינט פון פרייד... ביסט נישט בייז וואָס כ׳שלעפּ דיך קיין וואַרשע זען פּרצן?״. אויף אָן ענטפער האָט ער נישט געוואַרט, נאָר מיך געטוליעט צו זיך, געקלאַפּט אין פּלייצע, טאַקע ווי אַ קליין קינד. די פּאַסאַזשירן אין וואַגאָן האָבן זיך געוווּנדערט פון די „ליבע סצענעס״... כ׳בין נישט זיכער צי זיי האָבן געגלייבט, אַז ער איז מיין ברודער.

ס׳איז געווען פאַרטאָג, אַ נעפּל האָט פאַרשטעלט די וועלט, כ׳האָב נאָר געזען לאָמפּן ווי זיי וואָלטן געהאָנגען אין הימל און אונטן, לעמפּלעך וואָס וויגן זיך ווי אַ גייער פון אַ זייגער. אין וואַגאָן זענען אַלע געשטאַנען מיט טשעמאָדאַנעס און פּעקלעך פאַרטיקע צו גיין, די באַן איז געפאָרן לאַנגזאַם, נאָר מיין האַרץ האָט געקלאַפּט גיכער, כ׳האָב שוין געהערט קולות אויף רוסיש, די וויגנדיקע לעמפּלעך זענען אין הענט פון „קאָלעיאַזשעס״, די באַן סאַפּעט אויס אַ ווייסע פאַרע איבער אַ שילד „וואַרשאַוואַ״. „וואַרשע! שמואל! וואַרשע!״. מיך האָט געוווּנדערט זיין קאַלטקייט און רואיקייט, ווען

אַלע פון וואַגאָן, מידע מיט פאַרגלאַנצטע פּנימער פון נישט וואַשן זיך, מיט פּעק אין די הענט האָבן זיך געשטופּט צו דער טיר, איז שמואל געזעסן מיט אונדזערע פּעקלעך, ווי גארנישט...

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. שמואל האָט געטראָגן מיין קיישל אויך. „דאָס איז דער דאַנציגער וואָקזאַל". „וואָס הייסט?" האָב איך געזאָגט, סי דאָך וואַרשע נישט דאַנציג? שמואל האָט מיר אַ רייב געטאָן איבערן פּנים, געלאַכט און גאָרנישט געזאָגט. דאָס האָט מיך פאַרדראָסן, אָבער כ'האָב אויך געשוויגן, זיך איינגעהערט אין קלינ־געריי פון טראַמווייען, צום ערשטן מאָל געזען אַזויפיל מענטשן, כ'האָב געהאַט אַ סך צו פרעגן שמואלן, אָבער זיך שוין געשעמט פאַר מיין „גרויסן ברודער". מיר זענען אריין אין אַזאַ קלינגענדיקן טראַמוויי און ווידער אויסגעפאָרן אַ וועלט מיט שיינע גאַסן מיט אָן אַ שיעור לויפנדיקע מענטשן אַזוי פרי. כ'ווייס אין קראַסנסטאַוו שלאָפן נאָך אַלע, האָב איך גובר געווען מיין בושה און געפרעגט: „ווּהין לויפן זיי אַזוי פרי?" „דאָ גייען מיר אַראָפּ", האָט ער גיך געזאָגט. אויף לעשנע גאַס, לעבן אַ קלויסטער, וואָס אַ העלפט איז נאָך געווען אין טומאַן זענען מיר אַראָפּ פון טראַמוויי, מיר זענען געבליבן שטיין, כ'האָב נישט געוווּסט וואָס שמואל טראַכט, ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ קאַוויאַרניע, אַ דיקע ליבע פרוי האָט אָנגע־נומען, אַז מיר זענען אַ יונג פּראָווינצער פּאָרפאָלק און ס'איז איר חוב אונדז צו פאַרהיטן פון בייז אין דער גרויסער שטאָט, איז זי געבליבן ביי אונדזער טיש מיט מאַמעשי רייד אונדז צו לערנען, זיך אויסגעפרעגט צי מיר האָבן דאָ קרובים, וואָס פאַרא אַרבעט מיר זוכן. ווען זי האָט געהערט אַז מיר זענען שוועסטער און ברודער און אַז יעקב ראָטנבערג פון קעגן איבער איז אונדזער פעטער און אַז שמואל דער „קאַוואַלעזש" איז אַ „וואַרשאַוויאַק", איז איר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ, געמאַכט קאָמפּלימענטן מיר, דער „פּאַניענקאַ" מיטן „קאַוואַלעזש" און מיר פאַרגעשטעלט איר זון, אַ בחור מיט

פּיאות און בערדל... דעם ערשטן פרישטיק מײַנעם אין וואַרשע וועל איך נישט פאַרגעסן.

מיר האָבן געוואַרט ביז 8 אַזייגער, כדי אָנצוקלאַפּן אין פעטער יעקלס טיר. זײַן טאָכטער בראָניע האָט געעפנט די טיר מיט אַ זויער פּנים. דער פעטער איז געלעגן קראַנק אין בעט, אין שטוב איז געווען טונקל און טרויעריק. טוכלער גאַז־ריח האָט מיך גע־שטיקט. דער ברוך־הבא האָט צעשטערט מײַן פרייד און ס׳איז מיר אויך געוואָרן טונקל אין הערצל, דער עיקר, ווײַל בראָניע האָט נישט געקאָנט פאַרשטעלן איר אומצופרידנקייט מיטן גאַסט. שמואל און איך האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק, צו טרייסטן בראָניען האָט ער איר געזאָגט, אַז ער האָט אַ סטאַנציע פאַר מיר נאָר ערשט פון מאָרגן, „כ׳וועל לאָזן דאָ איר קיישל און גיין געווויער ווערן״. פון דעם ליגן איז בראָניע געוואָרן אַ מונטערע, אפילו נישט אָפּ־געלאָזט, נאָר מיר מוזן טרינקען אַ גלאָז טיי.

דער פעטער יעקל איז צוגעקומען צום טיש אין שלאָפראָק, זיך אויסגעפרעגט אויף דער משפּחה אין קראַסנסטאַוו, זיך געקלאָגט אויף די דאָקטוירים, וואָס מאַכן אים נאָך מער קראַנק און מרמז געווען אויף זײַן טאָכטער... „אַ שאָד פייגעלע דאַרפסט גיין צו פרעמ־דע אויף סטאַנציע״...

אויף דער לעשנע גאַס בין איך געגאַנגען אַ פאַרקלעמטע און שמואל איז געגאַנגען מיט זײַן האָפּקעדיקן גאַנג, דערפאַר האָט מען אים גערופן „האָפּקאַזש״ און געזונגען אַ ניגון צו די ווערטער:

„איז פייגעלע געקומען קיין וואַרשע
צו אַן איידעלער קוזינע בראָנקע
האָט זי איר באַגעגנט מיט אַ „ניאַנקע״,
די איידעלע קוזינע בראָנקע...

ער האָט מיך געהאַלטן ביי דער האַנט, מיר זענען געגאַנגען און געלאַכט, ס׳איז מיר פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן, אַזוי זענען מיר אַריין צו די ראָזענפעלדס. ליבע, האַרציקע קראַסנסטאַווער מענטשן, זיי האָבן זיך מיט מיר זייער דערפרייט. כ׳האָב געזען, אַז שמואל איז ביי זיי אַן אייגענער, אויך איך האָב זיך באַלד דער־פילט ווי אין דער היים, זיי האָבן נישט געוואָלט הערן וועגן גיין זוכן אַ סטאַנציע פאַר מיר, נאָר כ׳זאָל וווינען ביי זיי. און ביי זיי בין איך טאַקע געבליבן.

שמואל האָט געוווינט ביי אַ פאַמיליע אויף וואָלינסקי גאַס, אויך ליבע מענטשן, זיין „צימער" איז באַשטאַנען פון אַ „לעזשאַק" וואָס מ׳האָט אויפגעשטעלט ביינאַכט, ער האָט איבערגעלאָזט זיינע זאַכן און מיר זענען אַוועק צום פעטער נעמען מיין קיישל. די „איידעלע" קוזינקע איז געווען אַזוי ליבלעך, אַז זי האָט מיך אַזש געקושט, אַרויסבאַגלייט צו די טרעפ מיט: „זאַאַטס נישט קאַ געסט"...

מיר האָבן זי געפאָלגט און נישט געווען „קאַ געסט" ביי איר...

מיין קיישל איז נישט געווען שווער, איז שמואלן געווען לייכט דערמיט צו טאַנצן אין גאַס און זינגען די צווייטע טייל:

איז פייגעלע אַוועק צו גאַנץ פרעמדע,
האָט מען זי באַגריסט ווי אַ בת מלכה.
נישט ביי פרעמדע נאָר ביי אַלט־באַקאַנטע,
וועט פייגעלע בלייבן אַ קוואַרטיראַנטקע.

אַזוי איז טאַקע געווען, כבין געבליבן וווינען ביי די ראָזענ־פעלדס און ס׳איז מיר געווען ווויל ווי די וועלט, נאָר עסן ביי זיי געקעכץ האָב איך נישט געקאָנט, ווייל ס׳איז ביי זיי נישט געווען כשר, האָבן זיי מיך גערופן „גבאיטע", נאָר ס׳איז זיי געפעלן גע־וואָרן, וואָס כ׳האַלט מיין צוזאָג דער מאַמען צו עסן נאָר כשר. כ׳האָב געאַרבעט שניידעריי ביי קינדערישע קליידלעך, די ערשטע

צייט איז שמואל געקומען אין וואַרשטאַט אַריין מיך אַהיים פירן און שטענדיק געהאַט אַ ניי ביכל פאַר מיר. כ'האָב געאַרבעט, גע־לייענט ביכער, געגאַנגען מיט אים שפּאַצירן, צו רעפעראַטן, ער האָט מיך גענומען אין קאַמינסקי'ס טעאַטער. צו די ראָזנפעלדס פלעגן יעדן שבת קומען אַלע קראַסנאָסטאַווער, גיטל איז געווען אַ גוטע בעלביתטע, אַ גאַנצן פרייטיק האָט זי געבאַקן היימישע מאָן־קיכלעך מכבד צו זיין די שבת־געסט. מ'האָט געגעסן, געטרונקען טיי, שמואל האָט שיין גערעדט, וועגן ביכער וואָס ער לייענט און פאַרגעלייענט וואָס ער אַליין שרייבט. אַלע האָבן אים זייער ליב געהאַט, געשלונגען יעדעס וואָרט, אפילו וואָס מ'האָט נישט פאַר־שטאַנען.

אין וואַרשטאַט האָב איך געקריגן חברטעס, איינע האָט זיך גאָר געשאָרט צו מיר, מיך פאַרבעטן פרייטאָגצונאַכטס צו זיך אַ היים, אירע עלטערן זענען געווען פרומע האָב איך געקאָנט עסן, זי האָט אפילו געזאָגט: „אויב דו ווילסט, פייגעלע, קאָנסטו ביי אונדז וווינען מיט אַ „בעטל". איך האָב געוווּסט אַז דאָס אַלץ איז צוליב שמואלן, ווייל אַז זי האָט אים דערזען, איז זי געוואָרן רויט ווי אַ פייער...

## איך האָב געזען פּרץ'ן

איין שבת פרי איז שמואל געקומען אונדז אַלע נעמען אין זאַקסישן גאָרטן אויף אַ שפּאַציר. גיטל האָט מיך געהאַלטן ביי אַ האַנט און געגאַנגען אין איין ריי מיט די מענער. די שיינע סטאַטועס, די ביימער און בלומען, די טויערן, די קערערס, אַזאַ ריינקייט, אַזאַ גרויסער גאָרטן מיט אַזויפיל אויסגעפּוצטע מענטשן און קינדער, כ'האָב געמיינט איך ווער משוגע פאַר פרייד. די טייערע גיטל האָט מיר צוגעהאָלפן מיט איר פרייד צוליב מיין פרייד. אָבער כ'האָב נישט געוווּסט וואָס נאָך ס'דערוואַרט מיך דאָ, ווייל כ'האָב זיך נישט געכאַפּט אויף שמואלס כוונה פון היינטיקן שפּאַציר. מיר גייען און

עסן שבתדיקע מאַן־קיכלעך, פּלוצים שטעלט אונדז שמואל אָפּ און הייסט קוקן אין אַ זייטיקער אַלייע. זע איך, א מאַן שאַרט מיט זיין שטעקן בלעטער אויף דער ערד. „קוק, זעסט פייגעלע?" „יענעם, מיטן שטעקן וואס שאַרט בלעטער?" „יאָ". „אנו, ווער איז ער?"... ערשט איצט האָב איך דערזען דעם ברייטן קאַפּעלוש, די פּעלערינע און וואָנצעס, פּרץ! האָב איך א שפּרונג געטאָן שרייענדיק, „דאָס איז ער, פּרץ!" כ'האָב געמיינט דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס. גיטל האָט מיך באַרואיקט און שמואל האָט געשריגן: ששש! משוגענע! און אליין האָבן זיינע אויגן געקוקט אויף פּרצן. שמואל האָט מיך גענומען פון גיטלען און מיר זענען צוגעקומען נענטער, כ'האָב געזען זיינע אויגן טאַקע פון א הייליקן, א קליינער מאַן האָט אויפגעהויבן א זשמעניע ערד און צו געטראָגן פּרצן צו ווייזן. דער קליינער מאַן איז יעקב דינעזאָן, זיין בעסטער פריינד, האָט שמואל מיר געזאָגט. האָב איך געזען פּרצן, מיטן קאַפּעלוש, פּאַלערינע, וואָנצעס, מיט אַזעלכע אויגן... אז כ'האָב דערציילט די מיידלעך אין וואַרשטאַט ווען איך האָב נעכטן געזען אין זאַקסישן גאָרטן, האָב איך ווידער געווינט און זיי האָבן מיך גערופן פּראָווינצלערן. פון דער איבערלעבונג האָב איך געשריבן אַ קאַרטל דער מאַמעשי, און א בריוו צו ישראלקען, ער מיט משהן זאָלן קומען קיין וואַרשע.

בעת די שבתדיקע ליטעראַרישע פאַרזאַמלונגען, האָב איך געהערט ווי די ראָזענפעלדס און אנדערע, אפילו נישט קראָסנסטאַווער רופן שמואלן: „באָוויר", נישט שמואל, טייל רופן אים חבר „באָוויר" און ער רעאַגירט נישט. ווי דאָס וואָלט געווען זיין נאָמען, האָט עס מיך געוווּנדערט און שמואל האָט עס מיר אויפגעקלערט: „געדענקסט אין שטיבל ביי די טריסקער חסידים, ווען כ'האָב געזונגען ביים זיידן? אז ער האָט געמאַכט א מי־שבירך, האָב איך אויסגעזונגען סאָלאָ דעם „בעבור", האָבן די קראָסנסטאַווער דאָ מיר א נאָמען געגעבן „באָוויר". דער נאָמען „חבר באָוויר" איז געבליבן



פון לינקס: שמואל, ישראלקע זיגעלבוים. שטייען: גאלדע און קלאַראַ שפּערלינג, פייגע זיגעלבוים.

שעטער אויך דער בונד, ביז אין ווארשע ווען ער האָט אָנגענומען דעם נאָמען ארטור.

*

ווי נאָר פייגע האָט געזען פרצן אין ווארשע, האָט זי א חוץ צו דער מאמען אויך געשריבן א בריוו צו ישראלקען, אז ער מיט משהן זאָלן זען צו קומען קיין ווארשע. זי האָט געשריבן: „וועסט דאָ אויך קאָנען לערנען און זיין פרום, א סימן איך היט אין ווארשע כשרות. קאָן זיין זאָלסט דאָ ווערן אויס „רעבעלע", אָבער וועסט קאָנען געפינען ארבעט ביי פרומע, פארדינען און ווערן א מענטש, וועסט קאָנען זען פרצן אין זאקסישן גאָרטן, איי איז דאָרט שיין, למען השם, נעם מיט משהן, דאָ וועט ער אויך ווערן א מענטש, שמואל האלט אויך אזוי. איר וועט פארפאָרן צו די ראָזענפעלדס און שפּע־טער וועט מען זען. מיר שיקן אייך אויף הוצאות מיטן לובלינער שפּיליטער". משה מיט זיינע קארגע 12 יאָר, איז באַלד גרייט געווען צו לויפן. דעם רעבעלע ישראלקע האָט געשראָקן די טרייפענע שטאָט ווארשע. דער בריוו האָט אים אָבער געטאָטשעט און פאר־טשמעלעט דעם קאָפּ, ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אין שטיבלביים ספר. איז ער ארויסגעלאָפן און גערעדט צו זיך מיטן גמרא ניגון: „וואָס הייסט א טרייפענע שטאָט? פעלן אין ווארשע פרומע יידן, רבנים, בתי־מדרשים? און דער „אין בודקין למזונות" איז גאָרנישט? „איש כל הישר בעיניו יעשה". אזוי האָט זיך דאָס „רעבעלע" ארייגעפסוקט אין עסק אריין, באקומען אויף הוצאות, פארפאקט ביידנס „באגאזש" אין איין שטרויען קיישל מיט א דראָ־טענעם רוקער און אוועק קיין ווארשע. ביי די ראָזענפעלדס האָט מען זיך אָנגעפרייט, די דריי ברידער האָבן זיך צעלאָזט מיטן זיידנס ניגונים, ראָזנפעלד האָט פארהערט ישראלקען אין תורה און צוגע־זאָגט צו קריגן פאר אים א שטעלע צו לערנען חומש מיט רש"י אין דער „יבנה" שולע אויף קארמעליצקע 30. ישראלקע איז אוועק

מיט אַ רעקאָמאַנדאַציע, באַקומען די שטעלע אויף 3 חדשים פאַר א האלבן רובל א וואָך, מיט עסן און שלאָפן אין דער שולע. פייגעס סאטיספאקציע איז געווען אין לשער: „אין קראסנסטאַוו האָט מען דיך גערופן רעבעלע און אין ווארשע ביסטו א רעבעלע, האָסט גוט אָריינגעטראָפן, סרולקע". פון דער שטעלע איז ישראלקע טאַקע געווען צופרידן, נאָר צו זען ווי ראָזענפעלד, א העברייאישער לערער, רויכערט פאפיראָסן שבת, האָט אים שטאַרק וויי געטאָן, אָט דאָס איז ווארשע האָט ער געטראכט, אין קראסנסטאַוו קאָן אזא זאַך נישט געשען. ראָזנפעלד האָט ישראלקען באהאנדלט ווי זיינס גלייכן און דאָך אים געעצהט צו לערנען א פאך „איינבינדעריי איז בעסער ווי לערעריי"... משה, איז געוואָרן א לערן־יינגל ביי א שניידער אויף דער ברייטער מילע און פארדינט זיין שטיקל ברויט.

ישראלקע איז קיין איינבינדער נישט געוואָרן, אפילו נישט געענדיקט די דריי חדשים אין „יבנה", פרצן אויך נישט געזען. די מלחמה און דער מאָמעס בריוו האָבן אלע צוריק געברענגט קיין קראסנסטאַוו. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט די מאמעשי געשריבן אן אלארם בריוו, מיר זאָלן למען השם גלייך אהיים קומען, ווייל ווארשע שטייט אויף וואסער רערן, און קאָן אין א מלחמה פארגאָסן ווערן. שמואל האָט געשמייכלט און באַשלאָסן, אז די מאמעשי איז גערעכט, ווייל מלחמה־צייט איז בעסער צו זיין צוזאמען, מיר האָבן געזען אין ווארשע היימלאָזע, יידן פון פארברענטע שטעט־לעך. ס'איז געוואָרן אַן אנדער ווארשע, אלע פון קליינע שטעט־לעך זענען אהיים געפאָרן, ישראלקע מיט משהן פריער, ווען איך מיט שמואלן זענען אָנגעקומען קיין קראסנסטאַוו האָבן שוין גע־ברענט שכנותדיקע שטעטלעך, די עסטרייכער האָבן אטאקירט אונדזער געביט, און טאַקע נישט לאנג נאָך דעם זענען מיר מיטן גאנצן שטעטל אָפּגעברענט געוואָרן און אנטלאָפן נשרפים, פליטים.

# שמואלס ערשטע עקידה

סוף זומער 1914. ארום קראָסנסטאַוו האָט זיך צעפלאַקערט אַ שלאַכט צווישן די רוסן און די עסטרייכער. אין אַ פרימאָרגן האָבן זיך אין שטעטל באַוויזן עסטרייכישע סאָלדאַטן און באַפוילן אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן אונדזערע שטיבער, ווײַל זיי וועלן באַלד צעשיסן, מחמת חשד אַז אין זיי באַהאַלטן זיך רוסן. ס'איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה. יידן האָבן קודם געכאַפּט ספרי תורות פון טריסקער חסידים שטיבל, מען האָט געכאַפּט קינדער, בעבעכעס און געלאָפן צו קאָמאַר־ניקס הויף. דאָרט האָט זיך צוזאַמענגעקוועטשט דאָס גאַנצע שטעטל יידן און גוים. די געשרייען: „שמע ישראל" און „יעזוס הייליקער" האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער געקנאַלעריי פון אויפרייסנדיקע סנאַ־ראַדן. די שיסערײַ האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. די הײַזער ארום האָבן געברענט. די ענגשאַפט און די היץ איז געווען גרויס. מען האָט זיך געטיילט מיט אַ ביסן ברויט, מיט חלשות טראָפּנס, קיין וואַסער איז נישט געווען. „יידן, מײַן טאַטע גייט אויס, ווער האָט אַ טראָפּן וואַסער?" האָט אַ פרוי זיך געבעטן. מען האָט דעם געחלשטן גע־מונטערט מיט חלשות־טראָפּנס אויף אַ שטיקל צוקער, געדריקט די שלייפן. ס'האָט נישט געהאָלפן. דער „הויף" האָט שוין דעם ערשטן קרבן. דער ראש הקהל האָט מיט זײַן טאַלאַטל צוגעדעקט דעם בר־מינן און צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם ביטער אַרויסגעוויינט: ברוך דיין אמת. די פּאַניק איז געוואָרן גרעסער. ר' ברוכ'ל, דער ראש הקהל, האָט זיך געבעטן מען זאָל אויסהאַלטן. נישט געפרעגט ביי קיינעם האָט שמואל געכאַפּט צוויי עמערס און ווי אַ יונגער

הירש זיך געלאָזט מיט א שפרונג דורכן הויף צום טייך וויעפש. א כוואַליע היסטערישע קולות האָט אים נאָכגעיאָגט. ר׳ ברוכל האָט געשריען: „ווער האָט געהייסן גיין? ווי לויפט מען דאָס אין פייער אריין? ר׳ יאַסקע, איר זענט דאָך א טאַטע״, האָט ער געשטאָכן דעם טאַטן וואָס איז געשטאַנען א פאַרגליווערטער. „איין קרבן האָבן מיר שוין, אוי ווי איז מיר״. מיט די רייד האָט זיך ר׳ ברוכל צוגעשטופּט צום פאָרנט און געזען ווי שמואל לויפט באַרג אראָפּ פאַרביי פישל מלמדס שטוב צום טייך צו. „אוי ווי איז אונדז״, האָט ר׳ ברוכל געריסן מיטביידע הענט די באָרד, ווען ער האָט געזען ווי שמואל לויפט ווי אין א ווירבל־ווינט, דער קאַפּעלוש פליט פון קאָפּ, די פּאָלעס צעפלאַטערט. „הענעלע קרוין״ האָבן ווייבער געוואַכט איבער דער מאַמען וואָס האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, געבראָכן די פינגער און געבעטן ביי גאָט א נס, איר זון זאָל ניצול ווערן.

ער קומט! ער קומט מיט וואַסער! האָבן זיך געהערט קולות און צעוויגט דעם גאַנצן עולם אויפן הויף. „האַרציקער טאַטע אין הימל, דערפיר אים נאָר ביז אהער״... ווי נאָר שמואל איז אריין אין הויף מיט די עמער, איז דער קאָמאַרניק ארויסגעלאָפן פון זיין קעלער, מיט צעפאָכעטע הענט און געשריען: „טרוטשיזנא! ניע פּיטש וואָדי!״ (סם. מ׳טאָר נישט טרינקען דאָס וואַסער!). ווי א דונער האָט אלעמען געטראָפן דעם גויס רייד, וואָס האָט גלייך רעקוויזירט די עמערס, און אויפגעהויבענער אין דער הויך האָט ער מיט באַדויער געלאָזט וויסן דעם עולם, אז אין אנדערע שטעטלעך זענען מענטשן פאַרסמט געוואָרן אויף טויט. די קאָזאַקן האָבן פאַרסמט דעם טייך. רב ברוכל האָט איבערגעחזרט דעם קאָמאַרניקס רייד אויף יידיש, ס׳איז געוואָרן א שרעקלעכע פּאַניק. שמואל האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף עמעצנס אן אַקסל און אויסגעשריען: „עס קען נישט זיין מען זאָל פאַרסמען א לויפנדיקן טייך, לאָזט מיך פאַר־זוכן״. אין דער רגע האָט דער קאָמאַרניק אן אונטערגעצונדענער

פון דעם יונגן זשידס חוצפה א בריקע געטאָן די עמער און אויס־געגאָסן דאָס וואסער. א צעקלעמטער האָט שמואל געקוקט אויף דער צעפארעטער ערד וואָס זאפט איין זיין מי. אויף דער צעשראָקענער מאסע וואָס באדויערט זיין מסירת נפש. שימעלע שלמה לייבושעס האָט זיך צוגעשארט צום טאטן און אים איינגערוימט אין אויער: „דאַנקען גאָט דערפאר. איר מעגט זאָגן ,אני הגבר ראה עני׳. רב יאָסקע, אייער בכור איז א גיבור״.

די שיסעריי האָט אָנגעהאלטן א גאנצן טאָג. פארנאכט האָבן די קאָזאקן צוריקגענומען דאָס שטעטל, זיך אריינגעריסן אין הויף מיט די פערד און אלעמען ארויסגעטריבן. צעטומלטע האָט מען נישט געוווּסט אין וועלכער זייט צו לויפן. „צום פלאץ!״ „אין גאָר־טן אריין״, איז געקומען שמואלס באפעל — „דער איינציקער שטח וואָס ברענט נישט״. דאָ האָט מען זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד אין צוזאַמענגעקליבענע משפחה־גרופּעס, שמואל מיט ר׳ ברוכלען זענען ארומגעלאָפן זוכן מאנטלען, קאָלדרעס איינצודעקן אלטע, קינדער און קראנקע. ארום דעם גאָרטן זענען געווען מחנות קאָזאקן אויף פערד מיט לאנגע פּיקעס, זיי האָבן מיט קאָזאקן לידער אויס־געלארעמט דעם נצחון אזש די לופט האָט געציטערט. פּלוצלינג האָבן זיך דורכגעריסן עסטרייכישע קאוואלעריסטן. פון די ווילדע געזאנגען איז געוואָרן א נאָך ווילדער געשריי „נאַ שטיקי נא שטיקי!״ שווערדן און לאנגע שטיקעס האָבן געשטאָכן אין מענטשלעכע לייבער פאר אונדזערע אויגן. די צעשטאָכענע פערד זענען געשפּרונגען אריבער דעם נידעריקן פּארקאן אין דער מאסע, געטאָפּטשעט איבער די קעפּ. אין א מוראדיקער בהלה איז מען זיך צעלאָפן, געקראָכן אויףביימער, צעמזיקטע האָבן געלארעמט, ווו צו לויפן האָט מען ווידער נישט געוווּסט, שמואל, ר׳ ברוכל און נאָך עטלעכע האָבן זיך מטפל געווען מיט די פארוואונדעטע, איינגעזאמלט די מאסע וועמען מ׳האָט געקאָנט. אָבער וווּהין גייט מען? „צום טייך״! איז

געקומען שמואלס באַפעל. די קילע לופט האָט א ביסל געלאָשן דעם דורשט, אָבער מען זיצט ביים טייך און מ׳קען נישט אָפּוואַשן אַ ווונד וואָס בלוטיקט. „פארוואָס קען מען נישט?" האָט שמואל גע־טענה׳ט מיט ר׳ ברוכלען, וואָס האָט באַפוילן צו מאַכן א מענטשן־קייט און קיינעם נישט צולאָזן צום וואסער. מען האָט צעריסן העמ־דער, פאטשיילעס, געמאכט באנדאזשן, אין יסורים האָבן מענטשן געקרעכצט און געבעטן „אוי, א ביסל וואסער", ווען שמואל האָט זיך געוואָלט דורכרייסן דעם „צעפ" כאָטש איינצונעצן די צעבלו־טיקטע הענט, האָט זיך ר׳ ברוכל געבייזערט און געלאָזט וויסן, אז דער קאָמאָרניק איז אוועק ברענגען א פאס וואסער. דער קאָ־מאָרניק איז געקומען מיט נאָך צווי שטאָט בעלי בתים: „ניעמא וואָדי", נישטאָ קיין וואסער, אויך די ברונעמער זענען פארסמט. מיט א סך חוצפה האָט זיך שמואל געוואָרפן אויפן קאָמאָרניק, אז ער מאכט אומגליקלעך א שטאָט מיט מענטשן, א ברונעם יאָ, אָבער א לויפנדיקן טייך קען מען נישט סמען. „לאָזט מיך צו צום וואסער". „ביסט יונג און איינגעשפארט, קום, איך וועל דיר וויזן, האָט דער קאָמאָרניק מיט ביטול אים צוגעפירט צום ברעג טייך, אָנגעצינדן א שוועבעלע. „זעסט? דאָס וואסער איז גרין און זעט אויס קלעפיק. ניין, איך הייס נישט. ס׳איז א זיכערער טויט. מיר האָבן געהאָט געגנוג"... דעם קאָמאָרניקס רייד, די שטילע קרעכצן האָבן צוריק־געעכאָט פון דער שווארצער „בלאָניע". ס׳איז געבליבן הענגען א פארגליווערט שוויגן. שמואל האָט זיך צוגעהערט צום טייכס פליס־טער, ווי ס׳וואָלט אים געזאָגט: וואג, נעם זיי ארויס פון דער שרעק. ער האָט איינגענעצט א פינגער. „קלעפיק איז עס נישט, פריץ, איך בעט אייך לאָזט מיך פארזוכן א בויקיץ, איינמאָל בין איך היינט שוין ניצול געוואָרן". איך הייס נישט. דיין טאַטע בין איך נישט. פאן יאָסקע, ער איז דיין זון". דער טאטע קוקט זיך איבער מיט שמואלן, האַלט דאָס בערדל פארקלעמט אין די ציין און שוויגט.

„טו ווי דו ווילסט, איך וויל דערביי נישט זיין״... ווי נאָר דער קאָ־מאַרניק איז אוועק האָט שימעלע דערלאַנגט שמואלן א טעפּל, זיך געשטעלט ביים טאַטנס זייט און געשעפּטשעט שטיל: ווי יצחק צו דער עקידה, רב ברוכל שטעלט זיך אים אונטערצוכאַפּן, אויב חלילה ער וועט פאַלן. די מאַמען האַלט מען פון ווייטן. אלע וואַרטן מיט קלאַפּנדיקע הערצער און פאָלגן נאָך שמואלס יעדן ריר. ער שעפּט אָן אביסל וואַסער, רירט פאַרזיכטיק אָן די ליפּן, צונג, טוט א קליי־נעם זופּ. ס'איז געווען אזוי שטיל, אזש מ'האָט געהערט דעם שלוק אין קעל. זיינע אויגן נעמען ארום די צעשראָקענע עדה. ער זוכט די מאַמע, דער טאַטע טוט א זיפץ, שמואל ענטפערט אים מיט א האַנט־באַריר און טרינקט אויס ביזן דנאָ. „יידן! דאָס וואַסער איז מחיהדיק פריש״. ער שעפּט אָן א פול טעפּל און טרינקט עס אויס אין איין אָטעם. טאַטע מאַמען האָט מען געווונטשן מזל טוב, מ'האָט זיך געקושט און מיט טרערן פון פרייד האָבן אלע זיך געלאָזט מיט טעפּלעך, היטלען, פּאַטשיילעס, שעפּן, טרינקען, אָפּוואַשן בלוטיקע ווונדן מיט פריש, מחיהדיק וואַסער.

## די בהלה ביי דער בריק

מיט אָפּגעוואַשענע ווונדן, אָפּגעפרישטע איז מען משפּחהווייז געבליבן ליגן לענג־אויס דעם טייך, זיך געטיילט מיט א ביסן און געדאַנקט דעם וואָס לעבט אייביק.

פון שטעטל האָט מען געהערט שיסן, הורא־געשרייען, רעווען פון פערד, שריפה־פלאַמען דערגרייכן מיט זייער אָפּשיין צו די שוואַרצע ביימער־צווייגן איבער אונדזערע קעפּ. שפּעט־נאַכטיקע ווינטן האָבן ביין צעוויגט די אויפגעהויבענע כוואַלעכלעך אין טייך און אריינגעבלאָזן אַ קעלט און פּחד אין מידעביינער אריין. אַ געהיימער פונק־בלישטש פון דער „בלאַניע״ ווייט פון דער אנדערער זייט טייך האָט געהאַלטן דעם עולם אין מורא און נישט געלאָזן צומאַכן אַן

אויג, מענטשן האָבן זיך געסודעט פון שאָטנס וואָס זיי זעען אין דער „בלאָניע״־פינצטערניש. סהאָט נישט לאַנג געדויערט, די „שאָטנס״ האָבן צעשפּילט א פייער־שפּיל פון סנאַראַדן און פּו־לעמיאָטן איבער אונדזערע קעפּ אין שטעטל אריין. איז געקומען א באַפעל: „ליגן פלאַך אויף דער ערד!״ פאַרטאָג, מ׳שיסט נישט, ס׳איז שטיל, קאַיאָריק גרוי פליסט דער טייך מיט קעלט, וואָס גריזשעט די ביינער, מענער לאָזן זיך אין שטעטל אריין זען צי איז עפּעס געבליבן פון זייערע היימען. די זון וועקט זיך אויף בוימער־שפּיצן, די מענער קומען צוריק מיט א געוויין: „אש, אש איז געבליבן״... טוען אָן טלית און תפילין און דאַווענען בציבור שחרית.

אין א מצב פון פאַרלוירנקייט איז דער מענטש נוטה מקיים צו זיין יעדן פאַרלייג. געגנוג עטלעכע זאָלן וואַרפן אַ וואָרט און ס׳ווערט באַלד א מאַסן־זאַך. עמעץ האָט א זאָג געטאָן: „גיין קיין רייוויץ, דער וועג איז פריי״, איז רייוויץ געוואָרן דער גואל. ווי פון אונטער דער ערד זענען געקומען גויים פאַרקויפן וועגענער, עטלעכע פערד. ס׳רוב האָט מען געפּאַקט פּעקלעך. קינדער, זקנים, קראַנקע אויף וועגענער אָן פערד, יידן אזוי גויים. אויך מיר האָבן אויף אזא וואָגן אויפגעפּאַקט פּעקלעך, דעם זיידן מיט די יונגע קינדער, די איבעריקע האָבן געשלעפּט דעם וואָגן. דער זיידעשי, אַלט און קראַנק האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די טרייסלעניש, האָט ער געבעטן מ׳זאָל אים געבן טלית און תפילין און אים לאָזן דאָ שטאַרבן. האָט אים די מאַמעשי גענומען אויף די הענט, פייגע האָט גענומען דאָס עופעלע, ראובן, וואָס האָט זיך פאַרקייכט אין געוויין. א לאַנגער קאַראַוואַן פּליטים האָט געצויגן אוועק פון פאַר־ברענטע היימען מיט נישט ווייניק טראַגעדיעס און בהלות. איינער לאָזט ארויס א קלאַנג, אז קאָזאַקן יאָגן אונדז, א צווייטער הערט א רויש פון אן עראָפּלאַן, „הינדענבורג האָט עראָפּלאַנען״. פון שטעטל הערט מען ווידער שיסן פון פּולעמיאָטן. די ערגסטע בהלה

איז געווען ביי דער בריק. דער קאַראוואַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. הירזשען פון פערד, מענטשלעכע קולות און געוואַלדן האָבן געריסן די הימלען. בייטשן און שטעקנס האָבן געפּאַכעט אין דער לופטן, טייל לויפן צום שפּיץ קאַראַוואַן געוויער ווערן וואָס איז געשען. מ׳שרייט „סטאָפּ אָפּשטעלן! די בריק איז מינירט!״ ווי א וויסטער דונער האָט די נייעס צעשטורעמט היסטערישע געוויינען ביי דער פאַרצווייפלטער מאסע וואָס האָט נישט קיין וועג צוריק. דער זיידע איינגעהילט אין טלית, גיט צום אויבערשטן זיין לעצטן לויב... מטורפע מענטשן לויפן ארום מיט הייזעריקע קולות.

די מאַמעשי מיטן טאַטעשי זענען געבליבן וואַכן איבער אונדז. שמואל איז שוין געווען ביי דער בריק, ווו גוים מומחים האָבן באַקוקט די קלעצער אויף וועלכע די בריק ליגט. געשאָקלט מיט די קעפּ „ניין, דאָ טאָר מען נישט שטעלן א פוס״. פלוצים איז מען געקומען רופן דעם טאַטן, פאַרסאַפּעטע האָבן יידן אים דערציילט: „דיין בן האָט זיך איינגעשפּאַרט. דער „וואַרשאַוויאַק״ וויל גיין אויף דער בריק״. דער טאַטע איז צוגעקומען און געזען ווי מ׳האַלט שמואלן אין א צעפּ און ער רייסט זיך. „זאָג זיי, טאַטע, זיי זאָלן מיך אָפּלאָזן. ווער האָט אונטערגעלייגט א מינע? די קאַזאַקן? זיי שיסן נאָך פון שטעטל, ווי אזוי וועלן זיי אנטלויפן?״ ער איז ארויפּגעפאַלן אויפן טאַטנס אקסלען און שטאַרק געוויינט פון אויפרעגונג. דער טאַטע האָט אים אָפּגעווישט דעם שווייס, דאָס האָט אים בארויקט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער בריק און פאַרזיכטיק געשטעלט א פוס, דעם צווייטן און געבליבן שטיין. דער המון האָט ארויסגעלאָזט אן „אוי״ און איז באַלד געבליבן שטיל. שמואל האָט אָנגעהויבן לאַנגזאַם גיין, דער עולם האָט געשלאָסן הענט, גוטע שווימער זענען געשטאַנען גרייט. אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, טייל האָבן זיך צוריקגעצויגן, נישט געוואָלט זיין נאָענט. שמואל איז געגאַנגען טריט נאָך טריט ביזן צווייטן עק בריק. די

„מומחים" האָבן געוויזן מיט די הענט, אז צוריק זאָל ער גיין אויף דער לינקער זייט. שמואל האָט געפאָלגט און איז געגאנגען. דאָס לעצטע שטיקל בריק איז ער שוין געגאנגען טופּענדיק מיט די פיס, האָפּקענדיק, טאנצנדיק איז ער אראָפּ פון בריק, די מאמע איז אריין אין א היסטעריע פון פרייד און געקומען קושן אים, דעם טאטן. מ'איז געקומען קושן די מאמען, אונדז אלע. מ'איז אריבער די בריק בשלום און נאָך צוויי טעג קאמף זענען די קאָזאקן אויך אנטלאָפן דורך דער זעלבער בריק.

*

אין רייוויץ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביים פעטער פנחס גאָטליב, שפעטער ביים פעטער בוניע, פייגע איז פון דעם „שפּאציר" קראנק געוואָרן אויף די פיס, געלעגן אין בעט און לייזיט ביז היינט.

רייוויץ, אַ קליין בלאָטיק שטעטל, 15 וויאָרסט פון כעלעם אין דער ריכטונג צו לובלין. דורך רייוויץ האָבן טעג און נעכט געצויגן רוסישע אָבאָזן צום פראָנט, קאָזאקן אויף פערד מיט לאנגע שטי־קעס האָבן אָנגעוואָרפן א מורא. דערשראָקענע האָט מען געאָטעמט דעם ספּעציפיש סאָלדאָטסקען ריח מיט גרויען שטויב און זעלנערישע געזאנגען. דער יידישער פחד פאר די קאָזאקן האָט נישט אָפּגעהאלטן די פּרנסהלאָזע יידן צו שטיין אויף דער הילצערנער קלאטקע ביים זייט פון וועג, מיט טישלעך און קוישן ווייצענע שטריצן און אויס־רופן: „כאראָשע בולעטשקי!" זעלנער זענען ארויס פון דער ריי קויפן. קאָזאקן זיצנדיק אויף די פערד האָבן אראָפּגעלאָזט די שטי־קעס, דורכגעשטאָכן די שטריצן און זיי געהויבן צו זיך, טייל האָבן צוגעוואָרפן מטבעות מער ווי די ווערט, אנדערע האָבן אין גאנצן נישט באַצאָלט. דערפון האָט מען געצויגן חיונה. בעקערס האָבן געארבעט טאָג און נאכט, יעדע צווייטע יידישע שטוב איז געוואָרן א בעקעריי. וועלכע יידענע קאָן נישט באקן קיין חלה? אויך אונדזער מאמע איז אריין אין דעם מסחר. די עלטערע קינדער: ישראלקע,

משה, חוה האָבן צוגעהאָלפן אין דער מחיה. דער זיידע יעקב איז געלעגן שווער קראַנק און איז טאַקע מער נישט אויפגעשטאַנען. די שוועסטער פייגע איז געלעגן קראַנק אויף די פיס. שמואל, א 19 יעריקן בחור, האָט מען געעצהט זיך נישט צו ווייזן אין גאַס. דער טאַטע איז אוועק קיין כעלעם צו זיין ברודער און 3 שוועסטער. נאָך עטלעכע וואָכן איז ער צוריק געקומען און אונדז פארנומען קיין כעלעם וווינען מיט דער מומע פערל אויף דער „נייער וועלט״, אזוי האָט מען גערופן די געגנט. א פעלד מיט עטלעכע הייזלעך אָן דילן הינטערן שטעטל. דער ערדיקער דיל איז געווען האַרט ווי שטיין און נאָר לכבוד שבת האָט מען אויסגעשאָטן געלן זאמד, צי זעגעכץ אויף דער ערד. דאָרט האָבן מיר זיך איינקוואַרטירט מיט דער מומע פערלס משפחה פון זעקס אירע, צוויי מיידלעך זענען צו געקומען שפּעטער, שבע און קיילע, היינט אין אמעריקע, די איבעריקע זענען אומגעקומען אין פוילן. דאָס איז געווען אונדזער ערשטע דירה אין כעלעם נאָר פאר א קורצער צייט, ווייל ס׳איז ממש נישט געווען גענוג פּאַדלאָגע־ערד פאר אזויפיל נפשות.

## אין כעלעם

פון דער מומע פערלס ענגשאַפט זענען מיר אריבער אין א דירה צו דער „מנשהכע״, לעבן דער ווייבערשער שול. דאָס איז געווען א הילצערן הייזל ווי א פיסל פון א „ח״ אָנגעלעגט אין נאָך א הייזל. דער צענטער, האַרט צו נאָך א הייזקע מיט הילצערנע טרעפּ צו אן אויבערשטן גאָרן, ווו סהאָבן געוווינט: די מנשהכע אליין און א פאפיראָסן־מאכער. אין מיטן איז געווען א טירל אין הויף אריין. אונדזער דירה פון איין שטוב מיט א ווענטל־מחיצה פאר א קיכל האָט געהאַט אן אריינגאַנג פון געסל. דאָס געסל האָט געפירט צו דער אלטער שול, ווייבערשער שול, בית המדרש, שוס־טער־שולעכל און קצבים־שולעכל, אָט דאָס געסל פול מיט בתי מד־

רשים, מיט פינצטערע פענצטער ביינאַכט, איז פאר קליינוואַרג געווען א שרעק, ווייל ביינאכט קומען דאָך אהין די מתים דאווענען און ווי צו דעם פארבייגייער וואָס די מתים רופן אויף צו דער תורה. האָט מען ביינאכט מורא געהאט אפילו ארויסצוקוקן דורכן פענצטער. יינגלעך האָבן זיך געשווירן, אז זיי האָבן אליין געהערט קולות און תפילות... דער טאטע האָט געשמייכלט הערענדיק וועגן דעם מתים־פחד און געשוויגן. שמואל און פייגע האָבן זיך באמיט צו פארטרייבן די מורא. שמואל האָט אפילו געכאפט איינעם פון אונדז ביי א הענטל און דורכשפאצירט אלע פינצטערע שולן. מיט אים איז מען טאקע געגאנגען, אָבער מיט נישט ווייניק פחד און דערביי געזאָגט א קאַפּיטל תהלים, האלטנדיק די ציצית אין די הענט.

פון קיכל איז געווען א טיר אין הויף אריין. דורך דער טיר האָט מען געברענגט וואַסער, האָלץ. פרייטיק זענען אָרעמע לייט געקומען בעטן אויף שבת, אויך דער משוגענער, שטענדיק לאכנ־דיקער שוזשע, איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. ווינטער, איז די פאָרנטיקע טיר געווען פארהאקט, פארקאָוועט מיט שניי און פראָסט און די קיך־טיר איז געווען דער איינציקער אריינגאנג.

די גוטע מומע ביילע בוים האָט באקומען פאר דער מאמען אן אלטע ניי־מאשין, די מאמע האָט ווידער פארלייגט א שניידעריי ווארשטאָט. דער טאטע האָט אָנגעהויבן געבן לעקציעס, שמואל האָט באקומען ארבעט אין אן „אָלארניע״, ביי דער קוזינע אסתר מונטיק. איר פּנים האט געגלאנצט פון אייל אויך פון שמואלס קליידער האָט געשמעקט מיט פרישן אייל. ישראלקען האָט דער פעטער לאָזער בוים ארייגענומען אין זיין בשמים געשעפט. פייגע האָט געארבעט שניידעריי מיט דער מאמען. חוה האָט געפירט די בעל־הבתישקייט, ס'איז בעסער געוואָרן. מיר האָבן אפילו געגעסן פרישע זעמעלעך יעדן פרי־מאָרגן. חנהטשע, אברהמטשע און דער מוזיניק ראובן זענען געווען צו יונג, זענען זיי געווען אין דער־

היים. משה, פיניע און איך זענען אריינגעגעבן געוואָרן אין תלמוד־תורה, א חדר מיט פארשידענע כיתות פאר ארעמע קינדער. צו מיטאָג האָט שפרינצע די גבאיטע געברענגט א קעסל גריץ מיט פעטע אויגן. שפרינצע מיט אַ גוט פּנים, א שרה בת טובים האָט געטיילט יעדן אין זיין שיסעלע אריין. אז זי האָט געזען אן אויסגעמאָגערט יינגל האָט זי געבורקעוועט מיטן שעפ־לעפל אין קעסל צו געפינען א שטיקל פלייש אויך. ברויט האָט מען געקאָנט נעמען וויפיל מ׳האָט געוואָלט. שפרינצע האָט צוגעגעבן קוראַזש: „נעם יינגעלע, נעם, שעם זיך נישט״, געמיינט האָט זי אויף אהיים צו נעמען, וואָס מהאָט נישט געטאָרט. די תלמוד תורה איז פאר די ארעמע יינגלעך געוואָרן די היים. געקומען איז מען גאנץ פרי און אהיים געגאנגען ביינאכט. פיניע איז געווען א גוטער תלמיד, א גוט קעפל און געלערנט מיט צוויי כיתות העכער פון מיר, דער רבי אין מיין כיתה איז געווען א ייד מיט אַ וואָרצל אין מיטן שטערן, האָט מען אים גערופן הערשל פיפקע, ער האָט געהאט א ווייסע באָרד און פארגעלטע וואָנסעס פון שמעקן טאבאק, א הוסטער און א בייזער. זונטיק האָט ער אָנגעהויבן די פרשה פון דער וואָך און מיטוואָך א שיעור גמרא, דעם ערשטן האלבן טאָג האָט דער רבי געהאָט א סך צרות פון די תלמידים וואָס האָבן הונגעריקע, געוואָרט אויף שפּרינצען. ערשט נאָכן עסן האָט מען אָנגעהויבן חזרן די פרשה, און געפילט דעם ריח פון גריץ וואָס איז געבליבן אין חדר א גאנצן טאָג, דער עיקר זומער צייט, איז געבליבן א טוכלע זויערקייט מיט מחנות פליגן, שריים־עססער, האָט מען זיך טאקע מיט הארץ־קלאַפעניש ארויסגעגנבעט צו „שמילעכלס״ טייכל באָדן. מיט וואָס האָט שמילעכל שאַרגעל זוכה געווען מען זאָל דאָס טייכל רופן אויף זיין נאָמען? ווייל ער האָט געווױנט נאָענט צום טייכל, געווען א גאנצער שווימער „באָזנאק״, געווען דער פירער צום טייכל דורך אונטער־וועגן פארביי לייבל קרושניקערס בית זונות, ווו נקבות

אויף אַ הילצערנעם גאַניק האָבן געלאכט צו אפיצירן. אלע האָבן געוווסט אז אהין טאָר מען נישט קוקן און אלע האָבן געקוקט. וואָס נענטער מיר זענען געקומען צום טייכל, אלץ מער האָט דאָס וואַסער געלאָקט און געמאכט פארגעסן די חדר־מורא. מניה־וביה איז שמילעכל שוין געווען אין וואסער און מיר, נאָך דריי ייִנגלעך, האָבן זיך מיט קנאה צוגעקוקט צו זיין „באַזנאַק״ און „פּאַ־פּיעסקו״ (ווי א הינטל) ער האָט אונדז געגומען לערנען די קונץ פון שווימען, דערביי געוויזן נאָך קונצן, נורקעווען אין דער טיף און ארויס אביסל ווייטער, זיך גליטשן מיטן נאקעטן הינטן פון בלאָטיקן בערגל אין וואסער אריין, ס׳איז שמילעכלען געווען מיט וואָס מקנא צו זיין.

פוןביידע זייטן טייכל, ווייט ווייט, איז געלעגן א פעלד מיט גרינער פאשע פאר פערדלעך מיט ברוינע לאָשיקלעך, בינען זשר־מענדיקע זענען געפלויגן איבערן וואסער. דאָך איז געווען אזוי שטיל, אז די לאָשיקלעך האָבן אזש געהערט אונדזער געלעכטער און געקוקט אויף אונדז. איינמאָל זענען פון ערגעץ אָנגעקומען צוויי שקצים, צוגעכאפּט אונדזער אָנטועכץ און אנטלאָפן. נאקעטע האָבן מיר זיי נאָכגעיאָגט, געשריגן, געבעטן. ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן, מיר זענען געבליבן נאקעטע גרויסע חדר־ייִנגלעך אין פעלד, גע־וויינט און געלאכט. שמילעכל האָט אונדז געראַטעוועט, ער האָט אָנגעריסן צווייגן, בלעטער, הויכע גראָזן צו פארשטעלן איין חלק גוף און איז דורכן פעלד אהיים געלאָפן און געברענגט הויזן מיט העמדער פון זיינע עלטערע ברידער: יעקב און הלל. אין חדר איז מען שוין נישט געגאנגען. יעדערער האָט זיך אהיים געשארט בגניבה צו האלטן סוד. משה טאָרבינער, א דאָרפיש ייִנגל האָט קיין אנדערע הויזן נישט געהאט, האָב איך געבעטן ביי משה לערער, (משה לערער, דער ייוו״א טוער, אומגעקומען אין ווילנע), אונדזער בעל־הבית׳ס זון, א פּאָר הויזן פאר אים, ווייל שמילעכלען האָט מען געמוזט אומקערן די בגדים. צו מאָרגנס איז געווען אין חדר א גאנצע

„ספראווע". דעם רבינס קאנטשיק האָט „געארבעט". שמילעכל האָט אויסגעפונען דעם „מסור" און אים בייגאכט גוט אָנגעבראָכן די ביינער, געשריגן: „אַ מסור איז א גנב, וועסט פארפוילט ווערן אין תפיסה"...

## גולם לעגענדע נוסח כעלעם

איין ווינטער פרי־מאָרגן איז דער רבי הערשל פיפקע נישט געקומען. נו, קאָן זיין א גרעסער גליק פאר חדר־יינגלעך? דער הינקענדיקער זאנוול איז יענעם טאָג געוואָרן א גביר, פולע קעשע־נעס מיט קנעפ האָט ער געוואונען. א מזיק אין קנעפ־שפיל. א גוט־הארציקער האָט ער נאָך אויסגעבאָרגט קנעפ, כדי ווידער צוגעווינען. ווען שפרינצע איז געקומען מיטן קעסל גריץ, האָבן זיך זאַנוולס בעל־חובות ערשט דערכאפט די הערצלעך און זיך געטרייסט. די גוטע שפרינצע האָט זיך געוואונדערט: „וואָס זענט עץ היינט אזוי צעוואָיועט? זי האָט געזען ווי שלמקע באַך זעצט זיך מיט זיין שיסעלע עסן אויפן רבינס אָרט, מאכט נאָך ווי ער עסט, הוסט, מוסרט די יינגלעך, רופט זיי ביי „צינעמען": איטשעלע, פערדישע פעל, האָסט געחזרט די סדרה? און דו, בית־מדרש חזנס קדיש, זולל וסובא, גוי גמור, ווי איז דער קאנטשיק? כ'וויל אראָפּיאָגן די לייז פון דיר", און חברה קאטשעט זיך פון געלעכטער. פלוצים קומט צולויפן דעם רבינס טאָכטער מיט א געוויין, „דער טאטע איז גע־שטאָרבן"... שלמקע האָט זיך אראָפּגעשארט פון רבינס אָרט פאר־שעמט, שפרינצע האָט זיך צעוויינט און געזאָגט „ברוך דיין אמת", איבערגעלאָזט דעם קעסל און ארויס מיט דער יתומה. צו מאָרגנס זענען מיר אלע געגאנגען מיט דער לוויה און דעם גאנצן וועג גע־זאָגט פסוקים פון תהלים, אלע טאָג פון דער שבעה־וואָך האָט מען געדאוונט און געזאָגט קדיש אין חדר. ערשט די צווייטע וואָך איז געקומען א נייער רבי פון פיאָסק, וואָס איז אונדז נישט געפעלן געוואָרן און געהאט א ביטער מזל.

דורך דער שבעה־וואָך האָט מען נישט געלערנט, צייט איז געווען, זאָגט צו מיר מיין חבר, משה טאָרבינער, אביסל עלטער פון מיר: לאָמיר ארויפגיין אין שמות־שטיבל פון דער ווייבערישער שול זען דעם גולם. ס׳איז א מורא, קיינער גייט נישט אהין, אפילו אז מ׳גייט פארביי אונטן זאָגט מען: „גולם, גולם שטיי נישט אויף, פסולע שמות איז דיין גוף״. ער האָט מיך אָבער איבערגערעדט. מיר זענען ארויף דורך די שמאָלע טרעפ, געמורמעלט „גולם, גולם שטיי נישט אויף״ און געהאלטן די ציצית אין די הענט. משה האָט פאַוואָ־לינקע געעפנט ס׳טירל און כ׳האָב געזען א פולע פאָדלאָגע מיט שמות, ווי אָ גרויסער גוף. דערציילט האָט מען, אַז מיט א סך יאָרן צוריק האָבן גוים זיך געמאכט א מאָדע, יעדן דינסטיק, ווען יידן קומען אויפן יאַריד, זענען זיי ארויס שיכורע און געשלאָגן די יידן מכות־רצח, צעראַבעוועט די סחורות, האָט דאָס דער כעלעמער רב נישט געקאָנט צוזען, זיך שטארק מצער געווען, געפאַסט תעניתים, געפייניקט זיין גוף און געבעטן גאָט, אז דער רמב״ם זאָל אים צו חלום קומען און מגלה־סוד זיין ווי אזוי צו באַשאַפן א גולם, וואָס זאָל חלילה נישט דורסן, נאָר אָפשרעקן די רוצחים.

האָט זיך דעם כעלעמער רב געחלומט, אז דער רמב״ם שטייט אויף א בערגל שניי... דאָס בערגל איז דעם רב געווען קענטלעך...

באַגינען איז דער רב אוועק צום בערגל הינטערן שטעטל. אין די פאַלדן איז נאָך געלעגן טיפער שניי, האָט דער רב פארשטאַנען דעם רמז און אָנגעהויבן מאכן פון שניי א מענטש. מכשולים האָבן נישט געפעלט, דער שניי איז שוין געווען הארטלעך, שווארצע קאַניע־פייגל האָבן געשראָקן מיט זייער קראַקען טשאַטעסווייז. דעם רב האָט א קאלטער שווייס שווערער געמאכט די לאַנגע שעהן. דאָס שניי־מענטשל איז קוים געוואַקסן. אליין מיט גאָט, האָט דער רב געבעטן: „רבונו של עולם, איך בין נאָר דיין שליח און זייער שליח, העלף מיר״. נאָך דער מנחה־קטנה שמונה עשרה, אז דער רב האָט

געעפנט די אויגן האָט ער דערזען דעם נס: פון שניי־מענטשל איז געוואָרן אַ ריז, ער דאַרף ארויפקוקן צו אים, איז פארצויגן מיט אַ מענטשלעכער הויט און האלט אין איין האַנט א האָן וואָס פּאַכעט מיט די פליגל נישט ארויף אראָפּ ווי צום פליען, נאָר אין ביידע זייטן, ווי איינער שאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין. א דערשראָקענער איז דער רב געלאָפן אין בית־המדרש אריין דאוונען מעריב בציבור און איז דאָרט געבליבן די גאנצע נאכט.

דעם צווייטן דינסטיק אויפן מארק האָבן שיכורע גויים זיך געלאָזט וואָיל־גיין. ווי פריער, געשלאָגן, געראבעוועט, האָט זיך פלוצים באוויזן דער גולם מיט א האק. צען גויים האָבן זיך אויף אים געוואָרפן מיט מעסערס, געשטאָכן, נאָר קיין בלוט איז נישט גערונען. דער גולם האָט זיי די קעפּ געשפּאָלטן. צעבלוטיקטע זענען זיך די גויים צעלאָפן. עטלעכע וואָכן זענען זיי צום יאריד נישט געקומען. סאיז שטיל געוואָרן אין כעלעם. האָט זיך געמאכט א שריפה, האָט דער גולם געטראָגן גאנצע פעסער וואסער. די גויים וואָס זענען יאָ געקומען האָבן גערעדט מיט הכנעה צו די יידן, וואָס האָבן צווישן זיך גערעדט מיט אמונה אז אליהו הנביא האָט זיי געראטעוועט. ס׳איז געווען אַ גאָלדן לעבן אין כעלעם ביז איינמאָל באווייזט זיך דער גולם מיט דער האק און דורסט רעכטס און לינקס, יידן און גויים. סווערט א בהלה, יידן פארמאכן די קרעמלעך, דער גולם רייסט טירן, ברעכט שויבן. דער רב האָט ווידער אָנגעהויבן פאסטן, פייניקן זיין גוף, איינרייסן דעם „ארון״. ערשט ער טוט א קוק: אין דער טיר פון בית המדרש שטייט דער גולם גרייט צו הרגענען דעם רב. האָט ער אים פארשאָלטן. דער גולם איז ארויף די שמאָלע טרעפּ צום שטיבל איבער דער ווייבערישער שול און פון אים איז געוואָרן א בארג פסולע שמות...

*

דער נייער „רבי״, א פּיאָסקער מרה־שחורה׳ניק מיט א ווייב אָן קינדער, מיט א געל בערדל אָן וואָנסעס האָט ביי די תלמידים קיין האָניק נישט געלעקט. א חוץ די מעלות האָט ער נישט געקאָנט געדענקען די תלמידימס נעמען, שטענדיק פּארדרייט, געוויזן אויף זאַנוולען און אָנגערופן משהן. דאָס און זיין קאָמישער אויסזען האָט ארויסגערופן געלעכטער און הייטערקייט. נאָך צוויי מעלות האָט דער „זשולטי־בראָדי״ געהאט: א קוויטשעדיק ווייבעריש קעלעכל און געשמאָטשקעט די שפּיצלעך פון בערדל אין מויל. חברה האָט געהאט פון וואָס צו לאכן. איינמאָל, אז ס׳האָט געהאלטן ביי קריגן פעטש, איז א פארסאפעטער אריינגעלאָפן דער שווארצער־סופר אָנזאָגן, א „פּריקאז״: דער קייסער ניקאָליי מיט זיין סוויטע קומט צו פאָרן קיין כעלעם און מען מוז אויסווייסן מיט קאַלך די רינשטאָקן, זאָל דער רבי פריילאָזן די יינגלעך צו טאָן די ארבעט ארום דעם תלמוד־תורה בנין. פאר דער גוטער בשורה האָבן מיר דעם שווארצן־סופר גערופן — „ווייסער משיח״. דער רבי „זשולטי־בראָדי״ איז נישט געווען צופרידן, אפילו זיך קלוג קעגנגעשטעלט: „וואָסי, אין רינשטאָק ליגט דער גאנצער כבוד פון קייסער? לערנען איז ביל־כער״, אָבער ווער האָט אים געהערט? מיט גרויס חשק איז מען ארויס מישן די קעסלען קאלך מיט וואסער און ווייסן די שטינקענ־דיקע רינשטאָקן, אויסשמירן די כאַלאַטלעך, ס׳פּנים. ס׳איז געווען אַ מחיה. דער רבי איז געווען אין חדר, טיילמאָל ארויסגעקומען און געזאָגט: „ווען איר לערנט מיט אזא חשק, ווי איר שמירט די רינ־שטאָקן״... די תלמידים האָבן נישט ארויסגענומען די קעפּ פון קאלך און דער רבי איז צוריק אריינגעלאָפן, נאָר די גריץ האָבן מיר גע־געסן צוזאמען מיטן רבין. דער „ווייסער משיח״ מיטן „פּריקאז״ האָבן דעם רבין חרוב געמאכט... נאָך דריי טעג קאלכן איז געקומען נאָך א „פּריקאז״ פון רב ר׳ גמליאל, אז אלע תלמידים זאָלן שטיין אויף דער גאס ווו דער קייסער וועט פאָרן, און שרייען: הורא!

„זשולטי־בראָדי״ האָט זיך עפּעס געסודעט מיטן רב,ביידע האָבן געמאכט מיט די הענט, די תּלמידים פון אַלע כּיתות זענען געווען אין גאַס, די מלמדים אויך, מהאָט געשריגן הורא! דער קייסער האָט צו אונדז געשמייכלט, געפאָכעט מיט א האַנט, אָבער אונדזער רבי „זשולטי בראָדי״ איז נישט געווען. נישט גיין זען א קייסער וואָס האָט א שטול אין הימל? דאָס האָבן מיר אים נישט געקאָנט מוחל זיין, א קליינינקייט, מבייש זיין א קייסער... האָבן מיר אים אָפּגעטאָן א שפּיצל. ווען ער האָט געזאָגט דעם שיעור, אריינגעקוקט אין דער גמרא, האָבן די תּלמידים גענומען געלע שמאַטקעס אין מויל אריין, מיט ערנסט אריינגעקוקט אין דער גמרא און געשמאָטשקעט, אַז ער האָט ארויסגעהויבן די אויגן און דערזען דעם חוזק האָט ער ארויס־געלאָזט זיין בערדל פון מויל, פארמאכט די גמרא און ארויסגעלאָפן. פאר מורא זענען מיר אויך ארויס, דאָס שפּיצל איז אונדז נישט ווויל באקומען. מיר זענען געזעסן שטילע ביי די ווייסע רינשטאָקן און נישט געוווּסט וואָס וועט זיין. אהיים גיין האָט מען אויך מורא געהאַט. מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן גיין איבערבעטן דעם רבין, פשוט בעטן מחילה. צום גליק האָבן מיר געזען ווי דער רבי גייט צוריק אין חדר אריין, זענען מיר גיך אריין און געהאָרכזאַם זיך אויסגעזעצט ביי אָפענע גמראס און אָנגעהויבן חזרן מיט התמדה. מיר האָבן געפילט ווי דעם רבינס האַרץ ווערט ווייכער לויט א נער־וועז ניגונדל וואָס איז געפלאָסן פון זיין מויל. מער האָט דער רבי נישט געקייעט זיין בערדל...

ס׳איז געקומען ווינטער מיט שניי און בלאָטע, האָט זיך דער רבי אין אונדז נוקם געווען און געהאַלטן ביז שפּעט ביינאכט, ביי די שווערע ווינטער סדרות פון חומש שמות. נישט אַלע האָבן געהאַט לאַמטערנעס. האָט שלמקע געפונען א מיטל מ׳זאָל אהיים גיין פריי. א קונציקן „שאָס״ שפּייעכץ אויפן גלעזל פון נאַפט־לעמפּל, דאָס גלעזל פּלאַצט. דאָס פייער פלאַמט, פארלעשט מען. קיין אַנדער

גלעזל איז נישטאָ, גייט מען אהיים אין דער פינצטער.

קיין אריכת ימים האָט דער „זשולטי־בראָדי״ נישט געהאַט, קוים אויסגעהאלטן איין זמן.

חברה האָט געהאט א גאַר פריילעכן נאָך פסח. נישטאָ קיין רבי, איז אונדז ניחא. אין חדר גיין דארף מען נישט, אָבער עסן שפרינצע דער גבאיטעס גריץ דארף מען דאָך. דערווייל האָט דער רב גמליאל, הויך און שיין ווי שלמה המלך, פאַר וועמען אלע ציטערן, געלאָזט וויסן מ׳זאָל קומען אין חדר אריין, דער „שווארצער סופר״ וועט לערנען ביז ס׳וועט זיין א נייער רבי. דער „שווארצער סופר״ האָט געוווינט אין א קעלער־שטיבל לעבן דעם חדר. כאָטש מיר האָבן אים ליב געהאַט צוליב דעם ווייסן די רינשטאָקן, האָבן מיר אים איצט פיינט באקומען צוליב זיין הוסטן און שווארצקייט. אלץ איז ביי אים געווען שווארץ. אפילו דאָס ווייסל פון אויג איז אויך נישט געווען ווייס. מ׳האָט געזאָגט, אז פון אזוי פיל יאָרן שרייבן מיט טינט איז ער געוואָרן אזוי שווארץ. שרייבט מיט אייגן שפייעכץ. האָבן מיר אים גערופן „טינט־פּאס״. עסן פלעגט ער זיין ווייבס געקעכץ. איינמאָל, ווען דאָס „טינט־פּאס״ איז נישט געווען און שפרינצע האָט שוין געהאט אויסגעטיילט יעדן די גריץ, האָט זי פאר אחדות־וועגן אָנגעגאָסן א שיסעלע פאר זיך און אָנ־געהויבן בזה הלשון: „דער רבי וויל דען מער ווי עך זאָלט באגערן צו לערנען? מילא וויוועזן אביסל, אָבער אָפּטון א רבין אזעלכע שפיצלעך, עך האָט דאָך עם פארטריבן, צוגענומען זיין ביסן פון מויל, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן יידישע קינדער זאָלן מבייש זיין א רבין, א תלמיד חכם, עך ווייסט דעם עונש דערפאר? קימך, לאָמא אריבערגיין צום רב ר׳ גמליאל און בעטן מחילה פארן רבין ער זאָל צוריקקומען״... די לעפל זענען געבליבן פארגליווערט אין די שיסעלעך, מיר אויף די ערטער מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, גער־לאָזט די פליגן פריי ארומראַיען ביי די פארגאָסענע קייקעלעך גריץ

אויפן טיש, אפילו נישט געזען ווען די גוטע שפּרינצע איז אַוועק. דעם „שוואַרצן סופרס" הוסט האָט אונדז אויפגעוועקט אָפּצורייניקן די טישן צום לערנען.

*

דער ברודער פיניע, איז גיך דערגאַנגען צום שם „עילוי". אין דער ישיבה האָט ער געהייסן „דער קראָסנסטאַווער", נאָר די „כע־לעמער" האָט מען געמוזט רופן ביי זייערע נעמען... דער ראש ישיבה האָט איבער אים געוואַכט מיט א וואַרעם האַרץ, געלאָזט רופן די מאַמען צו זאָגן, אז פיניע איז קיין ע"ה ממהר בדברי תורה, האָט אַ גוט קעפּל און חשק צו לערנען, "איר וועט אי"ה האָבן אַ סך נחת פון אים. איך ווייס, הענעלע, ווי איר פּלאָגט זיך, „אדם לעמל יולד" ובכן"... מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט. די מאַמע האָט פאַרשטאַנען זיין שווייגן און אַלץ מכוון געווען מיט גרויס פרייד און מיט א טרער. זינט דאַן האָט די מאַמע צוגעפּילנעוועט פּיניען מיט א ביסל וואַרעמע מילך מיט האָניק, א ספּעציעל געקעכצל, ווייל פיניע איז געווען „וויבערדנע" אין עסן, דאָס שוואַכסטע קינד, א בלייכער מיט א הוסטעלע, מ'האָט אים גערופן „דער דאַרער פּאַנ־דאַק", ער איז געווען זייער פרום, אחוץ גמרא מיט תוספות האָט ער זיך געכאַפּט צו „יורה דעה", צו מוסר ספרים. געקאָנט שיין זינגען האָט זיין לערנען אין די נעכט געקלונגען אין שטוב און איינגעוויגט די מאַמען און די יינגערע אין א זיסן שלאָף.

הינדע, א קיילעכדיקע יתומה אין די יאָרן, איז געקומען אַרבעטן שניידעריי ביי דער מאַמען. פייגע און חוה האָבן זי ליב געהאַט ווי אַן אייגענע שוועסטער. אירע פאַרזעסענע יאָרן האָט זי באַפּעפּערט מיט זינגען און ווערטלעך, אַן אייגענע אין שטוב, האָט זי דווקא געוואָלט פיניע זאָל אויף איר א קוק טאָן, געזונגען צו אים ראָמאַנסן, פיניע האָט נישט געקוקט אין איר זייט און זיך פאַרשטאָפּט די אויערן. די מאַמען איז הינדעס שפּיל נישט געפעלן, האָט זי אויף

איר אָנגעשריגן און געהייסן זיך לאָזן ריידן א שידוך... וועגן פּיניען וועל איך שרייבן באַזונדער, ווייל אים קאָן איך בעסער, פאר אים און נאָך מיר — טעכטער. זענען מיר געווען מער צוזאמען, געשלאָפן אין איין בעט אפילו שפּעטער אין ווארשע, צוזאמען געפאָרן קיין



פון לינקס זיצן: א. דאנציגער, ברײַנדל זינגעלבוים, ישראל טארן איר חתן.
צווייטע ריי: פייגע זינגעלבוים, ליבע עפּעלבוים רויטער,
ברײַנדל שוואַרץ און הינדע.

ווארשע, צוזאמען א צייט געארבעט, געלערנט אויף קורסן, צוזאמען אריין אין דר. ווייכערטס טעאטער סטודיע, שפּעטער אין „יונג־טעאטער" ווייל מיר זענען געווען קעגנזעצלעכע כאראקטערן און טעמפּעראמענטן און כאָטש אלע יונגע יאָרן צוזאמען, איז יעדער

געגאנגען זיין וועג. פּיניע איז געווען פון גאָט געבענטשט און גע־שטראָפט, א מענטש מיט אַ סך טאַלאַנט אויף פארשידענע געביטן, געוואלדיק מוזיקאליש, אליין זיך אויסגעלערנט שפּילן פּיאנאָ, אויס־פייפן מיטן מויל די שווערסטע אָפּערעס. אן ערשט ראנגיקער אק־טיאָר, אַנשרייבן א פּרעכטיקע הומאָרעסקע, א שארפזיניקער וויצלער און א שווער לונגען־ליידנדער, וואס האָט אוודאי געהאט א השפּעה אויף זיין שארף־שפּיציק ציניש קוק אויף אלץ און דעריבער מיט א סך נישט געלעבט בשלום. א ליידנדער טרוימער, די ליידן גע־טראָגן אין זיך, דעם חלום אין די הימלען. מיט ווייב און קינד דער־טראָגן זיין לעבן ביז פאַנאַר אין 1941.

## שמואל ווערט קראנק אויף א רויז

שמואל איז איין טאָג אהיים געקומען פון דער אַליארניע א קראנקער, ער האָט געקראָגן א „רויז", געלעגן א פארשמאכטער, געריעדט פון היץ, די מאמע האָט „אָפּגעברענט" די רויז, דאָס פאר־שוואָלענע רויטע פּנים פארדעקט מיט א שמאטע, געברענט שטיק־לעך פּאפּיר, און געזאָגט א תפילה. פון פעטער לאָזערס געשעפט האָט די קוזינע שיינדל בוים געברענגט גוטע זאכן: פייגן, פּאָמע־ראנצן, כאלווע, טשאָקאָלאדע, אלץ צוזאמען האָט שמואלן געהאָלפן, אונדז, יונגוואָרג האָבן די באשרייען אויף „געהאָלפן", שמואל איז געזונט געוואָרן און מ'האָט אים באלד גענומען אין רוסישן מיליטער. די זעלבע וואָך האָבן די דייטשן אַטאַקירט כעלעם, מען איז געזעסן אין הויף און געהערט ווייטע שאָסן, געהערט א רויש פון „צעפּע־לין", ביינאכט האָט מען קיין ליכט נישט אָנגעצונדן, געשלאָפן אין אָנטועכץ גרייט צו לויפן, ווי פון קראסנסטאוו. אין א רואיקער שעה אָן שאָסן, זענען שכנים קרעמער אוועק אין זייערע קראָמען ברענגען עסנוואַרג און צעטיילט אָן געלט לויט דער גרויס פון דער משפחה, יעדערער האָט געזוכט צו טאָן א מצוה. מענדעלע קראמער,

א רייכער סוחר וואָס אין זיין שטוב האָט דער טאַטע געגעבן לעק־ציעס, האָט אין פייער געשיקט זיין זון חיים מיט א פעקל עסן צום לערער יאָסקע, אפילו די בייזע מנשהכע, וואָס האָט שטענדיק געשאָלטן, איז געווען אזוי גוט צו אלע אירע לאָקאַטאָרן. יידן האָבן גערעדט פּאָליטיק, געדאוונט בציבור, געבעטן גאָט די קאָזאקן זאָלן איינגעמען א מיתה משונה, איין נאכט איז געווען א שטארקע שי־סעריי שוין נאָענט פון שטאָט, ערשט מ׳קלאַפּט אין דער פאָרנטיקער טיר, דער טאַטע האָט באלד דערקאָנט, אז ס׳איז שמואל, ער מיט נאָך איינעם זענען אנטלאָפן פון קאזארמע, אין דער פינצטער האָבן זיי זיך באהאלטן אין א קאמער האָלץ. צוויי טעג זענען זיי דאָרט געווען ביז די דייטשן זענען אריין מיט אָרקעסטערס, אלע זענען ארויס מיט פרייד באגריסן דעם אָקופאנט, די דייטשן זענען געווען גוטע, געטיילט די קינדער טשאָקאָלאדע. באלד אבער האָט זיך אָנגע־הויבן דאָס כאפּן צו ארבעט, מענער האָבן זיך אויסבאהאלטן, צוליב די שוואכע אויגן האָט מען דעם טאטן נישט געטשעפּעט אָבער אלע אנדערע זענען געלעגן פארשטעקט אין קעלערס, אין קליידער שאפעס, קיין עסן איז נישט געווען, ברויט האָט מען באַקומען אויף קארטן, גאנצע נעכט איז מען אָפּגעשטאנען אין רייען נאָך א קילא קוקורוזע ברויט. אין דער צייט האָבן מיר זיך איבערגעקליבן אין משה מענ־דעלזאָנס דירה, א שיינע בוידעם דירה פון צוויי צימערן קעגן לאזא־רעט, א מיליטעריש שפּיטאָל, קארעטקעס מיט צלמים האָבן געהאָלטן אין איין ברענגען פארוואונדעטע זעלנער פון פראָנט, זייערע געוואלדן און קרעכצן האָבן נישט געלאָזט שלאָפן, מיר האָבן אראָפּגעקוקט פון דאך פענצטער און מיט זיי מיטגעוויינט. דער „פרידהאָף״, דער בית־עלמין וואָס מ׳האָט אויך געזען פון אונדזער פענצטער איז מיט יעדן טאָג פולער געוואָרן, די חברה קדישא האָט אויסגעפּועלט אוועקצונעמען די יידישע טויטע זעלנער, געטראָגן זיי אויף א מיטה צוגעדעקט מיט א טלית. דער הונגער איז גרעסער געוואָרן, קינדער

זענען ארומגעקראָכן, ווי הונגעריקע חיהלעך און געגעסן פון מיסט, וואָס די דייטשן האָבן ארויסגעוואָרפן, דער עיקר האָבן שוין די קינדער געקענט די הייזער, ווו סהאָבן זיך באזעצט אָפיצערן, האָט מען געקאָנט כאפן א בעסערן ביסן... צוליב דער קינדער „דיעטע" האָט זיך גיך צוגעטשעפעט טיפוס און דיזענטעריע, יעדן טאָג האָט אין דער הונגעריקער קינדער־סטאָדע געפעלט ווער. קינדער זענען געשטאָרבן ווי די פליגן, סהאָט זיך איינגעשטעלט דאָס בידנע לעבן ווי דאָס בידנע שטאַרבן, ביז סאיז געקומען דער „דזשוינט", קיכן מיט רייז, קאָנסערווון מילך, ווייצענע בולקאלעך, קאקאָא, און ס'איז גע־וואָרן א לעבן. די גבירים האָבן אלץ באקומען פון שמוגל, וואָס איז זייער פארשפרייט געוואָרן. פאר פאַכלאָזע ארעמעלייט איז אויפגעקומען אַ נייער שמוגל־מסחר, א הורטאָווניק האָט אויפגע־קויפט אין געהייט קליידער פון טויטע זעלנער, אָרעמע ווייבער און יידן האָבן געקויפט קליינע פעקלעך פארבלוטיקטע קליידער, זיי צעטרענט, איבערגעפאַרבט, שניידער האָבן איבערגעניייט און ארעמע לייט האָבן געשאַרט „גאָלד" מיט לאָפּעטעס, נישט איינער איז אריינגעפאלן אין תפיסה, אמאָל האָט א גוישער שכן געמסרט, רע־וויזיעס זענען אָפט געווען, אונדזער מאמע איז אויך אריין אין דעם מסחר. פארבלוטיקטע הויזן און שינעלן אונטער די בעטן האָבן אונדז, די יינגערע קינדער, געשראָקן. מהאָט דערציילט, אז ביינאכט וויינען די קליידער. שניידער זענען געקומען אויסקלייבן וואָס זיי געפעלט און גלייך געפלאָנעוועט, אויף וואָס פארא קאָליר צו פארבן און וואָס דערפון צו מאכן. נאָך א מסחר האָט אויפגעבליט, מען האָט עס גערופן „קעק", דאָס זענען קיכעלעך, ווי א האלב רינגעלע, דאָס קאָמישע פון דעם מסחר איז געווען, וואָס קיין מעל און צוקער האָט מען נישט געטאָרט קויפן אָדער פארקויפן, באקן האָט מען אויך נישט געטאָרט, די קליינע בעקערייען האָבן געאַרבעט אין די נעכט ביי פארהאָנגענע פענצטער, אָבער פארקויפן די פעקעלעך „קעק"

אין פאַרביקע פּאַפּירלעך האָט מען יאָ געמעגט. קינד און קייט האָט געאַרבעט אין די געהיימע בעקערייען, געמישט מעל מיט צוקער און אַמאָניאַק. אין דעם מסחר מיט שותפים איז אַריין דער טאַטע מיט ישראלקען. אַ הויכע פרוי, אַ יידענע אַ קאָזאַק, די „אָרלאַנעכע", איז געווען די געהיימע צושטעלערין פון מעל און אַלע קינדער האָבן געהאַט וואָס צו טאָן, דער עיקר ביים פּאַקן אין די פּאַפּירלעך.

שמואל האָט געאַרבעט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל, שפּעטער מיט רוסישע פלעניקעס אין אַ מיליטערישן טאַרטאַק און אָנגעהויבן ווערן פּאָליטיש טעטיק, אַגיטירן די אַרבעטער קעגן מלחמות, קעגן אימפּעריאַליזם ביז די „געלע" קאַנאַריקעס, דאָס האָט געמיינט די „זשאַנדאַרמאַריע" אין אוניפאָרמען מיט געלע טראָלדן, זענען איין נאַכט געקומען און אים אַרויסגענומען פון בעט, כאָטש אין שטוב האָבן זיי קיין „טרפות" נישט געפונען בעת דער רעוויזיע.

דער ברודער משה, מיט דריי קינדער יונגער פון שמואלן, וואָס איז געשלאָפן מיט אים אין איין בעט, האָט פאַרדראָסן, וואָס די „געלע" רייסן אים איבער דעם שלאָף, האָט ער זיי געזידלט אויף דייטש, זיי האָבן אים בגוואַלט אַרויסגעשלעפּט צו זוכן אין „שעניק" און געוואָרנט, ווען נישט זיין יונגען עלטער וואָלטן זיי אים אויך גענומען. „באַפעל איז באַפעל, ס'איז מלחמה! פאַרשטאַנען?" משה האָט זיי געשאָלטן אויף אַ לשון זיי זאָלן נישט פאַרשטיין, שמואלן האָבן זיי אַרעסטירט און נאָך עטלעכע טעג פריי געלאָזט.

## דער טאַטע, אַן אייזן הענדלער

די קוזינע אסתר מאַנטיק פון דער „אַלאַרניע", איז געווען די טאָכטער פון דער מומע שאָשע, דעם טאַטנס אַ שטיף־שוועסטער, זי האָט געהאַט זעקס קינדער. פון אַ צווייטער טאָכטער שטאַמען די גאָטליבס. אחוץ דער „אַלאַרניע" האָט אסתר אויך געפירט אַ „שמעלץ־סקלאַד". אין זעק און אויף וועגעלעך האָבן אָרעמע יידן

און גוים געברענגט אלט אייזן, בלעך, צעבראָכענע כלים פון מעטאַל. „אָפּגעוואָרגן״ האָט אסתר מיטן אויג און לויט דעם באַצאָלט. אין גרויסן הויף איז שטענדיק געלעגן א בארג אייזנווארג, אלטע רעדער, פעסער. דאָרפישע פויערים האָבן ארומגעראָיעט צו געפינען עפּעס וואָס זיי דארפן, אַן אַלטע פאָדקאָווע פאר א פערד, אַ רייף פאר א פאס וכדומה. האָט די קוזינע „נאַראָיעט״ דער טאַטע זאָל זיך אויך נעמען צום „שמעלץ״ מסחר, „יאָסקען וועל איך אנדערש צאָלן״ האָט זי פאַרטרויט דער מאמען. ווי דער זיידע אברהמל אמאָל, האָט די מאמע איצט פאַרזיכטיק גערעדט מיטן טאַטן וועגן פרנסה בכלל. אסתר וועט דיך נישט באַוואָלען, „שמעלץ״ איז א גוט ארטיקל, מקריגט עס בחינם, אפשר וואָלסטו געכאַפּט א וואָרט מיט נחל בלעכאַרזש, ער איז דיר א גוטער פריינד און האָט דרך־ארץ פאַר דיר... נחל בלעכאַרזש האָט געשמט פאר אַן ערלעכן ייִד און פאַרן בעסטן בעל מלאכה אין כעלעם. צו אים איז מען נישט געקומען מיט א טעפּל צו פאַרלייטן, ער האָט געלייגט דעכער אויף די גרעסטע „קאַמעניצעס״. דער טאַטע פלעגט אים העלפן מיט זיינע דאַך־חשבונות, שרייבן פאר אים א בריוו צו זיין ברודער דעם „בראָן הירש״ אין ארגענטינער הרי־חושך. האָט דער טאַטע געפאָלגט, אוועק צו די נוסקערס נייע „קאַמעניצע״ וווּ נחל האָט געאַרבעט אויפן דאַך. אַז נחל האָט געהערט צו וואָס דער טאַטע וויל זיך נעמען, איז ער געוואָרן זייער טרויעריק, א שמאַטע איז געלאָפן איבער זיין פּנים געווישט דעם שווייס מיט טרערן, געשאָקלט דעם קאָפּ ארויף צו גאָט, אָנגענומען דעם טאַטנס הענט און קוים ארויס־געזאָגט „ וואָס זאָל איך אייך זאָגן ר׳ יאָסקע סערצע, אייך פּאַסט א שענערע פרנסה... שיקט אהער אייערע יינגלעך, כוועל דאָ אָנ־גרייטן א „בערגל גאָלד״, די צווייטע וואָך ווידער און זאָל אייך גאָט העלפן. אז דער טאַטע מיט דריי קינדער זענען געקומען נעמען דאָס „גאָלד״, האָט נחל נישט געלאָזט דער טאַטע זאָל זיך צערייסן

די הענט ביים לייגן אין די זעק. און דעם טאטנס זעק זענען אים אויך נישט געפעלן, האָט ער געברענגט גוטע זעק און געהאָלפן דעם קליינוואַרג, געוויזן וויאזוי אַנצונעמען א שטיקל אייזן, בלעך און נישט „מל" זיין די הענט, „קרעוו ניע וואָדא"... „ווי קאָנט איר דאָס טראָגן? ניין ר' יאָסקע, אסתר מאָנטיק האָט וועגעלעך, ברענגט א וועגעלע, סינישט ווייט". מ'האָט געברענגט די סחורה צו דער קוזינע און דער טאטע איז א היים געקומען מיט פיר רובל, זיי אוועקגעלייגט פאר דער מאמען אויפן טיש. זיינע קורצזיכטיקע אויגן האָבן געפינקלט מיט גליק. די קליינע אונטערהעלפערס נאָך מער, „זעסט יאָסקע, „קרעוו ניע וואָדא", דאָך אייגן בלוט, אסתר", כאָטש א גבירטע. קליינוואַרג האָט זיך געקאטשעט פאר געלעכטער, אפילו דער טאטע האָט געשמייכלט און כדי די מאמע זאָל זיך נישט פילן געטראָפן, האָט ער איר קלאָר געמאַכט, „נחל האָט אויך אזוי געזאָגט", „קרעוו ניע וואָדא", זיי זאָלן זיך נישט צערייסן די הענט". מיר האָבן געהאט א גוטע וועטשערע די נאכט. א חוץ ביי נחלען, ביז ער האָט געענדיקט דעם דאָך, איז דער אייזן מסחר געגאנגען זייער שווער, מיט זעק אויף די פלייצעס איז דער טאַטע מיט ישראל־קען ארום געגאנגען צו קאָוואַלעס, גיין איבער הייף קלייבן אלטווארג, האָט דער טאטע נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, אנדערע האָבן עס יאָ געטאָן, זענען זיי ארויס הינטערן שטעטל, יעדן טאָג אָפּגעלייגט ס'ביסל שמעלץ אין א קאמער, ס'האָט גענומען א לאנגע צייט אָנצוזאמלען א פורל שמעלץ, וואָס א געדונגענער באַלעגאָלע האָט אוועקגעפירט, די 2 רובל וואָס דער טאַטע האָט באַקומען זענען טאקע שטארק צונוץ געקומען, אָבער פון דער האָרעוואַניע איז דער טאַטע שווער קראנק געוואָרן און געמאַכט א סוף צום מסחר.

## מומע סערצע

סערצע גאָטליב פון ברייטן מארק, איז געווען א מין חול־המועד מומע, נישט יום־טוב, נישט וואָך, יאָ אַ מומע און נישט קיין מומע. דער משפחה חשבון איז צו קאָמפּליצירט, דאָך האָבן מיר זי גערופן „מומע סערצע". מיט איר עלצטן זון וועוקע האָט זיך שמואל חבריש קוזינעוועט. די מומע האָט געהאט א געוועלב פון זאלץ, זעק און שטריק. דאָס געוועלב איז געווען א לאנגער, שמאָלער קאָרידאָר מיט פינצטערע געדרייטע טרעפּ צום אויבערשטן קאָרי־דאָר, ווו זי מיט אירע פיר קינדער האָבן געוווינט. א חוץ דער בת יחידה, די האָרבאטע איידעלע וואָס האָט געארבעט מיט דער מאמען אין „געשעפט", זענען אלע בנים געווען ליידיק־גייער. וואָווקע, א קורצער קרעפקער יונג מיט א בייכל און אסך צייט, האָט אויסגע־פירט, מען זאָל אריינעמען יידן אין דער „פאָזשארנע קאָמאנדע", ווייל די פאָלאָקן פלעגן צעלייגן אַ יידישע הייזקע בשכנות פון פייער. ער האָט געגרינדעט אין כעלעם דעם „סקויטן קלוב", ליב געהאט צו פאראדירן אין פייער לעשער צי אין „סקויטן" אוניפאָרם, איז יונג אוועק קיין פאלעסטינע טרוקענען זומפּן, געקרענקט אויף מאַלאַריע און שפּעטער אויף קאָמוניזם, געשטאָרבן אין אויסטראַליע.

ליפּע, אַ ברייטפּלייציקער, געזונטער „שילאטש" מיט א ריזיקן אפעטיט, פלעגט זיך פארמעסטן אין פועלי ציון לאָקאָל אויפצועסן א טוץ אייער און געווונען יעדן געוועט. בייבישל, אַן איידל קרענק־לעך ייִנגל, אַ מעלאנכאָליקער, האָט א סך געלייענט, אים האָט מען זעלטן געזען, מהאָט געזאָגט, אז אין לבנה־נעכט קריכט ער אויף דעכער, איז געשטאָרבן פון דער שווערער קרענק. די איבעריקע זענען אומגעקומען אין כעלעם בעת א היטלער־אקציע...

## פאַניעס מאַמע, פערעלע ענגלענדער

אונדזער שוועגערין, פאניע, ישראלקעס ערשט ווייב, איז געשטאָרבן אין אפריקע. איר שוועסטער שרה מיט א טאָכטער רות

זענען פאַרוואָגלט געוואָרן אין די סאָוויעטישע וויסטעניש, דאָרט איבערגעלעבט דעם חורבן און צוריקגעקומען קיין פּוילן. דער ברודער ישׂראל האָט זיי געבראַנגט קיין אַפֿריקע. היינט איז זי די פֿרוי פֿון אַרטיסט רובינשטיין אין קייפּטאָן. אַן עלטערער ברודער מיט אַ שוועסטער מיט זייערע משפּחות זענען אַלע אומגעקומען אין פּוילן. זייער מאַמע, פֿערעלע ענגלענדער, האָט אויסגעזען ווי אַן אמתע קריסטן און געווען איז זי אַ צדקת מיט אַ גוט יידיש האַרץ און אַ ברייטע האַנט פֿאַר מתן בסתר. אָרעמע לייט פֿון און אַרום כעלעם האָבן גוט געקאָנט איר טיר, כאָטש זי האָט געוווינט ווייט, אַזש נאָך דער באַן. נישט זי האָט געפֿרעגט און נישט זי האָט געוואָלט מזאָל וויסן אַז זי גיט. „כגיב נישט מאַנס נאָר גאָטס, גייט געזונטערהייט און קומט ווידער, ווען איר דאַרפֿט". דאָס איז געווען פֿערעלע ענגלענדערס נוסח. די גוטהאַרציקע פֿרוי מיטן מכלומרשט שטרענגן פּנים און גרויסע בלויע אויגן ווי ביי אַ קינד, קאָן איך נישט פֿאַרגעסן. די שיינע מידות, האָט אויך געהאַט איר טאָכטער, אונדזער שוועגערין פֿאַניע. דאָס האָב איך געזען פֿון איר באַציאונג צו די אָרעמע שוואַרצע אין רייכן אַפֿריקע.

### דער עקרהס ליבשאַפֿט

פֿון די קליינע שטעטלעך אַרום, זענען יידן מיט מיחושן געקומען קיין כעלעם זיך דאָקטערעווען ביי מאָטי פֿעלצשער. מיט אַ מער „וואַזשנע" קרענק איז מען געפֿאָרן צו אַ דאָקטער קיין לובלין צי אַפֿילו קיין וואַרשע. אונדזערס אַ ווייטע קרובה, אַ זייער שיינע פֿרוי מיט בעקעלעך, ווי שחריתדיק־ראָזע וואָלקנדלעך, האָט געליטן פֿון עקרהשאַפֿט און פֿון אַ נאָדל וואָס האָט אַרומשפּאַצירט אין איר גוף. מיט דער ערשטער קרענק איז זי געפֿאָרן צו חסידישע רביים און מיט דער צווייטער, קיין כעלעם צו מאָטי פֿעלצשער, ער זאָל כאַפּן די נאָדל. אָט די ווייטע קרובה האָט אונדז זייער ליב געהאַט.

ווען זי איז געקומען צום פעלצשער, איז זי איינגעשטאַנען ביי אונדז און סאיז געוואָרן יומטוב אין שטוב, מיט צוקערלעך, זיסע קיכעלעך און איר ליכטיק פנים. ראוּבענען, אונדזער מוזיניק, האָט זי נישט אראָפּגעלאָזט פון אירע הענט, אים געקושט, געקאָרמעט און באַשמעקט פון אלע זייטן, אויסגעלאַדן איר עקרה־ליבשאפט אויף קינדער. דער פינאל פון אירע פריילעכע באזוכן איז שטענדיק געווען א טרויעריקער. „איי, הענעלע, ווען גאָט העלפט מיר... די רבישע ברכות הערט ער נישט, גאָט וויל נישט"... דער מאמעס טרייסטן אז „זי איז נאָך יונג און שיין און"... האָבן נאָר גרעסער געמאכט איר ווייטאָג מיט נעמען די שולד אויף זיך אליין. „גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. ווען כלאָז מיך נישט פארשלייערן, וואָלט מיין טראכט נישט געווען פארשאָלטן... הענעלע איך גלויב אין דעם, א מענטש איז אליין זיין גרעסטער שונא". די רייד האָט זי אָפט איבערגעחזרט און געוויינט, א גביריש ווייס געהאָפטן טיכעלע האָט געפלאטערט ארום אירע לאנגע וויעס אָפצוטריקענען איר צעשמאָלצענעם ווייטאָג. „און ווי האלטסטו מיט דער נאָדל?" האָט די מאמע געפרעגט כדי לייכטער צו מאכן איר געמיט... „זי" גייט, אָט איז זי דאָ און אָט איז זי דאָרט, מאָטי זוכט, הייסט מיך שמירן מאשטשן און טרינקען זויערמילך, נאָר גלויבט מיר הענעלע, נישט די נאָדל שטעכט ארויס די טרערן... מיין ווייטאָג איז גרעסער... זיך גוט אָנגעטרונקען מיט ליבשאַפט פון די קינדער, זיך גוט אויסגעוויינט, איבערגעלאָזט יעדן „לעצט־געלט" איז זי אוועק כדי ווידער צו קומען. די שיינע קרובה, איז געווען פארליבט אין שמואלן ביז איבער די אויערן, האָט זיך געלאָזט פארשלייערן פאר א רייכן סוחר און געבליבן א „בעזדיעטניצע".

פאר פאראטן איר ערשטע ליבע האָט זי גאָט געשטראָפט, אין דעם האָט זי געגלויבט און דאָס איז געווען איר טיפער ווייטאָג.

## דער ברודער משה

פון געטאָס, בונקערס, טויט־לאגערן, פארטיזאנקעס, סאָוויעטישע תפיסות, פון ווייטן אזיע און לאָנדאָן. פון אומעטום ווייגען ווינטן, רייסן זיך אין די בלעטלעך אריין.

משה איז געווען דאָס פערטע קינד אין דער משפחה. געווען — ווייל אויך ער איז שוין נישטאָ. פאר זיין דער ברודער פון דעם „בונדישן באנדיט" ארטור זיגעלבוים, איז ער אין ראטנפארבאנד אין יאָר 1936 פארמשפט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. אין יאָר 1941 איז ער דערשאָסן געוואָרן. אַ נאָטיץ וועגן דעם פארברעכער איז גע־ווען געדרוקט אין „שטערן" דעם 9טן סעפטעמבער 1936 און איז דערשינען מאָנטיק דעם 14טן סעפטעמבער 1936 אין דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג" וועלכע איך האָב פארהיטן.

משה איז פון קינדווייז אָן געווען אַן אומרואיקער, נישט צופריי־דענער, א שטורמישע נאטור וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן אלץ און אלעמען. דערפאר באצייכנט אים פייגע ווי „דאָס שלעכטס". אזעלכע מענטשן זענען געווײנלעך מוטיק און ריזיקאליש ביז הפקר. ער איז געווען א טעמפעראמענטפולער רעדנער, א פירער פון יוגנט־בונד אין כעלעם, א גוטער אָרגאניזאַטאָר. ער האָט געטאָן שווארצע ארבעט אין דאַרפמאנס ברויערײ און יעדע פרייע שעה געלייענט, געלערנט. ארטור האָט אים מדריך געווען, אָבער משהן האָט שוין דעמאָלט געהאט פארכאפט די רוסישע רעוואָלוציע און ער האָט נישט געהאט קיין געדולד פאר ארטורס סאָציאליסטישער דערציאונג

פון די יידישע ארבעטער מאסן. „מיר דארפן זיך פאראייניקן מיט דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד צוזאמען מיטן פוילישן פראָלעטאַריאט, האָט ער געטענהט, יידן זענען דאָרט פריי ווי אלע פעלקער״...

מיט יוגנטלעכן פלאם האָט משה אגיטירט זיינע חברים וועלכע מ׳האָט גערופן אין דער פוילישער ארמיי צו קעמפן קעגן די באָל־



דער ברודער משה

שעוויקעס, זיי זאָלן פאראטן די „ראָגאַטוווקעס״ און זיך איבערגעבן אין „פלען״ צו קעמפן קעגן פוילן.

איין אָוונט, טרעפט ער אין שטוב אלעמען טרויעריק, די מאמע איז פארצאגט און וויינט. ישראלקע איז א בינטל נערוון. ער דער־וווסט זיך די סיבה — מען רופט ישראלקען צום מיליטער. ישראלקע העלפט דער מאמען אין דער פרנסה ביי איר שניט־שטעלעכל אויפן

טאָרג, אַז אים וועט זי נישט קענען אויסקומען. משה דערפילט אז זיין מאָמענט איז געקומען. פונעס טרויער צעשפּילט זיך גאָר אין אים א פרייד. „וואָס קלאָגט איר אזוי? אוודאי קען ישראלקע נישט גיין, איך וועל גיין, איך בין ישראלקע״... „און אז דו?״ זאָגט די מאמע. „דו ביסט נישט מיין קינד? ס׳איז מלחמה״. „זאָרג נישט מאמע, די פּאָליאַקן וועלן כאַפּן א גיכע בראָך, ס׳וועט ווערן איין ארבעטער־לאנד״.

ישראלקע האָט אים איינגעשטילט, זיך אויך קעגנגעשטעלט, אָבער משה האָט באַשלאָסן... די דריי האָבן זיך פארקליבן אין א ווינקל, ס׳קליינוווארג זאָל נישט הערן. משה און דער עול פּרנסה האָבן גובר געווען. משה איז אַוועק אין דער אַרמיי אַנשטאָט ישראל־קען. מען האָט אים צוגעטיילט צו א פּולעמיאָטן־דרוזשינע, ער האָט אוודאי צוגעלייגט קאָפּ, ווייל ער איז גיך געוואָרן א קאפּראל און געשיקט געוואָרן אויפן פראָנט.

א לענגערע צייט האָבן מיר פון אים נישט געהערט און א סך געזאָרגט... ישראלקען האָט דאָס געוויסן געפּלאָגט. די שטימונג אין שטוב איז געווען ווי ביי אן אָבל, מ׳האָט געשוויגן און גע־וואַרט... צו אונדז אין שטוב האָבן אָנגעהויבן קומען „געסט״ — געהיים־אגענטן אויספרעגן, צי מיר הערן עפּעס פון „יזראעל״ זיגעל־בוים... צו מיר ווייסן פון אים?... די מאמע האָט געקלאָגט און גע־וויינט, געבעטן זיי זאָלן איר זאָגן ווו איר זון איז. זי ווייסט אז ער איז אין מיליטער. די באזוכן האָבן זיך געשלעפּט א לענגערע צייט. נישט שטענדיק זענען געקומען די זעלבע „געסט״, אָבער שטענדיק מיט די זעלבע פראגן און פארשריבן די ענטפערס. אויך צו דער שטעלע אויפן מארק זענען זיי געקומען. מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל אז משה לעבט, נאָר עפּעס איז געשען מיט אים און דאָס געפיל איז געווען געפּאָרט מיט פּחד. דער עיקר — פאר ישׂ־ראלקען. ער אליין איז אויך ארומגעגאנגען ווי א געיאָגטע חיה אין

וואַלד, א צעשראָקענער, נישט געשלאָפן אין דער היים, נישט געווען ביי דער מאמעס שטעלע. דאָס „געשעפט" האָט סיי ווי געליטן און ער האָט באַדויערט דעם גאַנצן עסק.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט, וואָכן זענען פאַרביי, זעלנער זענען אַהיימגעקומען. מען איז געלאָפן פרעגן וועגן משהן, אָבער אָן רעזולטאַטן. וועגן זיין גורל האָבן מיר זיך נישט דערוווּסט. די מאַמע מיט פייגען זענען געלאָפן פרעגן, צי דער נאָמען יזראַעל זיגעלבוים געפינט זיך אין דער רשימה פון די געפאַלענע. ביז איינטאָג האָט זיך אריינגעשאַרט צו אונדז א יונגער־מאַן, א צוריק געקומענער און בסוד דערציילט אַז משה האָט ארויסגעשטעלט פון דער אָקאָפּע א ווייס פענדל... ער איז אין „פּלען". די מיסטעריע איז אויפגע־קלערט געוואָרן. מיר האָבן אָפּגעאָטעמט, אָבער אין שטוב איז גע־בליבן הענגען א מורא פאַר די „געסט"...

נאָך צוויי יאָר האָבן מיר באַקומען א קורץ בריוול פון מויסיי יאַסעפּאָוויטש פון מינסק, אַז ער לעבט, איז געזונט, האָט א פרוי, איז גליקלעך, אַרבעט אין „אָזעט"... זיינע נישט אָפטע בריוו אין א רמזים־לשון האָבן מיר גוט פאַרשטאַנען... ער האָט אָנגעהויבן אָפטער צו שרייבן און פאָדערן, אַז די יינגערע פיניע און פייוול זאָלן קומען צו אים לערנען טעאַטער. ער ווייסט פון אַ סך וואָס רייסן זיך דורך... פיניע און איך האָבן שוין נישט גערוט, דער עיקר פיניע. דער ערשטער, איז ער אַוועק צו דער עפּל־הענדלערקע, פריידע נעכע באַך, וואָס האָט שוין „דאַרט" געהאַט צוויי זין. זי האָט אים געגעבן צו לייענען זייערע גליקלעכע בריוו. פיניע איז א היים געקומען א צעפלאַמטער און אַנטשלאָסענער צו פאָרן, כאָטש די מאַמע האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. אין שטוב האָט מען שטילערהייט אסך גערעדט וועגן יאָ פאָרן אָדער נישט פאָרן. די ליכטיקע צוקונפט פון „דאָרטן", די אויסזיכטסלאָזיקייט דאָ, משהס בריוו, פיניעס עקשנות האָט געהאָלפן באַשליסן אַז פיניע זאָל פאָרן.

די מאמע מיט ישראלקען זענען אוועק רעדן מיט א ייד א „מאכער", וואָס האָט זיך דערמיט פארנומען.

די נאטיץ פון דער „פאלקס־צייטונג",
14טער סעפטעמבער 1936.

## אט אזוי און מיט אזעלכע מיטלען

### אָדער א מעשה וועגן צוויי ברידער־באנדיטן

דער קאמף קעגן די „טראָצקיסטיש־זינאָוויעווישע אויסוורפן אין ראטן־פארבאנד ווערט פאַרגעזעצט. ס'ווערן אנטפלעקט „אויס־ווורפן, באַנדיטן", שיכורים, פוילע ליבעראלן, „מנוולים" (לויט דעם זשאַרגאָן פון די סאָוויעטישע צייטונגען) איינע נאָך די אנדערע, און עס איז שוין דערגאנגען צום געוועזענעם פאַרזיצער פון אָדעסער געזערד, דעם „באנדיט זיגלבוים" („שטערן", 9 סעפטעמבער 1936).

דער „שטערן" דערציילט, אז דער סעקרעטאר פון אָדעסער געגנט־קאָמיטעט פון „אָזעט" דעטינקאָ האָט באזעצט דעם געזערד מיט „טראָצקיסטישע אויסווורפן", מיט „שיכורים, פוילע ליבעראלן און מנוולים". צווישן אנדערע דעקט אויף דער „שטערן", אז דער זעלבער דעטינקאָ האָט באשטימט אלס פארטרעטער פון פאַרזיצער פון אָדעסער געזערד דעם... באנדיט זיגלבוים.

און איר מיינט, אז זיגלבוים איז א פשוטער אָדעסער באנדיט, ניין, ער איז א באנדיט בן באנדיט, ער איז א באנדיט, וואָס שטאַמט פון א באנדיטישער משפחה. דער „שטערן" דעקט אויף, אז „דער באנדיט זיגלבוים איז א ברודער פון באוווסטן באנדיט ארטור פון ווארשע".

דער באוווסטער „ווארשעווער באנדיט ארטור" — דאָס מיינט מען אונדזער „חבר ארטור". יאָ, ארטור זיגעלבוים, דעם מיטגליד

פון צ. ק. פון „בונד" דעם סעקרעטאר פון צענטראל־ראט פון די פראָפ. פאראייניגן.

דאָס ווייסן מיר, אָבער די לעזער פון „שטערן" ווייסן עפּעס אנדערש, זיי „ווייסן", אז פאָרזיצער פון אָדעסער געזערד איז געווען דער „באנדיט זיגלבוים, א ברודער פון באוווסטן באנדיט ארטור פון ווארשע".

אָט אזוי און מיט אזעלכע מיטלען ווערט דאָס געפירט דער קאמף קעגן די טראָצקיסטיש זינאָוויעווישע אויסוווּרפן.

# דער ברודער פּיניע

פּיניע, מיט צוויי יאָר עלטער פון מיר, איז כמעט אלע יאָרן געווען ווי מיין צווילינג־ברודער. אלע קינדער יאָרן און שפּעטער אין ווארשע, זענען מיר געווען צוזאמען, געשלאָפן אין איין בעטל צו „לעזשאק״. צוזאמען געפאָרן קיין ווארשע, צוזאמען געארבעט, געוואָרן מיטגלידער אין לעדער פאריין און רעציטירט אויף ארבע־טער־אָוונטן. צוזאמען געלערנט, געחלומט פון טעאטער, געגאנגען צו חסידישע מלווה־מלכה׳ס, צוזאמען אריין אין דר. ווייכערטס טעאטער סטודיע, געוואָרן אקטיאָרן אין „יונג־טעאטער״ ווו ס׳איז צוגעקומען אונדזער מוזיניק ראובן. כאָטש קעגנזעצלעכע נאַטורן, זענען מירביידע געווען צוזאמען ביז מיין פארלאָזן פוילן. פּיניע איז געווען אנדערש אפילו פיזיש, נישט נאָר צוליב זיין קרענק־לעכקייט. ער האָט אנדערש אויסגעזען, ווי נישט פון אונדזער שטאָם. ער איז געווען, — ווידער „געווען״, ווייל אויך ער איז נישט געוואָרן אין פייער צוזאמען מיט זיין ווייב רוזשע מיט א קינד אין פאָנאר... ער איז געווען הויך, העל־שאָטין, קרענקלעך אויסגעמאָ־גערט, אָפט געלעגן אין בעט צי אין שפּיטאָל. א פיל ליידנדיקער ווייצלינג מיט חכמה און מאָס, אָנגעלאָדן מיט דביקות און טראָצי־קייט. א שיין לענגלעך בלייך פנים, געדיכטע ברעמען איבער טרויע־ריקע אויגן מיט א בלוי־גרוילעכן שימער. „שווער געווען זיך אָפּ־צורייסן פון פּיניעס בליק״. דאָס הערן מיר נאָך היינט ביי באַגעגענישן מיט פרויען וואָס דערמאנען אים מיט בענקשאָפט. ער האָט ווייניק געזען די וועלט און ווייניק איבער איר געגאנגען, אָבער זיין



פיניע מיט זיין ווייב ראזע און אין צוויי ראלן.

דמיון האָט דערגרייכט צו ווייטע מרחקים. אַן אומגליקלעכער טרוי־מער, אַ ראָמאַנטיקער מיט אַ ליידנשאַפטלעכער ליבשאַפט צו ליטע־ראַטור און מוזיק, האָט ער זיך אַליין אויסגעלערנט שפּילן פּיאַנאָ אין דער לערערין צלבה'ס קינדער־היים אויף נאַוואָליפּקי 7. געשפּילט, געזונגען און אויסגעפּייפט ראָמאַנסן און גאַנצע אָפּערעס. כאַטש מיט אַ קורצן אָטעם פון זיינע שוואַכע לונגען, האָט ער שטענדיק שלאַג־פערטיק, מיט שאַרפזין און וויציק דערציילט אַ מעשה'לע צי אָנגעשריבן אַ הומאָרעסקע.

אַן אָוונט מיט דוד בערגעלסאָן אין דער טעאַטער־סטודיע

זומער 1932 איז דוד בערגעלסאָן געווען אין וואַרשע. אונדזער לערער דר. ווייכערט, בערגעלסאָנס ידיד און חסיד, האָט אים פאַרבעטן צו פאַרברענגען מיט אונדז אַן אָוונט. דער אָוונט איז געבליבן ביי די לעבנגעבליבענע פון יונג־טעאַטער אין זכרון. אַ הייסער זומער־אָוונט אין שטיקנדיקן וואַרשע, האָט מען „געשי־כורט" לעמאָנאַדע מיט סאָדעוואַסער, פאַרביסן מיט קיכלעך און טרוסקאַווקעס און געהוליעט ביז אין טאָג־אַריין. בערגעלסאָן איז געווען אין אונדזער ליטעראַטור־פּראָגראַם, איז אים ווויל געפעלן צו הערן ווי מיר קאָנען זיינע ווערק. דערפאַר, אַ ביסל „בגילופין" האָט ער אונדז מהנה געווען מיט וווּנדערלעך אויסשפּילן פראַגמענטן פון זיין דראַמע „דער טויבער". דער גרויסער פּראָזאיקער דוד בערגעלסאָן האָט זיך פאַר אונדז יונגע אַקטיאָרן אַנטפּלעקט פאַר אַ גוטן אַקטיאָר. בעת די רעדעס איז פּיניע נעלם געוואָרן אין אַ צווייטן צימער און איז צוריק געקומען מיט אַ סוד ווייכערטן אין אויער אַריין. „פּיניע האָט וואָס אָנגעשריבן און וועט עס פאָרלייע־נען". חברה איז צופרידן פון ווייכערטס מעלדונג, ס'ווערט שטיל, פּיניע נעמט אַלעמען אַרום מיט אַ בליק פון הינטער זיינע געדיכטע ברעמען און לייענט אַ הומאָרעסקע וואָס הייסט „אין 30 יאָר אַרום".

דר. ווייכערט איז א חזן מיט א שטימע וואָס זינגט פאלש, דער גאסט, דוד בערגעלסאָן איז א טויבע יידענע מיט א טעפל אין האנט און זוכט עס צו פארלייטן. די סטודיאנטן (וואָס זענען שטאַרק עוסק אין דיקציע) גייען ארום איבער די ווארשעווער גאסן און שרייען מיט „קלאָרער דיקציע״: צי פאַראַכטן, צי פאַלייטן!! אַלטווארק קויך יאך!! אלטווארק קויף יאַך!! אונדזער שענסטע אקטריסע, דבורה פאקעל, מיט א קאטארינקע זינגט אין סמאָטשער באזאר א. א. וו. מ׳איז געלעגן אויף דער ערד פון געלעכטער. בערגעלסאָן האָט שטאַרק געלויבט פיניעס בליציק, שארפן הומאָר, זיינע שרייבערישע פעאיקייטן און דר. ווייכערט האָט געשעפט נחת פון זיין סטודיאנט. אלץ וואָס פיניע האָט ביי פארשידענע געלעגנהייטן געשריבן אין דעם נוסח, איז אוועק צוזאמען מיט אים...

אונדזער לערער י. ח. קאזשדאן, האָט פיניען זייער ליב געהאט, ווי א גוטער פעדאגאָג האָט ליב א גוטן תלמיד. אז פיניע איז צוליב זיין שוואכן געזונט נישט געקומען צו א לעקציע, אָדער מער, האָט קאזשדאן באפוילן „זאָגט פיניען, אז אָן אים איז מיר אומעטיק אין קלאס״...

פיניע, דער עילוי פון די ישיבה־יאָרן פריער, דער אקטיאָר, וויצלינג, דערציילער פון שפעטער, האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט זיין שוואכן גוף אין כישוף־קרייז פון אזוי פיל פאר־שפארטע קוואלעכלעך וואָס האָבן געריזלט אין אים מיט לעבנס־לוסט, שעפערישן ווילן און פאָטענץ. נישט געקאָנט פארטראָגן קיין רחמנות צו זיך. האָט ער אָפט אויסגעלאָדן זיין טראָציקייט, ביטער־ניש אין א שפיציק, קלוגן זאָג וואָס מ׳האָט גענומען באהבה און אים מוחל געווען. די ישיבה־מלמדים, וואָס האָבן צוגעזאָגט דער מאמען אז פון אים וועט זי אסך נחת האָבן, ווייל פיניע וואקסט א גדול־בתורה, זענען געערכט געווען. נישט בתורה און נישט קיין רב. נאָר א גדול ביי טעאטער וואָלט פיניע יאָ געוואָרן, ווען נישט דער

חורבן... די פּרומע מאַמע פּלעגט קומען אין טעאַטער זען איר גע־
ראָטענעם זון און שעפּן נחת, ווי אַלע אַנדערע וואָס האָבן אים
געזען אויף דער בינע. פּיניע האָט גיך דערגרייכט אַ מדרגה פון
אַ קינסטלער מיט אייגענעם נוסח. אין טעאַטער האָט פּיניע געפונען



אין גאַרדעראָבע צימער „יונג־טעאַטער" וואַרשע.
זיצן פון לינקס: אינזשעניער און טאַניאַ ווייס, וויטקע זאַלאַטאַוו.
שטייען: לייב זאַלאַטאַוו, פּיוול און פּיניע זיגעלבוים אין קאָסטיום
און גרים פון געאָרג ביכנערס דראַמע „וואָצעק".

זיך אַליין, זיין איך, ער איז געזונטער געוואָרן, אויף דער בינע האָט
אים קיין לופט נישט געפעלט. זיין שטים האָט געקלונגען ווי פון
געזונטע לונגען. זיין נאַטירלעכע חכמה און אינטעליגענץ האָט
אַרויסגעלויכטן פון יעדער געשטאַלט וואָס ער האָט געשאַפן. אַלע
ראָלן האָט ער אַריינגענומען אין דער שאָל פון זיין פּערזענלעכקייט

און געשפילט דעם פאַרביקן פּיניען מיט אַלע זעלטענע וואַלאָרן. ווען כ׳האָב פּריוואַט פאַר דר. ווייכערט אויסגעדריקט מיין מורה פאַר פּיניעס געזונט צוליב אַ שווערע ראָל מיט אַ סך טעקסט, האָט ער מיר פּאָטערלעך פאַרזיכערט „זאָרגט נישט, ס׳איז גוט פאַר אים״. שוועד אָפּגעדעכעט האָט ער ערשט אין דער גאַרדעראָבע. אים האָט גענומען לענגער דאָס אויסגרימירן זיך. פון גאַרדעראָב־צימער זענען מיר שטענדיק אַרויס די לעצטע.

די וואָך פון פּיניעס אוועקפאָרן קיין רוסלאַנד, זענען מיר געלעגן צוזאַמען אין אונדזער אַלט בעטל, דערמאָנט די הונגעריקע קינדער יאָרן פון אַ מאָל, די אויסזיכטסלאָזיקייט פון דער יידישער יוגנט אין פּוילן היינט. כדי כ׳זאָל נישט פאַרגעסן די גוטע אַלטע צייטן אין זעלבן בעטל, האָט דער וויצלער פּיניע מיך געשטאָכן מיט זיין דאַר־שפּיציקן עלנבויגן און איך האָב אים געענטפערט מיט אַ קנופּ... מיר זענען ביידע געווען אין אַ זייער געהויבענער שטי־מונג, אַסך גערעדט און געלאַכט, אַלץ אין אַ סודותדיק ביינאַכטיקן שמועס, וועגן דער ליכטיקער צוקונפט אין רוסלאַנד. אַזוי האָט מען געגלויבט. דער רייץ פון פרייען ראַטנלאַנד, ווו אַנטיסעמיטיזם איז דערקלערט ווי אַ קרימינעל פאַרברעך, די אַדעס פון יידישע שרייבער און דיכטער צו דעם לאַנד פון פרייע פעלקער, משהס בריוו און אויך בריוו פון אַנדערע וואָס זענען בשלום אַריבער די גרענעץ, האָבן צעפלאַמט די פאַנטאַזיע און געצויגן מיט אַ כוח די יוגנט פון אָרעמע יידישע היימען צום גן־עדן... מען האָט פאַרקויפט קישנס, צירונג, פאַרזעצט זילבערנע לייכטער צו באַצאָלן די „מאַכערס״ וואָס האָבן צוגעזאָגט אַריבערצושטעלן אויף דער „אַנדערער״ זייט. דעם מאַכער האָט מען איינגעצאָלט אַ העלפט און די צווייטע העלפט האָט מען אים געדאַרפט אויסצאָלן נאָך אַ ידיעה פון „דאָרטן״. מער ווי פיר „פּאַסאַזשירן״ מיט אַ מאָל האָט דער מאַכער נישט גענומען. ער אַליין איז מיטגעפאָרן ביזן גרענעץ־שטעטל און זיי איבערגעגעבן

צו א פויער א „שוואַרצער״... אזא „מאכער״, א ייד, איז געקומען צו אונדז מאכן די טראַנזאַקציע פאַר פּיניען. מיט משהן איז געווען אָפּגערעדט אַז ער וועט קומען פון מינסק קיין נאָוואָגראַד וואָלינסק וואַרטן אויף א באַשטימטן אַדרעס, די געהיימעניש פון די אַלע רייד און פּלענער האָבן אָנגעוואָרפן אויף דער מאַמען טיפע זאָרגן, אָבער אונדזער שמחה איז געווען גרויס, א קלייניקייט אזא חלום — מיכאעלס, גראַנאָווסקי, טעאַטער־סטודיע אין רוסלאַנד. אַלץ האָט געכּישופט און פאַרטריבן יעדן שאָטן. פּיניען האָט געוואַרעמט זיין באַן־בילעט „כעלעם—ראָוונע״. מיר האָבן אים באַגלייט ביזן וואָקזאַל, ווייטער האָט דער „מאכער״ פאַרוועדט. אַלץ איז שטרענג געהיים, ווער די אַנדערע מיטפאָרער זענען ווייסן מיר נישט. ביים געזעגענען האָבן קיין טרערן נישט געפעלט. מיין גאַנץ לעבן הענגט אויף פּיניעס דורכגיין בשלום. איך בין דאָך דער צווייטער, אזוי איז אָפּגערעדט. מיט נישט ווייניק האַרץ־קלאַפּעניש האָבן מיר גע־וואַרט די ערשטע פאַר טעג און זיך אַליין געטרייסט. אויך דער „מאכער״ האָט אונדז געטרייסט: „ס׳נעמט אמאָל א וואָך, זאָרגט נישט, כ׳קאָן מיין געשעפט״... אָבער אז ס׳זענען פאַרביי צוויי וואָכן און דער „מאכער״ קומט און גייט, שפּרינגט פון דער הויט, „כ׳קאָן נישט פאַרשטיין וואָס איז געשען״.. זענען אונדזערע טעג און נעכט געוואָרן פול מיט אומרו און קאָשמאַרן...

נאָך פיר וואָכן איז געקומען א בריוו מיט א תפיסה סטעמפּל „אָסטראָג״. פּיניע שרייבט: „כ׳לעב, דער פּסק איז 3 חדשים, מען פירט מיך אריבער אין א נייער, בעסערער „דירה״ קיין סלוצק, אָט איז מיין נייער אַדרעס. כ׳האָב צו זינגען און צו זאָגן, כ׳האָף צו דערציילן אין נחת. שרייבט, בטחון פּיניע״...

אוי ווײ, דער קראַנקער פּיניע אין תפיסה, „צו זינגען און צו זאָגן״... ווי וועט ער דאָס אויסהאַלטן? און מיר? די וועלט איז דאָך מיר אונטערגעגאַנגען.

אין א בריוו צו שמואלן האָט די מאמע אויסגעגאָסן איר ביטער הארץ וואָס האָט איר געזאָגט מ׳זאָל נישט פאָרן. איצט „אָסטראָג״ און ווער ? דער חלוש פיניע...

פון שמואלן איז געקומען א בייזער ענטפער וועגן דער גאנצער „אפערע״, וועגן דעם פארפירערישן „גן־עדן״, וועגן משהס „הפקרות״. די אלע וואָס ווערן נישט דערשאָסן ביי דער גרענעץ וועלן אויך באדויערן דאָס לויפן אהין. טרייסט דיך מאמע. ס׳האָט געקאָנט ערגער זיין... אז פיניע וועט אהיים קומען זאָל ער מיט פייווישן קומען קיין ווארשע״.

צו פיניען האָבן מיר געשריבן און באקומען איין בריוול א חודש פון דער לוצקער תפיסה.

פיניע איז אהיים געקומען א מער אויסגעדאַרטער און דערציילט פון א שוידערלעכער איבערלעבונג אין וואלד ביים שווארצן די גרענעץ. די גרופע פון פיר מיטן „שווארצער״ זענען אריינגעפאלן אין א קלאטקע צוליב א סטאדע וועלף מיט אויגן — בלישטשענדיקע לעמפלעך וואָס האָבן זיי געיאָגט, צוליב זיין קורצן אָטעם האָט ער נישט געקאָנט לויפן, ער מיט נאָך איינעם זענען אריינגעפאלן אין א זומפ, דאָס איז געווען נישט ווייט פון דער גרענעץ־וואך וואָס האָט דורך די אומרואיקע שפיר־הינט שוין געוווּסט, אז עמעץ איז נישט ווייט. די פאָליציי האָט געעפנט א שיסעריי, די וועלף זענען אוועק אָבער מיר זענען ביי זיי געבליבן. דער ערשטער ברוך־הבא איז קלעפּ. פינצטער, ווו זיי טרעפן ווייסן זיי נישט, נאָר די קאָלבעס האַקן ווי אין קרויט. ביי דער ערשטער אויספאָרשונג האָב איך באקומען א פאַרשפייזע. בלייפעדערס צווישן די פינגער און דער אויספאָרשער דריקט מיר „גוטברודעריש״ די האנט... אז פונקען פליען. אין תפיסה איז געווען א מחיה, נאָר זיי האָבן מיך אָפּגע־סטעמפלט אויף דער לינקער האנט טאטואירט פע. זעט. פארוואָס ? אַז מ׳וועט דיך דאָ כאַפּן נאָך א מאָל גייסטו „נאַ גאַלאָנזש״, דאָס

מיינט אויפהענגען אויף א צווייג. א חוץ די טאַטואירטע איניציאַלן האָט פיניע אהיימגעבראַכט א גאַנצן רעפּערטואַר אוקראַיִנישע לידער און מעשהלעך וואָס אַרעסטאַנטן האָבן אים אויסגעלערנט. ער האָט דערציילט און געזונגען פאַר א היימישן „קרוזשאָק", איינגעזונגען די מעלאָדיעס מיט זיי און אַנדערע און זיך געטרייסט „ס'איז אפשר ווערט געווען"...

משה האָט אין זיינע בריוו שטאַרק באַדויערט דעם דורכפאַל, אָבער צוגעשטאַנען נישט אויפצוגעבן דעם פּלאַן. וואָס וועט ווערן פון אונדז אין פּוילן. ער האָט אָפּטער געשריבן און געפּאָדערט פּיוּויש זאָל פּרוּוון מזל. „וואָס שווערער דער וועג אַלץ זיסער דאָס קומען". ער האָט אָנגערופן א ריי נעמען פון כעלעמער יינגלעך וואָס זענען געקומען און זענען גליקלעך.

## איך פאָר קיין רוסלאַנד

די שטימונג אין שטוב איז געווען אָנגעגליט קעגן פאָרן. די מאַמע האָט אין א בריוו צו משהן געבעטן: „הער אויף, רייץ נישט מער די קינדער... פיניע האָט גענוג געליטן"... אָבער איך האָב „געברענט" און געזוכט א „שליסל"...

איך האָב גערעדט דערפון מיט ישראלקען, אָבער נישט צו דער מאַמען און אוודאי נישט געשריבן צו שמואלן. פיניע איז מיט מיר ווידער אַוועק צו פריידע נעבעך באַך און זי האָט מיך געראַטעוועט. זי האָט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז אויך איר לוי איז איינמאָל דורכ־געפאַלן. „טייערע, פאַר רוסלאַנד איז ווערט צו ריזיקירן. זאָל נאָר מיט גאָטס הילף מיין שלמה'לע (איר דריטער זון) אַריבער, בין איך אויך נישט קיין היגע"...

מיט דעם „קוראַזש" האָבן מיר גענומען באַאַרבעטן די מאַמען מיט ישראלקען. „תכלית מאַמע", דאָס וואָרט „תכלית" געפּאָרט מיט בטחון איז געלאָפן אהין און צוריק, לייכט איז עס נישט אָנגעקומען,

אָבער געפּועלט. א ליכטיקייט האָט געפּלייצט אין מיר און פון מיר און אָפּגעווישט דאָס גרויע געמיט אין שטוב. אויך די מאמע איז אנדערש געוואָרן, ווי די אבות צו וועלכע זי האָט געשיקט אירע געבעטן וואָלטן איר געגעבן נייעם בטחון.

דער זעלבער „מאכער״ איז געקומען אָפּריידן די געהיימע נסיעה. ער איז באַשטאַנען אויף א מינימום האנט־געלט, געלויבט אונדזער צוטרוי צו אים. איך האָב באלד דערציילט מיין בעסטן חבר פייוול וויניק אז איך פאָר און אָפּגערעדט, ווי נאָר איך וועל אדורך בשלום פאָרט ער אויך. כ'האָב אים אפילו באקענט מיט דעם „מאַ־כער״. במתנה האָט מיין חבר מיר געגעבן זיין ווארעמע קורטקע, א פויעריש היטל, א „מאַטשעיוווקע״ מיט א גלאַנציקן דאַשעק. מיר האָט דאָס אַלץ נישט געהאָלפן — איך האָב געהאַט דאָס מזל נכשל צו ווערן, מיין פוס זאָל אויף דער „הייליקער״ ערד נישט שטיין, אָבער ער, מיין טייערער יוגנט חבר פייוול וויניק איז שפּעטער יאָ אהין דערגאַנגען און דאָרט אויסגעגאַנגען אין תפיסה...

ווי פריער, האָט משה געוואַרט אין נאָוואָגראָד־וואָלינסק. פּיניע האָט מיר געווונטשן א בעסער מזל. די מאמע האָט געוויינט, וואָס דען טוט א מאמע ?... איך בין אריין אין וואַגאָן צווישן וואָלינער פויערים, ווייזט אויס אז מיין חברס מתנות האָבן מיך נישט געמאכט אויסזען ווי א זייעריקן, ווייל באלד ווי די באַן האָט גערירט, האָט מיין שכן עסנדיק א שטיק קאָלבאַס מיך „גוטמוטיק״ געפרעגט: „דאָקאָנט יעדזשעש מאָשקאָ ?״ (וווּ פאָרסטו משה ?), קיין ראָוונע, האָב איך אים געענטפערט און באלד „איינגעדרימלט״... יעדער באַן־קלאַפּ קלאַפּט אויס חשד אז מ'איז נישט כשר.

איך האָב געהאָפט אז דער פויער פאַרט ערגעץ נישט ווייט און כ'וועל זיינע פטור ווערן, ווייל אין „דרימל״ האָב איך געפילט ווי ער שטעכט מיך מיט די אויגן. „אומעטום פאָרן זיי די זשידקעס נאָר נישט קיין פאַלעסטינע״ האָט ער געוואָרטשעט צו זיין מיטפאָרער.

ווער מיינע מיטפאַרער זענען, האָב איך נישט געוווּסט, כ׳האָב נאָר געוווּסט, אַז זיי זענען אין זעלבן באַן און דער „מאַכער" אויך. זיינע באַפעלן זענען געווען: „אין ראַוונע פון וואַקזאַל גיין אין ערשטן געסל לינקס, האַלטן אַן אויג אויף מיר ביז די וועגענער. מיר קענען זיך נישט"... כ׳האָב געפאָלגט און נאָכגעגאַנגען אַ שטיק וועגס אַרויס פון שטאָט. מיינע דריי קאָלעגן „בעזניקעס" האָב איך דער־קענט לויטן „פרייען" גאַנג, אָן אָנשטעל צו פאַרדעקן שרעק. איי־נער, אַ יונגער בחור אין שטיוול, דרייפערטלדיקן פּאַלטן, אַ קוטשמע אויף אַ שוואַרצן קאָפּ. דער צווייטער מיט לאַנגע פיס אויך אין שטיוול, העל בלאָנד, אַ פליישיק פּנים מיט אַ גאָלדיק שנירל־וואָנ־צעלע און אַ פּייקעלע צווישן די ציין כמעט אָן אויסלענדער. דער דריטער אַן עלטערער, פון אַ יאָר 40, מיט ברייטע פּלייצעס און שווערן גאַנג. דער קאָליר פון זיין הולך איז געווען ווי די בלאָטע וואָס מיר טאַפּטשען. קיין כעלעמער זענען זיי זיכער נישט. אַלע פיר יידן האָבן אויסגעזען ווי פאַרשטעלטע פאַר גוים וואָס גייען ערגעץ מיט טלומיקלעך שפּיז. וווּהין גייט מען?... איך, דער יונגסטער און קלענסטער גיי מיט. דער „דאָקאָנט יעדזשעש מאָשקאָ" גייט אויך מיט מיר.

אין אָפענער פלאַץ מיט פויערים, וועגענער, הירזשענדיקע פערד אין בלאָטע פאַרשאָטן מיט פערדיש־מיסט, האָבער, שטרוי. פון דאַנען דאַרף זיך אָנהויבן די „יאַזדע". אונדזער „מדריך" זוכט זיינע פויערים, מיט אַ ווונק צעטיילט ער אונדז אין צוויי באַזונדערע וועגענער צווישן פרעמדע פּאַסאַזשירן, 6 אירע אין אַן אָפענעם וואָגן, אויף געזעסן פון שטרוי. ער אַליין פאָרט מיט אַנדערע און דער קאַראַוואַן ריירט...

געוווּסט האָב איך אַז מ׳דאַרף פאָרן אַ 40 וויאָרסט. ס׳איז גע־ווען סוף נאָוועמבער. נאָר אין דער צייט פון יאָר „גייט" מען, ווען ס׳רעגנט, שנייט, קאַלטע ווינטן, די גרענעץ וואַך זאָל זיך וואַרעמען

אין די בודקעס. וואָס ווייטער מיר פאָרן אַלץ מער שמיצט א קאַל־טער רעגן אין פּנים. די אָרטיקע פויערים ווייסן זיך ווי צו פאַרהיטן פון נעץ. זיי דעקן זיך צו מיט זעק אָנגעשמירטע מיט חזיר־פעטס, אָבער מיר „גרינע״ זיצן אָפן פאַר רעגן און ווינט און ווערן אוי״ס־געווייקט. דער וואָגן שלעפּט זיך שווער אין דער גלאַנציקער בלאָטע. פון די פערד גייט א פּאַרע. איך טראַכט פון פּיניען — פאַראיאָרן איז ער דאָ געפאָרן... כ׳זע די וועלפישע אויגן־לעמפּלעך, דעם בלאָ־טיקן זומפּ, תּפיסה־וועכטער, ארעסטאַנטן זינגען לידער, פּיניעס איינגעבערענטע איניציאַלן און משהס „אַ שווערער וועג מאַכט דאָס קומען זיס״ ווישט אַלץ אָוועק אויסער די בלאָטע. די גאַנצע וועלט איז בלאָטע וואָס בלעזלט זיך פון רעגן־שמיץ. נאָר אויף איין פּאַסיק״ל בלאָטע טאַפּטשען פערד מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, שלעפּן וועגענער, וועגענער מיט קופּקעלעך נאַסע, אומבאַוועגלעכע מענטשן־שמאַטעס. די רעדער מאַכן אַן „איינדרוק״ אין דער שיטערער בלאָטע וואָס גלאַטיקט זיך באַלד אויס אָן א שפּור.

עטלעכע מאָל האָט זיך דער קאַראַוואַן אָפּגעשטעלט אראָפּצור־לאָזן פּאַסאַזשירן, נאָר דאַמאָלט האָבן זיך די מענטשן־קופּקעס א ריר געטאָן. די אראָפּגעגאַנגענע האָט דער נעפּל גיך אויסגעמעקט און די געבליבענע זענען ווידער גיך פאַרגליווערט געוואָרן. צי ס׳איז געווען אָפּגערעדט, אָדער אַזוי איז מען זיך נוהג? נאָך א 4 שעה פאָרן האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ביי א קרעטשמע. אונדזער „מאַ־כער״ האָט באַלד געהאַט א סוד צום בעלעבאָס, א ייד מיט אַ ברייטער שוואַרצער באָרד, אויף הילצערנע בענק אַרום א לאַנגן טיש האָט מען באַלד געגעסן בראָנפן אין טיי־גלעזער. פון רויטע קעזן, ווי קיילעכדיקע טעפּ האָט מען געשניטן המוציא׳ס צום פאַר־בייסן. דער שאַרפער ריח פון קעז האָט פאַרשלאָגן דעם ריח פון דער פויערישער מאַכאָרקע. ס׳איז וואַרעם געוואָרן אין אַלע גלידער. פון די קאָזשוכעס און פּאַלטנס אויפן „סטאַיאַק״ איז אָנגערינען א

קאלוזשע בלאָטע. דער „מאכער" האָט באצאָלט פאר זיינע „געסט", מן הסתם איז עס אין חשבון. דער קרעטשמער האָט מיט יידישן בטחון אונדז געווונטשן דורכצוגיין בשלום... און געצונדן די נאַפט־לאָמפן. שוין טונקל. ארויס פון דער וואַרעמער קרעטשמע איז דער דרויסן געווען נאָך קעלטער, דער ווינט נאָך רייסנדיקער, דער רעגן האָט זיך אויך „פאָפּראַוועט". דער „מאכער" טרייסט אונדז „אויף אזא נאכט ווארט מען"... עץ האָט מזל, חברה".

וואָסער שעה מיר זיינען אָנגעקומען אין גרענעץ־שטעטל האָבן מיר נישט געוווּסט, ווייל „דאָרטן" האָבן די מענטשן נישט קיין זייגערס, טאָרן מיר אויך נישט האָבן. נאָר ס׳איז שוין געווען טיף אין דער קאלטער, נאסער, שווארצער נאכט אריין. אזא פינצטערער אומעט האָט זיך צעלייגט פון דער בלאָטיקער פרעמדקייט באלויכטן מיט גאגעלעך פון צעוואָרפענע פענצטערלעך ארויס. א שרעק האָט געווייעט פונעם נאפט־לאָמפּ אויפן פאָליצײַ־גאנעק. דער „מאכער" האָט יעדן באזונדער צוגעפירט צו א שטיבל, „זיינע אכסניהס", אָנגעזאָגט נישט ארויסצוגיין, ביז דער „שווארצער", אָן אָרטיקער פויער, וועט קומען נעמען. די האסלא איז „סאָבאָטאַ", דער פויער וואָס וועט ביים אריינקומען זאָגן „סאָבאָטאַ", מיינט גיין. דעם פזמון האָט ער איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. ער איז געווען אין א זייער געהויבענער שטימונג צוליב דעם „פּרעכטיקן וועטער"... מיין בעל־אכסניה האָט מיך מכבד געווען מיט א הייס פארעדיקע שיסל „זשאר־קוי" און טיי וואָס איז מיר גאָר ווויל באקומען, נאָר די צעבליש־טשעטע זילבערנע פינטעלעך אין שווארצן הימל זענען מיר שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן. ווי אויף צו להכעיס איז דער דרויסן גע־וואָרן שטיל אָן ווינט, אָן רעגן, מיין מכניס־אורח קוקט דורכן פענצ־טערל, שאָקלט מיט קאָפּ אויף ניין „סאָבאָטאַ וועט נישט קומען, דער הימל איז אויסגעסטראָיעט, קאָנסט גיין שלאָפן". זיינע געציילטע ווערטער האָבן מיך דערשלאָגן, דער „מאכער" איז אריין א שפלדיק

ביי זער „צו אלדע שווארצע יאָר, וואָס איז געשען מיטן וועטער? היינט גייט שלאָפן. מאָרגן"... ער איז ארויס און איך האָב געבענטשט גשם... צוויי טעג מיט צוויי נעכט האָט מען געוואַרט. די דריטע נאכט איז דאָס וועטער געווען „הערלעך" מיט א בייסיקן ווינט און רעגן. א פויער מיט גרויסע וואָנצעס איז געקומען און געזאָגט „סאָבאָטאַ", ער האָט מיך געלערנט צו גיין הינטער אים, גאָרנישט רעדן, גיין ביז א פונקט ווו אלע וועלן זיך טרעפן און פון דאָרט וועט מען „גיין"... איך בין אים נאָכגעגאנגען אין דער בלאָטע־פינצטערניש, אויפן האַרץ איז אויך געווען אזוי. ער האָט מיך דערפירט צו א בערג־וואלד, צוויי פון מיינע מיט־פאַרער זענען שוין דאָרט געשטאַנען, ס'איז געווען עלף ביינאכט, „סאָבאָטאַ" איז אוועק נאָכן דריטן.

פינצטערניש האָט א טבע צו ווערן פון זיך אליין א ביסל ליכטיקער, האָבן מיר זיך אָנגעקוקט, געשוויגן אין שרעק פאר יעדן שאָרך. אָנגעקוקט אין א נויקעץ ליכט־פינצטערניש, בלויז געפילט סילועטן פון דריי יידן אָנגעלאָדן מיט האַרץ־קלאַפעניש וואָס רעדט איין לשון, א שטום קול — וואָס קומט פון דער גורל־וואָגשאָל וואָס הענגט אין דער נאכט פון דעם פרעמד־וואַלדיקן ווינט־געיאָמער מיט רעגן־גאָס. די פיס זינקען אין דער צעווירענער ערד, די נעץ קריכט אין די ביינער, בייט מען שטיל א פוס און מ'וואַרט.

זיי זענען געקומען. סודותדיק גיט אונדז סאָבאָטאַ לעצטע אינ־סטרוקציעס: „כלאָפצי, גיין „געגשעגאָ", איינער הינטערן אנדערן, נאָך מיר, נישט רעדן, שטיל שטעלן די טריט, אכט וויאָרסט אין וואַלד, די נאכט איז א „גוטע"... גיין וועט מען נישט ווייט פון דער גרענעץ־וואך, אין אזא נאכט פוילן זיי זיך ארויסצוגיין, טיפער אין וואלד זענען דאָ וועלף, שרעקט זיך נישט „כלאָפצי". אויב חלילה עפּעס א מכשול, קאָנען מיר זיך נישט, קיינמאָל נישט געזען. „באָך זנאמי" צלמט ער זיך און מיר גייען. איך דער קלענסטער גיי דער לעצטער, דער הימל וויינט מיט שטעכיקע טרערן. מיר טאָפּ־

טשען לאנגזאם און שווער. כסדר האָב איך א געפיל, אז עמעצער גייט הינטער מיר, דריי איך אלע ווײלע אויס דעם קאָפּ. ס׳איז קאלט און נאס, נאָר ריטשקעס שווייס רינען איבערן רוקן. מיר טאַפּטשען און טאַפּטשען אָן א סוף. גאָט אין הימל, ווען וועט זיך דאָס ענדיקן? שוין אוודאי 4 שעה ווי מיר שלעפּן זיך אין דער בלאָטיקער פינצ־טערניש. איך זע נאָר איין שאָטן פאר מיר און הער א שטילן בלאָ־טע־פּלושטש און מיין הארץ־קלאפעניש, ווי פון א ליידיקן לאָגל.

ווי א חיה וואָס דערשפּירט געפאר האָט זיך סאָבאָטאַ אָפּגע־שטעלט, געקוקט אין דער פינצטערניש אריין, זיך איינגעהערט און ווייטער גיין, גיין. נאָך א האלבע שעה איז ער ווידער געבליבן שטיין. פון ווייטן האָב איך געזען עפּעס בלישטשעט. פיניעס וועלף־שוידער האָט מיר א זעץ געטאָן אין מוח. באלד האָבן מיר געהערט בילן פון הינט, א שיסעריי, פייער פונקען, א קויל טרעפט איינעם, ער פאלט מיט א געשריי וואָס ווערט א ווייטאָגדיק געוויין. איך זע שוין קיינעם נישט, הער גאָרנישט. מיין טויט־שרעק טראָגט מיך אין געלויף. איך שלאָג זיך אָן אין אַ בוים. אינסטינקטיוו קריך איך ארויף הויך, העכער ביז די צווייגן ווערן דין און בויגעוודיק, האלט איין דעם אָטעם און זע לעמפּלעך בלישטשען, שפּירהינט ניוכען. איך הער זייער בילן, די געוואָלדן פון געפאלענעם, די קללות מיט גראָבע רייד פון דער פּאָליציי, די זעץ מיט די קאָלבעס. דאָס יאָמערן שפּאַלט מיר דעם מוח און צערייסט די פינצטערניש. כ׳הער ווי זיי שלעפּן דעם קרבן ווי א האלב געשאָכטענעם אָקס וואָס לעבט נאָך און רעוועט, די הינט בילן ווידער... ווער ס׳איז דער קרבן האָב איך נישט געוווּסט. וואָס כ׳האָב יאָ געוווּסט איז, אַז אלץ איז פארלוירן.

### דער בוים האָט מיך געראַטעוועט

ווי אַ צווייגל וואָס ווערט האַלב אָפּגעריסן פון שטאַם, קאָן נישט לעבן און קאָן נישט פאלן, אזוי בין איך געבליבן אויפן בוים די

גאנצע נאכט. א נייער טאָג גרויט, דורכן צווייגן־געוועב זע איך טרוי־עריקע פּיצלעך הימל. די צווייגן פירן א מלחמה מיטן ווינט, רייסן זיך אהין און צוריק. כ׳וויג מיך אויף זיי ווי אויף אַ צעשטורעמטן ים. מיינע הענט זענען פארשטאַרט פון קעלט און פון באפעסטיקן מיין אָנהאלט. מיין הארץ איז געפרוירן פון אלץ צוזאמען און פון פחד אראָפּצופאלן. וויג איך זיך אויף מיין רעטער און עפּעס א מיסטע־ריעז געפיל נעמט מיך דורך. איך דערמאן זיך, אז בלויז עטלעכע נעכט פריער האָט זיך מיר געחלומט, אז איך זע דעם טאַטן גיין מיט א בוים אויף די פּלייצעס... כאָטש כ׳גלויב נישט אין חלומות, האָב איך אין דעם חלום געוואָלט גלויבן. ס׳איז א צו בולטער חלום־אמת נישט צו גלויבן. מיט דעם חלום איז מיר עפּעס לייכטער, בעסער געוואָרן. דער טאטע, א בוים פון יענער וועלט — און דאָ זיץ איך אויף אים, פאר מיר איז ער דאָ געוואקסן כדי מיך צו ראטע־ווען?... מיט א נייעם בטחון האָב איך אָנגעהויבן טראכטן פון אראָפּקריכן. נאָך א נאכט זיצן פארפרעסט צווישן צווייגן, האָב איך זיך קוים געקאָנט אויסגלייכן נישט כדי צו זען די פּאנאָראמע, נאָר זיכער צו מאכן, אז די וועלט ארום איז פריי פון מענטשלעכן מין, ווייל נאָר פאר אים האָב איך איצט מורא. ערשט, איך פיל א שארפן ווייטאָג אין שטערן, כ׳האָב אָנגערירט א גולע־בערגל פון פארטריקנט בלוט, אוודאי צעזעצט ביים צוזאמענשטויס מיט דעם בוים מיין רעטער. כ׳האָב געגלעט די וווּנד מיט נאָסע, קאלטע בלעטער, ארומגעווישט ס׳פּנים. א גרוי־בלאָטיקע וועלט איז געלעגן ווי פארגליווערט ביז ווייט ווייט. שטיל אָן מענטשן — דאנקן גאָט. כ׳האָב געדאנקט מיין רעטער און אראָפּגעקראָכן פון אים. ווי נאָר כ׳האָב געשטעלט א פוס אויף דער ערד, האָב איך דערפילט א הונ־גער־ווייטאָג. ליגן מיר שוין „נארישקייטן" אין קאָפּ, איז א גוטער סימן, נאָר ווו נעמט מען די „נארישקייטן" ? דאָס טלומיקל שפּייז איז פארלוירן געגאנגען נעכטן אין געלויף. אויס מורא נישט באַ־

מערקט צו ווערן און עפּעס צו געפינען אין מויל אריין, בין איך געקראָכן אויפן בויך אין דער ריכטונג פון וואנען מיר זענען געקומען. דער רעגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, נאָר דער הימל איז נידעריק געלאָפן מיט א קאלטן ווינט. ווי דאָס חיהלע קאמיל נעמט אָן די פארב פון דער לאנדשאפט, האָב איך אָנגענומען דעם קאָליר פון דער בלאָטע־לאנדשאפט און דער הונגער האָט מיך צוריק געברענגט צו מיין קינדער־לאנדשאפט. נאָך לאנגע שעהן קריכעניש בין איך ארויס אויף אַן אפענעם שטח מיט סימנים פון אַ קארטאָפל־פעלד. צי איך זיך אויס גראָבן און געפין... אזא סעודה פון רויע קארטאָפל מיט בלאָטע פאסט נאָר פאר „ראָטשילדס" הויף ווי די מאמע האָט געזאָגט. איי איז דאָס געווען א מאכל... אָפּגעפּראוועט די סעודה, איז דער הימל באלד טונקעלער געוואָרן, די בלאָטע שווארצער. מיט א פולן בויך און קארטאָפל אין די קעשענעס, בין איך אוועק אין א פארקערטער ריכטונג פון די פלעמלעך אין פויערישע הייזלעך, כאָטש וווהין, האָב איך נישט געוווסט. אין שרעק זענען אלע חושים שארפער. א באן־רויש פון ערגעץ ווו האָט אריינגעטאָטעמט אין מיר האָפענונג, בין איך אים קעגן־געגאנגען, פארלוירן און ווידער דערכאפּט. א טעמפּער קלונג מיט קרעכצן פון א וואָגן שטעלט מיך אָפּ זיך איינצוהערן. אויפן בלאָטיקן שליאך דערנענטערט זיך א פויער מיט מילך־קאנען. איך פרעג ווי שפּעט איז? און צי גייט דאָ א באן? דער זייגער איז 4 און א 2 וויאָרסט פון דאנען גייט פארביי א באן. אָבער צו דער סטאַציע איז 8 וויאָרסט. כדי ער זאל מיך נישט עפּעס פרעגן האָב איך נישט געוואָרט, געדאַנקט און אוועק זוכן די באן־ליניע.

אויף א שפּועדיק בערגל פון דער באן־ליניע, בין איך געלעגן ווי אַ פריץ און געגעסן מיין מָן... גערעגנט האָט נישט. וואָלקנדלעך זענען פארביי געשוווּמען בינטלעך שטערן אין א מין הימל־שפּיל. 4 האָט דער פויער געזאָגט? 4 ביינאכט? איז מעגלעך, דאָס אלץ

אין איין מעת־לעת? אָדער עפּעס מער — צי דאַרף אַ מענטש גלויבן אין חלומות? גאָט אין הימל וואָס איז אַלץ נישט געשען אין די לעצטע 30 שעה... צי לעבט נאָך דער פאַרווונדעטער?... ווער איז ער? ווי הייסט ער, וואָס זיין געשריי ווייטאָגט אַזוי טיף אין מיר? נישט מיד, נישט הונגעריק, נישט שלעפעריק, נאָר צע־בראָכן צוליבן דורכפאַל בין איך געווען און זיך געטרייסט מיטן חלום, מיט שמואלס באַמערק „ס׳האָט געקאָנט זיין ערגער״... פון אַלע זייטן שטילקייט עכאָט אַ לאַנגזאַם סאָפּען פון אַן אָנקומענדיקער באַן. פון וואַנען? וווהין? ליכט־פּאַסן שווימען שוין אויף וואַלקנדלעך איבער מיר. אַ פּראַכט־צוג ציט פאַרביי, כ׳לויף נאָכן לעצטן וואַגאָן, באַוועג זיך אויף איין טאַץ, קלאַמער די פּיסביים צווייטן, האַלט זיך צו אין אַ שטאַבע און פאַר, אַבי ווייטער פון דעם אָרט. נאָך עטלעכע שעה „לוקסוס״ רייזע הער איך אַ פייף און נאָך אַ פייף, אַ האַקעניש ,אַ טרייסלעניש פון וואַגאָן מיט וואַגאָן. דער צוג גייט שוין לאַנגזאַמער ביז ער שטעלט זיך אָפּ. איך קריך אַראָפּ פון די טאַצן, וואַרף זיך אַנידער אין אַ זייט קוקן ווו בין איך דאָ? איך זע אַ הימל וואָס טאָגט מיט אַן אַש קאָליר, רייען שינעס מיט שטייען־דיקע וואַגאָנען, פון ווייטן, אַ הויז מיט לאָמפּן, פאַרע סיקעט פון נאָך סאַפּענדיקן לאָקאָמאָטיוו. איך דערזע אַ שילדל „ראָווגע״. גע־לויבט איז דער אייבערשטער, כ׳בין אויפן וועג אַ היים קיין כעלעם אָ גאַנצער. ווו נעמט מען אויף אַ בילעט? קיין פּויליש געלט האָט מען נישט געטאָרט האָבן, די רובלס טאָר איך דאָ נישט ווייזן, ווער זאָל זיך ריכטן אַז כ׳וועל דאַרפן צוריק פאָרן מיט אַ באַן. ביי די רייזעס איז, אָדער מ׳גייט דורך, אָדער מ׳ווערט אַרעסטירט, צי חלילה געהרגעט, אָבער צוריק פאָרן?

דער זייגער איז באַלד 8. אַ טרוקן ווינטערדיקער פרימאָרגן, די שטאָט הויבט זיך ערשט אָן צו וועקן. די בלאָטע אויף מיר איז טרוקן. איך לאָז זיך אין שטאָט אריין, געפין ביי אַ דרויסנדיקער

וואַנט א קעסל רעגן־וואַסער און וואַש אָפּ די בלאָטע פון זיך. קרע־מער עפענען קראָמען. איך חלש נאָך א פרישן זעמל וואָס שמעקט ארויס פון „קאַוויאַרניעס", קוק אריין ווי א הונט אין א יאַטקע, זוך א פּנים וואָס זאָל ריידן צו מיר מיט צוטרוי... א ייד מיט אַן אצילותדיק פּנים עפנט א שניט־קראָם, שטעל איך מיך אָפּ קוקן. די שלעסער עפנט ער פון אינעווייניק און קומט ארויס אָוועקרוקן די טיר. זיין פּנים געפעלט מיר, פרעגט ער מיך אויף פּויליש צי כ'וויל עפּעס קויפן. ענטפער איך, „כ'זוך ארבעט צו פאַרדינען אויף א בילעט א היים צו פאָרן קיין כעלעם". אויסגעזען האָב איך אוודאי ווי א שוואַרץ־יאָר, פיל איך דעם יידס רחמנות־אויגן. „קום אריין" זאָגט ער אויף יידיש. „וואָס איז דיר אויפן שטערן?" „זיך צע־קלאַפּט". פרעגט ער „ווען און ווו. איך פיל אז אים קען איך טרויען און דערצייל אים אַלץ. זיינע אויגן ווערן פול מיט טרערן און ער רופט זיין ווייב. אַ יידישע מאַמע קומט דורך דער הינטער־טיר. ער זאָגט איר עפּעס און זי בעט מיך אין שטוב אריין עסן אָנבייסן.

דער ייד איז שטאַרק צופרידן פון דער מצווה וואָס איז אים צו האַנט געקומען און איך נאָך מער... איך עס א געשמאַקן אָנבייסן מיט הייסע קאַווע, לייג ארויס פון קעשענע די עטלעכע קאַרטאָפל און ס'גלוסט זיך מיר לאַכן. באַמערקט די ליבע פרוי די קאַרטאָפל, מיין שמייכלען, דערצייל איך איר און לאַך פון נחת. איך לאַך און זי וויינט. דער גוטער ייד קומט פון געשעפט און זאָגט: „אַ באַן קיין כעלעם איז דאָ 3 בייטאָג, עס אָפּ, וואַש זיך און לייג זיך שלאָפן. איך דאַנק אים זייער און גיב אים מיינע רובלס אויסצובייטן. ער נעמט דאָס געלט. זיין ווייב מאַכט מיר גרייט א בעט מיט פרישע ציכן. אַן אָפּגעוואַשענער, זאַטער בין איך מיט איין פוס אין בעט שוין געשלאָפן. איז דאָס געווען אַ שלאָף... האָט דאָס חלום־קעסטעלע געאַרבעט...

ווען דער ייד האָט מיך אויפגעוועקט, האָב איך נישט געוווּסט ווו איך בין. צוויי פרעמדע מענטשן קוקן אויף מיר, ביידע זאָגן „נעב־עך מיד״. דעם יידס ווארעמע האנט ציט מיך ארויס פון בעט און זאָגט „ס׳שוין האלב דריי״. ערשט איצט האָב איך זיך געכאַפּט ווו איך בין, זיך אויסגעטשוכעט, ארויפגעצויגן גיך די בגדים. מייז גאַסט־געבער איז געשטאַנען גרייט צו גיין. „אוי כ׳האָב נאָך נישט קיין בילעט״. „האָסט, האָסט״, גיט ער מיר דעם בילעט מיט פוילישע זלאָטעס אין האַנט אריין. שטארק גערירט דאנק איך די גוטע מענ־טשן, געזעגן זיי מיט טרערן וואָס האָבן מיר אָפּגענומען דאָס לשון. דער ייד גייט מיט מיר צו א דראָשקע, פירט מיך צו דער באַן, זעצט מיך אריין אין וואגאָן אריין. „קומט געזונט און בשלום א־היים״... וועלכער זכות איז מיר בייגעשטאַנען ?... אין וואַגאָן חשבון איך אויס די זלאָטעס און זע, אז כ׳האָב די פולע סומע פאר מיינע רובלס. פארן בילעט האָט ער אויך אליין באצאָלט. וואָס טוט א ייד מיט אזויפיל מצוות ?

אין 1936, ווען דאָס „יינג־טעאטער״ האָט גאסטראָלירט אין ראָוונע, האָב איך זיי געהאט פאר מיינע ערן־געסט אין טעאטער. די ווידער־באגעגעניש איז געווען א קרוביש הארציקע. נאָך דער פאָרשטעלונג זענען פיניע און איך געווען זייערע געסט צו א מיט־נאכט מאָלצייט מיט משקה, דעריינערונגען און טרערן.

די רייזע ביז כעלעם בין איך אָפּגעשלאָפן אויף א באנק אין וואגאָן. א היים געקומען 2 ביינאכט ווי פון הימל אראָפּ. דערציילן האָב איך גאָרנישט געקאָנט. די משפחה האָט געוויינט און געדאנקט גאָט. „דער טאטע האָט מיך געראטעוועט״. דאָס האָב איך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט בעת די גוטע שוועסטער חוה האָט מיר געלייגט א קאָמפּרעס צום שטערן, געגעבן ווארעמע מילך. מ׳האָט געמאכט נאכט און כ׳בין געשלאָפן דעם גאנצן מאָרגנדיקן טאָג. ווען כ׳האָב אין אָוונט געעפנט די אויגן, האָב איך געזען א פולע שטוב משפחה־

מענטשן, חברים און פריינד אויך שכנים. כ׳האָב געשטילט זייער נייגיר און דערציילט די ניסים פון דער רייזע.

נאָך דעם צווייטן דורכפאַל האָט משה נאָך געשריבן עטלעכע בריוו מיט חשד פון „מוסרים״... שטאַרק באַדויערט און אויפגע־הערט שרייבן צו אונדז.

פיניע און איך האָבן געפאָלגט שמואלן און געקומען קיין וואר־שע זיך איינגעאָרדנט און פארגעסן די רייזע אוואנטורעס.

*

שבועות 1929 זענען מיר ביי א נאָכמיטאָג־פאָרשטעלונג אין עליזעאום־טעאטער אויף קאַראָווע גאַס. די ווילנער טרופּע שפּילט ש. אשס „קידוש־השם״ דר. ווייכערטס רעזשי. בעתן אנטראקט זעען מיר און פאַיע אן עלעגאַנטן מאַן, שיין אָנגעטאָן. זאָל עס זיין משה? אזא ענלעכקייט. מיר קאָנען זיך נישט אָפּרייסן פון דער געשטאַלט. מיר זענען זיכער אז ער מיידט אויס אונדזער בליק וואָס שטארקט דעם חשד... א קלונג רופט דעם עולם אין זאל אריין, אונדזערע פּלע־צער זענען ווייט הינטער אים, אָבער מיר האַלטן אן אויג. דער זאל ווערט טונקל, ער דרייט אויס דעם קאָפּ און שענקט אונדז א בליק. דעם המשך־שפּיל אויף דער בינע האָבן מיר שוין נישט געזען. פון אויפרעגונג און וואונדער האָבן מיר זיך געסודעט „ווי איז דאָס מעגלעך?״...

ווי נאָר דער פאָרהאנג איז געפאַלן אין רויש פון אפּלאָז איז ער ארויס און מיר נאָך אים. זעט אויס, ער האָט שוין קיין ברירה נישט געהאַט און צוגעוואָרפן: „גייט צו דער ווייסל״. באַרג־אראָפּ, קאַ־ראָווע גאַס האָט זיך אָפּגעשטעלט א דראָשקע, לפנים האָט ער עפּעס געזאָגט אויף פּויליש און אויף יידיש: „פיניע פייוויש איר האָט מיך נישט געזען, פארשטאַנען?״... כוח צו האַלטן אזא סוד האָבן מיר נישט געהאַט. זענען מיר אוועק צו שמואלן און דערציילט.

א דערשיטערטער פון די נייעס, האָט שמואל אונדז פארוועדט דאָס איבערצוחזרן, „איך האָב אויך נישט באַדאַרפט וויסן דערפון, איר הערט? פארגעסט... פארשקלאפט צו אוואנטורעס..."

פאר די „אוואנטורעס", פאר זיין אומבאגרענעצטער איבערגעגעבנקייט זיין אידעע, דעם ראטן־לאנד, האָט משה באצאָלט מיט זיין יונגן קאָפּ, ווי אנדערע פון זיין דור. זיין חטא?, ער האָט געהאַט דאָס אומגליק געבוירן צו ווערן פון זעלבן בויך ווי זיין ברודער, דער בונדישער „באנדיט" ארטור זיגעלבוים.

# פאָליטישע פּאַרטייען אין כעלעם

אין „דער כעלעמער", אן אויסגאַבע פון כעלעמער ברענטש ביים נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד ניו־יאָרק 1934, אויף דער טעמע: „פּאָליטישע פּאַרטייען אויף דער כעלעמער יידישער גאַס" שרייבט פּ. פריד: אין 1904 זענען אין כעלעם אויפגעקומען פּאָליטיש געזעל־שאַפטלעכע באַוועגונגען. די ערשטע האָבן א. גאָלדבערג מיט אליהו דובקאָווסקי גענומען פירן א סעקולאַרע אויפקלערונג קעגן די אָר־טאָדאָקסן. שפּעטער האָט א גרופּע געגרינדעט א ציוניסטיש סאָציאַ־ליסטיש קרייזל ס. ס. וואָס איז גיך געוואָקסן צו א מאַסן באַוועגונג. אין 1905 איז געגרינדעט געוואָרן דער „בונד", אָראָפּגעבּרענגט פּראָפעסיאָנאַלן, אָרגאַניזירט געהיימע מאַסוּוקעס אין די אַרומיקע וועלדער און איז געוואָרן דער דאָמינירנדיקער פּאָליטישער כוח אויף דער יידישער גאַס. דער זאַמל־פּונקט פון „בונד" איז געווען אין דער „טשייניע" פון חיים יקותיאל טוכמאַן וווּ די פּאָליציי האָט מורא געהאַט אַריינצושטעלן א פוס. אַרבעטער שטרייקן, אַרעסטן. די קאָנסטיטוציע פון צאַר אין אָקטאָבער פון זעלבן יאָר. דער אָטעם פון רעוואָלוציע האָט דערגרייכט כעלעם מיט דעמאָנסטראַציעס, פּראָוואָקאַטאָרן, מיט אַרעסטן און סיביר. די טעטיקייט איז שוואַכער געוואָרן, אָבער איבערגעגעבענע בונדיסטן זענען געבליבן און גע־פירט געהיים זייער טעטיקייט. פּורים פון יאָר 1916, האָבן יידישע פּאָליטישע באַוועגונגען אָנגעהויבן פרייער אָטעמען. דער עיקר — „בונד" און „פּועלי ציון". די עסטרייכער האָבן איבערגענומען פון די דייטשן די אָקופּאַציע־מאַכט איבער כעלעם וואָס ליגט אין דער



דער כאר פון יוגנט־בונד נאך א בלימל־טאג לטובת דער קינדער־היים אין כעלעם. אונטן : באנקירער און פיניע זיגעלבוים,
ערשטע ריי 2טער לינקס, נחום ווניק. אין צענטער שטייען די ווארשעווער פרעבליסטנס : זאשע און טאשע.
דאס יינגעלע אויבן, פייוול זיגעלבוים, רעכטס פון אים, פייגע שפערלינג.

ריכטונג צו דרום מזרח אויף א בארג. אן אמתן בארג נישט קיין פאָלקס־מעשׂהלע. האָבן די בונדיסטן אָרגאַניזירט א פורים־אָוונט אין שטוב פון משה שימעל, א בונדיסט וואָס האָט ביזן סוף פון זיין לעבן נישט אויסגעטאָן די שווארצע פּאָלערינע. אויף דעם פורים אָוונט האָט מען נישט געלייענט מגילת אסתר, נאָר א דראמאטישע אקטריסע שרה שאליט, א שניידער מיידל האָט געלייענט י. ל. פרצעס „מיין נישט די וועלט איז א קרעטשמע באַשאפן". אויף דער גרינדונגס פארזאמלונג פון „בונד" האָט צום ערשטן מאָל גערעדט דער יונגער שמואל זיגעלבוים און איז געוויילט געוואָרן אין דער פארוואלטונג. מען האָט באלד לעגאליזירט אן ארבעטער היים מיט א ביבליאָטעק, א קינדערהיים, ארבעטער קאָאָפּעראַטיוו מיט א בע־קעריי, א דראמאטישן קרייז און אן ארבעטער קיך. דער עסטרייכישער קאָמענדאנט פון שטאָט, האָט צוגעטיילט דעם „בונד" א גרויס 3 שטאָקיק הויז אין צענטער שטאָט. דער „בונד" איז גע־וואַקסן און אין 1917, צו דער בונדישער קאָנפערענץ אין לובלין, איז שמואל מ. זיגעלבוים געווען דער דעלעגאט.

### דריי חברים

פון די ערשטע בונדישע טעטיקייטן אין כעלעם האָט שמואל ליב געהאַט צו דערציילן וועגן דריי טשעקאַווע חברים בונדיסטן:

משה חיים קאפלאן, א ליטוואק, וואָס איז אמאָל אנטלאָפן פון סיביר און שפּעטער חתונה געהאט קיין כעלעם, באקומען נדן, א „גרויס" געשעפט מיט א גרויס ווייב. א ייד א שניט־סוחר האָט אים זיין ווייב נישט געלאָזט גיין אין די אָוונטן צום „בונד". „ס'פאסט נישט פאר דיר". זי האָט באהאלטן זיינע בגדים, פארשלאָסן די טיר און איז אוועק פון שטוב. אז חבר קאפלאן האָט געקאָנט אנט־לויפן פון סיביר, וועט ער נישט קאָנען אנטלויפן פון זיין ווייבס

טורמע? איז ער געקראָכן דורכן פענצטער, אַמאָל האַלב נאַקעט. א פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג האָט חבר קאַפּלאַן נישט פאַרפעלט.

## זודיקל

זודיקל, אַזוי האָט מען גערופן דאָס געלע שניידערל וואָס האָט געהייסן צדוקל. ער האָט געהאָלפן זיין ווייב נייען א שפּענצער, א וואַטוווקע. געוווינט האָבן זיי צווישן אַרעמע בעל־מלאכות, קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט נאָר א קאָזע. ס׳הייסט, ער, זודיקל האָט געהאַט א קאָזע, ווייל נאָר אים האָט מען יעדן זומער־טאָג געזען גיין מיט דער קאָזע שפּאַצירן ווי מיט א ציטערדיק קינד.

דעם זודיקל האָט שמואל ליב באַקומען מיט א פאַרבאָרגענער ליבשאַפט, ווייל אַזאַ איז געוואָרן זודיקלס אומבאַגרענעצטע ליבשאַפט צום „בונד״.

גאַנץ באַגינען, אַז זודיקל האָט אויסגעטאָן טלית און תפילין, איז ער אַוועק מיט דער קאָזע אין פעלד ביז צום רייוויצער וואַלד, אַז ר׳איז פאַרביי געגאַנגען דעם דעמבענעם צלם מיטן צעפּליקטן „יויזל״, דאָרט ווו די הינט שטעלן זיך אָפּ און דאָס גראָז איז דער־פאַר העכער, גרינער און די קאָזע חלשט דאָרט צו כאַפּן א קיי. האָט זודיקלען ווי געטאָן ס׳הערצל, נישט געוואָלט אַז זיין קאָזע זאָל טועם זיין פון „יויזל״... האָט ער ווייך געצויגן ס׳שטריקל, זי געגלעט ביים העלדזל „ניין, ניין, טייערע, דאָ נישט, קום קום, כ׳וועל פאַר דיר געפינען א בעסערן ביסן״ און איז אַוועק. אַז ער האָט קיין בעסערן ביסן נישט געפונען און די קאָזע האָט געחלשט נאָך א ביסל גראָז, אויסגעדרייט ס׳קעפּל צום „יויזל״ און איר הונגער האָט א מעקע געטאָן, האָט זיך זודיקל דערפילט א חוטא, איז ער גיך מיט איר אהיים געגאַנגען, אַריינגעגאָסן מילך אין איר שיסעלע פאַרבראָקט מיט שטיקלעך ברויט, געקוקט מיט הנאה ווי זי עסט און צוגעוווּנטשן: „א געזונט דיר אין דיביינדעלעך אַריין״.

כדי אויסצומיידן דעם נסיון, ס׳„יויזל״, איז ער געגאַנגען מיט דער קאַזע דורך א הינטער געסל פאַרביי דעם פּלומפּ, קומט זיי אַנטקעגן דודעלע וואַסער־טרעגער מיט פולע עמערס אויף די „נאַ־שעס״ און עסט א בייגל. „גוט מארגן קאַזע״ חוזקט דודעלע מיט א פול מויל בייגל, ער שטעלט אוועק די עמערס און צערעדט זיך: „א שניידער ביסטו? א ציגענע באַבקע, א שניידער דאַרף זיין א חבר אין „בונד״, פּראָלעטאַריער מיינער, גייט ארום מיט אַ קאַזע, גיי אריין שטעל אויף א פּאָר הויזן, מאַך א ברית, ווער וועט נאָך דיר קדיש זאָגן, די קאַזע? צעקייכט ער זיך, אזש ס׳פאַלן אים פון מויל האלב צעקייטע שטיקלעך בייגל, וואָס די קאַזע שלינגט פון דער ערד און וואַרט אויף נאָך. „א חבר, ווו האָסטו געזאָגט?״. „אין בונד״. „אין בונד״? טאָ גיב איר נאָך בייגל און זאָג מיר וואָס איז עס בונד״? דודעלע שטופּט דער קאַזע בייגל, זעצט זודיקלען אויף די „נאַשעס״ איבער די עמער. „הער, דו. איך, גולע שוסטער, האַפּטאַש סטאָלער, איציק בעדנער, חנא לאַטוטניק, אלע וואָס פאַר־מאָגן אַ האמער, אַ דראָטווע, א פּאָר נאַשעס און אַ נאָדעלע מיט א קאַזע, אלע דאַרפן געהערן צום „בונד״. אין „בונד״ ביסטו חבר צדוק, נישט זודיקל א גאַרנישט, א ווערימל, אין „בונד״ ווערסטו א שטאָלצער מענטש, אלע גלייך, קוקסט אויף זיך אנדערש, „שוועס־טער און ברידער פון ארבעט און נויט״... דודעלע האָט געזונגען א גאַנצע סטראָפע. זודיקל האָט זיך א טרייסל געטאָן: „וואַרט דודעלע וואַרט, כ׳קום באַלד צוריק״. ער האָט אריינגעפירט די קאַזע און איז באַלד געווען ביי דודעלען. „אלע גלייך זאָגסטו, עני ואביון איז דאָך חשוב כמת״. „נישט א בונדיסט״. „זינג דודעלע, דערצייל נאָך״. דודעלע האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס און מיט התלהבות דערציילט פון בונדישן לאָקאַל ווו קיינער שטערט אים נישט אריינצוכאַפּן א מנחה מעריב. פון חבר „באַווירס״ פּאַרלעזונגען, פון לידער, דיסקוסיעס, פון בייניש מיכאלעוויטש, פון מעדעם. ווייסט

ווער ער איז? א גענעראלס א זון א בונדיסט וואָס ארבעט פאַר־אונדז ארעמע לייט. דודעלע האָט זיך געכאַפּט, אז די באַלעבאָסטעס ווארטן אויף זיין וואסער. „כ'מוז גיין, טראכט זודיקל טראכט". ער איז אוועק און געלאָזט זודיקלען א צעטומלטן. דעם זעלבן אָוונט, זודיקל, מיט די עטלעכע געלע הערעלעך אויפן שפּיציקן גאָמבעלע במקום א בערדל, האָט זיך שטיל ארייַנגעשארט אין בונ־דישן לאָקאַל אריין, געבליבן שטיין ביי דער טיר און געקוקט אין אלע זייטן. א פּרוי איז באלד צוגעקומען „גוטנאָוונט חבר, איך בין חברטע בראָניע, וועמען זוכט איר"? „דודעלען און דעם גענעראַ־ראלס זון". דודעלע האָט אים באלד דערזען, אים אויפגענומען און פאָרגעשטעלט דעם נייעם חבר צדוק. פון דאמלט אָן איז געווען א רחמנות אויף דער קאָזע, ווייל ח' צדוק איז געוואָרן פארנומען מיט צייטונגען, בראָשורן, ביכער, פארזאמלונגען, ער איז אן אנדערער מענטש געוואָרן, נעמט א וואָרט אין א דיסקוסיע. דער ביטול צום דארן חברל מיט א יארמעלקע און גאָרגל־קנאָפּ וואָס זעט אויס ווי א ישיבה בחורל, איז גיך פארביטן געוואָרן אויף דרך ארץ, ווייל ח' צדוק, א יודע־ספר, רעדט לאָגיש און קאָן פארבינדן א גמרא־מימרא מיט אן ענין פון סדר היום. ער האָט ביסלעכווייז נושא חן געווען און איז געוויילט געוואָרן אין דער נייער פארוואלטונג. יאָרן שפּעטער, האָט דודעלע מיט שטאָלץ געלייענט אין דער „פאָלקס־צייטונג": ח' צדוק וועט ריידן אויף דער טעמע „דער בונד און די יידישע ארבעטער מאסן". דאָס איז ער חברים, מיין צדוק"...

## דודעלע וואסער־טרעגער

מיט דודעלען איז געווען אנדערש, ער איז אליין געקומען. ביי יעדער פאָרלעזונג האָט אים שמואל געזען זיצן פון פאָרנט און געפּילט זיינע אויגן אויף זיך, געפּילט ווי דער ייד זאפּט איין יעדעס וואָרט. געקאָנט האָט אים שמואל פון דער גאס, שטענדיק אים געזען

גיין מיט הילצערנע עמער און הילצערנע קרייצן אין זיי דאָס וואסער זאָל זיך נישט פאַרגיסן. א הויכער, שטאַרקער ייד מיט א שוואַרצער באָרד און לעבעדיקע פינקלענדיקע אויגן. איינמאָל, נאָך א רעפּע־ראַט קומט דודעלע צו שמואלן מיט א פראַגע: „חבר באַוויר, איך בין א פרומער ייד און איר בונדיסטן זענט דאָך פרייע, אָבער ריידן ריידט איר ווי די „שלומי אמוני ישראל". ווי פּאַרט זיך דאָס ?"... „ווייל דער „בונד" דינט פרידלעך דעם אָרעמען יידישן פאָלק, דער „בונד" וויל אוועקנעמען די שפלות פון אָרעמקייט, קעמפט פאַר א בעסער, שענער לעבן, פאַר צדק און יושר, אז א וואַסער־טרעגער צי א שוסטער זאָלן פאַר זייער פראַצע קענען בכבוד מפרנס זיין זייערע משפחות, לערנען די קינדער און זיין שטאָלצע מענטשן... איר האָט מיך פאַרשטאַנען ?". דודעלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און געשוויגן. „ווי הייסט איר חבר ?" „דודעלע, דודעלע וואַסער־טרעגער". „קיין ע"ה, אזא גברן א „דודעלע" ?... „הייסן הייס איך דוד עלע, האָט מען מיך צוזאַמענגעשטעלט"... „מעג איך אייך פרעגן ? כ'ווייס איר הייסט שמואל זיגעלבוים, וואס איז „באַ־וויר" ? — אוודאי קאָנספּיראַציע". „ניין, חבר דוד עלע", „באַ־וויר" קומט פון מי שברך, כ'האָב געזונגען ביי מיין זיידן, דעם קראַסנסטאַווער חזן, אז ער האָט געמאַכט וועמען א מי שברך האָב איך אויפגעזונגען דעם „בעבור"... האָבן מיך די קראַסנסטאַווער גערופן „בעבור" און דאָ בין איך ח' באַוויר.

דודעלע וואַסער־טרעגער איז געווען א רעליגיעזער ייד, א שומר־שבת, אַן אָרעמאַן וואָס האָט קוים אויסגעשלאָגן חיונה פאַר ווייב און קינדער און פאַר שכר־לימוד. איין אקסל איז ביי אים געווען א ביסל נידעריקער. דאָס האָט ער געזאָגט, איז מיין פאַבריק, די „נאָ־שעס" מיט די עמערס מיינע מאַשינען און איך בין דער פאַבריקאַנט און דער פּראָלעטאַריאַט. דודעלע איז געוואָרן אַן איבערגעגעבענער חבר אין „בונד". נישט געוואָלט נעמען קיין געלט פאַרן וואַסער

אין בונדישן לאָקאַל אריין, געקומען צו אַלע פאַרזאַמלונגען, געזונגען אַרבעטער־לידער און צום ערשטן מאַי זיך געגרייט ווי צו אַ הייליקן יום־טוב. שבת ביים עסן האָט דודעלע געזונגען זמירות מיטן ניגון פון דער בונדישער שבועה. ח׳ באַוויר האָט אים געזאָגט אַז ביינישׁ מיכאַלעוויטש קומט קיין כעלעם האַלטן אַ רעפעראַט. דודעלע האָט שוין געוווּסט ווער מיכאַלעוויטש איז האָט ער געזאָגט תהילים פאַר זיין געזונט וועגן. צום רעפעראַט אין „סירענא״ זאַל איז דודעלע געקומען אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע און מיט־געבראַכט זיינע חברים וואַסער־טרעגער, תהילים־זאָגער, וועלכע ער האָט שוין געהאַט אַריינגעצויגן אין „בונד״, ס׳איז געווען אַ יומא דפגרא, אויף זיין אופן האָט דודעלע זיי געגעבן צו פאַר־שטיין וואָס דער רעדנער האָט געמיינט: גאָט איז אַן אב הרחמים און סאָציאַליזם מיינט רחמים פאַר אַלע אָרעמע און אונטערדריקטע, משיח האָט ער אַריינגעטייטשט מיינט אויך סאָציאַליזם, ווייל אַז משיח וועט קומען וועלן אַלע זיין גלייך, ס׳וועלן נישט זיין קיין אָרעמע און קיין רייכע.

איידער דודעלע איז געוואָרן אַ בונדיסט, פלעגט ער זיך שבת, נאָכן עסן, צולייגן אויסרוען, אָבער איצט גייט ער אין בונדישן לאָקאַל אַריין וואָס האָט פאַר אים געעפנט אַ נייע וועלט. ער קוקט מער נישט אויף זיך און אויף אַנדערע אָרעמע לייט ווי אויף געמיינע, דערשלאָגענע מענטשן. ער זעט אין אַלע פּראָלעטאַריער וואָס האָבן זייער כוח. אַ קלאַס און נישט קיין שוואַכע ברעקלעך, ווי חבר מעדעם זאָגט: וואָס איז „בונד״. „בינדן, פאַראייניקן, מאַכן פון צע־ברעקלטע פּיצלעך איין שטאַרקע מאַסע״. איר פאַרשטייט? הייליקע ווערטער ווי אין תהילים...

איין שבת, נאָך קריאת התורה אין בית המדרש, איז דודעלע אַרויף אויפן באַלעמער, אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן און אויסגערופן: אין נאָמען פון „בונד״ וועט ח׳ באַוויר האַלטן אַ דרשה. ס׳איז גע־

וואָרן א ביסל א טומל, אָבער די מאַסוווקע איז גוט אָרגאַניזירט געוואָרן, חברים זענען געווען אויסגעמישט מיטן עולם מתפללים און געהאַלטן אָרדענונג. פון באַלעמער האָט געקלונגען א יונג קול און גערופן די יידן נישט מורא צו האָבן פאַר די האַלערטשיקעס און זיך אָרגאַניזירן אין זעלבסט־שוץ־גרופן.

דער עולם האָט שטיל אויסגעהערט דעם רעדנער. פּלוצים האָט דודעלע באַקומען א צייכן אז פּאָליציי גייט, ער האָט גיך אַרויפ־געוואָרפן א טלית אויפן רעדנער און אויסגערופן: „מוסף"!!! און אליין אויפן קול אָנגעהויבן צו דאַווענען. דער עולם האָט פאַר־שטאַנען און הויך געדאַוונט. פּאָליציי איז אַריין, געזען יידן שאָקלען זיך אין טליתים, זענען זיי אַוועק אַנטוישטע מיט לאַנגע נעזער.

נאָך דער מעשה אין בית המדרש, איז דודעלעס א קרוב, א ייד א סוחר פון „מזרחי", געקומען צו אים מיט א טענה, אז צוליב דעם „בונד", די גוים, ברענגט ער, א פרומער ייד, גאַנץ קהל אין סכנה און אים פאַרטשעפּעט מיט ארץ ישראל: „ווילסט זיין אין א פּאַרטיי, איז נישט מיט די מחלל־שבתניקעס וואָס האָבן נישט קיין גאָט אין האַרצן". פאַרוואָס נישט אין „מזרחי"? ווי עס פּאַסט פאַר דיר?" דודעלע האָט אים אויסגעהערט און געפרעגט: „זאָג מיר, וויפיל אָרעמע לייט זענען דאָ אין דיין „מזרחי"? איך קאָן זיי, אַלע סוח־רים עקספּלואַטאַטאָרן ווי דו". אויפן טיש האָט דער קרוב געזען ליגן א בונדישע בראָשור. „אָט דאָס נעמסטו אין מויל אַריין?" און ער האָט אָנגעהויבן זינגען „התקוה". דודעלע האָט קעגן געזונגען די בונדישע שבועה, ביי „צוזאַמען צוזאַמען" איז דודעלעס קול געוואָרן שטאַרקער און ער איז אַרויס מיט לשון: „זינג מיט מיר: צוזאַמען, צוזאַמען" די פאָנען די"... אוודאי איז ארץ ישראל אונד־זער הייליק לאַנד, אָבער ווער זענען זיי די ציוניסטן? גבירים, עקס־פּלואַטאַטאָרן ווי דו. וויפיל צאָלסטו דיינע מענטשן? ווער וווינט אין א שענערער דירה? וועמענס קינדער גייען שענער אָנגעטאָן,

ווער קריגט שישי? און די ציוניסטן זענען נישט קיין מחלל־שבת־ניקעס? ווילסט מיר איינרעדען אז חבר באוויר, צי מיכאלעוויטש אָדער מעדעם האָבן נישט קיין גאָט אין הארצן? מענטשן וואָס גייען אין תפיסות, גיבן אוועק זייער לעבן פאר אונדז יידישע ארבעטער אָרעמע לייט. הער, הער הייליקע ווערטער „בינדן, פארייניקן״, הערסט? פארייניקן אונדז אין איין שטאַרקער מחנה, א יידישע אַרבעטער מחנה צו קעמפן פאר צדק און יושר. פאָלג מיך, דערלייג דיינע מענטשן, זאָלן זיי וויסן אז זייער בעל־הבית איז א ייד מיט יושר, ווי משה קאפלאן דער ליטוואק, ער איז רייכער פון דיר און א בונדיסט, מיר דארפן אזעלכע אויך, קאָנסט דיר היטן שבת ווי איך, ווער א בונדיסט הערסט?״ ער האָט ארויפגעלייגט א האנט אויפן קרובס אקסל און זיך אוועקגעלאָזט אין א חסידיש טענצל אונטערזינגענדיק:

ברידער און שוועסטער פון ארבעט און נויט,\
אלע וואָס זענען צעזייט און צעשפרייט,\
צוזאמען, צוזאמען...

# פון ארטורס מויל

אין 1931, ווען ארטור איז געפאָרן קיין אמעריקע אין שליחות פון דער קולטור־ליגע, האָב איך, בשותפות מיט ישראל פּינטשוק, מיין חבר פון דער טעאטער סטודיע, איבערגענומען זיין וווינונג אויף עלעקטאָראַלנע 30, די שוועגערין מאניע, אַן ארטיסטן, איז געווען אויף א לענגערן טורנײ מיט פאול באראטאָוו. ארטור איז געווען פארנומען ביי זיין ארבעט אין לאַנד־ראַט און אין דער פּאר־טיי, האָב איך זיך אריינגעקליבן פריער אים העלפן צוגרייטן זיך צו דער רייזע.

נאָר אין שפּעטע נאכט־שעהן האָב איך געהאט א געלעגנהייט מיט אים צו שמועסן. אַט זענען עטלעכע זאצן פון אזא שמועס :

„צו זיין א בונדיסט דארף מען זיין דערוואַקסן, פּסיכיש דיס־ פּאַניִרט, מען דארף האָבן כאראקטער און כוח צו גיין אמאָל קעגן שטראָם. דאָס פאָדערט איבערצייגונג אין דער דערהויבענער אידיי פון סאָציאַליזם, מען דאַרף זיין אַן ערלעכער מענטש, מען דארף ליב האָבן דאָס אייגענע פאָלק און ליב האָבן דעם מענטשן בכלל. דער בונד איז מער ווי פארטיי, דער בונד איז פאָלקס־אויפוואכונג. נישט די פּאָר חברים אין בוידעם־שטיבל אין ווילנע האָבן געשאפן דעם בונד. זיי זענען געווען דער צייטס שליחים. דאָס פאָלק, דאָס לעבן האָט באשאפן דעם בונד. דער בונד גיט דעם בונדיסט אלץ און דער בונדיסט קומט דעם בונד אלץ.

נישטאָ קיין גרעסער גליק, ווי געפינען גלויבן אין מענטש און אין אמת. דאָס גליק געפינט א יידישער סאָציאַליסט אין בונד. ווי־

גרויס די פערזענלעכקייט פון א בונדישן פירער זאָל נישט זיין און דער בונד האָט שטענדיק געהאט און האָט גרויסע פערזענ־לעכקייטן פאר אירע פירער, ווערט ער גרעסער דורכן בונד. דער בונד דערציט זיינע פירער אין זיין מהות און גייסט, ווי דאָס



ארטורס פרוי מאַניע ראזען זיגעלבוים.

יידישע מאסן־לעבן האָט ארויסגערופן דעם בונד, אין איר גייסט. די שפורן פון בונד, זענען די שפורן פון פאָלקס־לעבן.

אוודאי קלינגען די רייד, ווי א רעדע פאר אן אוידיטאָריע, אָבער זיי זענען געזאָגט געוואָרן שטיל, צווישן פיר אויגן ביי א גלעזל טיי נאָך מיט־נאכט, ווייל 24 שעה אין מעת־לעת האָט אר־טור געאָטעמט מיט מענטש, בונד, פאָלק און סאָציאליזם.

### די נשמה פון פּאָעט ווייסט נישט פון קיין רו

א פּאַרטיי־טוער פון דעם קאַליבער ווי אַרטור איז געווען, האָט מען געקאָנט פרעגן, ווו האָט ער גענומען צייט פאַר קולטור־טעטי־קייטן אויסער דער ראַם פון זיין פאַרטיי און לאַנד־ראַט פון פראָפ.



אַרטור און מאַניעס זון, אַרטעק טוביה.

פאַריינען וואָס האָבן אים אינגאַנצן פאַרשלינגען? ווו האָט ער גענו־מען צייט צו לייענען פּאָעזיע מיט אזא ליבשאַפט און אנאַליטישן אריינבליק אין דער קאָנדענסירטער פאָרם פון קינסטלערישן אויס־דרוק. דאָס זעלבע קאָן מען פרעגן בנוגע טעאַטער און מוזיק.

נאָר א טייל חברים אין „בונד”, דער עיקר חבר נח, האָבן דערזען דעם פּאָעטישן אומרו אין דעם לאָגישן פּאַרטיי־טוער אַר־

טור. כ׳וואָלט געקאָנט ברענגען עפּיזאָדן פון דיסקוסיעס איבער א שורה אין א ליד וואָס איז לויט אים א דערהויבונג, אָדער איבער־ריק. ער האָט געקאָנט זיין נאָכגיביק אין אַ זייטל פּראָזע, אָבער אין דיכטונג איז ער געווען א שטרענגער פּוסק מיט א ראפינירט קריטישן חוש. אפשר דערפאר ווייל מיט „קורצע שורות״ האָט ער אליין געזינדיקט אין דער גאָר פריער יוגנט, געלאָפן צו פּרצעס טיר און נישט געוואגט אָנצוקלאפּן, נאָר געלייענט זיינע לידער פאר די קראסנסטאַווער לאנדס־לייט בעת די שבתדיקע באגע־געגישן. דער פּאָעטישער אָדער איז נישט אטראָפירט געוואָרן. קאָן זיין אז טאקע צוליב דעם, איז ארטור געשיקט געוואָרן אין שליחות פון דער „קולטור־ליגע״ קיין אמעריקע אין יאָר 1931 און שפּעטער, אין 1934, ווען דער דובנאָוו־פאָנד אין פּאריז האָט ארויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד „אלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע״, איז אַרטור באַ־שטימט געוואָרן ווי דער פאָרשטייער צו פאַרשפּרייטן די ענציק־לאָפּעדיע און אויסגעפירט זיין אויפגאבע מיט דער זעלבער התמדה ווי די פּארטייאישע.

וועגן דער וויכטיקייט פון דער ענציקלאָפּעדיע האָט ער רע־פערירט אין פּראָפ. פּאריינען, אין ספּאָרט־קלוב „מאָרגנשטערן״ און אריינגעצויגן פּיניען און מיך אין דער ארבעט. פּיניע איז גע־ווען פּיזיש צו שוואך. מיין ערשטער אָבאָנאמענט פאר אלע גע־פּלאנטע 20 בענדער ענציקלאָפּעדיע, איז געווען דער שרייבער, בונדיסט י. י. טרונק.

ארטור האָט זיך מתעסק געווען מיט די 4 בענדער וואָס זענען ארויס אין פּאריז. דער פערטער באַנד אין יאָר 1937. דעם פינפטן באנד האָט ארטור שוין נישט געזען... ער איז ארויס אין ניו־יאָרק אין 1944.

פאר אלע יאָרן מיט דער משפחה אין ווארשע איז זיין התנ־הגות געווען נישט רעגלמעסיק, טיילמאָל איז ער געווען משפחה־

דיק־וואָרעם און אָפּטער קאַלט, אָן אינטערעס פאַר משפחה־נויטן. ער האָט אונדז געקאָנט טרעפן אין „ווינקל" אויף פּשעיאַזד 9 און נישט זען אפילו. אוודאי האָט עס אונדז געקרענקט, אָבער מיר האָבן פאַר אים שטענדיק געפונען א זכות און מיט פרייד דער־מאָנט זיין „אריינפאַלן" אהיים אין כעלעם.

## דער אומגעריכטער גאַסט

א סך פרייד האָט שמואל פאַרשאַפט דער משפחה און חברים מיט זיין פלוצימדיקן אריינפאַלן אין מיטן דער נאַכט צו אונדז קיין כעלעם. דאָס פלעגט געשען בעת זיינע רייזעס „איבער שטעט און שטעטלעך". ער פלעגט קומען פון א מקום נאָענט צו כעלעם און צומאָרגנס דאַרפן ווייטער פאָרן. ביי אזא „אריינפאַל" האָבן זיך די יונגערע יאָטן גיך אָנגעטאָן צו לויפן וועקן די חברים בונ־דיסטן מיט דער בשורה „שמואל איז דאָ".

כהרף עין זענען חברים געקומען מיט געבראָטענע גענזלעך, ביר, משקה. די מאַמע האָט צוגעשטעלט דעם טשייניק. ס'איז גע־וואָרן יום טוב אין דערוואַכן מיט אַן אמתער „ליאַמע" אויף וואָס בונדיסטן זענען שטענדיק גרויסע בריהס.

איז מען געזעסן אויף וואָס ס'איז געווען און ווי ביי אַ חסי־דישן טיש געגעסן און גערעדט מעניני דיומא. חברים האָבן גע־פרעגט און שמואל האָט געענטפערט, דערציילט פון אויפטועון אין ווארשע און אין דער פּראָווינץ. מיט הומאָר דערציילט עפּיזאָדן פון די רייזעס און שטענדיק געפרעגט וועגן אָרטיקע טעטיקייטן. די נאַכטיקע לאַמעס האָבן זיך געצויגן ביזן ווייסן טאָג אריין און גע־בליבן די טעמע ביז א צווייטן „אריינפאַל".

ביי דער מאַמען און ביי אונדז קליינוואַרג זענען די נעכט געבליבן אין זכרון, ווי די גליקלעכסטע נעכט אין כעלעם, וואָס מ'האָט שפּעטער דערמאָנט מיט נאָסטאַלגיע.

# ארטור אין לאנדאן

„און ווער עס דערלאָזט אין קעלט און אין פראָסט
זאָל אויסגיין די וועלט —
ווי קען ער אליין ביים פייער דאן שטיין
אין ווארעמען געצעלט ?״. (אברהם רייזען)

אָפּגעשוואַכט ווי שמשון אָן האָר, אָן דער מעגלעכקייט צו גרייכן די ציילן כדי צו צעשמעטערן די מאַכט פון רשעות, די מאַכט פון נבזהדיקן שווייגן. ווייט פון זיינע פוילישע יידן אויפן מזבח, ווייט פון זיינע חברים אין קאמף אין דער פארשאָלטענער, אָפּגעשלאָסענער וועלט וואָס הייסט „געטאָ״. אָפּגעריסן פון ווייב און קינד מיט דער לאסט פון אחריות פאר „זיי״ צו צאָלן א חוב פאר זיין ארומגיין אין לאָנדאָן, קלאפן אין פארמאכטע טירן, שרייען צו א טויבער וועלט, וועט צו אים, צו די אויערן פון זייער פאָרשטייער גרייכט דאָס געשריי פון די לעצטע: „ראטעוועט! מיר קומען אום! זאָלן יידישע פאָרשטייער נישט אָפּטרעטן פון 10 דאונינג סטריט, זאָלן זיי פארהונגערן ביז טויט... ראטעוועט!!! „איך וועל טאָן אלץ וואָס איך קאָן... איר גלויבט מיר?״... דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער צו יאן קארסקי, דעם שליח פון „דאָרטן״... קארסקי איז אַוועק. ארטור איז ארויס פון זיין צימער. אין א טיר פון אן אלט מעבל־געשעפט איז געשטאנען א פיאנאָ, אויף די קלאַווישן האָט ער אויסגעשלאָגן זיין באשלוס:

„אָ ברודער, מיר האָבן געשלאָסן, אויף לעבן און טויט איין פארבאנד״...

א. רייזענס שורות געשריבן אין 1920, האָבן אין 1943 געפונען אין ארטורן זייער טראַגישן עכאָ: „דאָרט" ברענט א וואלד פון יידישע פרויען און קינדער און קיינער, קיינער וויל נישט לעשן. מענטשן איילן אהיים שלאָפן אין ווארעמע בעטן און שעמען זיך



שמואל מרדכי (ארטור) זיגעלבוים.

נישט ?"... רייזען אַפעלירט צום מענטש אין נאָמען פון דער וועלט און ארטור אפעלירט צו דער וועלט אין נאָמען פון ייד. דער שליח פון „בונד" אין דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן איז געוואָרן דער שליח פון פאָלק אין זיין גרעסטער נויט. די מאוימדיקע מאכטלאָזיקייט צו ראטעווען כאָטש איין קינד פון אומקום האָט פארשטאָכן מיט בלוט דעם זוים פון זיינע חלומות, נאכט איין נאכט

אויס אין פיבערדיקע האלוצינאציעס מיט פאַרוווּרפן צו זיך אַליין „כ׳בין דאָך דאָרט געווען, פאַרוואָס בין איך פון זיי אַוועק?, פאַר־וואָס שטאַרב איך נישט מיט זיי אין קאַמף? פאַרוואָס ליג איך נישט אַ צעשמעטערטער אין די חורבות פון געטאָ ווי זיי?... אַן אומבאַ־וואָפנעטער שליח פון אַן אומבאַוואָפנט פאָלק וואָס קומט אום אין די אויגן פון אַ גלייכגילטיקער וועלט, דאַרף מיט זיין קאָפּ די גלייכ־גילטיקייט צעררייסן... צי איז די ווירקונג פון זיין טאַט געווען אַזאַ ווי ער האָט געהאָפט?...

אַרטורס וועג פון היטלער־פּוילן דורך טויט־סכנהדיקע גרענעצן: דייטשלאַנד, האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך, ליסבאָן, ביז ניו יאָרק און לאָנדאָן, איז געווען אַ מסירת־נפשדיקער שפּאַציר. פון די לעצטע קאַפּיטלען „צו די אויערן פון דער וועלט" און „פון אויפגערודערטן געוויסן" אין דעם „זיגעלבוים־בוך" (פאַרלאַג „אונזער צייט" ניו־יאָרק 1947 וואָס איז מיט זאָרג און פּיעטעט צוזאַמענגעשטעלט דורך י. ש. הערץ) רעדט אַ שליח מיט פאָלקס אַחריות ביז קרבן אויף וואָס ער איז גרייט געווען ביים סאַמע אָנהויב. ווען דער וואַרשעווער קהילה־ראַט האָט אונטערן דרוק פון די עס־עס אָנגענומען אַ באַ־שלוס אויפצושטעלן אַ געטאָ, האָט אַרטור איינער זיך קעגנגעשטעלט דעם באַשלוס, גערעדט צו אַ פאַרצווייפלטער מאַסע פון איבער צען טויזנט פאַרזאַמלטע יידן אַרום קהילה־בנין, זיי געמוטיקט און גע־רופן נישט צו גיין אין געטאָ און פאַרן קהילה־ראַט געמאַכט פאָל־גענדע דערקלערונג: „עס איז דאָ געפאַלן אַ היסטאָרישער באַשלוס,— איך בין, ווייזט אויס, געווען צו שוואַך, כדי אייך צו איבערצייגן, אַז מיר טאָרן דאָס נישט טאָן. איך פיל אָבער ביי זיך נישט גענוג מאָראַלישע כוחות צו קאָנען אין דער זאַך אָנטייל נעמען. איך פיל, אַז איך וואָלט קיין רעכט נישט געהאַט צו לעבן ווייטער, אויב דער געטאָ זאָל איינגעפירט ווערן און מיין קאָפּ זאָל דערביי בלייבן גאַנץ. איך דערקלער דעריבער, אַז איך לייג מיין מאַנדאַט. איך ווייס, אַז

עס וועט זיין די פליכט פון פּאַרזיצער תיכף וועגן מיין רעזיגנאַציע צו מעלדן דער געסטאַפּאָ און איך רעכן זיך מיט די קאָנסעקווענצן, וואָס דאָס קאָן האָבן פאַר מיר פּערזענלעך. איך קאָן אָבער אַנדערש נישט האַנדלען״...

די גזירה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט.

## „וואו זיינען די אידען פון פוילען?!״
## וואָס האָט איהר מיט זיי געטאָן?...

ראַדיאָ רעדע פון מר. ש. זיגעלבוים, וועגן דער נאַצישער אידען־שחיטה אין פוילען

לעצטענס האָט מר. ש. זיגעלבוים, דער בונדישער פאָרשטעהער אין פוילישען נאַציאָנאַל ראַט, געהאַלטן די פאָלגענדע רעדע דורך דער ראַדיאָ צו פוילן:

מיט עטלעכע חדשים צוריק זיינען מיר אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דעם פּלאַנמעסיקן מאַסן־מאָרד וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן איבער דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין צענדליקער שטעט פון פוילן. עס איז שווער געווען צו גלויבן אין דער מאָנסטריעזער צאָל פון 700.000 דערמאָרדעטע אידן.

אָבער די טעג האָט די פוילישע רעגירונג דערהאַלטן נייע באַריכטן, וועלכע נישט נאָר וואָס זיי באַשטעטיקן די פריערדיקע אינפאָרמאַציעס, נאָר דערציילן וועגן ווייטערדיקע פאַרברעכענס, נאָך מער שוידערלעכע, נאָך מער אויפטרייסלענדיקע.

פון איבער אַ האַלבן מיליאָן אידן אין וואַרשעווער געטאָ זענען געבליבן אין סעפּטעמבער — 120,000 און אין אָקטאָבער — שוין בלויז 40,000.

זינט יולי שלעפּט מען יעדען טאָג ארויס פון ווארשעווער געטאָ צו דער מאַסן־שחיטה צו 6—7 טויזנט מענטשן א טאָג. גלייכצייטיק האָט מען פארשלעפּט צו דער מאסן־עקזעקוציע כמעט די גאנצע באפעלקערונג פון לאָדזש, לעמבערג, לובלין, ראַדאָם, קיעלץ, נאָ־ווידוואָר, קאַלישין, מינסק־מאַז., פּאַלעניץ, מיעדזשין, און צענדליקער אנדערע שטעט.

אין בעלז, טרעבלינקע און סאָביבאָר האָט מען איינגעאָרדנט ריזיקע מאָרד־פאַבריקן, ווו הונדערטער טויזנטער יידן ווערן אויס־געמאָרדעט מיט מאשין ביקסן, גיפט־גאזן און עלעקטרישן שטראָם. צום גראָבן די מאסן־קברים באנוצן די הענקער ריזיקע גראָב־מאַ־שינען.

אין פארלויף פון דריי יאָר האָבן די דייטשן פארהונגערט מיליאָנען יידן אין די געטאָס פון פוילן. אויסער דעם זיינען זיי אויפן באַפעל פון הימלערן צוגעטראָטן צום שנעלן ליקווידירן די יידישע באַפעלקערונג אויך מיט אנדערע מיטלען.

דאָס דאָזיקע פארברעכן איז נישט דאָס איינציקע וואָס די דייטשע אָקופּאנטן באגייען אין פוילן אָבער פון אלע זייערע פאר־ברעכנס איז דאָס די גרעסטע און שוידערהאַפטסטע.

מיר פרעגן שוין היינט די דייטשע הענקער:

— ווו זיינען די דריי און א האלב מיליאָן יידן פון פוילן?

דאָס דאָזיקע געשריי וועט ווערן אלע מאָל שטאַרקער און וועט זיך טראָגן דורך פיל דורות:

— ווו זיינען אונדזערע ברידער? פאָטערס? אונדזערע פרויען, שוועסטער, אונדזערע קינדער? וואָס האָט איר מיט זיי געטאָן?

אין זיין רעדע אין אָקטאָבער האָט גערינג געסטראשעט דאָס דייטשע פאָלק מיט יידישער נקמה אין פאל פון פארשפּילן דעם קריג. טאקע די געשפּענסטער פון מיליאָנען אונשולדיק דערמאָרדעטע קרבנות וועלן בלייבן אן אייביקער ברענענדיקער פאָרוואורף, וואָס

וועט גורם זיין די נקמה און שטראָף. אָבער דאָס פאַרברעכן וואָס די נאַציס באַגייען לגבי די יידן אין פוילן טרעפט אין דער גאַנצער מענטשהייט. דעריבער ווען די פאַרברעכער וועט טרעפן די נקמה און די שטראָף, וועט עס זיין פון דער האַנט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די מענטשהייט וועט נישט זיין רעהאַביליטירט, אויב די פאַר־ברעכער און די סיבות וואָס האָבן זיי אַרויסגערופן צום לעבן וועלן נישט אויסגעראָטן ווערן מיטן וואָרצל, נישט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד.

מיר ווייסן, אַז וואָס נעענטער דער טאָג פון דער ענדגילטיקער מפלה פון דייטשלאַנד אַלץ גרעסער וועלן זיין זייערע פאַרברעכנס אין די אָקופּירטע לענדער, און באַזונדערס אין פוילן. דעריבער טאַקע איז עס אונדזער אַלעמענס שטרעבונג, אַז דאָס ווערק פון פאַרניכטן היטלער׳ס קריגס־מאַשין, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, זאָל פאַרענדיקט ווערן וואָס גיכער. און דעריבער אויך פאָדערן מיר פון די פאַראייניקטע פעלקער, עס זאָלן תיכף אָנגעווענדט ווערן ספּעציעלע מיטלען וואָס זאָלן צווינגען די דייטשן אָפּצו־שטעלן די מאַסן שחיטות אין פוילן.

*

ברידער מיינע!

איך רעד צו אייך איצט, זייענדיק טיף דערשיטערט פון דעם באַוווסטזיין, אַז אייגענטלעך ווייס איך אַליין נישט וויפל פון אייך לעבן נאָך אין דער איצטיקער מינוט און וויפל זיינען אימשטאַנד מיך צו הערן, איך ווייס אָבער, אַז די צווישן אייך, וואָס האָבן טראָץ אַלעמען נאָך אפילו איצט נישט אַרויסגעלאָזן פון די פאַר־פייניקטע הענט די פאָן פון מענטשלעכער ווירדע און שטעלן נאָך אַלץ א ווידערשטאַנד — הערן מיך, צו, אייך, חברים, זאָגן מיר :

מיר פילן זיך נישט ראוי אייך צו געבן אָנווייזונגען און אינ־סטרוקציעס. דערשטוינט פון אייער מאַרטירערטום און אומגעהויערן העלדנטום ווייסן מיר, אַז יעדער פון אייך וועט אויסהאַלטן ביזן סוף, נישט בויגנדיק די קני.

איך וויל אייך בלויז זאָגן, אַז צוזאַמען מיט אונדז קוקט די גאַנצע וועלט אויף אייער פּיין און אייער העראָאיזם, מיט אַ פּאַר־כאַפּטן אָטעם. איך וויל אייך בלויז פאַרזיכערן, אַז פאַר די ליידן און קרבנות וועט קומען באַצאָלונג און די איבערגעבליבענע וועלן דערלעבן אַ נחמה".

# דער טרויעריקער טאג

דעם 12־טן מאַי 1943 טעלעפאָנירט צו מיר לעאָן פעלדבערג, דער רעדאקטאָר פון „דזשואיש טיימס״, אין יאָהאנעסבורג און זאָגט: „זיי שטאַרק אויפצונעמען א טרויעריקע ידיעה, וואָס כ׳האָב היינט באקומען דורך „איטא״ פון לאָנדאָן. דיין ברודער ארטור איז באגאנגען זעלבסט־מאָרד״... כ׳בין אוועק אין רעדאקציע לייענען די נייעס... אלע יידישע און ענגלישע צייטונגען האָבן געשריבן וועגן זיגעלבוימס טאט. דער באָארד אָף דעפיוטעס האָט גערופן א ספעציעלע זיצונג. לאנדסמאנשאפטן און פאָליטישע פארטייען האָבן גערופן טרויער־מיטינגען, ספעציעלע קאָמיטעטן זענען געוויילט געוואָרן צו אקטיוויזירן די יידישע באפעלקערונג צו מעשים.

דעם 13־טן מאַי האָב איך געשריבן אַ בריוו צו אונדזער חבר און פריינד אין לאָנדאָן, בערל ראָזנער און באקומען דעם בריוו דריי חדשים שפּעטער.

אין דער זעלבער צייט האָט מיר איציק מאנגער צוגעשיקט אין א בריוו „מיין שנאה־ליד״ אין אָנדענק פון שמואל זיגעלבוים.

איך האלט פאר נויטיק צו ברענגען ראָזנערס ענטפער און מאנגערס ליד אין דעם בוך.

פון אלע יידישע אינסטיטוציעס, לאנדסמאנשאפטן און יחידים אויך נישט יידן, האָב איך באקומען טעלעגראמעס און קאָנדאָלענץ־בריוו, וואָס איך האלט אין ארטור זיגעלבוים ארכיוו.

ווי פון דער פרעסע אין אנדערע לענדער האָט מען געקאָנט גלויבן, אז דאָס געוויסן פון דער וועלט האָט זיך א טרייסל געטאָן

און אז באַרעכטיקטע מעשים וועלן אונטערגענומען ווערן אָפּצו־שטעלן דעם מאסן־מאָרד איבער די יידן אין פּוילן. ליידער איז אַר־טורס טאַט געווען ווי אַ שטיין אין וואַסער, וואָס צעכוואַליעט דעם אויבער־פלאַך נאָר אויף אַ וויילע... די דאָזיקע שטימונג איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם אַלעם וואָס איז געזאָגט און געשריבן געוואָרן נאָך אַרטורס אומקום.

איציק מאַנגער

## 1. מיין שנאה-ליד

דעם אָנדענק פון שמואל זיגעלבוים

איז מיר באַשערט צו זיין דער לעצטער זינגער
פון אַן אויסגעסאַמטער עדה?
טונקען אין קברים־גראָז מיינע פינגער,
אַרום דער גרויסער יידישער עקדה?

מזל מיינס, פאַרשאָלטנס, האָסט צעצוויטעט דעם פרילינג
איבערן קדיש פון מיינע ליפּן.
צעפלאַטערט די פייגל מיט זייער טרילי־לינג,
זיי זאָלן פון מיין טרערן־בעכער זיפּן.

אויב ס'איז מיר באַשערט צו זיין אַ ווערבע,
וויל איך שטיין ביי זייערע קינדערס וויגן,
וואַרפן מיינע שאָטנס אין זייערע חלומות,
און זייערע בלוטן פאַרסאַמען מיט מיין ניגון:

דיין טאַטע איז אַ האַק, דיין מאַמע איז אַ מעסער,
פון דיין טאַטע־מאַמע טריפן מיינע טרערן
און זייערע קינדער וועלן נישט וואַקסן גרעסער,
ווייל איך וועל זייערע אָטעמס הערן".

##### ד ע ר   כ ו ח   צ ו   ש ט אַ ר ב ן

צעטייל מיך, גאָט, אויף טויזנטער קאַשמאַרן,
אז איך זאָל דאָס לייב און דעם חלום פרעסן.
פון די בלאָנדע קינ׳ס, די בלאָ־אויגיקע נאַרן,
ביז אין זייערע לעצטע פארשאָלטענע מעת־לעתן.

צעפלאטער אלע קראָען איבער דער בלוטיקער מדינה,
איבער גוסס׳דיקע דערפער, שטעט און שלעסער,
ווי ס׳טאַנצט א „פריילעכס״ מיט זיך אליין מיין שנאה,
און ס׳לעקן אָפּ די הינט די דייטשע בלוטן פון איר מעסער.

## דער בריוו פון בערל רויזנער
(אין דער ארטאגראפיע פון מחבר)

13.8.43

חשובער חבר זיגעלבוים.

אייער בריוו פון 13.5 דערהאלטן.

עס איז מיר זייער שווער צו שרייבן וועגן דער טראַגעדיע „ארטור״. ווי איהר וועט באמערקן פון אויבען דערמאָנטן אדרעס האָב איך זיך צייטווייליק איבערגעצויגן א 200 מייל פון לאָנדאָן. מיר געפינען זיך דאָ שוין 2 און האַלב יאָהר.

מיר קומט אויס אָפּט צו זיין אין לאָנדאָן. און פונקט בין איך יענעם טראגישן טאָג געווען אין לאָנדאָן.

דינסטאָג דעם 11־טן מאי ביי מיין אנקומען האָב איך טעלעפאָנירט צו ארטור׳ן. ער איז ניט געווען אין שטוב, חבר אלער האָט געענטוועט, און מיר האָבן אַראַנזשירט אז מיטוואך אינדערפרי דעם 12טן מאי זאָל איך ארטורן טעלעפאָנירן. ווען איך האָב דאָס געטאָן מיטוואך אינדערפרי 9 אזייגער, האָט מיר זיין ווירטין געענטפערט אז מען האָט ארטורן יעצט גענומען אין שפיטאָל. 2 אזייגער דעמזעלבן טאָג איז ער נישט מער געווען צווישן די לעבנדיקע.

ער האָט פאַרענדיקט מיט זיין מער רייכבאַרן און נוצלעכן לעבן דורכ׳ן נעמען א גאַר גרויסע דאָזע שלאָף פילן.

יעדעס מאָל וואָס איך בין געקומען אין לאָנדאָן האָבן מיר צו־זאַמען פאַרברענגט אַן אָוונט. ער האָט קיינמאל ניט ארויסגעוויזן אַז ער טראָגט זיך ארום מיט זעלבסטמאָרד געדאנקען. ער איז אָבער שטענדיק געווען שטאַרק פאַרזאָרגט וועגן די בלוטיקע געשעענישן אין די געטאָס פון פוילן. צוזאמען מיט אונזערע העראָאישע אונ־טערגרונד חברים האָט ער געפיבערט, און געבלוטיגט. און מיט זיי מיטגעלעבט, און איבערגעלעבט זייער טראַגעדיע.

אמשווערסטן האָט אויף אים געווירקט די גלייכגילטיקייט פון דער ארומיקער וועלט צו דער שרעקלעכער טראגעדיע וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אין פוילן. דאָס שטילשווייגן פון דער ציוויליזירטער וועלט איבער די סאַדיסטישע מעשים פון די היטלער באַנדיטן.

די לעצטע באַריכטן פון וואַרשאַווער געטאָ האָבן אים צובראָכן. ער האָט לענגער ניט געקענט אויסהאַלטן דאָס שטילשווייגן און גלייכגילטיקייט. און אַלס פראָטעסט פאַרענדיקט מיט זיין לעבן.

דאָס איז אַלץ טייערער חבר זיגעלבוים וואָס איך קען אייך שרייבן וועגן דער טראַגעדיע פון אייער ברודער. זיין געזעגנונגס בריוו און מער איינצלהייטן האָט איהר געוויס שוין געלייענט אין „אונזער צייט” נומערן 6 און 7. איך וויל נאָר צוגעבן צו אייך פערזענלעך אַ טרייסט וואָרט.

אייער ברודער האָט געהאַט א שטורמיש אבער שיין און נשמה־רייך לעבן. געשעצט און געאַכטעט ניט בלויז ביי די יידישע פאָלקס מענטשן, נאָר אויך דאָ אין ענגלאַנד ביי אלע וואָס זענען געקומען מיט אים אין קאָנטאקט. יידן און ניט יידן. געלעבט ווי אַ שטאָלצער דרייסטער קעמפער, און געשטאָרבן ווי אַ העלד אין קאַמפף פאַר דער ווירדע פון דער מענשלעכע ראַסע.

זאָל דאָס אייך זיין א טרייסט וואָס איר האָט געהאַט דעם כבוד

צו האָבן אַזאַ ברודער, פונקט ווי עס איז פאַר אונדז אַ טרייסט וואָס מיר האָבן אים געהאַט פאַר אַזאַ האַרציקן ליבן חבר און פריינט.

צו דער גלאָררייכער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג „בונד", איז צו געקומען נאָך אַן העראָאיש בלאַט אונטערן נאָמען שמואל זיגעלבוים.

זייט מיר האַרציק געגרוסט,

אייער בערל ראָזנער

*

„אַרטור איז געווען ביטער אַליין,
נישט געווען פאַר וועמען צו טון אַ וויין".

אין יוני 1950, בין איך מיט מיין פרוי פנינה געקומען קיין לאָנדאָן צום קעסטעלע אַש, וואָס האָט זיך געפונען אין קרעמאַטאָריום אויף „גאָלדעס גרין". מיין מורה־דרך איז געווען איציק מאַנגער, וואָס האָט מיר געהאַט געשריבן די אויבן ציטירטע שורות. קראַנק און דערשלאָגן פון זיינע „בלעטלעך" וואָס צעפאַלן זיך, האָבן מיר מיט דער הילף פון יונה גלאַזער פון יאָהאַנעסבורג, שוין געהאַט די „בלעטלעך" אָפּגעראַטעוועט אין צוויי ביכלעך: „די האַצמאַך שפּיל" און „דער שניידער געזעלן נאָטע מאַנגער זינגט". מאַנגער האָט געהאַט אַסך צו דערציילן וועגן אַרטורס טראַגישן געראַנגל אין לאָנ־דאָן. אויך זיין פריינדין, מאַרגאַרעט וואָטערהאַוז, לויט מאַנגער, אַן אייניקל פון גרויסן ענגלישן ליריקער פ. ב. שעלי, האָט מיט טיפן צער און פאַרשטענדעניש איבערגעלעבט אַרטורס טאָט, ווי בכלל דעם יידישן חורבן אין פוילן. אין אַ שמועס אַפילו פּאַראַ־פראַזירט שעליס ליריש דראַמאַטיש ווערק „דער באַפרייטער פּראָ־מעטיי": „אַרטור איז געווען אַ יידיש געבונדענער פּראָמעטיי. שעלי, איז אומזיניק אומגעקומען אין אַ שיפל אויפן ים. אַרטור איז באַ־וווסטזיניק אומגעקומען אין ים פון ראַסן־האַס. פון שעלין, זענען

געבליבן לידער ווי פון אנדערע דיכטער. ארטור זיגעלבוימס פראָ־טעסט־טויט, וועט בלייבן דער איינציקער פאַקל פון אַ טמאדיקער צייט"...



ארטור זיגעלבוים מיט קאַזשיק בעת אין ניו־יארק פאַרן פארן קיין לאנדאן.

מיט א מיסטעריעזער רעליגיעזיטעט האָט די ענגלישע פרוי גערעדט, וועגן יידישן גורל, וועגן מאנגערס רעליגיעזע מעטאַפאָרן און געגלויבט, אז „גאָט האָט איר צוגעשיקט א הייליקן אים צו היטן"...

צוזאמען מיט ארטורס גוטן חבר לוציאַן בליט, האָבן מיר זיך אָפּגערעדט צו באזוכן דאָס אש, אָבער ביי יוסף לעפטוויטש אין שטוב איז לויט זיין פאָרלייג, באַשלאָסן געוואָרן צו ארראנזשירן אַן אלגע־מיינע עפנטלעכע באגעגעניש אין קרעמאטאָריום ביים אש. די נאָ־טיצן אין „דזשואיש קראָניקל" און אין דער „יידישער צייטונג" האָט דעם 4טן יולי נישט צוזאמען געבראַכט מער, ווי די גרופּע יידישע שרייבער און נאָך עטלעכע מענטשן. נאָך דער צערעמאָניע פון שטילן צער, האָט דער סעקרעטאר פון קרעמאטאָריום אונדז פארבעטן צו זיך אין ביוראָ אריין צו אַן אומהיימלעכער איבערראַ־שונג און געזאָגט: „אדאנק אַן אנאָנימער פערזאָן, האָט איר נאָך דאָס אַש פון אייער ברודער. פאר א לענגערער צייט האָט קיינער נישט באַצאָלט דעם יערלעכן אָפּצאָל פאר האלטן דאָס אש דאָ. לויטן רעגולאמין פון קרעמאטאָריום, אויב דאָס געשעט ביז א באַשטימטער צייט, האָבן מיר די רעכט דאָס אש ארויסצווארפן און פריי מאכן דעם פלאַץ. דער פאראנטוואָרטלעך אונטערגעשריבענער בעת דער לוויה, איז געווען מר. ל. אָלער, אויף אונדזערע בריוו צו אים האָבן מיר נישט באַקומען קיין ענטפער (אָלער איז שוין נישט געווען אין לאנד), פון אונדזער לוויה־בוך האָבן מיר געזען, אַז זיגעל־בוימס לוויה איז געווען פון אַ בריטן פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן כאראקטער. האָבן מיר באשלאָסן צו געבן נאָך 6 חדשים, לייגן א צעטעלע אויפן קעסטעלע אש מיט א דרינגענדער ביטע: „ווער עס באזוכט דאָס אש זאָל אזוי גוט זיין און קומען אין ביוראָ פון קרע־מאַטאָריום". איז געקומען אַ פערזאָן, אָפּגעצאָלט דעם חוב און גע־בעטן צו בלייבן אנאָנים". דערדריקטע, פארשעמטע זענען מיר

געבליבן שטיין מיט שטומע בליקן. אויף מיין פראגע: צי קאָן איך דאָס אַש נעמען מיט זיך קיין אפריקע? האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט: א קינד, א ווייב, א ברודער האָבן דאָס רעכט. לוציאַן בליט האָט פאַרגעלייגט זיך צו פארשטענדיקן מיטן קאָאָרדינירקאָמיטעט פון „בונד" אין ניו־יאָרק. נאָך צוויי טעג איז געקומען א טעלעגראַפישער ענטפער פון עמנואל נאָוואָגרודסקי: „לאָזן דאָס אַש אין לאָנדאָן. דער ענין איז אויפן סדר היום". אין יידיש ברענג אין דעם באַריכט פון לעפּטוויטש אין לאָנדאָן.

(פון ענגליש) „דרום אפריקאַנער דזשואיש טיימס"

פרייטיק 14.7.1950 א מיטינג אין לאָנדאָן אין אָנדענק פון שמואל זיגעלבוים. די אָפּוועזנהייט פון פאָרשטייער פון ענגלישן יידנטום באַדויערנס־ווערט. — ריידנער אונטערשטרייכן די טראַגעדיע און קרבן פון פוילישן יידנטום.

(פון אונדזער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט) לאָנדאָן, דאָנערשטיק.

קורץ איז דער זכרון פון מענטש... זיבן יאָר נאָכן טויט פון שמואל זיגעלבוים, בונדישער פירער און מיטגליד אין פוילישן נאַציאָנאַל־ראַט, זענען נאָר איבער א מנין יידישע שרייבער פון לאָנדאָן מיט נאָך עטלעכע, געקומען צום אָנדענק־מיטינג, אָן איין אָפיציעלן פאָרשטייער פון ענגלישן יידנטום. אויך נישט פון די, וואָס שרייען א סך וועגן הערויזם אין וואַרשעווער געטאָ זענען צום מיטינג וואָס איז פאָרגעקומען די פאַרגאַנגענע וואָך, נישט געקומען. מיט זיבן יאָר צוריק, האָט שמואל זיגעלבוים, א מיטגליד אין דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן, זיך געבראַכט פאַר א קרבן מיטן גלויבן, אַז זיין טויט וועט צערייסן די גלייכגילטיקייט פון דער וועלט צום מאָרד וואָס די דייטשן פירן דורך איבער די יידן אין פוילן. נאָר פאַר א קורצער צייט זענען יידן און אַנדערע געווען דערשיטערט פון זיגעלבוימס טאַט אין לאָנדאָן. די באַריכטן פון

וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד וואָס זענען צו זיגעלבוימען דער־גאַנגען, האָבן אויסגעדריקט גלויבן, אַז זייער פאַרצווייפלטער אַקט וועט דערגיין צו די אויערן פון דער וועלט. זיגעלבוים האָט די אויערן פון דער וועלט געפונען טויב וואָס האָט אים דערפירט צו זיין טאָט. זיבן יאָר זענען פאַרביי, שמואל זיגעלבוימס ברודער פייוול מיט זיין ווייב פון ד. אַפריקע זענען געקומען קיין לאָנדאָן, געגאַנגען צום קרעמאַטאָריום אויף גאָלדעס גרין צום קעסטעלע אַש פון שמואל זיגעלבוים מיט אַן אויפשריפט אין יידיש און אין פויליש: נאָמען, דאַטע פון געבוירן און טויט.

כאָטש וועגן דער באַגעגעניש ביים קעסטעלע אַש, איז געווען געמאָלדן אין „דזשואיש קראָניקל" און אין דער „יידישער צייט", זענען אָנוועזנד געווען אַ קליינע צאָל מענטשן, וואָס זענען געשטאַ־נען מיט אים אין קרעמאַטאָריום. די פאַרלאַמענטאַריער פון דער „לייבאָר" פאַרטיי זענען געווען פאַרנומען אין פאַרלאַמענט מיטן קריזיס אין קאָרעע.

דאָך, איז די אָנדענק־באַגעגעניש פון ווייניק אין קליינעם זאַל פון קרעמאַטאָריום געווען איינדרוקספול און בכבודיק, אפשר מער, ווי אין אַ גרויסן זאַל פאַר אַסך. די וואָס זענען געקומען, טראָגן נאָך אין זייערע הערצער די אומרואיקייט פון דעם חורבן, פון זי־געלבוימס טאַט מיט שטענדיקן טרויער צו זייער קאָלעגע און פריינד.

פייוול זיגעלבוים שטייענדיק ביי זיין ברודערס אַש, האָט מיט טיפער עמאָציע גערעדט וועגן זיין ברודערס לעבן, טעטיקייטן אין „בונד" און פאַר די יידישע אַרבעטער מאַסן אין פוילן, פון אַ בריוו וואָס ער האָט דערהאַלטן, ווען זיין ברודערס אַש איז שוין לאַנג געווען קאַלט. אין דעם בריוו איז נישטאָ קיין רמז אויף זעלבסט־מאָרד, אָבער אַ סך ביטערניש, צווייפל און צער פון דעם וואָס גע־שעט „דאָרטן" און פון דער אַלגעמיינער גלייכגילטיקייט צום מזבח פון יידן אין פוילן. ס'האָט גערעדט פון אים דאָס קול פון אייגן

בלוט און פלייש וואָס א ברודער קאָן נישט פארמיידן. מיט די הענט אויפן קעסטעלע אש האָט ער געזאָגט: „דאָס אש געהער צו דער ערד אין פוילן אויסגעמישט צו ווערן מיטן אש פון די מיליאָנען יידן, אָן וועלכע ער האָט נישט געקאָנט מער לעבן"...

## דעם פאָעטס קללה

דער צווייטער רעדנער איציק מאנגער, האָט גוט געקאָנט שמואל זיגעלבוים פון ווארשע און פון לאָנדאָן. באלד נאָך זיגעלבוימס טאָט, האָט מאנגער אָנגעשריבן „מיין שינאה־ליד"; „דיין טאטע איז א האק, דיין מאמע איז א מעסער, פון דיין טאטע־מאמע טריפן מיינע בלוטן". (דאָס ליד „דעם אָנדענק פון שמואל זיגעלבוים, איז גע־דרוקט אין מאנגערס בוך „דער שניידער־געזעלן נטע מאנגער זינגט", זייט 57. פ. ז.).

בן־ציון מרגלית, פרעזידענט פון דער פעדעראציע פון פוילישע יידן אין ענגלאנד און וויצע פרעזידענט פון דער מזרחי באוועגונג אין ענגלאנד, האָט געזאָגט: „אָט די קליינע פארזאמלונג דאָ, איז רירנדיקער און בכבודיקער פון די גרויסע, פאָמפעזע דעמאָנסטרא־ציעס מיט אסך „אָראטאָריע". ער האָט דערמאָנט שמואל זיגעל־בוימס לעבן אין לאָנדאָן, זיין איבערגעגעבנקייט דעם גורל פון פוילישן יידנטום. „קרעמירן, איז נישט יידיש, אָבער שמואל זי־געלבוימס ווונטש זיך צו לאָזן פארברענען אויף אש ווי זיינע שוועסטער און ברידער אין פוילן, איז אן אקט פון הייליקייט, היי־ליק אש איז דאָס"... מר. מרגלית האָט געמאכט א הזכרה, געזאָגט א קאפיטל תהילים און דער פאָעט יוסף הלל לוי האָט געזאָגט קדיש. לוציאן בליט, דער פאָרשטייער פון „בונד" אין לאָנדאָן האָט גע־רעדט וועגן זיגעלבוימס ארבעט אין „בונד" און פאר דער יידישער סאָציאַליסטישער באוועגונג בכלל. דער לעבן־געבליבענער פון ווארשעווער געטאָ, מיכל זילבערבערג, האָט גערעדט פון די געבלי־

בענע פון געטאָ און געזאָגט „ער קאָן גוט פאַרשטיין וואָס האָט דערפירט זיגעלבוימען צו זיין טאַט. דאָס פּרוּסטרירטע באַוווּסטזיין פון אַן אומנויטיקער וועלט וואָס מ׳האָט געפילט אין געטאָ און וואָס האָט געבּרענגט דעם אויפשטאַנד, האָט זיגעלבוים אויך געפילט״... ער האָט דערציילט וועגן אָשוויענטשים, מיידאַנעק וואָס ער האָט באַזוכט נאָך דער באַפרייאונג ווי א דעלעגאַט פון דער פּויליש־יידישער געמיינדע אין ענגלאַנד, פון די בערג אַש... א קריגעלע אַש האָט ער אהיימגעברענגט, אַן אָנדענק, א הייליקער רעליקס פון א גרויס יידיש פאָלק אין פּוילן וואָס היטלער האָט חרוב געמאַכט״. „זיגעלבוימס אַש אין דעם קעסטעלע, איז די זעלבע הייליקייט״...

צווישן אַנדערע זענען אויך געווען: דער שרייבער לעא קעניג, די פּאָעטעסע רחל אָקרענט פון גלאַזגאָ, דער קולטור־טוער י. גלאַזער פון ד. אפריקע, דער פאָרזיצער פון זשורנאַליסטן פאַרבאַנד א. מ. קייזער, דער דיכטער א. נ. שטענצעל פון לאָנדאָן און יוסף לעפּטוויטש.

## אזוי זענען מיר געוואַקסן...

לשבח צי לגנאי. יעדערער פון די צען קינדער אין דער משפחה איז געווען א וועלט פאר זיך, געבונדן מיט דינע משפחה־פעדים איינער צום אנדערן.

מן הסתם איז אזוי אין אלע משפחות מיט א סך קינדער און ווייניק ברויט.

יונג איז מען אוועק פון דער היים ווערן זעלבסטשטענדיק. פּאָליטישע השפּעות האָבן אויך צוגעהאָלפן, דער עיקר שפּעטער אין וואַרשע שוין.

שמואל, ברידערלעך וואַרעם, אָבער אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין זיין פּאַרטיי־אַרבעט, האָט נישט געהאַט קיין צייט פאַר משפּחה, אויסגעמיטן יעדן חשד פון פּראָטעקציע און נאָר געהאָלפן מיט א בריוול אָנגענומען צו ווערן אויף אָוונט־קורסן, צי אין ספּאָרט קלוב „מאָרגנשטערן", וואָס איז געווען אָפּן פאַר יעדן אָן פּראָ־טעקציע. איז יעדערער געגאַנגען זיין וועג, געהאַט זיין קרייז חברים, נאָר טעאַטער האָט אַלע ברידער פּאַראייניקט.

ביזן טאַטנס טויט איז געווען נאָר חדר פאַר די יינגלעך. באַלד דערנאָך, איז פייגע געוואָרן די בילדונג זאָרגערן פאַר די יינגערע. די האַרציקע שוועסטער פייגע איז ביז איר פאַרלאָזן פּוילן אין יאָר 1922 קיין דייטשלאַנד צו איר חתן יהושע דאַנציגער, געווען די צווייטע מאַמע צו אונדז.

ישראלקע איז געוואָרן דער פּרנסה־טאַטע. ער האָט אַראָפּ־געוואָרפן דאַס כאַלאַט מיטן רונדן יידישן היטעלע, געוואָרן א



די 4 לעבנגעבליבענע ברידער זיגעלבוים. פון רעכטס: אברהם, ישראלקע, פייוול. שטייענדיק, ראובן.

„דייטש" מיט א קורץ רעקל און אריין מיט דער מאמען אין שניט־מסחר. א פלינקער קאָפּ און גוטער בעל־חשבון, האָט ער געהאָלפן ארויסטרייבן דעם הונגער פון שטוב. נאָך זיין חתונה, איז ער געוואָרן סוחר פאר זיך: שניט־סחורה, בראַנפן־געשעפט, פלעצער, באקומען א שם פאר א פעאיקן סוחר, אזא איז ער פארבליבן עד מאה ועשרים. פארלאָזט פוילן, פאָרט קיין אפריקע, עמיגראנטיש זיך גוט אָנגעמוטשעט, פארלוירן זיין קאפיטאל, אָבער געכאפּט דעם „שניט" און זיך דערכאפּט אויף אלע גוטע יידן געזאָגט געוואָרן. ישראלקע איז געבליבן טאָטיש ביז היינט. אים האָב איך צו פארדאנקען מיין זיין נאָר זעקס וואָכן א פוילישער זעלנער. מיין קומען קיין אפריקע פארן גרויסן פאָלקס־פייער, די צווייטע וועלט מלחמה. אויך אנדערע אין דער משפחה האָבן אים פארוואָס צו דאנקען. אחוץ די מעלות, איז ישראלקע א געזעלשאפטלעכער טוער אין יאָהאנעסבורג און א זייער גוטער כאראקטער־אקטיאָר, וואָס האָט מיט כבוד אויסגעטראָגן אזעלכע ראָלן ווי לוי מאָזגאָוואָיער, קאָפּעלע אין שלום־עליכעמס שטיק און גאנצע פראָגראמען פון קליינקונסט. פּאָליטיש איז ישראלקע אלע יאָרן א בונדיסט מיט א ווארעם יידיש הארץ פאר ישראל. פונעם אמאָליקן „רבילע" פון די לערן־יאָרן, איז אים פארבליבן א מאמר חז"ל און למדניש לשון אין מויל.

דער פּאָרטרעט פון משהן „דאָס שלעכטס", ווי פייגע דערמאָנט אים, איז פארצייכנט אין א פריערדיק קאפיטל. „דאָס שלעכטס", איז געווען אַ רעזולטאָט פון נויט, דער גורם צו טראָגיקייט פון א רעוואָלוציאָנערן כאראקטער און טעמפעראמענט וואָס איז דערשטיקט געוואָרן אין לאנד פון רעוואָלוציע... אויך משה האָט שיין געשפּילט טעאטער אין יוגנט־קרייז. דער טעאטער־כישוף ביי אלע זיבן ברידער, מיטן אויסנאַם פון עטלעכע יאָר בלויז אין יונג־טעאטער, איז נישט אויסגעלעבט געוואָרן צו אבסאָלוטער

פּולקייט. כוחות אנדערע, גורלדיקע: פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, יונגער טויט האָבן נישט דערלאָזט און פאַרצערט.

וועגן חוהן, דער אומגליקלעכסטער אין דער משפּחה און וועגן פּיניען, איז שוין פאַרצייכנט. פון דיביידע משפּחות איז קיין שריד ניט געבליבן.

חנהטשע, א שוואַרצחנוודיקע, איז זי געוואַקסן אין זעלבן „לוקסוס" ווי מיר אלע. איך געדענק זי האָט געוויינט און ניט געוואָלט גיין אין שולע א הונגעריקע. האָט פייגע געשיקט מיך מיט אברהמטשען צו דער שכנטע, די שפּיצעכע באַרגן ברויט, זע־נען מיר פאַרשעמטע דערגאַנגען ביז צו דער טיר און צוריקגעקו־מען מיט א ליגן „ס׳איז קיינער נישטאָ"... לייכטער איז געווען צו גיין צו די לערערס, משה לערערס עלטערן, ווייל דאָרט איז דאָ משה לערער, וואָס שפּילט זיך מיט אונדז און דערציילט שיינע מעשהלעך, אהין זענען מיר אריין און זייער שוועסטער אלטע, האָט אונדז געגעבן א האלב ברויט.

חנהטשע האָט געענדיקט די שולע, איר חברטע שאָשע האָט זי ארייגעצויגן צו די לינקע און חנהטשע, די גוטע נשמה, האָט געוואשן פּאָדלאָגעס אין לאָקאַל, אזוי שפּעטער אין ווארשע, שוין א פּריוואטע פּרעבליסטן, געווען איבערגעגעבן די לינקע בלב ונפש, אריינגעצויגן אויך חוהן, אָנגעשטאָפּט די שעניקעס מיט „ביבולע"... געשיקט מיט דער „סחורה" די מאמען איבערן לאַנד, ריזיקירט מיט איר פרייהייט, אונדזער דירה אויף דלוגע 12, איז געוואָרן א לינקער קלוב מיט דיסקוסיעס, ביז דער „קלוב" איז געוואָרן פאַרדעכטיק האָט מען געברענגט די „סחורה" ביינאכט... חתונה געהאט האָט חנטשע מיט מרדכין, אַ חבר פון דער גזע... צוזאמען אדורכגעמאכט די מלחמה, רוסלאַנד, נע ונד, צוריקגעקומען קיין פּוילן, עולה געווען קיין ישראל, היינט לעבן זיי אין קאַנאַדע מיט קינדער און אייניקלעך.

דער בּרודער אברהמטשע, היינט אין לאָס אַנדזשעלעס, איז אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פון אַ מענטש מיט ווילן און זיץ־פלייש, אַ מענטש, וועמען נישט אַ ברודער, נאָר איינער פון די וואָס כּהאָב



איציק מאַנגער מיט אברהם זיגעלבוים. לייענט דעם דיכטערס לידער פאַר געסט ביי זיך אין שטוב.

באַגעגנט אין מיינע רייזעס און וועגן זיי געשריבן, וואָלט ער שוין פון לאַנג געווען צווישן מיינע באַשריבענע „באַגעגענישן מיט מענטשן".

נאָך אסך גילגולים: קינדישע הונגער־נעכט, איינגעפאלענער איווון מיטן טאָפּ קארטאָפל וואָס איז אָט געווען פארטיק און איז חרוב געוואָרן. שולע, טריקאָטאַזש ארבעטער, פידל שפּילער, טעאַטער אקטיאָר, פיזישע און גייסטיקע שריפות, אנטוישונגען, אויס־געהוילטער ענטוזיאזם, מלחמה, הונגער, א שוסטער לאַטוטניק אין טאַשקענט, א געבליבן שפּענדל אויפן ים פון עלנט, בלוט און הורבן, וואנדער, ניו־יאָרק, קעמפּ „בויבעריק״, רעציטאטאָר, לאָס אנדזשעלעס, דרוקער ארבעטער נעמט זיך אָן מיט כוח פארן פרייז פון נויט, האָט נאָך זיך־פּלייש צו זיצן יאָרן לאנג לערנען, מאכט א דאָקטאָראט. אברהם בן יוסף ירשנט דעם טאַטן יוסף בן אברהם, יאָסקע לערערס פאך. דר. אברהם זיגעלבוים איז א לערער פון העב־רעאיש, תורה, יידיש, ליטעראטור, דער עיקר חורבן־ליטעראטור אין לאָס אנדזשעלעסער אוניווערזיטעט קאַלעדזש.

דאָרט האָט ער געלערנט, געמאכט זיין טיטל, דאָרט לערנט ער מיט אָפּגעפרעמדטער יידישע יוגנט יידישקייט, טיילט פון זיין לאָגל מיט ליבשאַפט און איבערגעבנקייט, דאָרט אין לאָס־אנדזשע־לעס האָט ער איינגעפירט אין בתי־תפילה יום־כיפור זאָלן מתפללים הערן א קאפּיטל חורבן־ליטעראטור, פירט זומער־לאגערן מיט יונגע סטודענטן, מאכט פאָרשטעלונגען אין דעם גייסט, טרעט ארויס מיט רעציטאציעס, איז מהנה יידן אין אנדערע לענדער, איז אקטיוו מרביץ יידישע ליטעראטור, חורבן־ליטעראטור ברבים, איז מקיים מלך ראוויטשעס ווונטש, אז חורבן ליטעראטור זאל אריין ווי תפי־לות, איז באליבט און געשעצט דערפאר.

די פרייד פון אן עלטערן ברודער צו זיין אן עדות אויף זיין יינגערן ברודערס „טעריטאָריע״, איז אין־לשער. כ׳האָב געהערט פון זיינע תלמידים, וועגן זייער באליבטן „פּראָפעסאָר״ אייבראהאם, כ׳האָב געהערט וועגן זיין אנערקענונג פון עלטערע פּראָפעסאָרן, פון אד־מיניסטראציע מענטשן, כ׳האָב געגאָסן פון זיין היים, א קולטור

צענטר אין שטאָט. אמת, ער האָט א גוטע „טעמע״, אזוי הייסט זיין ווייב. אָן אזא „טעמע״, איז שווערער... אין איר מתנה־בוך „9 דער־ציילונגען״ שרייבט רחל קאָרן: „די דערציילונג „שאַטנס״, האָב איך פארענדיקט ביי דיין ברודער אברהם אין שטוב, אין לאָס־אנדזשעלעס. איציק מאנגער האָט מיר געהאט דערציילט פון אן אָוונט ביי אברהם און טעמען אין שטוב. דערציילט, ווי אזוי אברהם האָט געלייענט זיין „סאנקט־בעשט״: „פאבלהאפט״... אלס קינד, האָט אַברהםטשע ארויסגעוויזן א נייגונג צו מוזיק. זיינס א לערער האָט אים געלערנט שפילן פידל. די מוזיקאלישקייט קומט אים צונויץ ביים לייענען פּאָעזיע. להיפך צו אַנדערע, לייענט ער אָן „אקטיאָרשטשיזנע״, היט דעם דיכטערס כוונה מיט דער מוזיקאָ־לישקייט פון זיין פארביק, לירישן קול, א נחת צו הערן.

ראובן דער מוזיניק, געבוירן האַרט פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז צולהכעיס דער נויט־דיעטע, געווען א פעט בולצעלע מיט גרויסע שווארצע ברענענדיקע אויגן, דער „וויסקראַבעק״ איז געווען גאָר א שיין קינד, מען האָט זיך מיט אים געצאצקעט און גערופן „טערק״, ווייל א דייטשער אָפיציר האָט אים געגעבן במתנה א רויט טערקיש היטעלע מיט א שווארץ פרענזל, כאָטש ס׳איז גע־ווען גרויס איבערן פּנים׳ל האָט ער עס נישט אָפּגעלאָזט און גע־שלאָפן דערין. ער האָט געענדיקט א מלוכה שול און ווי אלע, איז ער יונג געוואָרן זעלבשטענדיק, א פארדינער, געשפּילט טעאַ־טער אין „צוקונפט״ קרייז, שפעטער אין „יונג־טעאטער״, געהאט אסך דערפאָלג, ביי זיינע חברטעס אויך. א שיינער, א ספּאָרטס־מאַן ביז היינט. אויך ראובן האָט געהאט דאָס מזל צו פארזוכן מלחמה, טויט־געפאָרן, עלנט, וואלגער, רוסלאנד מיט אירע געאָגראַפישע ווייסטענישן פאר פליטים. (ער באשרייבט עס אין „דרום־אפריקע״) א ניצל געוואָרענער פון אסך טהרה־ברעטער, לעבט אין יאָהאנעס־בורג, איז טעטיק אין דער דאָרטיקער קולטור פעדעראַציע, איז

מיטארבעטער אין זשורנאל „דרום־אפריקע״, שמט פאר א גוטן רעדנער, אויך זיין היים איז א צענטער פאר געסט פון דער יידי־שער קולטור וועלט.



ביי ישראלקעס טאכטער, דר. לאה דאווידסאן אין ניו־יארק.
פון רעכטס: ראובן, חנה׳טשע, פייגע, פייוול. צווייטע ריי:
יהודית סילווערמאן, מרדכי לייבמאן.

אין אָט דער היים־סביבה מיט פשוטער לעבנס־חכמה פון לייי־דיקע בייכלעך, זיידנס ניגונים, טאטנס שווייגן און שטרעבן — זענען מיר אלע געוואקסן.

ווי נאָר די פליגעלעך זענען געוואָרן שטאַרק גענוג, איז מען

ארויסגעפלויגן זוכן... שטורעמס האָבן ניט געפעלט, אויך אינער־לעך־משפּחה׳דיקע. געפלויגן איז מען. פון דאנען די משפּחה־צע־שפּרייטקייט אין פאַרשידענע עקן וועלט.

א דאנק ישראלקעס איניציאַטיוו, איז פסח 1969 געווען א פריי־דיקער משפּחה־צוזאַמענטרעף אין ישראל. פון אלע עקן וועלט:



פון לינקס זיצן: ישראל, פייגע און יהושע דאַנציגער, יהודית זיגעלבוים. שטייען: טעמע, אברהם, רחל, פייוול, חנה׳טשע, ראובן און עליס זיגעלבוים.

פייגע מיט איר מאַן יהושע (איז צווישן געשטאָרבן) פון אַרגענ־טינע. ישראלקע מיט זיין ווייב עליס און ראובן מיט זיין דזשור־ליאַן פון אַפריקע, אברהם מיט זיין טעמען פון לאָס אַנדזשעלעס, חנהטשע פון קאַנאַדע. ישראלקעס טאָכטער דר. לאה דאַווידסאָן פון ניו־יאָרק. מיט פרייד און טרערן פאַר די וואָס האָבן דאָס נישט דערלעבט. א משפּחה־צוזאַמענטרעף מיט שוין א גרויסער משפּחה

געראַטעוועטע אין ישראל, און אריינגעוואַקסענע אין לאַנד מיט קינדער און אייניקלעך סאַבּרעס. מיט זין, קרבנות אין קאַמף פאַר ישראל. באַגעגענישן, דערינערונגען פון ווייט־יוגנטלעכן הינטער־לאַנד, פון איבערגעלעבטע ענויים־קשים. עמאָציאָנעלע אויסגוסן מיט פרייד און צעגאַנגענעם ווייטאָג, וואָס שפּאַרט פון אויגן. אַ משפחה סדר אויך פאַר געסט, 40 אירע, האָבּן מיר געפראַוועט אין פּאַרק־האָטעל אין נוסח פון אַ היימישן סדר.

אַ דאַנק דער פאַרוואַלטונג פון אַרבעטער־רינג אין תל־אביב, איז אין זיגעלבוים זאַל פאָרגעקומען אַ פייערלעכער קבלת־פּנים פאַר אַ גרויסן עולם מיט וואַרעמע ברכות, מיט געזאַנג און רע־ציטאַציעס, מיט דעם רבין ר׳ שלמה׳לעס עקשנות „שבת זאָל זיין״, וואָס אַבּרהמטשע האָט אַזוי וווּנדערלעך געלייענט.

## „פייערלעכער צוזאַמענטרעף מיט דער „וועלט־משפחה״ זיגעלבוים

אַ פייערלעכער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען אין זאַל אויפן נאָמען פון דעם קדוש אַרטור זיגעלבוים אין תל־אביב מיט דער משפחה זיגעלבוים, וועלכע איז זיך צוזאַמענגעפאָרן פון דער גאַנ־צער וועלט קיין ישראל.

דער זאַל איז געווען צו קליין, כדי אויפצונעמען די גרויסע צאָל פאַרערער פון דער זיגעלבוים־משפחה, וועלכע האָט געשפּילט און שפּילט ווייטער אַ וויכטיקע ראָל אין פּאָליטישן, געזעלשאַפט־לעכן און קולטור־לעבן — פריער אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן און היינט אין פאַרשידענע יידישע ישובים אויף דער וועלט. דער מיט־אַרבעטער פון די „לעצטע נייעס״, יצחק לודען וועלכער האָט גע־פירט דעם אָוונט, האָט באַגריסט די פיר ברידער און די צוויי שוועסטער, וואָס זענען געקומען פון דרום־אַפריקע, פון אַרגענטינע,



קבלת פנים פאר דער משפחה אין זיגעלבוים זאל קאלישער 48 תל־אביב. פון לינקס : אברהם, ראובן, פייוול זיגעלבוים,

פון לאָס אנדזשעלעס און פון טאַראָנטאָ, זייערע פרויען און מענער, ווי אויך אַ רייע חשובֿע געסט, צווישן זיי דער פאָרזיצער פון דער קולטור פעדעראַציע אין דרום אפריקע זלמן לעווי, מיט דעם היגן שוי־שפּילער מאיר מרגלית און אנדערע געסט פון לאנד און פון אויס־לאַנד



לינקס ערשטע ריי: אהרן און פריידעלע קאַם, פייגע, ישראל, פּייזול, רחל און אַרטאַ (ראובנס טאכטער). 2טע ריי: חנה, עדנה, אברהם קאַם, חנה׳טשע לייבמאַן, עליס, אברהם, טעמע זיגעלבוים, פרומה בוים, פרוי אבא, יהודית זיגעלבוים. לעצטע ריי: יהושוע דאנציגער, אברהם סוצקעווער, י. ח. בילעצקי, זלמן און פאלו לעווי, אהרן לייבמאַן, לייבל פינקער, אמיר קאַם.

מיט הארציקע באַגריסונגען און אָפּשאַצונגען זענען אויפגע־טראָטן: י. ארטוסקי, זלמן לעווי, רעדאקטאָר פון „דרום אפריקע", יעקב בעקער, רעדאַקטאָר פון „ישראל שטימע", דער לייטער פון רעליגיע־מיניסטעריום ד"ר ש. ז. כהנא, ראובן זיגעלבוים פון דרום

אַפריקע, פייוול זיגעלבוים פון ישראל, דער ארטיסט מאיר מרגלית, מיכאל ווײַנאפל, מ. גרין.

די רעדנער האָבן — יעדער אויף זיין שטייגער — געשילדערט די ראָל פון דער זיגעלבוים־משפחה אין יידישן לעבן און האָבן באַזונדערס אָנגעוויזן אויפן פאַקט, אז דער אומגעווײנלעכער וועלט־



פון לינקס: יהודית זיגעלבוים, מרדכי חלמיש (באגריסט די משפחה), ראובן זיגעלבוים, שושנה רוזען און פייוול זיגעלבוים.

צוזאמענפאָר פון דער דאָזיקער משפחה, וועלכער טראָגט א וויכטיקן אלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן כאראקטער, קומט פאָר אין זאל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם ווירדיקן זון פון אָט דער משפחה און פון גאנצן יידישן פאָלק — דעם העלדישן מארטירער ארטור זיגעלבוים, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבן, כדי צו וועקן

דאָס געוויסן פון דער וועלט און כדי צו פּראָטעסטירן קעגן דער פאַרברעכערישער גלייכגילטיקייט פון דער אַזוי גערופענער מענטש־הייט.

אַברהם זיגעלבוים פון לאָס אַנדזשעלעס האָט דערציילט וועגן דער אויפלעבונג פון דעם אינטערעס פאַר יידיש אין אַמעריקע, ווו



אַברהם סוצקעווער באַגריסט די משפחה און שטרייכט אונטער די וויכטיקייט פון אַ זיגעלבוים משפחה בוך. פון לינקס: ראובן זיגעלבוים, חנה לייבמאַן, קוזין, הרב שמואל גאָלדנער, אַברהם סוצקעווער, ישראל זיגעלבוים, פרוי און י. ח. בילעצקי.

עס זענען לעצטנס איינגעפירט געוואָרן יידיש־קורסן אין 18 אוני־ווערסיטעטן, און אַז ער אַליין האָט געגרינדעט און פירט שוין דאָס צווייטע יאָר אַן אַקאַדעמישן קורס פון יידיש אויפן קאַליפאָרניע־אוניווערסיטעט. צום סוף האָט אַברהם זיגעלבוים געגעבן אַ וואָרט־

קאָנצערט, רעציטירנדיק „די גאָלדענע פּאווע״ פון איציק מאנגער און א גרעסערן פראגמענט פון „די גאָלדענע קייט״ פון י. ל. פרץ, ביי דער קלאווויר־באגלייטונג פון בארבארא מאלווע. דער איינ־דרוקספולער ארויסטריט האָט זייער שטאַרק אויסגענומען ביים עולם, וועלכער האָט דעם קינסטלער באדאנקט מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן.

שליסנדיק דעם ווארעמען און איינדרוקספולן אָוונט, האָט דער פאָרזיצער געווינטשן די אָנועקפאָרנדיקע מיטגלידער פון דער גרויסער און ווירדיקער משפחה, א גליקלעכע נסיעה און דערפאָלגרייכן המשך פון זייער פרוכטבארער טעטיקייט״.

(„לעצטע נייעס״, 21.4.1969)

## א גאַס „זיגעלבוים שמואל מרדכי״ אין פּתח תקוה, יינט 1946

אין יאָר 1950, בעת מיין ערשטן באזוך אין ישראל ביי אונדזער אָפּגעראטעוועטן מוזיניק ראובן מיט זיין משפחה׳לע, האָט אונדז דער דיכטער יעקב צבי שארגעל געפירט אין זיין שטאָט פּתח־תקוה צו א געסל וואָס הייסט „זיגעלבוים שמואל מרדכי״.

אין ביוראָ פון דער עיריה האָב איך באקומען א ביכעלע פון 160 זייטן, אַ „מדריך כללי פתח־תקוה תש״ח—1947״, ווו ס׳זענען פארצייכנט אלע טעטיקייטן, אינסטיטוציעס, אנשטאלטן מיט מאפּעס און נעמען פון גאסן. אויף זייט 39 איז פארצייכנט די גאס „זיגעל־בוים שמואל מרדכי״ מיט א קורצער ביאָגראפיע.

אין 1946, האָבן: פּתחיהו כרמלי און אליעזר טראָפּע, צוויי מיטגלידער פון דער הסתדרות־פראַקציע אין דער שטאָט פּאַרוואַל־טונג אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג אָנצורופן אַ גאַס אויפן נאָמען פון אַרטור זיגעלבוים, וואָס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. שטאָט־פּרעזידענט איז דעמאָלט געווען, יוסף סאַפּיר פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. אויך אַ גאַס אויפן נאָמען פון דר. י. שיפּער.

## פתח תקוה — מדריך כללי תש"ח—1947

זיגלבוים שמואל מרדכי נולד 1895 בפולין, מת 1943. עסקן ה־„בונד" בפולין, היה חבר עירית ורשה ולודז', נואם, מארגן ועיתונאי. ערך את העתון היומי של הבונד „פאָלקס צייטונג", בפרוץ המלחמה 1939 הקים גדודי עבודה של הפועלים. עם כיבוש ורשה על ידי הנאַ־צים היה אחד משני היהודים מבין שנים עשר בני תערובות, נמלט מורשה והגיע דרך ארצות שונות ללונדון, כאן נבחר למועצה הלאו־מית הפולנית. היה קשור בכל נפשו ומאודו ביהדות פולין. לאחר שהגיעו אליו הידיעות על הרציחות והשחיטות בפולין, איבד את עצמו לדעת על מדרגות הפרלמנט הבריטי, מתוך כוונה לעורר על־ידי כך את הבריטים לפעולות הצלה של העם היהודי. לפני מותו כתב: „במותי רוצה אני לתת ביטוי למחאתי החריפה ביותר נגד הפסיביות בה מסתכל העולם להשמדת היהודים". אשתו ובנו נתנו נפשם בימי קרבות הגיטו.

---

**ארטורס בריוו.**

---

New York, 4.6.1941

[illegible]

## ארטורס לוויה אין ניו־יאָרק

אין מאַי 1961 איז אַרטורס אַש געבראַכט געוואָרן קיין ניו־יאָרק. דער קאָאָרדינירט קאַמיטעט פון „בונד" האָט אָרגאַניזירט א גרויסן לוויה און דענקמאָל קאַמיטעט פון אַלע צווייגן פון דער יידיש סאָציאַליסטישער און קולטור באַוועגונג. דער קאַמיטעט האָט דורך דער פרעסע גערופן צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון ארטור זיגעלבוים. דעלעגאַציעס פון ארטור זיגעלבוים ברענטשעס און קאַמיטעטן זענען דעם 24טן סעפטעמבער 1961 געקומען צו דער פאָלקס־לוויה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אן אָנדענק אַקאַדעמיע אין קארנעגי־האָל פון וואַנען א גרויסער עולם האָט באַגלייט דעם ארון אַש צום נייעם „מאונט־כרמל" ארבעטער רינג בית־עולם. פון דער משפחה האָבן זיך אין דער לוויה באַטייליקט: ארטורס זון יאָסל און דער ברודער אברהם.

ווענדונג פון ארטור זיגעלבוים אָנדענקס־קאַמיטעט:

## די אידישע עפנטלעכקייט ווערט אויפגעפאָדערט צו פאַראייביקן דעם אנדענק פון קעמפער און מארטירער ארטור זיגעלבוים

געשען איז דאָס מיט 18 יאָר צוריק, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. די היטלעריסטישע מערדער האָבן געבושעוועט איבער א גרויסן טייל פון אייראָפּע. צענדליקער טויזנטער אידן פון די נאַצי־אָקופּירטע לענדער זיינען טאָג־טעגלעך געפאַלן קרבנות פון א פאָלקס־מאָרד, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון מאסן־הריגות. אין יענער שרעקלעכער צייט, ווען די נאַצי־בעסטיעס האָבן געהאַלטן ביים דערשטיקן דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד — אין יענעם טראַגישן מאָמענט פון אידישן ווידערשטאַנד און חורבן — האָט שמואל מרדכי (ארטור) ז י ג ע ל ב ו י ם, דער פארשטייער פון

„בונד", פון דער אונטערערדישער יידישער באוועגונג אין פוילישן גלות־פארלאמענט אין לאָנדאָן, מקריב געווען זיין לעבן. ער האָט זיך געבראכט פאר א קרבן אלס פראָטעסט קעגן דער טאָלערירונג פון די נאציסטישע מאסן־מאָרדן איבערן אידישן פאָלק און כדי אויפצורודערן די עפנטלעכע מיינונג און באוועגן די פרייע — איי־דישע און נישט־אידישע — וועלט, צו אזעלכע טאָטן, וואָס וואָלטן געקענט ראטעווען כאָטש דעם רעשט לעבן־געבליבענע אידן.

ער איז אין יענע צייטן געווען דער איינציקער איד, וואָס האָט אין דער פרייער וועלט, פון אייגענעם ווילן און מיטן פולן באוווסט־זיין, אויסגעפירט איבער זיך אליין אן אקט פון פרייוויליקן מאר־טירער־טויט. דורך זיין זעלבסטאָפּפער האָט ער זיך אויף אייביק באהאָפטן מיט די העלדישע ווארשעווער געטאָ־קעמפער און מיט די 6 מיליאָן יידישע מענער, פרויען און קינדער, אומגעבראכטע, פאר־פייניקטע, פארגאזטע דורך דעם מערדערישן נאציזם.

מיט 18 יאָר צוריק, ווען אין דעם פרייען, מיט היטלעריסטישע באָמבעס באַהאָגלטן, לאָנדאָן איז פארגעקומען די לוויה פון ארטור זיגעלבוים, איז זיין קערפער פארברענט געוואָרן אין אן אָרטיקער קרעמאטאָריע. אויך אין דעם אקט — אויסגעפירט אויפן ווונטש פון ארטור זיגעלבוים — האָט זיך אויסגעדריקט זיין סימבאָלישע באהעפטונג מיט די ברידער און שוועסטער פון אונדזער פאָלק, פארברענטע אין די היטלעריסטישע גאז־אויוונס.

די אורנע מיט זיין אש ,וואָס איז 18 יאָר געשטאנען צייטוויי־ליק אין א לאָנדאָנער קרעמאטאָריע, איז איצט דורכן „בונד" גע־בראכט געוואָרן קיין ניו־יאָרק, ווייל אין ווארשע און אין פוילן בכלל איז שוין כמעט נישטאָ קיין יידיש לעבן און ווייל דאָ, אין ניו־יאָרק, געפינט זיך און לעבט אין פרייהייט דער גרעסטער יידי־שער ישוב אויף דער וועלט. דאָ, אין ניו־יאָרק, וועט דאָס היי־ליקע אש פון ארטור זיגעלבוים זיין אן אייביקער סימבאָל פון איי־

דישער העלדישקייט און ווירדיקייט — אין די שווערסטע יאָרן פון אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן.

ארטור זיגעלבוים׳ס איינציק־ארטיקע טאַט האָט פאַרדינט די אייביקע געדעכעניש פון אונדזער פאָלק. עס וואָלט געווען א שווע־רע זינד לגבי אונדזער געשיכטע, ווען דער אָנדענק פון ארטור זיגעלבוים זאָל נישט ווערן פאַראייביקט פאַר די צוקונפטיקע אי־דישע דורות.

אין דעם גייסט האָבן זיך פאַרזאַמלט פאָרשטייער און טוער פון אלע צווייגן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער און ארבעטער באַוועגונג צוזאמען מיט די פארטרעטער פון דער יידישער קולטור־וועלט, און האָבן באשלאָסן זיך צו קאָנסטיטואירן ווי דער ארטור זיגעלבוים אָנדענק קאָמיטעט.

דער ארטור זיגעלבוים אָנדענק־קאָמיטעט שטעלט זיך צוויי אויפגאבן:

1. ברענגען אויף א געהעריקן, בכבוד׳יקן אופן צו אייביקער רו — דאָס אש פון שמואל מרדכי (ארטור) זיגעלבוים;

2. פאַראייביקן זיין נאָמען אין דער שטאָט ניו־יאָרק און שטעלן אים, צו דעם 20טן יאָרצייט, א ווירדיקן מאָנומענט.

דער ארטור זיגעלבוים אָנדענק־קאָמיטעט וויל דערביי אזוי פאַראייביקן דעם נאָמען פון דעם פרייווילִיקן יידישן מארטירער פון אונדזער בלוטיקער חורבן־עפּאָכע, אז א מאָנומענט לכבוד דער עקדת זיגעלבוים, מיט א נר־תמיד פאַר אלע געפאלענע און אומגעבראכטע בעת אונדזער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, זאָל ווע־קן, מאָנען, רופן און לייכטן לדור־דורות.

צוטרעטנדיק צו זיין אויפגאבע, האָפט דער ארטור זיגעלבוים אָנדענק־קאָמיטעט אויף דעם וואַרעמסטן אָפּרוף פון די ברייטסטע יידישע קרייזן.

„מיט מיין טויט וויל איך אויסדריקן דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט קעגן דער פּאַסיווקייט, מיט וועלכער די וועלט קוקט זיך צו און דערלאָזט די אויסראָטונג פון יידישן פאָלק" —

אזוי האָט געשריבן שמואל מרדכי (אַרטור) זיגעלבוים אין זיין לעצטן רוף צום געוויסן פון דער וועלט, איידער ער האָט פריייוויליק זיך גענומען דאָס לעבן.

די אורנע מיט זיין אַש איז איצט געבראַכט געוואָרן פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק.

---

קומט צו דער

אָנדענק־פאַרזאַמלונג

לכבוד דעם מאַרטירער

# אַרטור זיגעלבוים

## וואָס האָט מקריב געווען זיין לעבן

אין לאָנדאָן, אין 1943,

כדי אויפצואוועקן די פרייע וועלט צו מעשים

## קעגן אומברענגען די יידן דורך די נאַציס

זונטיק, דעם 24טן סעפּטעמבער, 1:30 בייטאָג

אין

## קאַרנעגי־האָל

(57־טע גאַס און 7־טע עוועניו, ניו־יאָרק)

---

נאָך דעם טרויער־אַקט וועט דורכגעפירט ווערן

## די קבורה פונם אַש פון אַרטור זיגעלבוים

אויפן בית־עולם פון אַרבעטער־רינג

•

אַרטור זיגעלבוים אָנדענק־קאָמיטעט

לוועלטלעכער ײדישער קולטור־קאנגרע

CONGRESS FOR JEWISH CULTURE 25 East 78th Street, New York 21, N.Y.


CARNEGIE HALL
57th Street at 7th Avenue
צום אנדענק פון
אַרטור זיגעלבוים
ARTUR ZYGELBOIM
MEMORIAL
SEPT. 24 1961
SUN. AFT. 1:30 P. M.
STAGE SEAT
GOOD ONLY SUNDAY AFTERNOON SEPTEMBER 24 1961
CARNEGIE HALL
STAGE SEAT
No. 0149

ליבער פרײנד:

דער אלוועלטלעכער ײדישער קולטור־קאנגרעס רופט אלע
זײנע פרײנד אפצוגעבן כבוד דעם גרויסן ײדישן מארטירער

שמואל מרדכי (ארטור) זיגעלבוים

דורך א מאסנהאפטער באטײליקונג אין דער

טרויער־אקאדעמיע

וואס קומט פאר

זונטיק, דעם 24סטן סעפטעמבער, ד.י.

פונקט 1:30 בײ טאג אין קארנעגי־האל

נאך דער אקאדעמיע וועט דאס אש פון קדוש א.זיגעלבוים
געבראכט ווערן צו אײביקער רו אויפן ניו־מאונט כרמל בית.עולם
פון ארבעטער־רינג.

פארן אדמ. קאמיטעט

יעקב פאט,
פארזיצער

ח. בעם
עקזעקוטיוו־סעקרעטאר

*

ווי ביי אונדז איז שוין געווען מיטגעטיילט (זע יוני־נומער „וועקער") האָט זיך אין ניו־יאָרק געשאַפן אַן ארטור זיגעלבוים אָנדענק קאָמיטעט, וועלכער וועט אָנפירן מיט דער ארבעט פון אָרגאַניזירן די לוויה פון דעם מאַרטירער'ס אש און פון שאַפן א פאַסיקן מאָנומענט פאַר אים. דער אָנדענק קאָמיטעט באַשטייט פון פאַרטרעטער פון די אידישע ארבעטער סאָציאַליסטישע און פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס. גענאָסע ב. כאַנין איז פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דעם קאָמיטעט און דר. ע. שערער איז סעקרעטאַר. מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע זיינען: ח. ש. קאזשדאַן, ב. שעפּנער, מ. מענדעלסונד, א. סטאָלאַר, ע. נאָוואָגרודסקי, יעקב פּאַט, ב. טאַבאַטשינסקי, פ. שווארץ, ל. נעלסאָן, א. העלד, מ. עלקין, א. גלאַנץ־לעיעלעס, מ. סאלוצקי־הארטמאן, אב. מילער, דר. י. קיסמאַן, י. לעווין־שאצקיס.

דער פייערלעכער אקט פון ברענגען ארטור זיגעלבוים'ס אש צו זיין אייביקער רו וועט זיך אָנהויבן מיט א פאַסיקער אונטערנעמונג אין

קאַרנעגי האָל

זונטיק, דעם 24טן סעפּטעמבער, 1 בייטאָג.

אלע מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד ווערן אויפגעפאָדערט זען מיט אלע מעגלעכקייטן צו באַטייליקן זיך אין דעם אקט פון ערן דעם אָנדענק פון מאַרטירער און קעמפער — ארטור זיגעלבוים.

(„דער וועקער", 1.8.1961)

פון „אונזער צייט" פעברואר מערץ 1972:

„במשך פון עטלעכע יאָר האָבן מיר זיך באַמיט, אז די שטאָט ניו־יאָרק זאָל דערלויבן צו שטעלן אויף אן עפנטלעכן פּלאַץ א מאָ־

נומענט פאר ארטור זיגעלבוימס מאָנומענטאלער טאט. דער פלאַן איז געוואָרן צעשטערט — מיר גלויבן אז נישט אויף שטענדיק...

די אורנע מיטן אש פון ארטור זיגעלבוים געפינט זיך אויפן „ניי מאונט־כרמל" בית עולם און ס'איז דאָרט רעזערווירט דורכן ארבעטער רינג א גרעסערער פלאַץ פאר א ווירדיקער ארטור זי־געלבוים מצבה.

אזא מצבה ווערט איצט געשטעלט לויט אן אנטשפּרעכענדיקן קינסטלערישן פּראָיעקט: פון רויטן גראַניט, מיט זעקס ווענט, אויף איר זעקס אויסגעקריצט ארטור זיגעלבוימס לעצטע ווערטער.

דאָס שטעלן דעם געדענק־שטיין איז דערמעגלעכט געוואָרן א דאַנק א ספּעציעלער שטילער און געפּילפּולער אקציע אין וועלכער ס'האָבן זיך באטייליקט: בונדיסטן, די ארבעטער־רינג ברענטשעס א"ג. פון ארטור זיגעלבוים אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, לאָס אנדזשעלעס און מאָנטרעאַל. די אנדערע ברענטשעס פון ניי געקומענע (דער שלמה מענדעלסאָן ברענטש אין ניו־יאָרק האָט אליין געזאמלט 3000 דאָלאר צווישן העכער 400 מיטגלידער) ווי אויך די משפּחה זיגעלבוים.

דעם 16טן מערץ איז אין אטראַן קולטור־הויז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון ארטור זיגעלבוים אָנדענק־קאָמיטעט מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון „בונד", יידישן ארבעטער־קאָמיטעט, ארבעטער־רינג, פאָרווערטס, יידישן קולטור קאָנגרעס, יידיש סאָצ. פארבאנד, קאצעטלער פארבאנד, ארטור זיגעלבוים ברענטש און קאָמיטעט פון ניי געקומענע א. ר. ברענטשעס. נאָך א באריכט און מיינונג אויסטויש זענען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע באשלוסן:

אויפדעקונג פון דער מצבה, זונטיק דעם 30טן אפּריל, 11 פרי. אין שייכות דערמיט פארעפנטלעכן א געהעריקע דערקלערונג אין יידיש און ענגליש, רופן צו מאסנהאפטן אָנטייל אין דעם אָנדענק אקט".

אין דער מאסן־מאניפעסטאציע ביים אויפדעקן די מצבה האָבן פון דער משפחה אַנטייל גענומען: אַרטורס זון יאָסל, ברודער אבֿרהם, שוועסטער חנה לייבמאן מיט איר מאן מרדכי.

## אויסצוגן פון ברודער אברהם'ס בריוו וועגן דער לוויה פון ארטורס אַש אין ניו־יאָרק

לאָס אנדזשעלעס, 28טער סעפּ. 1961.

„זונטיק דעם 24טן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק עפּעס וואָס דאָס יידישע ניו־יאָרק האָט נאָך ני־שט געזען אין איר גאנצער געשיכטע. דאָס איז די מיינונג פון א סך ניו־יאָרקער תושבים.

לאנג, פארן אָנהויב, איז די גאס פון „קארנעגי־האָל" געווען פארפלייצט פון המונים יידישע מענטשן, אַלט און יונג. עס האָט מיך דערמאָנט אין יידישן ווארשע בעת א גאָר גרויסער געשעעניש.

א דריי טויזנט קעפּיקער עולם האָט אין א הייליקן דרך־ארץ אויסגעהערט דעם פּראָגראם פון קנאפּע צוויי שעה. די רעדעס זענען געווען קורצע, גוט פארטראכטע און רירנדיקע. די בינע איז געווען איינדרוקספול. א מאָנומענט ווי א פּיראמידע, אויפן שפּיץ איז גע־שטאַנען דער ארון. אן ערן־וואך פון „קאצעטלער" האָט זיך כסדר געביטן.

וועגן דער איבערגענומענקייט פון עולם האָב איך ערשט באַ־קומען א באגריף נאָך דעם ווען מ'האָט דעם ארון אראָפּגענומען פון דער פּיראמידע, געטראָגן דורכן זאל פאר א מאסע מענטשן וואָס זענען געשטאַנען אין יראת־הכבוד ביז אלע זענען ארויס אין א פּראָצעסיע איבער די גאסן פון ניו־יאָרק. דעם ארון האָבן געטראָגן פיר מענטשן אויף פיר שטאַנגען בראש. דער קאָמיטעט איז געווען זיכער, אז פון „קארנעגי האָל", וועלן די פאראינטערעסירטע פאָרן מיט קארס צי אויטאָבוסן דעם ווייטן מהלך. ווי גרויס איז געווען

די איבעראַשונג, ווען קיינער האָט זיך נישט אָפּגעטיילט, נאָר באַלד, פון זאַל ארויסגייענדיק, האָט זיך דער גרויסער עולם פאַרמירט אין רייען נאָך דער אורנע, געגאַנגען אַ לאַנגען וועג ביז אַ באַשטימטן פונקט. איך מיט יאַסלען זענען געגאַנגען באַלד נאָכן ארון, הינטער אונדז, דעלעגאַציעס מיט קרענץ און נאָך זיי, אַ המון אין רייען אָן אַ סוף.

דער גאַסן פאַרקער איז געוואָרן אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע שעה. די פאַרהאַלטענע מענטשן פון אויטאָבוסן, קאַרס, טעקסיס האָבן פאַרוווּנדערטע געפרעגט „וואָס קומט דאָ פאָר?" האָבן פּאָלי־ציאַנטן געענטפערט „איר ווייסט נישט? די לוויה פון מאַרטירער זיגעלבוים".

פון אַ באַשטימטן פונקט, איז מען געפאָרן ביז צום בית־עולם איך מיט יאַסלען זענען געפאָרן אין דער מאַשין מיטן ארון. אויפן בית־עולם זענען געווען אַ 700 מענטשן. ביים קבר האָבן גערעדט: טאַבאַטשינסקי, י. פאַלק פון די קאַצעטלער און וולאַדקע. מיר האָט מען געגעבן אַ געלעגנהייט אויסצודרוקן די געפילן פון די לעבנ־געבליבענע שוועסטערס און ברידער צעשפּרייטע איבער דער וועלט. כ'האָב פאַרענדיקט מיט פאַרלייענען איינעם פון אַרטורס געזעג־גענונגס בריוו. די גרויסע אונטערנעמונג איז אדורך מיט אַסך פאַר־שטענדעניש פאַר דער דויערנדיקער באַדייטונג פון שמואלס אַקט. אין דער געשיכטע פון לעצטן חורבן, וועט מען דאָס קאַפּיטל „אַר־טור זיגעלבוים" נישט קענען פאַרבייגיין, אפילו ווען מ'זאָל וועלן... עס האָט זיך געפאָדערט אַ געוואַלדיקע אָרגאַניזאַציע דאָס דורכ־צופירן אַזוי בכבודיק און מיט אַזאַ פּאַרנעם.

דער מאַיאָר פון ניו־יאָרק וואַגנער, איז געווען פאַרנומען מיט וואַלן, האָט ער צו געשיקט אַ בריוו ווו ער זאָגט, אַז ער האָט פאַר־געלייגט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אָנצורופן אַ גאַס אין ניו־יאָרק אויף אַרטורס נאָמען.

צו שמואלס קבר איז צוגעטיילט געוואָרן אָרט פון נאָך דריי קברים אויפצושטעלן א מאָנומענט. ס׳איז געווען א גרויסע איבער־לעבונג.

דעם פראָגראם פון דער טרויער־אקאדעמיע שיק איך צו יעדן פון דער משפחה.

דיין אברהם

## גרויסע זיגעלבוים יזכור היינט אין קארנעגי האל

שטימונגספולע פייערלעכקייט ווערט דורכגעפירט צום אנדענק פון דעם קעמפער־מארטירער. — עולם וועט הערן זיגעלבוים׳ס צוואה. — מארש פון דעלעגאציעס איבער גאסן נאָך דעם ארון מיטן אַש. — זון, ברודער, באטייליקן זיך.

היינט, איינס אזייגער בייטאָג, קומט פאָר אין ניו יאָרקער גרוי־סן קארנעגי האָל, 154 וועסט 57טע סטריט, קאָר. 7טע עוועניו, די פייערלעכע אָנדענק־פארזאמלונג נאָך דעם מארטירער און קעמפער, ארטור זיגעלבוים, וועלכער האָט זיך געבראכט פאר א קרבן פאר׳ן יידישן פאָלק פאר דעם ווי׳ דער מארטירער ארטור זיגעלבוים האָט זיך גענומען דאָס לעבן כדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פרייער וועלט צו דעם גרויסן אידישן חורבן אונטער די נאציס, האָט ער אָנגעשריבן א צוואה אין די פאָלגענדע ווערטער: „איך קאָן נישט בלייבן שטיל, איך קאָן נישט לעבן ווען די רעשט־לעך פון אידישן פאָלק אין פוילן, וועמעס פאָרשטייער איך בין, ווערן אומגעבראכט״.

ארטור זיגעלבוים האָט זיך מקריב געווען פאר דעם אידישן פאָלק און ער האָט געוואָלט דורך זיין טויט אויפרודערן די וועלט געגן די נאַצי רציחות איבער די יידן אין פוילן.

די אורנע מיט דעם אש פון ארטור זיגעלבוים וועט זיך געפינען ביי דער מעמאָריאַל אין קארנעגי האָל. דאָרט וועלן ארויסטרעטן מיט אָפּשאצונגען וועגן זיגעלבוימען פראָמינענטע רעדנער. עס וועט דורכגעפירט ווערן א פאסיקע פראָגראם און נאָך דער דאָזיקער טרויער־פארזאמלונג וועט פאָרקומען די קבורה פון דעם אש פון ארטור זיגעלבוים אויפ׳ן בית עולם פון ארבעטער רינג.

וויכטיקע פערזענלעכקייטן פון דער אינטערנאציאָנאלער, פאָליטישער און ארבעטער וועלט האָבן צוגעשיקט מעסעדזשעס צו דעם מיטינג אין קארנעגי האָל.

## די פייערלעכע קבורה

באלד נאָך ארטור זיגעלבוים׳ס אָנדענק פארזאמלונג אין קארנעגי האָל וועט דער ארון מיט׳ן אש ארויסגעטראָגן ווערן דורך פיר געטאָ קעמפער אין באַגלייטונג פון זיגעלבוים׳ס זון, יאָסל, ברודער אברהם און פאָרשטייער פון אָנדענק־קאָמיטעט. אויף דער גאס וועלן נאָך דעם ארון זיך שטעלן די דעלעגאַציעס מיט קרענץ, און דער גרויסער עולם. דער גאנצער צוג וועט אין געשלאָסענע רייען מארשירן ביז פארק עוועניו, ווו עס וועלען ווארטן די קארס און באַסעס, מיט וועלכע מען וועט פאָרן צום נייעם מאונט כרמל ארבעטער רינג בית עולם.

דאָרט וועלן ב. טאבאטשינסקי, וולאָדקע (פאר די קעמפער) און י. פאלק (פאר דער דעלעגאציע פון קאצעטלער) זיך געזעגענען מיט׳ן מארטירער, וועלכען האָט געלעבט און איז געשטאָרבן פאר׳ן אידישן פאָלק.

י. פאָגעל (ניו יאָרק)

# ארטור זיגלבוים ווי א סימבאל פון ווידערשטאנד פון יידישן פאלק

„פאָרויס" אָקטאָבער 1961

— גרויסער עולם פילט אָן קארנעגי־האָל צו ערן זיין אָנדענק. — מעיאָר וואגנער מעלדעט אז ער וועט רעקאָמענדירן אז א ניו־יאָרקער גאַס זאָל טראָגן דעם נאָמען פון יידישן מארטירער. — רירנדע סצענעס ווען מען באערדיקט דאָס אש פון געטאָ־מארטירער אויף דעם נייעם מאונט כרמל ארבעטער רינג בית עולם.

פון דער רעדאקציע :

דעם 24־טן סעפטעמבער איז אין ניו יארק געבראכט געווארן צו קבורה דאס אַש פון קדוש שמואל (ארטור) זיגלבוים. פאר דעם איז פארגעקומען אַ פייערלעכע טרויער פארזאמלונג אין גרויסן „קארנעגי האל". נאך דער פארזאמלונג האט א גרויסער עולם פון עטלעכע טויזנט מענטשן מאַרשירט איבער די ניו־יארקער גאַסן. אין אנהייב פון צוג האבן חברים געטראגן די אורנע מיטן אַש פון חבר ארטור זיגלבוים. נאך זיי האבן מארשירט פיל דעלעגאַציעס מיט קרענץ און הינטער זיי דער עולם. דער לויה־צוג האט געמאכט א גרויסן איינדרוק. דער „ניו־יארק טיימס" האט פארעפנטלעכט א גרעסערע נאטיץ וועגן די טרויער פייערלעכקייטן. איינער פון די אנגעזעענסטע מיטארבעטער פון „פארווערטס", י. פאגעל, האט אויף צומארגנס, דעם 25־טן סעפטעמבער, פארעפנטלעכט אין „פארווערטס" א גרעסערן באריכט פון די טרויער־פייערלעכקייטן, וואס מיר דרוקן דא איבער, מיט אייניקע קיצורים.

דאָס געוויין פון אונדזער יידיש פאָלק און דער פּראָטעסט פון די וואָס זענען לעבן געבליבן האָט זיך נעכטן נאָכמיטאָג געהערט ביי אן אומפארגעסלעכער אָנדענק פארזאמלונג צו ערן דעם יידישן ארבעטער און פאָלקס מארטירער ארטור זיגלבוים וועלכער האָט זיך דאָס לעבן גענומען אלס פּראָטעסט אויפצוטרייסלען און אויפצו־שטורמען די ציוויליזירטע וועלט אויף דער אויסשעכטונג פון 6 מיליאָן יידן, וואָס זיינען אומגעבראכט געוואָרן פון די הענקער.

שטיל, מיט א תפילה אין הארצן און מיט געבויגענע קעפּ האָט א גרויסער עולם נעכטן אָנגעפּאקט קארנעגי האָל כדי נאָכאמאָל אויסצודריקן נישט נאָר די טיפסטע פארערונג נאָך דעם יידישן ארבעטער און פאָלקס מארטירער ארטור זיגלבוים, נאָר כדי אויס־צודריקן באוווּנדערונג און ערפורכט צו די וואָס האָבן געשטעלט א הערָאאישן ווידערשטאַנד אין דער ווארשעווער געטאָ אלס פּראָ־טעסט קעגן דער פארטיליקונג פון אונדזערע טייערסטע און ליבסטע פון אונדזער געפּלאָגט פאָלק.

אויף דער בינע, צוקאָפּנס פון דעם רויט דראפּירטן בילד פון זיגעלבוים, איז געשטאַנען די אורנע ווו עס האָט זיך געפונען דאָס אש פון ש. זיגלבוים, וועלכער איז געגאנגען אויף קידוש השם כדי דורכצולעכערן די וואַנט פון גלייכגילטיקייט וואָס די „וועלט" האָט ארויסגעצייגט. צום סוף פון דער אומפארגעסלעכער פארזאמלונג איז א גרויסער עולם, אויף ספּעציעל צוגעגרייטע באסעס, געפאָרן צום בית עולם פון ארבעטער רינג ווו די אורנע איז באערדיקט

דער פאָרזיצער פון דער פארזאמלונג איז געווען גענאָסע אדאָלף העלד, פאָרזיצער פון דעם יידישן ארבעטער קאָמיטעט און פּרעזידענט פון „פאָרווערטס" אסאָסיעישאָן. צווישן די רעדנער זענען געווען פאָלגנדע: דר. עמאנועל שערער פון „בונד", טשארלס זימערמאַן, וויצע פרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל לעידיס גארמענט וואָר־קערס.

קערס יוניאָן; ישראל ברעסלאו, פּרעזידענט פון ארבעטער רינג, און אַ גלאַנץ־לעיעלעס פון יידישן פּען־קלוב.

צווישן די פילע מעסעדזשעס וואָס זענען פאַרגעלייענט געוואָרן איז געווען איינע פון מעיאָר ראָבערט פ. וואגנער, אין זיין דערקלע־רונג האָט ער געמאָלדן אז ער וועט בקרוב פאָרשלאָגן אז א גאס אין ניו־יאָרק זאָל טראָגן דעם נאָמען פון דעם אומגעקומענעם יידישן ארבעטער פירער וועמעס פריצייטיקער טויט ווערט באצייכנט אלס „עקידת זיגלבוים”.

אין קארנעגי האָל, צווישן דעם עולם האָבן זיך געפונען הונ־דערטער קאצעטלער וואָס האָבן אליין דורכגעמאכט די גרוילן אין די פארשידענע מאָרד לאַגערן, און וועמענס נאָענטסטע און טייַ־ערסטע זענען פארגאַזט און פארברענט געוואָרן אין די פארשידענע מאָרד פאבריקן. עס האָבן זיך אָפטמאָל געהערט די שטילע שלוכ־צעניִשן און געוויין אויסברוכן פון פילע וואָס האָבן זיך נישט גע־קענט קאָנטראָלירן בעת עס זענען געפאלן די רירנדע ווערטער פון די פארשידענע רעדנער.

אדאָלף העלד האָט געעפנט די פארזאמלונג מיט א רירנדע דערקלערונג אז דער היינטיקער צונויפקום איז אייגנטלעך נישט קיין פארזאמלונג אין דעם אָנגענומענעם זין פון וואָרט. דאָס איז א צוזאמענטרעף, האָט ער דערקלערט, ווו יעדער איינער דארף אין זיך טאָן א תפילה, און יעדער מוז אויף זיין שטייגער ערן דעם אָנדענק פון ארטור זיגלבוים. „מיר זענען זיך צוזאמענגעקומען, האָט ער געזאָגט, מיט טרויער אין אונדזערע הערצער און מיט א תפילה אויף אונדזערע ליפּן, יעדער איינער פון אונדז איז א טייל פון דעם גרויסן פאָלקס אומגליק וואָס האָט אונדז געטראָפן. זאָל יעדער איינער פארהייליקן אין זיין הארצן און אין זיין נשמה די וואָס זענען געגאנגען אויף קידוש השם פאר אונדזער גאנצן יידישן פאָלק.

בעת די פאַרזאַמלונג איז אָנגעגאַנגען, איז אויף דער בינע שטענדיק געשטאַנען אַן ערן וואַך. זיי האָבן געטראָגן אויף זייערע הענט דאָס וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס די „רויטע ווינקלען". די דאַזיקע אָרעם־בענדער פֿלעגן טראָגן די העפֿטלינגע און די פּאָלי־טישע אַרעסטירטע. אויף מאַנכע פֿון דער ערן־וואַך האָט מען געזען די נומער צייכנס וואָס די נאַציס פֿלעגן אויסקריצן אויף די אָרעמס. די ערן־וואַך האָט זיך רעגלמעסיק געביטן אויף דער בינע בעת די צערעמאָניע איז אָנגעגאַנגען. אויף דער בינע גופֿא האָט געהאָנ־גען דאָס בילד פֿון דעם אומגעקומענעם בונדישן פֿירער, און די פּלאַטפֿאָרמע איז געווען באַדעקט מיט קרענץ בלומען.

ביים סוף פֿון דער רירנדער פֿאַרזאַמלונג האָט דער בינע־קינ־סטלער טעאָדאָר ביקעל געלייענט אויף יידיש אַרטור זיגעלבוימס לעצטן רוף צו דעם געוויסן פֿון דער וועלט.

די קבורה פֿונעם אַש פֿון אַרטור זיגלבוים ווען מאַרטירער־טום קען אוועקגעשטעלט ווערן אויף דער זעלבער ליסט ווי הירש לעקערט, אַלטער און ערליך — איז ווי געזאָגט, פֿאָרגעקומען אויף דעם בית־עולם פֿון אַרבעטער רינג. ביים קבר האָבן גערעדט ב. טאַבאַטשינסקי פֿון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, וולאַדקע, די באַ־רימטע העלדין פֿון דער וואַרשעווער געטאָ, און י. פּאַלק, פֿון קע־נעדע, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פֿון די קאַצעטלער. די ספּעציעלע באַסעס וואָס זענען געשטאַנען אויף מעדיסאָן עוועניו האָבן געמאַכט אַ רושם אין דער געגנט. גאָר רירנד איז געווען דער מאַרש פֿון די געוועזענע געטאָ קעמפֿער, פּאַרטיזאַנען איבער די גאַסן פֿון ניו יאָרק, וועלכע האָבן אַזוי אָרום ווידער אַמאָל געוואָלט ערן דעם אָנדענק פֿון זיגלבוים, וועלכער האָט געלעבט און איז געשטאָר־בן פֿאַר דעם יידישן פֿאָלק. די אורנע מיטן אַש איז פֿון קאַרנעגי האָל אַרויסגעטראָגן געוואָרן דורך 4 געטאָ־קעמפֿער אין באַגלייטונג פֿון זיגלבוימס זון יאָסל, און זיין ברודער אברהם.

אויף דער פֿאַרזאַמלונג זענען פֿון פֿאַרזיצער העלד פֿאַרגעלייענט געוואָרן אייניקע אָפּשאַצונגס מעסעדזשעס. צווישן זיי דאַרפֿן פֿאַר־רעכנט ווערן די פֿאָלגענדע: מרס. עלינאָר רוזוועלט, ב. כאַנין, גע־נעראַל סעקרעטאַר פֿון אַרבעטער רינג, פֿון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, און פֿון דעיוויד דובינסקי, פּרעזידענט פֿון דער אינ־טערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן.

די אָנדענק צערעמאָניע איז אַראַנזשירט געוואָרן צווישן אַנ־דערע, פֿון פֿאָלגנדע קערפּערשאַפֿטן: אַרבעטער רינג, יידישער אַרבעטער קאָמיטעט, קאַצעטלער פֿאַרבאַנד, אינטערנעשאָנאַל, קאָ־אָרד. קאָמיטעט פֿון „בונד", יידישער סאָציאַליסטישער פֿאַרבאַנד, און פֿילע אַנדערע אַרבעטער און פֿאָלקס קערפּערשאַפֿטן.

די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם געזאַנג פֿון דעם אַרבעטער רינג כאָר וואָס איז געווען אונטער דער לייטונג פֿון לאַ־זאַר וויינער. דער כאָר האָט אויסגעזונגען אייניקע ניגונים וואָס ווערן פֿאַרהייליקט אין דעם יידישן אַרבעטער און פֿאָלקס לעבן. ביי אייניקע לידער, ווי צום ביישפּיל בעת עס איז געזונגען געוואָרן די בונדישע שבועה, האָט זיך דער עולם אויפֿגעשטעלט.

אַ גאָר רירנדער מאָמענט איז געווען ווען העלד האָט אויפֿגע־פֿאָדערט דעם עולם זיך אויפֿצושטעלן און יעדער זאָל אויף זיין שטייגער טראַכטן וועגן דעם קדוש אַרטור און זאָל אויף אַן אינטימן אופֿן ערן זיין אומפֿאַרגעסלעכן אָנדענק.

געגנאָסע העלד האָט אין זיין איינדרוקספֿולער רעדע אָנגעוויזן, אַז אַרטור האָט זיך מקריב געווען פֿאַר אונדזער גאַנץ יידיש פֿאָלק. ער האָט דורך זיין אַקט געוואָלט אויפֿוועקן די וועלט, אָבער לײדער איז די „וועלט" צום גרעסטן טייל געבליבן גלייכגילטיק. דאָס גע־וויסן האָט וויניק געמאַטערט. און דאַן ביי די ווערטער, האָט העלד געבעטן דעם עולם זיך אויפֿצושטעלן. „לאָמיר, האָט ער שטיל גע־זאָגט, אויף אַזאַ אופֿן אים באַערן.

דר. שערער פון „בונד" האָט אויף א זייער עמאָציאָנעלן שטייגער באַטאָנט אז די זעלבסט־פארניכטונג פון חבר ארטור איז געווען אן אקט אויפצוטרייסלען די וועלט. ער האָט דאן ארויסגעבראכט, אז גענאָסע ארטור וועלכער האָט דורכגעמאכט דעם בונדישן „אוניווערזיטעט", איז געווען צווישן די ערשטע וואָס האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט, אז יידן זאָלן אויספאָלגן דעם אוקאז פון די נאציס דורך עטאַבלירן א געטאָ. ער האָט דאן דערציילט, אז ארטור האָט מאָביליזירט די יידישע ארבעטער און פאָלקס־מאסן צו אן אויפשטאַנד קעגן די נאצישע מערדער. צו זיגלבוימס פארדינסט דארף צוגעשריבן ווערן זיין קעגנערשאפט פון עטאַבלירן א פריוויליקן געטאָ. דער אקט פון גענאָסע ארטור שטעלט אים אוועק אין דער גאלעריע פון אזעלכע מארטירער ווי הירש לעקערט, אלטער און ערליך, די לעצטע צוויי וועלכע זענען אומגעבראכט געוואָרן פון די סטאליניסטישע הענקער.

גענאָסע שערער האָט מיט געפיל דערמאָנט די ווערטער וואָס ארטור האָט באנוצט בעת ער האָט פארקירצט זיין אייגן לעבן. „איך האָב א חוב צו באצאָלן", האָט זיגלבוים אויסגערופן.

טשארלס זימערמאן האָט דערקלערט, אז זיגעלבוימס זעלבסט־פארניכטונג איז נישט געווען פון פערזענלעכער פארצווייפלונג, נאָר א דעמאָנסטראציע אויפצורודערן די וועלט פון דעם שטילשווייגן אויף דער פארניכטונג פון 6 מיליאָן יידן. ארטור זיגלבוים האָט זימערמאן דערקלערט, האָט דורך זיין טאָט אָנגעצונדן א ליכט פון יידישן וועלט־פראָטעסט וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט אויסלעשן. זיין האנדלונג וועט דינען ווי א פאקעל פון דערמאָנונג פון דער גרעסטער טראגעדיע וואָס די וועלט האָט ווען בייגעוווינט ווען 6 מיליאָן יידן זענען אומגעקומען אויף דעם מזבח פון מארטירערטום.

דער פאָרשטייער פון פען־קלוב אהרן גלאנץ־לעיעלעס האָט מיט

פיל שטימונג אָנגעוויזן אז בעת די ציוויליזירטע מענטשהייט האָט זיך אנטמענטשט דורך דער ברוטאלער אומפארגלייכבארער פאר־ניכטונג פון 6 מיליאָן יידן, האָט ארטור זיגעלבוים דורך זיין האַנד־לונג דעמאָנסטרירט, אז דאָס פינטעלע מענטש איז נאָך אינגאנצן נישט אויסגעמעקט געוואָרן. דער זעלבסטמאָרד פון ארטור זיגלבוים איז נישט נאָר א גרויסע טראגעדיע נאָר סימבאָליזירט אויך די גרויסע פראכט פון יידישער נאָבעליטעט און מענטשלעכע חשיבות. זיגלבוים, האָט גלאַנץ אונטערגעשטראָכן, געהערט צו די גרויסע וועלט גדולים. זיין שטערן וועט אייביק לויכטן אזוי לאנג ווי עס וועט הערשן אמונה אין דעם מענטשן מין.

דער לעצטער רעדנער איז געווען דער פרעזידענט פון ארבעטער רינג ישראל ברעסלאו. ברעסלאו האָט מיט א ציטעריק קול אונטער־געשטראָכן, אז דורך דעם אקט פון זיגלבוים האָט ער געוואָלט ראַ־טעווען דעם גלויבן אין דעם מענטש און אין דער מענטשהייט.

ברעסלאו האָט דאן געפרעגט: „פארוואָס האָט די נאַצישע דייטשלאנד געדארפט אויסראָטן גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק. איז דען פאראן א לאָגיק אָדער שכל אין דעם? די פארניכטונג פון 6 מיליאָן יידן איז ווידעראמאָל א באַווייז ווי באנקראָט און ווי פאר־דאָרבן אונדזער מענטשהייט איז. זיגלבוים, האָט דער רעדנער אונ־טערשטראָכן, איז אומגעקומען ווי א נאָבעלער מענטש, און זיין זעלבסטמאָרד דארף פארשטאַנען ווערן אין דעם ליכט פון דער גרעסטער נאָבעליטעט אויף וועלכן א מענטש איז פעאיק.

אָט אין דעם גייסט האָט זיך נעכטן פארענדיקט די מערקוויר־דיקע אָנדענק־צערעמאָניע נאָך ארטור זיגלבוים, וועלכער וועט פארשריבן ווערן אין אונדזער געשיכטע אלס דער סימבאָל פון יידישן מארטירערטום און פראָטעסט קעגן נאַצישער אויסמאָרדונג און קעגן מענטשלעכער גלייכגילטיקייט.

ש. טענענבוים

# שמואל זיגלבוימס הייליקע אש

די גאנצע צייט וואָס דאָס אשיקע איבערבלייב פון שמואל זיגלבוים איז געשטאַנען אויף דער בינע, בשעת זיין שטאַרק־ריר־נדיקער און פאנטאסטישער לוויה אין ניו־יאָרק — האָב איך געזען ווי דעם קדוש׳ס אויגן פלאַמען ארויס פון דעם טונקעלן אש... זיין מוח האָט הייס געברענט און געלויכטן. זיין קול דונערט מעכטיק מיט קללות איבער די פינצטערע קעפ פון די מוראדיקע מערדער און שוחטים. נישט קיין אויסגעלאָשענער אש איז עס געווען אין דער טונקעלער אורנע — נייערט ברענענדיקע אטאָמען פון איינעם פון די אומשטערבלעכע העלדן אין דער געוואלטיקער יידישער געשיכטע. קיין שום פאָלק האָט נישט קיין צופיל הייליקע מענטשן וואָס זאָלן גרייט זיין זיך פרייוויליק צו נעמען דאָס לעבן כדי מיטן דאָזיקן טאט צו פראָטעסטירן פארן טויט פון זיינע ברידער און שוועסטער... דאָס איז א שטאָלצער זעלבסטמערדער וואָס וועט בלייבן שטיין אלס א מעכטיקער סימבאָל פון פאָדערן רעכט און גערעכטיקייט פארן יידישן, פארן מענטשלעכן לעבן...

שמואל זיגעלבוימס ליפן האָבן געפלאַקערט און גערעדט גע־וואלטיקע רייד. איך האָב אים געזען אויפשטיין פון אש — א לעבנ־דיקן זייל פון א שטרענגן נביא... א געוואלטיקע קאָלומנע פון מענטשלעכקייט...

און עמעץ, א שטראלנדיקע האנט פון הימל אויס, האָט איבער זיין קאָפּ ארויפגעשטעלט א גאָלדענע קרוין... און איינער א שטי־לער און וויינענדיקער שאָטן האָט אים איידל ארומגענומען און געקושט... דאָס איז געווען דער שאָטן פון דעם צווייטן הייליקן — יאנוש קאָרטשאַק... און די צארטע שאָטנס פון א גרופּע יידישע

קינדער האָבן ביידע קדושים אַרומגערינגלט מיט ציטערנדיקע און אַש־בלויע בלימלעך אין זייערע דינע הענטלעך...

און, טיף אין הינטערגרונט זענען געשטאַנען מיליאָנען און מיליאָנען שאָטנס פון אומגעקומענע יידן אין אַלע צייטן פון דער הערלעכער יידישער געשיכטע.

## רעדע פון ח׳ ב. טאַבאַטשינסקי אויף דעם קבר פון אַרטור זיגעלבוים

### דעם 24סטן סעפּטעמבער, 1961

חבר יאָסל, חבר אַברהם (זון און ברודער פון אַרטור זיגעלבוים) ברידער און שוועסטער!

מיט אַ טיפן אומעט אין האַרצן און מיט נאָך אַלץ נישט אויס־געטריקנטע טרערן אין אונדזערע אַלעמענס אויגן נאָך דעם גרויסן אומגליק, וועלכער האָט אונדז אַלעמען געטראָפן מיט דער פאַר־ניכטונג פון די זעקס מיליאָן פון אונדזער פאָלק, שטייען מיר דאָ, ביי דעם לעצטן אַקט פון דער וואונדערבאַרער „העראָאיקאַ״, וואָס האָט אַזאַ ערלעך היסטאָרישן נאָמען באַקומען — „עקידת זיגל־בוים״, דעם ווירדיקסטן פאָרשטייער פון די מיליאָנען קרבנות, פון די אונטערערדישע קעמפער, פון דעם דינאַמישסטן טייל פון אונד־זער פאָלק — פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום.

דערלויבט מיר דאָ צו ציטירן די ווערטער פון דעם דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש — דער מקונן פון אונדזער בלוטיקער דראַמע — חורבן פוילן — די ווערטער, וועלכע ער האָט געשריבן אין פאַר־בינדונג מיט זיגעלבוימס טויט, וואָס זאָגן אַזוי:

דעם מענטשלעכן שטאָלץ צו דערהייבן
פאַר יענע פאַרבלוטיקטע ערטער,
איז וואָרט נישט דערוואַקסן, באַשיידן...
טאָ לאָמיר איצט לאָזן די ווערטער
און בייגן די קעפּ און נישט ריידן.

איך וועל צוגעבן די ווערטער — „ווייניק ריידן״.

עס האָט צוזאַמענגעבראָכן זיין לעבן
מיט זייער לעצטן גסיסה־געשריי —
אונטער זייער פינצטערער וואַנט צו ליגן
א געפאַלענער מיט זיי.
אויך דאָס ביסל אַש געלאָזן דאָ נאָך זיך
אַז מיט אונדזערע אויגן זאָלן מיר זען
ווי דאָס אויפפלאַמען זייער פון לעצטן קאַמף
ווי ברענענדיק און ווי עכט עס איז געווען.

אזוי עכט זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער וועלכע מען האָט היינט אויף דעם מעמאָריאַל מיטינג געלייענט, וועלכע וועלן אין אונדזער באַוווּסטזיין בלייבן אייביק, ווי די ווערטער פון הירש לעקערט, פון ערליך און אלטער, און די אַנדערע העלדן פון דער גרויסער באַוועגונג, וואָס הייסט „בונד״. דאָס זענען ווערטער פון יענער סאָציאַליסטישער ריינקייט, פון אַרבעטער־תמימות, פון פאָלקס טרייהייט, ווערטער וואָס זענען אין דער היינטיקער וועלט שוין כמעט ווי נישטאָ, אָבער זיי זענען געווען אין די טעג פון דעם גרויסן אויפשטייג פון דער יידישער פאַרפייניקטער מאַסע, אין די טעג פון גרויסע פּאָליטישע קאַמפן וואָס גלייכע צו זיי זענען אויך אין דער געשיכטע נישטאָ.

דאָס זענען ווערטער פון יענעם ריינעם אידעאַליסטישן באַ־

ווּוסטזיין, פון קאַמף קעגן רשעות, גראָבער מאַכט און גלייכגילטי־קייט, וועלכע דערגרייכן זייער גרעסטע הייליקייט גראָד דעמאָלט, ווען דער מענטש גיט אוועק אליין מיט פולער קלאָרקייט זיין אייגן לעבן, אויספילנדיק מיט אזא שטאָלץ און זויבערן באַוווּסטזיין די ווערטער פון אונדזער בונדישער שבועה: „מיר שווערן א טרייהייט אויף לעבן און טויט״.

אין איינער פון זיינע ווירדיקסטע רעדעס אין לאָנדאָן אין דעם פוילישן נאַציאָנאַל ראַט, האָט ארטור געזאָגט אזוי:

„דאָס יידישע פאָלק וועט זיך נישט לאָזן פארניכטן און צע־ברעכן. געהאַרטעוועטע און אויסגעפּרוּווטע דורך די שווערסטע פייערן פון דער געשיכטע וועט ער צוזאַמען, מיט אלע ליידנדיקע פעלקער פון דער וועלט, אין קאַמף זיגעריש ארויסגיין פון דעם היינטיקן פיין.

טריי די טראַדיציעס פון „בונד״ שטייען מיר מיט טיפער איי־בערצייגונג, אז קעמפנדיק פאַר אונדזערע פּרינציפּן און צילן, קע־נען מיר אמבעסטן העלפן אונדזער גאַנצן פאָלק, ווי אויך דער גרויסער זאַך פון נצחון איבער באַרבאַריזם און פרייהייט״.

שמואל מרדכי זיגעלבוים — ארטור — וועמענס אש עס ווערט דאָ איצט באַגראָבן אויף דעם בית־עולם פון „ארבעטער רינג״ צווי־שן די טויזנטער יידישע ארבעטער און פאָלקס־מענטשן, נאָענט צו זיינע מיטקעמפער פון דעם פוילישן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״ און פון די בונדיסטן אין אמעריקע, נח, קאַסאָווסקי, חיים וואַסער, ה. אָדעס, פראַנץ קורסקי, וולאַדעק, ליעסין, שלמה מענ־דעלסאָן און פון דעם צענטראַל קאָמיטעט פון דעם אונטערערדישן בונד אין פוילן, חבר וויקטאָר שולמאַן און בערנאַרד גאָלדשטיין און א רייע אנדערע.

פון דער טיפעניש פון פאָלק איז ער געקומען, צו די העכסטע שפּיצן פון פאָלקס־טרוימען איז ער דערגאַנגען. איינער פון די פאָ־

דערשטע אין דער מחנה, פון די ערשטע צום קאַמף און גרייטקייט צום קרבן — ווי עס זינגט זיך אין ליד פון „ארבעטער־רינג" — „און אלע פאר איינעם און איינער פאר אל". ער האָט דאָס מיט טאַט, מיט מעשים באוויזן צו זיין „איינער פאר אַל".

שוין באלד פון די ערשטע טעג איז ער פרייוויליק געגאנגען צו די ערשטע און גרעסטע געפארן, איינשטעלנדיק זיין קאָפּ אלס גאראנטיע פאר דער גאנצער יידישער באפעלקערונג אין ווארשע, פאר זייער ווירדע, פאר זייער שטאָלץ, פאר זיי און פאר אונדז, פאר די אלע וואָס האָבן נישט געקענט זיין מיט אים און מיט זיי אין זייער ביטערן געראנגל.

ווען עס איז געפאלן דער היסטאָרישער באַשלוס איינצופירן אין ווארשע א געטאָ פאר יידן, האָט ער שוין דעמאָלט צו די מיט־גלידער פון דער יידישער קהילה געזאָגט: „אפשר בין איך צו שוואך אייך צו איבערצייגן, אז מיר טאָרן דאָס נישט טאָן, אָבער איך פיל גלייכצייטיק, אז איך וואָלט נישט געהאט קיין רעכט ווייטער צו לעבן, אז דאָס זאָל דורך אונדז אויסגעפירט ווערן. עס איז קעגן אונדזער גאנצער געשיכטע, קעגן אונדזער ווירדע און מענטש־לעכע רעכט" — אזוי האָט געזאָגט א בונדיסט, א יידיש־וועלטלע־כער מענטש, א מיטגליד פון דער אינטערנאציאָנאלער משפחה, א זון פון דעם אויפגעוואכטן יידישן קולטור־רענעסאנס, וואָס האָט אין די געפערלעכסטע מאָמענטן געדענקט די ווערטער פון י. ל. פּרץ:

„מיין נישט די וועלט איז א קרעטשמע,
געוויגען ווערט אלץ,
געמאָסטן ווערט אלץ".

ווי יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויף זיין געפערלעכער פּאָזיציע געדארפט באלאנסירן צווישן ווערדיק און אומווערדיק לעבן, האָט

ער אויסגעקליבן דעם טויט. חבר אַרטור זיגעלבוים האָט פון אָנהויב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער איז גרייט מקריב צו זיין זיין לעבן פאַר דער ווערדע פון אונדזער גרויס געשיכטלעך לעבן אין משך פון דורות, פאַר דער ווערדע פון גאַנצן פאָלק און פון דעם בונד, וועלכער האָט אים אויף אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָזיציע אַוועקגעשטעלט. דאָס האָט אים געגעבן יענע זיכערקייט און אומדערשראָקנקייט, וואָס איז נייטיק געווען פאַר אַ שליח ציבור אין אַזאַ טראַגישער שעה.

ווען עס איז געקומען דער רוף פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין פּוילן, וועלכער האָט זיך געווענדט צו אונדז אַלעמען מיט די טראַגישע ווערטער: „אויב איר קענט אונדז נישט העלפן, שטאַרבט אַליין, אפשר וועט דאָס אויפטרייסלען דעם געוויסן פון דער וועלט״, איז שמואל מרדכי זיגעלבוים, דער זון פון אַרבעטער־פאָלק, דער שליח פון די פּוילישע יידן אין דער פרייער וועלט, קודם כל אַליין גרייט געווען אויסצופירן דעם באַפעל וועלכן עס האָבן אַרויסגעשיקט פון יאָמערטאָל די פירער פון די געמאָרדעטע יידן.

ער איז געווען דער איינציקער ייד, וועלכער האָט דעם באַפעל פון די פירער אין די געטאָס צו די פירער אין דער פרייער וועלט — ברענגען דעם העכסטן קרבן, דאָס אייגן לעבן — דער ערשטער און אַליין אויסגעפירט.

אין דער נאַכט פון דעם 11טן אויף דעם 12טן מאַי, 1943, האָט ער פאַרענדיקט זיין לעבן. זיין אַש איז דאָ מיט אונדז, און מיר, וועמען ער האָט געגעבן די מעגלעכקייט נאָך אַלע אונדזערע ביטערע און טראַגישע איבערלעבונגען, אַזוי ווי זיינע מיטקעמפער פון דעם אויפשטאַנד אין געטאָ, צו גיין נאָך אויף דער וועלט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ — מיר ווי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, ווי יעדער פרייער ווירדיקער מענטש אין אַלע פעלקער פאַר וועמענס כבוד ער האָט זיך מקריב געווען, וועלן אים געדענקען לדור דורות.

און קיינער וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פון אונדזער מאַרטי־רערטום וועט קיין מאָל נישט קענען פאַרבייגיין דעם הייליקן נאָ־מען פון דעם גרויסן מאַרטירער און קעמפּער — מרדכי שמואל — אַרטור זיגעלבוים, וועלכער האָט אַזוי ווירדיק געלעבט און איז אַזוי הייליק געשטאָרבן פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין גלויבן.

כבוד זיין אָנדענק!

(„אונדזער געדאַנק", סעפּט. 1961)

## אַרטור זיגעלבוים אָנדענק פאַרזאַמלונגען אין פאַרשידענע שטעט

זונטיק, דעם 24טן סעפּטעמבער, אין דעם זעלבן טאָג, ווען אין ניו־יאָרק איז פאָרגעקומען די גרויסע אַרטור זיגעלבוים אָנדענק־אַקאַדעמיע אין „קאַרנעגי האָל", זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן טרויער־פאַרזאַמלונגען צום אָנדענק פון אַרטור זיגעלבוים אין פּאַריז, בריסל, מעקסיקע און סאַן פּאַולאָ, בראַזיל.

די אָנדענק פאַרזאַמלונג אין פּאַריז איז איינגעאָרדנט געוואָרן ביים „מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער", אויף די זשאַפּרו־אַל ל'אַנע. עס האָבן גערעדט: דאַניעל מייער, פּרעזידענט פון דער ליגע פאַר מענטשן־רעכט, זשעראַר ראָזענטאַל, וויצע־פּרע־זידענט פון דער „ליקאַ"; חבר ראַפאַל אין נאָמען פון „בונד" אין פראַנקרייך; חברטע מאַריאַ מיגוס, אַ ניצול־געוואָרענע פון נאַצי־גהינום האָט געלייענט חבר אַרטורס רעדעס אין לאָנדאָנער ראַדיאָ.

„אונדזער שטימע", די טעגלעכע יידישע צייטונג פון „בונד" אין פראַנקרייך, האָט אין די לעצטע טעג געדרוקט אַ רייע אַרטיקלען, געווידמעט דעם אָנדענק פון אַרטור זיגעלבוים און דער טרויער־מאַניפעסטאַציע, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין פּאַריז, און אין ניו־יאָרק.

*

אין בריסל האָט זיך אינעם ארטור זיגעלבוים טרויער־אקט באַ־טייליקט צווישן אנדערע, דער פרעזידענט (מעיאָר) פון אנדער־לעכט — אַן אָנגעזעענער בעלגישער סאָציאַליסטישער טוער, וועל־כער איז איינער פון די ניצול־געוואָרענע פון היטלערס קאלך־אויוונס.

*

אין מעקסיקע האָבן אויף דער זיגעלבוים־אקאדעמיע גערעדט די באַקאַנטע בונדישע טוער טוביה מייזעל און יוסף ראָטענבערג. דער „בונד" אין מעקסיקע האָט פארשפרייט א ספעציעלן אויפרוף וועגן דעם טרויער־אקט. אין דער מעקסיקאַנער „שטימע" איז אין שייכות דערמיט דערשינען א גאנצע זייט מיט ארטיקלען, געווידמעט דעם טאט און דעם אָנדענק פון ארטור זיגעלבוים.

*

אין סאַן פאולאָ, בראַזיל, איז פאָרגעקומען — אויך אינעם טאָג ווען אין ניו־יאָרק איז דורכגעפירט געוואָרן דער אָנדענק־אקט און די קבורה פון ארטור זיגעלבוימס אַש — אַן עפנטלעכע זיגעלבוים־אקאדעמיע. עס האָבן גערעדט: מאיר טרייבער (בונד) און מנחם קאַפּעלמאַן. די אָנדענק־פאַרזאַמלונג אין סאַן פאולאָ איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: „בונד", פאַרבאַנד פון פוילישע יידן, ביבליאָטעק שלמה מענדעלסאָן און געזעלשאַפט „קולטור און הילף" א. נ. פון ארטור זיגעלבוים. די אַלע אָרגאַני־זאַציעס האָבן צוזאַמען ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף, געווידמעט דעם אָנדענק פון ארטור זיגעלבוים.

*

א צאָל אָרגאַניזאַציעס פון אנדערע שטעט אָרדענען איין אר־טור זיגעלבוים אָנדענק פאַרזאַמלונגען אין די נאָענטסטע וואָכן. אין

שיקאגאָ ווערט אָרגאַניזירט אַ גרויסע ארטור זיגעלבוים אָנדענק־אקאדעמיע דעם 2טן אָקטאָבער אין „שערמאַן האָטעל".

*

אין ביולעטין פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז אָפּגע־דרוקט די דעקלאַראַציע, וואָס דער ארטור זיגעלבוים אָנדענק־קאָ־מיטעט האָט מיט אַ צייט צוריק אָנגענומען וועגן די צילן און אויפ־גאַבן פונעם קאָמיטעט. אין דער דעקלאַראַציע רעדט זיך, צווישן אַנדערע, אויך וועגן דעם ארטור זיגעלבוים טרויער־אַקט אין „קאַר־נעגי האָל".

דער ביולעטין פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל ווערט גע־דרוקט אין דריי שפּראַכן — ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש — און ער ווערט פונאַנדערגעשיקט צו די טוער, טעגלעכע צייטונגען און זשורנאַלן פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער גאָרער וועלט.

(„אונדזער געדאַנק", אָקט. 1961)

## די סימבאָלישע לויה פון ארטור זיגעלבוים

### (באַריכט פון מאָנטעווידעאָ)

זונטיק, דעם 24טן סעפּטעמבער איז אין פּרץ־הויז אויף מאַל־דאָנאַדאָ 974, פאָרגעקומען אַ רירנדיקע טרויער־צערעמאָניע, ווי אַן אָנשלוס צו דער גרויסער פאָלקס־לוויה פון דעם אַש פון מאַרטירער ארטור זיגעלבוים, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער זעלבער דאַטע אין ניו־יאָרק.

ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט די אידעישע חברים און פריינט און אַ ריי שרייבער.

נאָכן ארייגפיר פון ח. שבח קאָרנוואָרצל האָט ח׳ ישעיה קאָ־וואלסמאַן געלייענט אַן אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג פון חבר אר־טור, אגב איינס פון די שענסטע זאכן פון ארטורס פעדער.

די איינציקע רעדע איז געווען פון דעם ליבן גאסט פון ישראל, חבר חיים באביץ, מיט א טיפן געפיל פון דרך ארץ און באוווגדע־רונג פאר דעם קדוש זיגעלבוים, וועמען ער, חיים באביץ האָט נאָ־ענט געקענט. האָט ער בהדרגה געשילדערט זיגעלבוימס אידעישן וועג פארן קריג און ספעציעל זיין דראמאטישע און מסירת נפש־דיקע ראָל בעתן קריג, ווי דער פאָרשטייער פון אונטערערדישן „בונד״, און שפעטער זיינע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען פאר הילף און רעטונג פון די יידן אין פוילן. ס׳האָט גערירט ביז טרערן ווען חבר באביץ האָט געשילדערט דעם קלימאקס, ווען ח׳ ארטור האָט אויפגענומען דעם טראגישן רוף — דורך דעם אונטערערדישן פאָרשטייער פון פוילן — פון זיינע חברים און יידישער קאמפס־אָרגאניזאציע אין וואַרשע, צו טאָן אלץ אפילו שטאַרבן, כדי צו רופן די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט צו די מאסן־שחיטות פון די יידן אין פוילן; נישט קענענדיק אויפטאָן עפעס ממשותדי־קעס, האָט ער זיך אליין געבראכט אלס קרבן און דערמיט זיך באַ־האָפטן מיט זיינע חברים און פריינט, מיט זיינע ברידער די יידן פון פוילן, וועמענס שליח על איז געווען.

אין אָט די שעהן — פירט אויס דער רעדנער — ווען דאָס איבערבלייב, די אש פון אונדזער אומפארגעסלעכן ארטור זיגעל־בוים, ווערט געפירט צו קבורה, באטייליקן מיר זיך דאַ־הי׳ צוגלייך מיט די חברים און פריינט און בכלל יידישע פאָלקס־מענטשן, פון אומעטום, סימבאָליש אין דער לוויה.

מיטן פארטיזאנער־הימן איז די איינדרוקספולע באערונג גע־שלאָסן געוואָרן.

(נ. צ. — „אונדזער געדאנק״, אָקט. 1961)

# ארטור זיגעלבוים

## פון יעקב פאט

ארטור זיגעלבוים׳ס לוויה־פארזאמלונג אין קארנעגי האָל, וועגן וועלכער מיר האָבן געשריבן אין אונדזער פאָריקן סדר היום, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע און וועט פארשריבן ווערן אין אונדזער געשיכטע.

מיר זיינען געווען פארבונדן מיט ארטור זיגלבוים אלע געטאָיאָרן. מיר האָבן דעמאָלט געהערט פון זיינע ווירדיקע מעשים מיט קלאפנדיקע הערצער און אים באוואונדערט. מיר האָבן באקומען דורך אים באריכטן פון די קעמפער אין אונטערערדישן פוילן און זיי געלייענט מיט א ציטער אין אונדזערע נשמות. מיר האָבן געפרווּוט טאָן וואָס נאָר מיר האָבן געקאָנט צו העלפן די ליידנדיקע און די קעמפנדיקע. זייערע מעסעדזשעס, געשיקט דורך ארטור זיגעלבוים, האָבן מיר געבראכט צו דער פרייער עפנטלעכקייט, צו דער וועלט.

דאָס קעסטעלע אש פון פארברענטן ארטור זיגלבוים טראָגט אונדז אריבער צו יענע שעהן, ווען ארטור זיגלבוים האָט, נאָך א טיפסטן חשבון הנפש, דורכגענומען מיט דער גרענעצנלאָזער טראַגיק פון אונדזער פאָלק, באשלאָסן צו פארענדיקן זיין אייגענעם לעבן. ער האָט זיך אליין אוועקגעפירט צו דער עקדה און זיך מקריב געווען אויפן קבר פון זיין פאָלק.

ליגן פאר אונדז זיינע צוואה־שורות, וואָס ער האָט געלאָזן אויף זיין לאָנדאָנער טיש:

„איך קאָן נישט בלייבן שטיל. איך קאָן נישט לעבן ווען די רעשטלעך פון אידישן פאָלק אין פוילן, וועמענס פאָרשטייער איך בין, ווערן אומגעבראכט״.

דאָס זיינען ווערטער, וואָס זיינען פאַרבליבן אויף אייביק אין די פּאַרמעטן פון דער געשיכטע. אונדזער גרויסער דיכטער ה. לייוויק האָט געהאַט וועגן דעם אַזוי געשריבן:

„זיגלבוימס לעצטע ווערטער פּאַטשן דער וועלט אין פּנים אַריין. פון זיין טויט שלאָגט אַרויס סאָציאַליסטישע ריינקייט און אַרבעטער־תמימות, וואָס מען געפינט שוין היינט ניט".

אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט אַרטור זיגלבוים געהאַנדלט פיבערהאַפט. ער האָט גערעדט איבער דער לאָנדאָנער ראַדיאָ, גערופן, געמאָנט, געוואָרנט. ער האָט אַלץ געהאַפט אויפצורייסלען דאָס געוויסן פון דער וועלט, ער האָט דאָך מער ווי אַנדערע מיטגעמאַכט די איבערלעבונגען פון די געטאָ־קעמפער. ער איז דאָך געווען גייסט פון זייער גייסט.

נאָך זיין טויט האָט געשריבן פּראָפעסאָר ליבמאַן הערש אַזוי:

„עס וועלן אַוועק דורות, מאַמעס וועלן דערציילן זייערע אייניקלעך, יונגעלייט וועלן שטודירן אין די ביכער די געשיכטע פון אונדזער שרעקלעכער צייט, און אינמיטן פון די דערציילונגען וועט אויפשטיין די בלאַסע פיגור פון אַ פּויליש־אידישן סאָציאַליסט מיטן נאָמען שמואל מרדכי זיגלבוים און ער וועט שוין אָן ווערטער מאָנען און רופן".

„פאַרוואָס האָט איר געשוויגן!... ווי אַזוי האָט איר עס דערלאָזט?... — טראָגט זיך איצט איבער דער מענטשהייט די מאָנענדיקע שטים פון אַרטור זיגלבוים.

ווער איז ער געווען, דער אויסדערוויילטער פון שיקזאַל, דער געשיקטער פון די געטאָ יידן?

ער איז אַרויסגעקומען צו אונדז פון די סאַמע טיפענישן פון פאָלק. ער האָט געמאָנט, געפאָדערט, געציטערט און געפלאַטערט.

אָבער ווער ער האָט געפילט, אַז ער קאָן מער גאָרנישט אויפטאָן לטובת זיין פאָלק מיט זיין לעבן, האָט ער באַשלאָסן עפּעס אויפ־צוטאָן מיט זיין טויט. זיין טראַגישער אַקט, דער איינציקער אַזאַ אין דער פרייער וועלט, איז איינגעקריצט געוואָרן אין די בלעטער פון דער געשיכטע.

דאָס קעסטעלע אַש, וואָס מיר האָבן געבראַכט צו קבורה, רעדט צו אונדז מיט דער שטים פון די אומגעבראַכטע מיליאָנען אידן, באַגלייט מיט דער הייליקייט פון די געטאָ־גיבורים.

דאָ ביי אונדז אין ניו־יאָרק, דער גרעסטער שטאָט פון דער וועלט, אין דעם גרעסטן אידישן צענטער, וועט געשטעלט ווערן אַ דענקמאָל פאַר שמואל אַרטור זיגלבוים, וועלכער איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער מחנה קדושים פון די געטאָס. אין טיפסטן ווייטיק און פאַרהערלעכונג האָבן מיר אים באַגלייט צו דער מחנה קרבנות, מחנה קדושים פון אונדזער פאָלק.

*

ער וועט שטיין פאַר מיינע אויגן כל זמן איך וועל לעבן. אַכצן יאָר זיינען שוין אַוועק נאָך זיין טויט. איך זע אים איצט אַ לעבע־דיקן, ווי איך האָב אים געזען אין וואַרשע, אין לאָדזש, אין כעלעם, אין ניו־יאָרק. ער וועט ניט פאַרשווינדן. עס זיינען דאָ אַזעלכע מעשים, וואָס לעבן און ווירקן אויך נאָכן טויט.

מיר זיינען געגאַנגען צוזאַמען אויף די פּוילישע וועגן, געפאָרן צוזאַמען אין די פּוילישע באַנען. אַרויסגעטראָטן צוזאַמען אויף צענדליקער פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. צענדליקער מאָל האָב איך זיך אַריינגעטיפט אין זיינע מאַנוסקריפּטן. ער איז טאַקע געווען אַ בונ־דיסט, ער איז טאַקע געווען אַ נאַציאָנאַלער קעמפער, אָבער אין אַלע יאָרן, וואָס איך האָב אים געקענט, האָט ער ניט אויפגעהערט צו זיין אויך אַ אידישער שרייבער. איך האָב גוט געזען און געפילט, אַז שרייבן איז געלעגן אין זיין בלוט. און דווקא בעלעטריסטיש

שרייבן, בילדעריש שאפן, שלייפן דעם לשון, ארויסברענגען געפילן, ליריק, אזוי האָב איך אים געזען פון מאָל צו מאָל ביי א טישל אין דער ווארשעווער „פאָלקסצייטונג״. געזען אים ביים טיש מיט א נייעם מאנוסקריפט.



רבקהלע זיגעלבוים, שמואל און גאלדעס טאכטער.

ניט אומזיסט זע איך איצט פאר מיינע אויגן אויך זיין יונגע טעכטערל, — א קינד פון אונדזער געוועזענער מעדעם־סאנאטאָריע, א קינד א שיינהייט, שלאנק, גרויסע ליכטיקע אויגן, טרויער אויפן פנים. לאנגע שווארצע צעפ זיינען אראָפּגעהאָנגען פוןביידע זייטן פון איר קאָפּ. זי איז געווען אין איר נאטור א קינסטלערין, אן אר־טיסטין. איך געדענק זייער גוט, ווי אזוי זי האָט אויף א קינדער־צוזאמענקום אין דער מעדעם־סאנאטאָריע געלייענט אירע קורצע שריפטן.

אין דער מעדעם־סאנאטאָריע האָבן די קינדער צוזאמענגע־שטעלט טאָגביכער, טאָג־נאָטיצן. פון מאָל צו מאָל פלעגן זיי עס

פאַרלייענען אין די פּרימאַרגנס ביים פרישטיק, דערמאָן איך זיך: ארום און ארום איז שטילקייט און זון. צוויי הונדערט קינדער הערן זיך צו מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. אין צענטער פון דער טעראסע שטייט ארטור זיגעלבוים'ס יונגע טאָכטער און לייענט פאַר אירס א שריפט. די קינדער — ווי פארגאפטע. איך מיט זיי צוזאמען. עס האָט געטראָפן, אז אויך איר טאטע, ארטור זיגלבוים, איז געווען דערביי. ער האָט געשעפּט נחת, געקוואָלן פון זיין טאָכטער. ער האָט אליין געהאט א קינסטלערישע נאטור. ער האָט זיך געפרייט מיט די ערשטע שרייבערישע טריט פון זיין יונג טעכטערל.

מיר איז אויסגעקומען צו שאפן דעם שפּעטער באקאנט געוואָרענעם סקריפּט פאר א פאָרשטעלונג אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. ארטור זיגלבוים'ס טאָכטער האָט דאָרטן געשפּילט א גלענצנדע ראָל. זי איז געשטאנען פארן עולם און געלייענט א פּאָעטישע באַשרייבונג, ווי אזוי די זון איז אונטערגעגאנגען נעכטן אוונט הינטער די וועלדער פון דער סאנאטאָריע. יעדעס וואָרט איז געווען א נחת צו הערן. איר שטים איז געווען קלאָר און ווייך. די באשרייבונג האָט זיך געענדיקט מיט אזעלכע ווערטער: „די זון איז געווען ווי אלעמאָל. נאָכדעם ווי זי האָט זיך אריינגעוואָרפן אין גאָלדענעם ים, איז זי אינדערפרי ווידער אויפגעשטאַנען א יונגע, א שיינענדיקע, און באלויכטן די וועלט".

חבר ארטור זיגלבוים, איך זע נאָך א מאָל דיין דעמאָלטיקע פרייד, ווען דו האָסט געהערט ווי דיין טאָכטער האָט איבערגעלייענט איר שריפט וועגן זון־אונטערגאנג איבער דער מעדעם־סאנאטאָריע.

איך וועל זוכן און האָף אפשר וועל איך ערגעץ־ווו געפינען די פולע שריפט פון ארטור זיגלבוים'ס טאָכטער, און זי ברענגען צו דער עפנטלעכקייט. („דער וועקער", 1טן אָקטאָבער 1961)

ד ע ר  כ ו ח  צ ו  ש ט אַ ר ב ;

סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד „בונד" און ארבעטער־רינג
אין י ש ר א ל

תל־אביב, רח׳ קלישר 48, טעל. נר. 58764

חשובער חבר און פריינד!

מיר האָבן דעם כבוד אייך איינצולאַדן צו דער פייערונג פון שילדן־אַנטהילונג פון דער גאַס א. נ. פון

## שמואל מרדכי (אַרטור) זיגלבוים

(ביז איצט רח׳ הפסנטר אין קרית שלום), זונטיק דעם 26־טן מאַי ה. י. 4.30 נאָכמיטאָג.

צופאָר מיטן אויטאָבוס נר. 17 ביזן צענטער פון קרית שלום ביי דער 2־טער צרכניה.

מיט חבר־גרוס

דער סעקרעטאַריאַט

תל־אביב, 19 מאַיר 1963.

## דערעפנט די גאַס א. נ. פון אַרטור זיגלבוים

אַן איינדרוקספולע פייערונג פון אָנרופן א גאַס א. נ. פון אונדזער קדוש ח׳ שמואל מרדכי (אַרטור) זיגלבוים איז פאָרגעקומען זונטיק דעם 26־טן מאַי, 5 נאָכמיטאָג אין דער פאָרשטאָט פון תל־אביב, קרית־שלום. א גרויסער עולם איז געקומען צום דאָזיקן אַקט פון פאַראייביקן אַרטור זיגלבוימס נאָמען. צווישן זיי א רייע יידישע עסקנים און שרייבער, ווי ד״ר מאַרק יאַרבלום, ד. ב. מאַלקין, רעדאַקטאָר מ. צאַנין, ד״ר חיים שאָשקעס, מענדל מאָזעס, יוסף פאַפיערניקאָוו און אַנדערע.




שוועסטער חנה לייבמאַן אַנטהילט די אַרטור זיגעלבוים גאַס אין תל־אביב.



די צערעמאָניע ביים אנטהילן די גאס. י. ארטוסקי ביים מיקראָפאָן. ס׳זיצן : ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי,
שרה דאַגאַר, אבידע זיגעלבוים (פּיוולס טאָכטער). הינטער דוואָרזשעצקין, מיכאל ווייַנאפּעל.

געעפנט די פייערונג האָט י. ארטוסקי אין נאָמען פון דער בונדיסטישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל: מיט אָנרופן אַ גאַס א. ב. פון ארטור זיגלבוים — דערקלערט ער — ווערט אין א געוויסער מאָס דערפילט אַן אקט פון היסטאָרישער גערעכטיקייט לגבי דעם מארטירער פון יידישן פאָלק, וועלכער האָט מיט 20 יאָר צוריק געאָפּפערט זיין לעבן אינעם פרייען לאָנדאָן אין סאָלידאריטעט מיט די אומגעקומענע געטאָ־קעמפער אין ווארשע און אלס פראָטעסט קעגן דער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט. ער דאנקט דער שטאָט־פארוואלטונג פאר פאראייביקן דעם נאָמען פונעם חבר ארטור.

אין נאָמען פון דער שטאָט־פארוואלטונג פון תל־אביב האָט גערעדט דער וויצע־בירגערמייסטער יוסף חלד. אין זיין וואָרט האָט ה׳ חלד אָנגעוויזן, אז די שטאָט פארוואלטונג באמיט זיך צו פאר־אייביקן אלע קדושים, העלדן און שעפערישע פערזענלעכקייטן פון יידישן פאָלק. אין שכנות פון זיגלבוימס גאס געפינען זיך שוין גאסן אויף די נעמען פון הירש לעקערט און פנחס דאשעווסקי, ש. אנסקי, און אסתר רחל קאמינסקי, פון א. צונזער און י. ווארשאוו־סקי און אנדערע. מיטן דערעפענען די איצטיקע גאס גייט אויך ארטור זיגלבוים אריין אין פאנטעאָן פון די פאראייביקטע יידישע פערזענלעכקייטן אין תל־אביב.

ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי, וועלכער רעדט אין נאָמען פון „יד ושם״, שטרייכט אונטער די אייגנארטיקע היסטאָרישע באדייטונג פון ארטור זיגלבוימס זעלבסטמאָרד צום אונטערשייד פון די פיל אנדערע זעלבסטמאָרדן, וואָס פלעגן אין יענער פינצטערער צייט פאָרקומען אין די נאצי־אָקופּירטע געביטן. מיט זיין אקט פון זעלבסטמאָרד האָט זיגלבוים פארלוירן זיין שטערבלעך לעבן, ער האָט אָבער דערמיט געוווּנען די אומשטערבלעכקייט.

פסח בורשטין רעדט אין נאָמען פון קאצעטלער־פארבאנד. מיט זיין פרייוויליקן טויט — דערקלערט ער — ווערט זיגלבוים אריין

ווי א לעגענדע אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. זיין נאָמען וועט פאַרהייליקט ווערן צוזאַמען מיט די אומשטערבלעכע נעמען פון די געטאָ קעמפער. אַרטור זיגלבוים איז געווען א זון פון די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן און ס'איז גוט, וואָס אויך זיין גאַס אין תל אביב וועט זיך געפינען אין א קוואַרטאַל פון דער אַרבעטענדיקער יידישער באַפעלקערונג.

ד"ר חיים שאָשקעס, וועלכער געפינט זיך גראָד אין ישראל, רעדט מיט פיל וואַרעמקייט וועגן אַרטור זיגלבוים און דערמאָנט דערביי דעם עפּיזאָד, ווען ער צוזאַמען מיט זיגלבוימען זענען אויפגעטרעטן פאַר טויזנטער יידן אויפן הויף פון דער וואַרשעווער קהילה, ווען די דייטשן האָבן געוואָלט איינפירן דעם געטאָ און ווי זיגלבוים האָט גערופן די יידן אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע חשיבות און נישט אונטערוואַרפן זיך דער דייטשער גזירה.

צום סוף האָט מיכאל וויינאַפּל איבערגעלייענט פראַגמענטן פון זיגלבוימס לעצטע בריוו פאַר זיין טראַגיש העראָאישן אַקט.

נאָך די רעדעס האָט ח' אַרטוסקי איבערגעגעבן דעם כבוד צו אַנטהילן די שילד פון דער גאַס דער שוועסטער פון אַרטור זיגלבוים — חנה לייבמאַן, וועלכע וווינט אין תל אביב.

די שילד פון דער גאַס לייענט זיך:

„שמואל מרדכי זיגלבוים (ארטור), עסקן ציבורי בפולין, התאבד בלונדון על האדישות להשמדתם של יהודים בפולין" (תרנ"ה—תש"ג / 1895—1943).

נאָכן אַנטהילן די שילד האָט דער וויצע בירגערמייסטער ה' יוסף חלד איבערגעשניטן די באַנד פון דער גאַס און דערמיט זי געעפנט פאַרן פאַרקער.

די איינדרוקספולע פייערונג האָט איבערגעלאָזט א שטאַרקן רושם אויפן פאַרזאַמלטן עולם.

פייוול זיגעלבוים

פראגמענטן פון דער דערעפענונג זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין דער יידישער אוידיציע פון „קול ישראל". צו דער דערעפענונג פון דער גאַס איז אָנגעקומען א טעלעגראַמע פון חבר ארטורס זון יאָסל און פון ח' ארטורס ברודער אברהם, וועלכע וווינען אין לאָס־אַנדזשעלעס. ביי דער פייערונג זענען אויך אָנוועזנד געווען די טאָכטער און שוויגער פון פייוול זיגלבוים פון יאָהאַנעסבורג, ווי אויך פון זיינע ברידער, וואָס וווינען אין יאָהאַנעסבורג, די קוזינען: פריידע און אהרן קם, משה און פרומה באום פון תל אביב און חולון.

מען דאַרף דאָ צוגעבן, אז דאָס פאַראייביקן דעם נאָמען פון ארטור זיגלבוים איז געקומען נאָך 5 יאָר באַמיאונגען פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל. אין 1961 האָט וועגן דעם ענין אויך אינטערווענירט ביים ראש העיר, מ. נמיר, חבר נחום כאַנין, בעת זיין דעמאָלטיקן באַזוך אין ישראל.

(„לעבנס פראגן", יוני־יולי 1963)



פון לינקס: דר. ח. שאשקעס, וואָלף יאַסני, איטקע צאַלעוויטש, מאַרק יאַרבלום, ד. ב. מאַלקין.

# ארטור זיגעלבוים — דער אויפשטענדלער

צום 20־טן יאָרצייט פון קדוש ארטור זיגעלבוים, וועלכער וועט געפייערט ווערן זונטיק אוונט אין דער פאָלקס־ביבליאָטעק

פון וולאדקע

דער יאָרצייט פון ארטור זיגעלבוים איז ניט קיין געוויינלעכער, אָפּגעריסענער געדענק טאָג פון אונדזער נעכטן. ער איז געקניפּט און געבונדן מיט אן אנדער דאטע, וואָס האָט זיך שוין טיף איינגעוואָרצלט אין אונדזער פאָלקס־געדעכעניש, מיטן יאָר־טאָג פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. כאָטשביידע געשעענישן זיינען פאָרגעקומען אין פארשיידענע לענדער, טראָגן זיי אין זיך די עלעמענטן פון מקריב זיין דאָס טייערסטע פון יחיד — דאָס אייגענע לעבן — פארן גלויבן אין אלגעמיינע, טיף־מענטשלעכע ווערטן.

ווארשעווער געטאָ אויפשטאַנד — דער קולמינאציע אקט פון יידישן געראַנגל, קאַמף און ווידערשטאַנד. ארטור זיגעלבוימס טויט — דער קולמינאציע־אקט פון טיילן זיין לעבן מיטן גורל פון זיין פאָלק, וואָס האָט אים אויסגעטראָגן און דערהויבן צו דער הויך פון א פאָלקס מארטירער. ביידע אקטן זיינען רייף געוואָרן אין דער זעלבער צייט. ביידע אקטן זיינען נישט צעטיילבאר; ס׳איז איין גאנצקייט, איין קאפּיטל פון אונדזער חורבן — דאָס קאפּיטל פון יידישער קדושה און העראָאיזם.

*

ארטור זיגעלבוים איז געווען א טייל פון אונדזער דעמאָלטיקן לעבן. ער האָט געלעבט מיט אונדזערע ראנגלענישן. געאָטעמט אונדזער געטאָ לופט, געפילט — אונדזער פיין, אין ווייטן אמעריקע,

שפעטער אין לאָנדאָן אלס דעפוטאט אין פוילישן גלות־פּארלאמענט, זיינען אלע אונדזערע מאטערנישן און פּייניקונגען הינטער די פּאר־מאכטע געטאָ־ווענט — געווען דער אינהאלט און דער ציל אויך פון זיינע אלע לעצטע אָנשטרענגונגען און ראנגלענישן.

ער האָט פּארלאָזט ווארשע שפּעטער ווי אנדערע געזעלשאַפט־לעכע טוער. איך געדענק דעם לעצטן צוזאמענטרעף מיט חבר אר־טור אין יענע צייטן, אונטער דער נאצי אָקופּאציע. ווינטער איז עס געווען. ס׳איז פּאָרגעקומען א געהיימע זיצונג פון אונטערערדישן יוגנט־קאָמיטעט פון יוגנט־בונד „צוקונפט". מיר האָבן זיך, ווי גע־ווײנלעך, געטראָפן אין דער פּאָלקס־קיך אויף נאָוואָליפּקי גאס... ביי קארביד־לעמפּלעך און ביי ליידיקע טעלערס, וועלכע מען האָט אויסגעשטעלט, כדי אויב עס וועט זיין אן איבערפאל, זאָל עס הייסן, אז מיר זיינען פארשפּעטיקטע קיך־קאָנסומענטן. מיר האָבן מיט בייגיר געווארט אויפן שליח פון בונדישן פּארטיי־קאָמיטעט. ווער וועט עס דאָס מאָל זיין? — עס באווייזט זיך... חבר ארטור. מיר, יינגערע זיינען געווען דערשטוינט. חבר ארטור מיט אונדז? מיר האָבן גוט געוווּסט, אז די „געשטאַפּאָ" פּארפאָלגט אים. דאָך — קיינער האָט הויך זיין פארוואונדערונג נישט ארויסגעוויזן. קיינער האָט גאָרנישט געפרעגט. מיט שטילער געשפּאַנטער ערנסטקייט האָט מען געווענדט די גאנצע אויפמערקזאמקייט צום גאסט.

חבר ארטור האָט אויסגעזען מאָגער. זיינע אויגן גרעסער און טיפער, ווי געוויינלעך. זיין געזיכט בלייך. ער האָט אונדז יונגע, שווייגנדיק א ווײלע, אָנגעקוקט — און אָנגעהויבן רעדן. צוערשט וועגן לעבן אין ווארשע. וועגן די יידן אין אנדערע שטעט. גע־שילדערט די טאָג־טעגלעכע געשעענישן שנעל און טרעפלעך. דער־צו האָט ער אלץ איבערגעגעבן מיט אזא בילדערישקייט, גלייך ווי ער וואָלט עס אליין אלץ בייגעוווינט. ער האָט אויך גערעדט וועגן קריג, וועגן די אליאירטע. כ׳געדענק, אז שוין דעמאָלט האָט ער

ארויסגעזאָגט דעם געדאנק, אז ער גלויבט נישט, אז דער קריג וועט זיך גלייך ענדיקן: די מלחמה וועט זיך פארציען, זי וועט לאנג דויערן. די אַליאירטע וועלן אָבער קריגן די אויבערהאַנט איבער די דייטשן. מען וועט זיי באזיגן און אן אנדער פוילן וועט קומען. און מיר, יונגע, וועלן די דאָזיקע ענדערונג דערלעבן צו זען...

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ארטור זי־געלבוים האָט זיך דורכגעריסן קיין אויסלאנד, זיך ארויסגעראטע־וועט. נישט איינמאָל האָבן מיר צווישן זיך גערעדט וועגן אים, געווען א שטילע סאטיספאקציע, וואָס עס איז אים פּאָרט געלונגען ארויסצודרייען זיך פון דעם שונא׳ס הענט. אָבער גלייכצייטיק האָט גענאָגט דער צווייפל: וועט ער אונדז געדענקען? עפּעס טאָן פאר אונדז? אזויפיל אנדערע געזעלשאַפטלעכע טוער זיינען אין ווייטן אויסלאנד און מיר הערן פון זיי אזוי ווייניק...

ארטור זיגעלבוים האָט נישט נאָר געדענקט אין אונדז, ער האָט ווייטער מיטגעלעבט אונדזער לעבן. ווו ער איז געקומען האָט ער פאנאנדערגעוויקלט די מגילה פון יידישע ליידן אונטער די נאציס. גלייך אויף זיין וועג קיין אמעריקע, אין בריסל, אויף דער סעסיע פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט ער איבערגעגעבן דעם ערשטן לעבעדיקן גרוס פון יידן פון אָקופּירטן פוילן. זיין באריכט האָט געמאכט א דערשיטערנדיקן איינדרוק אויף אלעמען. אָבער דער אינטערנאציאָנאל איז געווען מאכטלאָז עפּעס צו טאָן... ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע האָט ער אויף זיין טור איבערן לאנד (אָרגאניזירט פון יידישן ארבעטער קאָמיטעט) ווידער גע־שילדערט די ליידן און פּיין פון די פּוילישע יידן. אומעטום, ווו ער איז נאָר ארויסגעטראָטן, האָט ער כסדר ביי יעדער געלעגענהייט אונטערגעשטראָכן: „עס איז צו שטוינען און צו באוווּנדערן, ווי די יידן אין פּוילן טראָגן אריבער זייערע ליידן, און דאָס מיט אזא ווירדע, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן״.

## פייוול זיגעלבוים

ארטור זיגעלבוים האָט גוט געוווסט, ווי אנדערע געזעלשאפט־לעכע טוער, וואָס מיר דאַרטן גייען דורך. קיין לאָנדאָן, ווו ער איז געווען דער בונדישער פאָרשטייער אין פוילישן גלות פארלאמענט, פלעגן אָנקומען דורך אונטערערדישע וועגן, ידיעות און באריכטן וועגן אונדזער גערוואנגל, וועגן די נאצי־מערדערייען, וועגן די דע־פּאָרטאציעס. חבר ארטור האָט מיט די דאָזיקע ידיעות געלעבט, גע־פיבערט, געוויינט — און געברענגט זיי צום ארום, צו דער ברייטער עפנטלעכקייט.

היינט קען שוין נישט זיין קיין מינדסטער צווייפל, אז די גרוי־סע פירער פון די אליאירטע אין וואשינגטאָן אין ווייסן הויז, אָדער אויף דאונינג סטריט אין לאָנדאָן, האָבן געהאט גענויע אינפאָר־מאציעס, וואָס עס קומט פאָר אויף יענער זייט ים, וואָס מען טוט מיט אונדז יידן — אָבער זיי האָבן געשוויגן. ס׳האָט גוט געוווסט די סאָוויעטישע רעגירונג — און זי האָט געשוויגן. ס׳האָט גוט גע־ווּסט דער וואטיקאַן אין רוים — און ער האָט געשוויגן. ס׳האָט געוווּסט דער אינטערנאציאָנאלער רויטער קרייץ אין זשענעוו — און ער האָט געשוויגן. אזוי האָט די וועלט געשאפן ארום אונדזער טראגיק א דיקע וואנט פון שווייגעניש און פאסיווקייט. און חבר ארטור האָט מיט אלע זיינע כוחות געוואָלט די דאָזיקע וואנט אדורכרייסן. ער האָט געפּרוּווט איבעראָטעמען אויפן ארום די לופט פון געטאָ, אויסשרייען דעם בלוטיקן רוף פון די גערודפטע. ער האָט געבעטן, געפאָדערט, אלארמירט, אז עפּעס זאָל געטאָן ווערן: די אליאירטע כוחות זאָלן תיכף פּרוּוון צווינגען די נאצי־דייטשן אָפּצושטעלן די אויסמאָרדונג פון יידישן פאָלק.

אין יולי 1942, ווען ביי אונדז, אין ווארשע, האָבן זיך אָנגע־הויבן די „אקציעס", די מאסן דעפּאָרטאציעס צו די גאז קאמערן אין טרעבלינקע, האָט ארטור זיגעלבוים אויסגעשריגן אונדזער פּיין אין ענגלישן ראדיאָ:

„שטעלט אייך פֿאַר דאָס גרויזאַמע פֿאַרברעכן — פֿלאַנמעסיק אויסצומאָרדן אַ גאַנץ פֿאָלק. יעדער פֿון אונדז, וועלכער באַנעמט דעם דאָזיקן גרויל, מוז ווערן אַרומגעכאַפּט מיט אַ געפֿיל פֿון חרפּה צו לעבן און געהערן צום מענטשלעכן מין, אויב עס וועט תּיכּף נישט געפֿונען ווערן קיין מיטלען אָפּצושטעלן דעם גרעסטן פֿאַר־ברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע”.

אַזוי האָט אונדזער שליח נישט געקענט שלום מאַכן מיט דער פּאַסיווער גלייכגילטיקייט פֿון דעם אַרום. ער האָט פּשוט נישט געקענט באַנעמען, ווי אַזוי קען די וועלט אַזוי שטום זיך צוקוקן, ווי עס ווערט אומגעבראַכט דאָס פֿאָלק, וועמעס פֿאָרשטייער ער איז — און קיינער טוט גאָרנישט דערצו.

געווען ביי פֿיל יידן אין געטאָ, ביי אונטערערדישע טוער און אַנדערע לעבנגעבליבענע אַ טענה צו די, וואָס זיינען אַוועק פֿון פּוילן און זיך געראַטעוועט אין די פֿרייע לענדער: „פֿאַרוואָס רייסן זיי נישט די וועלטן?” — מיר, „פֿון דאָרטן”, האָבן נישט געקאָנט באַגרייפֿן, פֿאַרוואָס שווייגן די יידן פֿון אַמעריקע און אַנדערע פֿרייע לענדער. „אין אַזעלכע צייטן — האָבן מיר געטענה׳ט — מוזן דאָך אַפֿילו אומעגלעכע טאָטן ווערן מעגלעך”... מיר האָבן נישט געוואָלט און נישט געקענט באַנעמען פֿאַרענטפֿערונגען, אַז די צייט, אַז די באַדינגונגען, אַז די מלחמה האָבן געשטערט עפּעס ממשות־דיקס אונטערצונעמען פֿאַר אונדזער רעטונג. — האָבן דען, זיי, די געטאָ־קעמפֿער, וועמען דאָס גאַנצע פֿאָלק דערהויבט און באַוווּנ־דערט, געהאַט אַ גינסטיקע צייט פֿאַר זייער קאַמף? האָבן זיי דען אויסגעקליבן זיך באַדינגונגען פֿאַר זייער טאַט? און דאָך האָבן זיי, די געפּייניקטע, געפֿונען אין זיך כוח צו דערהויבן זיך איבער דער גרויליכער ווירקלעכקייט.

און ווען די דאָזיקע טענות שווימען אויף, דערשיינט די גע־שטאַלט פֿון חבר אַרטור: — ער האָט געוואַגט. ער האָט זיך דער־

הויבן. ער האָט זיין לעבן געגעבן פאר אונדז... ער איז געוואָרן דער סימבאָל פון אונדזער ווונטש, דער סימבאָל פון אונדזערע, נישט דערגאַנגענע האָפענונגען וועגן הילף. דער סימבאָל פון אכ־זריות׳דיקער אליינקייט — אין א צייט פון אומקום.

*

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס גראָד ער האָט אונדזער ברע־נענדיקע טענה באַנומען. ער איז דאָך א צייט געווען מיט אונדז צוזאַמען אונטערן נאַצי־דייטש. ער האָט באַוויזן איינצוזאַפּן אין זיך אונדזער פּיין. באַוויזן צו פארקניפּן זיך מיט דעם נערוו פון אונדזער ביטערן געראַנגל. געווען דער ערשטער צו דערהערן אונ־דזער פאַרשטיקטע הילף־מאָנונגען.

איך קען נישט נאָך היינט פאַרגעסן דאָס אויפטרייסלענדיקע קאַפּיטל וועגן זיגעלבוימען אין יאַן קאַרסקי׳ס בוך („סטאָר אָף עי סיקרעט סטעיט״), א קאַפּיטל, וואָס ווייזט בולט, ווי נאָענט, ווי אייגן, ווי א טייל פון אונדז ער, אַרטור זיגעלבוים איז געווען אין יענער גורלדיקער צייט. כאָטש אייניקע זאַצן ווילט זיך אויפסניי איבערדערציילן.

ווען זיגעלבוים האָט אים באַזוכט שרייבט קאַרסקי האָט ער געפרעגט אָן א שיעור פראַגן. ער האָט געוואָלט מער און מער וויסן וועגן אונדזער לעבן: „וואָס זאָגן זיי דאָרטן? וואָס ווילן זיי דאָרטן? ווי זעען אויס די געטאָ גאַסן? די הייזער? ווי גייען אַנגעטאָן אונדזערע געטאָ־קינדער? וואָס רעדן זיי? ווי אַזוי האַלטן זיך די אונטערערדישע טוער? „איך — שרייבט קאַרסקי — האָב אים געענטפערט מיט ברוטאַלער פּשוטקייט און זאַכלעכקייט. זיי, אייערע פירער פון דאָרטן, האָבן מיר געהייסן איבערגעבן: זאָגט זיי, זיי זאָלן נישט אָפּטרעטן, ביז זיי וועלן נישט באַקומען קיין גאַראַנטיעס, אז מען האָט באַשלאָסן צו לאָזן זיך אויף א וועג צו

ראַטעווען די יידן. זאָלן זיי נישט עסן, נישט טרינקען, זאָלן זיי פאַמעלעך אויסגיין פּנים אל פּנים מיט דער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט! זאָלן זיי שטאַרבן! אפשר וועט דאָס אויפטרייסלען דאָס געוויסן פון דער וועלט״. — זיגעלבוים איז אויפגעשפרונגען, און אויפגערעגטער האָט ער אָנגעהויבן ארומשפּרייזן אין צימער, ווי ער וואָלט זיך פאַרנומען צום לויפן. ביים געזעגענען האָט ער מיר געזאָגט: „הער קאַרסקי, איך וועל טאָן אַלץ וואָס איך קען, זיי נאָר צו העלפן. אַלץ, איך וועל טאָן אַלץ וואָס זיי פאָדערן, אויב איך וועל נאָר האָבן אַ שאַנס. איר גלויבט מיר, צי נישט?״ — און ער איז אוועק.

מיט באַנייטן אימפּעט האָט אונדזער שליח ווידער געריסן טירן, ווידער געלאָפן צו הויכע אמטן, ווידער גערעדט, געפאָדערט, גע־מאָנט — נאָר אומזיסט... איך גלויב, אז אויף די דאָזיקע אַלע וועגן פון מאָנען הילף און טאָט האָבן אים זיכער באַגלייט די שיל־דערונגען, די ווערטער פון הער קאַרסקי.

אַרטור זיגעלבוים האָט געוווּסט וועגן די צוגרייטונגען צו אונדזער לעצטן קאַמף. ער האָט אין אונדזער נאָמען, דורך דער פּוילישער גלות רעגירונג, געפאָדערט מער געווער, פאַרלאַנגט ממשותדיקע שנעלע הילף. אָבער זיינע אַלע אָנשטרענגונגען האָבן ווייטער אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן. יאָ, ער האָט שוין דאַן באַנומען זיין הילפלאָזיקייט. געזען, ווי מאַכטלאָז ער איז לגבי דער אַלגעמיינער פאַרגליווערטקייט. דאָך האָט ער זיך נישט אונטערגע־געבן. אפשר האָט ער אין דער שטיל געהאָפט, אז דער אָרגאַני־זירטער עפנטלעכער קאַמף און ווידערשטאַנד וועט אויפרודערן דאָס וועלט־געוויסן. נאָר ווידער — אַ ביטערע אַנטוישונג... ס׳איז אויס־געבראָכן דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אין אומגלייכן קאַמף, אין בלוט און אין פייער, האָבן זיך געראַנגלט דאָס לעצטע ביסל וואַרשעווער יידן... די וועלט איז שטום געווען. ליידיק, אונטער

חורבות, איז געבליבן דאָס יידישע ווארשע. די וועלט איז אבער פון איר שטומקייט נישט ארויס. אמת, דער ארום האָט באַוואונדערט דעם יידישן מוט, געבויגן דעם קאָפּ פאר יידישער גבורה, אָבער חבר ארטור האָט געזען אונדזער עלנטקייט. ער האָט דערפילט דעם רויך פון אונדזערע ברענענדיקע הייזער. באַנומען די פאַר־לאָזנקייט פון די העראָישע קעמפער. און ווי א הילפלאָזער איז ער געשטאַנען אין דער פרייער וועלט און נישט געקאָנט מיט גאָרנישט צו הילף קומען. דאָן מסתמא איז רייף געוואָרן זיין אייגענער לעצ־טער באשלוס, — אָפּגעבן דאָס אייגענע לעבן — אויב זיי האָבן עס געטאָן דאָרטן, קען ער עס טאָן אין לאָנדאָן. ער איז א טייל פון זיי. א טייל פון דער אומגעקומענער אויפשטענדלער־מחנה, צו זיי געהערט ער, מיט זיי וועט ער זיך באַהעפטן.

אויב דאָרטן, הינטער פארבלוטיקטע מויערן, האָבן יידן מיט זייער לעבן און קאמף נישט געקענט אויפטרייסלען דעם ארום, וועט אפשר ער, אין פרייען לאָנדאָן, פאר די אויגן פון די אליאירטע, מיט זיין דעמאָנסטראַטיוון טויט, עפּעס אויפטאָן. אפשר דאָך — האָט ער זיכער געהאָפט — וועט זיין פרייוויליקער טויט האָבן מער גליק אויפצוּוועקן דאָס פשוטע מענטשן געפיל, ווי די אומגעקומענע מיליאָנען יידן...

אזוי, האָט ביינאַכט, דעם עלפטן מאי 1943, חבר ארטור זי־געלבוים פרייוויליק אָפּגעגעבן זיין לעבן. אַלס פּראָטעסט קעגן דער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט צו די ליידן און קאמף — צום אומ־קום פון פוילישן יידנטום.

דער איינציקער ייד אין דער גאַנצער פרייער וועלט, וועל־כער האָט זיך דערהויבן צו אזא טאַט. דער איינציקער, וואָס האָט נישט נאָר מיט רייד, נאָר מיטן גוף, מיטן אייגענעם לעבן, באַ־האָפטן זיך מיט די וואָס זיינען אים געווען אזוי ליב און טייער, מיט דער יידישער פאָלקס־מאַסע.

שרייבט חבר ארטור זיינע לעצטע ווערטער:

„איך האָב א חוב צו צאָלן צו די אלע וועלכע איך האָב אי־בערגעלאָזט אין דער היים, ווען איך בין ארויסגעפאָרן פון ווארשע 1940. נאָר וואָס זיינען די לעצטע פון אונדזערע חברים אין ווארשע אומגעקומען אין דעם העראָאישן ווידערשטאַנד, וועלכן זיי האָבן אָנגעהויבן דעם 19־טן אפריל. איך קען נישט לעבן אָן זיי. איך געהער צו זיי...”

*

און ווידער האָט זיך איבערגעחזרט דאָס באַקאַנטע קאפיטל: באוווּנדערונג פאר זיין טאט, פאר זיין מקריב זיין פרייוויליק דאָס אייגענע לעבן פאַרן פאָלק, אָבער צו קיין וועזנטלעכער האנדלונג, וואָס זאָל אפשטעלן די מאַסן־מערדערייען פון יידן איז ווידער נישט געקומען. ניין, נישט מקויים געוואָרן ח׳ ארטורס האָפענונג — די וועלט איז פון איר גלייכגילט נישט ארויס.

די טאט פון ארטור זיגעלבוים וועט בלייבן א ברענענדיקער צייכן, וואָס וועט אייביק דערמאָנען דער וועלט איר צווייפלהאַפטע האַלטונג אין דער צייט פון אונדזער אומקום.

אזוי איז דער העראָאישער זעלבסט־אָפּפער פון ארטור זיגעל־בוים געקניפּט און געבונדן מיטן לעבן, געראנגל און קאמף פון די אומגעקומענע יידן. ער איז אַ באשטאַנדטייל פון ווארשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.ביידע האָבן זיי זיך דערהויבן אין דער גורלדיקער צייט צו אייביקער אומשטערבלעכקייט.

(„קענעדער אָדלער”, 10.5.63)

פייוול זיגעלבוים

## שמואל מ. זיגעלבוים (ארטור)

אין פתח תקוה און אין תל אביב, „קרית שלום״, זענען דאָ גאסן אויפן נאָמען פון ארטור זיגעלבוים. די מזרח עדה׳ס, וואָס ווינען דאָרט, ווייסן ווייניק וועגן זיגעלבוימען, ווי וועגן היטלער־חורבן בכלל. ביי א משפחה באזוך אויף דער זיגעלבוים גאס אין תל אביב האָבן מיר דערציילט פאר נייגעריקע שכנים, וואָס האָבן זיך פארזאמלט ביים ווינקל־הויז, ווער ס׳איז דער מאן, וואָס אויף זיין נאָמען איז די גאס. דער פערסישער ייד פון דעם הויז האָט מיט גרויס אָפשיי אָפגעווישט דעם שטויב פון שילדל: רח׳ „ארטור זיגעלבוים״ און געפרעגט ווען איז זיין יאָרצייט, ער וועט צינדן א ליכטל. זיינע קינדער האָט ער דערציילט אין זיין לשון און גע־ווישט די אויגן...

דורך ארטורס קרבן האָבן מיר דערפילט א בונד מיט דער עדה...

דאָס פאָלק און דיכטער האָבן דערפילט זיין גבורה פון מאכט־לאָזיקייט און האָפענונג. די טויבע וועלט זאָל דערהערן זיין טויט־געשריי. „ראַטעוועט די וואָס לעבן נאָך! לאָזט נישט אומברענגען א פאָלק! ראַטעוועט דעם צלם־אלוקים אין מענטש!״

די אבסאָלוטע גרייטקייט צו שטארבן, האָט אים געגעבן כוח צו קעמפן פאר זייער לעבן ביז... ארטור זיגעלבוים איז נישט געווען „גליקלעך צו שטארבן״ ווי א טייל שרייבן. ער איז געווען אומ־גליקלעך צו לעבן. ווען זיין פאָלק שטארבט אין די אויגן פון א גלייכגילטיקער וועלט. אָט די גלייכגילטיקייט האָט ער געהאָפט אויפצוטרייסלען מיט זיין טויט. דאָס אָפהיטן דעם נאַציאָנאַלן כבוד, איז ווערט יעדן קרבן — האָט אים געלערנט זיין פארטיי — דער בונד.

אין דער לעצטער סצענע פון זלמן שניאורס גרויסער דראַ־
מאטישער פּאָעמע: „הערראַיקא אויף דער יידישע גאס״: „זיגעל־
בוימס קאמף מיטן שאָטן״, פארשטעלט זיך דער פּאָעט פאַרן שאָטן
און אפּעלירט צו אים ער זאָל זיך נישט אומברענגען און דער



צו ארטור זיגעלבוים'ס 25טער יארצייט. פּייוול זיגעלבוים רעדט
אויף דער זיגעלבוים גאס.

שאָטן ברעכט זיך איין: „זיגעלבוים, האָסט מיך באזיגט, דיך ראַ־
טעווען האָב איך געוואָלט, ס'איז אַן אומזין ווי דאָס וועלן ברענען
פון א קנויט אָן אייל... ביסט שטארקער זיגעלבוים!״ פּריער
זאָגט זיגעלבוים צום שאָטן: „דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן
מיר, שליח אומבאַוואָפנטן פון אַן אומבאַוואָפנט פאָלק: אומקומען!

עס ברענט א פארבלאָנדזשעט שטיק פייער דאָ אין ברוסט. פון מיידאנעק, טרעבלינקע, פון א גאנץ פאָלק, וואָס פלאקערט ווי א וואלד פון פרויען מיט קינדער און קיינער וויל נישט לעשן, קיינער נישט...״

„איך קאָן נישט בלייבן שטיל, איך קאָן נישט לעבן, ווען די רעשטלעך פון יידישן פאָלק אין פוילן ווערן אומגעבראכט...״ די דאָזיקע ווערטער האָט ארטור געשריבן אין דער נאכט פון עלפטן מאי 1943 אין זיין צימער אין לאָנדאָן פארן לייגן זיך אויפן מזבח פון דער גרעסטער יידישער נויט...

„ארטור איז געווען אליין, ביטער אליין״, שרייבט מיר דאן איציק מאנגער.

עטלעכע יאָר שפעטער, פירט מיך מאַנגער קיין „גאָלדעס גרין״ צום קעסטעלע אש, כ׳לייען נעמען פון לאָנדאָנער פלעצער און גאסן, פארבייגייער רירן אָן מיינע קליידער. דאָס אלץ רופט ארויס שורות פון ארטורס בריוו, פון זיין הילפלאָזיקייט צו ראַטעווען כאָטש איין יידיש קינד:

„ס׳איז א שטילע נאכט אפריל 1943. כ׳גיי ארום צווישן מענטשן אויף די לאָנדאָנער גאסן, אין די וואָס בארירן מיינע קליידער זע איך שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ. פון אלע זייטן זע איך זיי... פארוואָס בין איך פון זיי אוועק? כ׳בין דאָך דאָרט מיט זיי געווען. פארוואָס בין איך נישט איצט מיט זיי? אין זייער לעצטן געראנגל? פארוואָס קעמף איך נישט מיט זיי אויף די חורבע מויערן אין ווארשע? פארוואָס ליג איך נישט א צעשמעטערטער צוזאמען מיט זיי? וואָס האָב איך אויפגעטאָן? צי האָב איך געראטעוועט איין יידיש קינד פון שוידערלעכסטן טויט? א געשמידטער שטיי איך מיט א דערדריקנדיקן געפיל פון מאכטלאָזיקייט... שריי אין א פינצ־טערער נאָכט אריין: טויבע וועלט! ראטעווע! ראטעווע! מ׳קוילעט אויס די יידן אין פוילן, מענער, פרויען, זקנים און קינדער...

פאַרשטומט איז אין מיר יעדע פרייד. קיילעכדיק, ווי א פולע לבנה, נעמט מיך ארום א טרויער. איך קוק אויף די וואָלקן־שטי־קער, אויך אין זיי זע איך די שאָטנס פון דראָטן... כ׳דערקען פנימער פון אייגענע, ליבע חברים. צוויי מאָל שוועבט דער זעלבער שאָטן נישט דורך, יעדעס מאָל אן אנדערער, אן אנדערער... מיין גאָט... אזוי פיל... א וועלט, א יידישע... כ׳האָב זיי געזען, די קעמפנדיקע, די שטאָלצע יידישע ארבעטער און פאָלקס־מענטשען. כ׳האָב זיי געזען אין די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, אויף פארזאמלונגען, אויף פאָלקס פארוויילונגען און ערשטע מאי־דעמאָנסטראציעס. איצט שוועבן זייערע שאָטנס ארום מיר, איבער מיר אין וואָלקן־שטיקער, יעדער שאָטן מאָנט א חשבון... און דער הימל איז קאלט און שטום, ווי די מענטשן אויף דער ערד... גלייכגילטיק צו אונדזער בראָך גייען מענטשן יעדע נאכט אין ווארעמע בעטן שלאָפן, ווי א שווערד, צעפערטלט דאָס מיין הארץ און מוח. זייער גסיסה־לעבן, זייער טויט איז דאָך די שאנד פון יעדן איינעם אויף דער ערד און קיינער שעמט זיך נישט?

אוי וויי, אוי וויי... ווען איך זאָל האָבן כוח, וואָלט איך די הימ־לען צעריסן, די ערד צעטרייסלט און ארויסגעלאָזט א געשריי...

ס׳איז שוין נאָך מיטן־מאכט און איך פיר נאָך אלץ מיין חשבון. ס׳רייסט א ווינט, די שאָטנס יאָגן, יאָגן...

אויף לעסטער סקווער שטייט א שיכור און זינגט אַן אומעטיק ליד.

און איך דער ייד, דער פאָרשטייער פון די יידישע ארבעטער־מאַסן אין פוילן, — זינג אויך מיין ליד:

אַ ברודער, מיר האָבן געשלאָסן / אויף לעבן און טויט איין פארבאנד...

מיין לעבן געהערט צום יידישן פאָלק אין פוילן, און דערפאר גיב איך עס אים אַוועק". (פּייוול זיגלבוים — „ישראל שטימע", 29.1.74)

# שרייבער און דיכטער
# וועגן ארטור זיגעלבוים

ה. לייוויק

# עקדת זיגעלבוים

די לעצטע רגע זיינע וועט אין אונדזער באוווסטזיין ווערן איי־ביקייט, ווי די לעצטע רגע, א שטייגער, פון לעקערט.

די שפעטערדיקע ווירקונג פון זיגלבוימס קרבן, בין איך זיכער, וועט זיין א גרויסע. אין דעם הארץ פון דער וועלט וועלן זיינע לעצטע ווערטער, די אומגעוויינלעכע אין זייער פשוטקייט און אין זייער באשולדיקונג, ארײַנשניידן זיך, ווי אן אָנגעגליטע חתימה און זיי וועלן דאָס הארץ פון דער וועלט בריען און ברענען, ווי דאָס דאָזיקע הארץ פארדינט. נישקשה, עס וועט נאָך זיין געננג הארץ אין דער וועלט צו קלאָגן אין פיין אונטערן דרוק פון זיגעלבוימס ווערטער. דאָס הארץ פון דער וועלט וועט זיך דאָס מאָל נישט ארויסדרייען פון יסורים־אחריות, ווי עס האָט זיך ארויסגעדרייט נאָך דער ערשטער מלחמה.

אין טעקסט פון דעם באשולדיקונגס־אקט, וואָס די וועלט וועט ארויסשטעלן קעגן זיך אליין, צווישן די ווערטער, וואָס וועלן מיט א באזונדערן כח פאטשן דער וועלט אין פנים אריין, וועלן דעם אוי־בנאָן פארנעמען זיגעלבוימס ווערטער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין זיין אָפשייד־בריוו.

דאָס זענען נישט קיין ווערטער פון א בעל־גאווהניק, וואָס וויל אפילו זיינע לעצטע מינוט אויספוצן מיט עפעקט, דאָס זענען אויך נישט קיין ווערטער פון צו־להכעיס, פון פארביטערונג און פון פער־זענלעכער מידקייט. זיי זענען דורך און דורך ווערטער פון גרויסער

פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פון ערנסטלעכן באַוווּסטזיין פון אַ רעוואָ־לוציאָנער, וואָס וויל אין אַ וועלט פון ירידה נישט זיין דער יורד, וואָס וויל נאָכקומען זיין באַרוף פון יענע סאָציאַליסטישע תקופות און פון יענער סאָציאַליסטישער ריינקייט און אַרבעטער־תמימות, וואָס אין דער היינטיקער וועלט זענען זיי שוין כמעט נישט בנמצא, אָבער זיי זענען געווען בנמצא אין די טעג פון אַ הירש לעקערט. יענער ריינער אידעאַליסטישער באַוווּסטזיין פון קאַמף קעגן רשעות און גראָבער מאַכט, וואָס דערגרייכט זיין העכסטע הייליקייט און אמת גראַד דעמאָלט, ווען דער מענטש גיט אַוועק אַליין מיט פולער גרייטקייט און מיט פולער קלאָרקייט דאָס טייערסטע, וואָס ער פאַרמאָגט — זיין אייגן לעבן.

רחל קאָרן (מאָנטרעאַל)

## אַרטור זיגעלבוים *

ווען איז באַשטימט און באַזיגלט געוואָרן
דיין וווּנדערלעך־גרויסע, אומשטערבלעכע טאַט ?
צי האָט זי דיין קינדהייט געהאַט אויסגעחלומט,
צי איז זי געקומען, ווי אַ טונקעלע שליחה
אין דיין לאָנדאָנער נע־ונד ?

און אָנגעקלאַפּט שטיל אין דער טיר פון דיין שטוב,
אַ פרוי, טיף־פאַרשלייערט און מיד —

* שמואל מרדכי (אַרטור) זיגעלבוים האָט זיך אומגעבראַכט דורך נעמען אַ גרויסע דאָזע שלאָף־פּילן. נישט דורך אַ שאָס, ווי ס׳איז על פּי טעות געווען געמאָלדן אין דער פּרעסע.

## דער כוח צו שטאַרבן

„כ׳קום פון וואַרשעווער געטאָ, פון ברענענדער ערד,
מײַנע קלײדער צעריסן, מײַנע ברעמען פאַרזענגט
און מײַנע ליפּן אין בלוט״.

איז זי שוין געבליבן אין שותּפות געטרײַער
צו דײַנע פאַריתומטע טעג,
אין פאַראָבלטע נעכט דיר געשטאַנען צוקאָפּנס
און געוויזן דעם אײנציקסטן וועג.

האָסט אין טירן געקלאַפּט, אין פאַרשלאָסענע הערצער
פון דער וועלטס באַלעבאַטים: „ס׳איז אַ חרפּה, אַ שאַנד
אָנצורופן זיך „מענטש״, ווען פאַרגאַזט ווערן קינדער
און ס׳הייבט זיך בײַ קײנעם פאַר רעטונג אַ האַנט״ —

האָסט געשלעפּט פון פּאָרטפעלן די שטויסן פּאַפּירן
מיט ציפערן לאַנגע געכפלט דורך טויט —
און וואָס לענגער די ציפער, אַלץ קלענער די צאָל
פון יענע, וואָס ווערן אין אַש אײנגעגרויט.

זיי שמייכלען, די הערן, גאָר העפלעך, גאָר פײַן:
„גאַנץ מעגלעך, אַז איר זענט גערעכט,
מיר ווילן אײַך גלויבן — נאָר ברענגט אונדז באַווײַזן,
מיר זענען דאָך אַלע פון שטרענגע געזעצן די קנעכט״.

אויב עס שטימט נישט דער חשבון פאַר אײַך, מײַנע הערן,
איז מײַן לעבן, מײַן גלויבן געוועזן אַ גרײַז —
איך חתמע מיט בלוט יענע ציפערן לאַנגע,
זאָל מײַן טויט זײַן פאַר אײַך דער באַווײַז.

פייוול זיגעלבוים

אין א מאיאָווער נאכט, ווען ס'בליען די סעדער
און געאָרעמט מיט שטערן גייט דער פרילינג פאָרויס,
האָט א פענצטער, אן איינציקס געוואכט מיט זיין ליכט
אין דעם טונקלעם אַלט־לאָנדאָנער הויז.

האָסט געשריבן די בריוו מיט א רואיקער האנט
ס'זאָל זיי לייענען דער ערשטער קאיאָר —
ס'האָט אַ שאָס אָפּגעהילכט, אַן איינציקער שאָס
אָפּצומעקן די חרפה, די שאנד פון א דור
דורך אייגענעם טויט, מיט אייגענעם בלוט
און פאר יענע, וואָס האָבן אומזיסט דאָרט געוואַרט
א לעצטער ס א ל ו ט!

חוה ראָזענפארב, מאָנטרעאל, קאַנאַדע

## ארטור זיגעלבוים גייט אהיים...

ס'האָט די טעמזע צעוויקלט די וואסער־וואלן
און העקלט א שפינוועבס פון נעפל פון נאסן ;
פון בריקן פון ווייטע קייקלען זיך וואטענע באלן
ארויף אויף דעם גרוילעכן טרויער פון גאסן.

ווי שפעט איז ?

עס הענגען די הייזער געהילט אין פארקאָלטנטע שאָלן,
וואס פעדעמען אפ זיך פון ווייטע, צעבלייכטע אספאלטן.
אויף ראגעס פארשוומענע פינטלען לאמטערן־סיגנאלן
און רופן צו הימל און ערד, וואס האָבן זיך ערגעץ באהאלטן.

## דער כוח צו שטאַרבן

וי ווייט איז?

וואס פרעג איך, דער שפאנער אין נעפל, אין פרעמדן?
אויב נישט היינט, וועל איך מאָרגן אין שפין־געוועב פאלן.
צי פרעגט דען — וי ווייט איז — א שקלאף מיט געבונדענע לענדן?
צי פרעגט ווער אין אנבליק פון רויע שאַקאַלן!

וי שפעט איז?

דער אלטער „בען" דרייט לאנגזאם דאס שפינראד פון רגעס און שעהן.
א דאגה אים דען, וואס א טאג, צי א שעה ווערט פארפאלן?
דער יאוש פון לעבן איז זיס פארן מענטשן אין אויגנבליק גרויען
און ליב האָבן פארקן פארטרערטע זייער אומעט באנאלן.

בלויז מיך רופן זייגערס צו קלאָגן און צארנען, צו בעטן און שעלטן.
די רגעס זיי טרעפן, ווי קאלטע פארשפיצטע קינזשאַלן
אין הארץ פון מיין האַרץ, אין דער וועלט פון אַל מיינע וועלטן —
יעדן טאג גיי איך אויס מיטן אטעם פון רויך פון ספיראלן...

— קום נישט שפעט, טאַטע...

פלעגט זאגן מיין ייִנגל אין מאָרגנס פון געטא, אין אויפגאנג אין בלויען;
דאס קול פלעגט די וואנט פון מיין האַרץ מיט בטחון צעפראלן.
ווי ווייט בין איך איצט פון דעם קול, פון דעם קינדיש־געטרייען —
בלויז פחד פון אויגן איז דא מיט א נאָענט אזא מין ברוטאַלן...

א, ווי ווייט ס'איז!

דאָך קומט ער צו מיר דורך גאסן פארוויגטע אין נעפל־בעט שטילן.
...צי האב איך פארגעסן דעם פנים, דעם קינדיש־אָוואלן?

כ׳זע א זויגלינג, א זקן, כ׳זע דעם העלד פון אפריל און
ער טוט מיר באפעלן פון פלאמיקע וואלן:

טאַטע, פארשפעטיק זיך ניט!

*

מיט וויפל טויטן זע איך אים ניט פאלן?
אין וועלכע טראכטענישן הער איך דען זיין שטימע ניט?
ער רופט צו מיר פון אלע איבעראלן —
דער דור, וואס ווערט פארשניטן נאָך איידער ער בליט.

אומזיסט, מיין קינד, האָסט מיר געגעבן בלויז א כוח א מינימאלן —
אט שטיי איך פאר די הערצער ווי א בעטלער א בלינדער
און גיס פאר זיי מיט שפע פולע טרערן־קוואלן,
נאר ס׳ווערן ניט שיכור פון ווייטיק די טאַטעס פון קינדער.

אומזיסט, מיין פאָלק,

האָסט מיר געגעבן בלויז א קול א טעאטראלן,
צו שפילן פאר דער וועלט א טרויער־שפיל. ניט מער.
דיין בלוט פליסט פון מיין הארץ דורך גרויסע, פולע זאלן
און אלץ, וואָס כ׳קריג צוריק, איז ווערט ניט מער ווי׳א טרער.

ס׳האָט היינט א גרוס געבראכט א מאן מיר פון וואקזאלן,
א גרוס פון אייך צו מיר: — מיר קומען אום!
האב איך א כאַפּ געטון די קודלעס פון דער וועלט מיט כוח ברוטאַלן
פון מיין ווייטיק. כ׳האב צעטרייסלט זי און זי בלייבט שטום.

א גרוס האט איר געשיקט און כ׳הער דעם יאָמער דעם כאראלן:
— וואס דרייסטו זיך, א ברודער, דארט אין פרעמדער וועלט ארום?
שטאַרב זשע, ווי מיר שטאַרבן. אויב אלץ איז שוין פארפאלן,
טרייסל אפ פון שטויב זיך. אונדז געהערסטו. קער זיך אום!

## דער כוח צו שטאַרבן

גיי איך היינט, אַ ברודער, מיט דעם גאנג דעם פינאַלן.
א מידער בין איך, כאטש ס'האָט מיך זיין ניט געלוינט.
יעדער מענטש טראָגט א פחד אין זיך פארן סוף דעם פאטאלן,
איז גרויס דאס געשאנק, וואס איר גיט מיר: די גרייטקייט צום טויט.

כ'האָב אויסגעלאדנט אלע מיינע ארסענאלן.
איין קויל נאר איז פארבליבן אין מיין הארצן־קלאפּ פארמאכט. —
פון אלע זעלנער בין איך דער איינזאמסטער, וואָס וועט איצט פאלן.
פון אלע שלאכטן איז מיינע די פארשפילטסטע שלאכט...

*

איצט גיי איך אהיים צו מיין קבר־לאנד פוילן.
פאראַן אזא קפיצה פון דרך און צייט.
נאָר וונדער, א וונדער, פון שפינגעוועב הוילן
גריסט מיך א ליכט פון דער ווייט, זייער ווייט.

א ליכט וואָס צעצינדט זיך מיט אנדערע ליכטער. —
עס ווינקען אהער מיר ישועה־סיגנאלן.
יצחק פון חומש, גאָטס קינד דאס געליבטע,
ברענגט אָן מיר דעם שטויב פון עקדה־סאַנדאַלן.

יצחק, דער ליכטיקער בחור, אז וויל אים.
עס האָט אים דער טאטע א שייטער געבויט —
נאר דארט אויף די פעלדער פון קבר־לאַנד פוילן
פירט דער טייוול אליין קליינע קינדער צום טויט.

צו אים איז א ווידער א ווייסער געקומען,
א ווידער געקויפט האָט דאס בלוט פון א קינד,
נאר דארט אויף די פליינען פון קבר־לאנד פוילן
מוזן קינדערלעך צאָלן פאר זייערע זינד.

### פייוול זיגעלבוים

א, גאט האט דערהויבן צו הויך־פּיעדעסטאַלן
זיין פֿאָלק. צו מזבחות, וואס רויכערן זיך.
פאר יצחקלס לעבן טוען מיר צאָלן,
פארן שטויב פון זיינע עקדהשע שיך.

און איך, נאָר אן אבר פון גוף, וואס עס סמאַליעט,
פֿאַרוואַרפן פון שייטער דורך ווינטן פון רויך,
וועל קומען אליין צו דעם גרויסן מזבח —
נישקשה, נישקשה, עס קלעקט מיר נאך כוח.

איך בין דאך שוין ווייט פון די קינדערשע יאָרן;
קיין עין הרע א טאטע פון טעכטער און זין.
ס'דארף מיך קיינער ניט טרייבן און קיינער ניט פירן
אליין וועל איך גיין און וועל טרעפן אהין.

כ'וועל אליין זיין מיין חלף, אליין זיין מיין שעכטער.
און ס'ווידערל האָט זיך מיר איצטער פארטרויט:
יצחקלס כוח איז געווען אין זיין לעבן
און מיינער — אין אט א, דעם איינזאַמען טויט.

זיין כוח — אין דער האנט וואס האט זיך פארהאַלטן
און מיינער — אין דער, וואָס לאזט זיך אראפּ.
טאָ וויל איך דאס הארץ פון דער ערד היינט צעשפּאַלטן
מיטן פאל פון מיין יידיש־דערהויבענעם קאָפּ.

*

קום איך אהיים איצט — פארוואס אזוי שפּעט? —
זונעלע, קליינער, ניט פרעג.
ס'איז אפשר צו צייט גאר דאס שפּעטיקע קומען
און ס'איז דאָך געווען דער איינציקער וועג.

## דעם אנדענק פון ש. זיגעלבוים (ארטור)

שוין לאַנג פארשווונדן איז דער רויש פון שלאַכט,
די בונקערס זענען שוין פאַרהיילט מיט גראָז.
נאָר אין דעם רוים איז אַלץ נאָך נישט פארמאַכט
דער ווידערקלאַנג פון זיין רעוואָלווער־שאָס.

דורך בלאָע הימלען לויפט ער און וויברירט,
ער רייסט אדורך די צוימען פונעם ווינט —
די וועלט, וואָס האָט זיין פאָלק צום טויט געפירט,
האָט אַלץ נאָך נישט געענטפערט פאַר איר זינד. — — —

פון וואַרשע ווייט, פון נאָענטע צעשיידט,
אויף יענער זייט פון געטאָ און פון פראָנט —
ער הערט זיך איין: צום אומשלאַגפלאַץ עס גייט
די מאַסע — אָן אַ ליד און אָן אַ פאָן.

פארמאַכט איז פשעיאַזד ביי דער לעשנע גאַס,
פאַרשלאָסן איז פון ערשטן מאַי דער גאַנג.
א צוים פון ציגל און א צוים פון האַס
צעשניטן האָט דאָס ארבעטער־געזאַנג.

בלויז איין מאַרשרוט נאָך איז געבליבן פריי:
צו רעלס און צו פאַרקאַלעכטן וואַגאָן.
ער הערט זיך איין: עס גייט, עס גייט פאַרביי
די מאַסע — אָן אַ ליד און אָן אַ פאָן.

אין באָמבעקראַך, אין רויכן איינגעהילט —
ווי וועט די ערד פארנעמען זיין פאַרדראָס?
ער שטעלט אָן דעם רעוואָלווער און ער צילט,
און טובלט מיט זיין אייגן בלוט דעם שאָס.

די איינע קויל רייסט דורך דעם אוישוויץ־פלאַם,
און ווי אַ בליץ, וואָס נעמט ארום די ווייט,
זי צייכנט אָן פון שולדיקייט דעם שראַם
אויף דעם פאַרברעכער־פּנים פון דער צייט.

# שמואל מרדכי זיגעלבוים ז״ל

## פון דר. שלמה ביקל

זונטיק, דעם 24־טן איז געבראכט געוואָרן צו קבורה אויפן בית עולם פון ארבעטער־רינג דאָס אש פון הקדוש שמואל מרדכי זיגעלבוים. צו דער געלעגענהייט דרוק איך דאָ די רעדע, וואָס איך האָב מיט טעג צוריק געהאַלטן אויף דער ראַדיאָ־שעה פון דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס.

באַרדיטשעווער יידן האָבן חלילה נישט פאַרפעלט צו גיין דאווענען און צו לייגן תפילין, אָבער ווען דער באַרדיטשעווער ז״ל, פלעגט דורכגיין די גאַס און זען, אז יידן זענען פאַרהאַוועט אין פרנסה און פאַרטאָן אין עסקים, האָט ער ארויסגעשיקט ר׳ בעריש כעמערישער און דורך אים זיי געלאָזט אָנזאָגן, אז — בשם הרב מבארדיטשעוו — בין איך מכריז ומודיע, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט.

אין די יאָרן פון דער מלחמת מצוה קעגן היטלער הרשע, אין וועלכער עס זענען געווען ארייַנגעטאָן די מערבדיקע פעלקער, האָט מען געקאָנט מיינען, אז מען דאַרף זיי, די ציוויליזירטע פעלקער פון דער וועלט, נישט דערמאָנען, אז עס איז דאָ אזא זאך ווי א געוויסן פון דער מענטשהייט, אז עס איז דאָ אזא זאך ווי גאָט אין הארצן, צו וועלכן מען דאַרף דינען.

האָבן זיי, די פעלקער פון דער מערב־וועלט, דען נישט געטאָן גאָטס שליחות? איז נישט יעדער טאַנק אויף צו צעשמעטערן דאָס מלכות רשעות געווען א מין של ראש אויפן קאָפּ פון דער מענטשהייט? איז נישט יעדע ביקס, וואָס א זעלנער פון דער רעגולערער ארמיי, אָדער א פארטיזאנער אין די געדיכטענישן פון וואלד האָט געטוליעט צו זיין ברוסט, נישט געווען בבחינת ציצית, וואָס די

מענטשהייט האָט געקושט אין קאַמף אויף אָפּצווישן היטלערס ממ־שלת זדון פון דער ערד?

יאָ, די מענטשהייט האָט געדאַווענט און געלייגט תפילין, אָבער זי איז אַזוי געווען פאַרטאָן און פאַרהאַוועט אין דער מלחמה און אויף צו געווינען די מלחמה, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין צייט און קיין געדולד צו באַמערקן, אַז בעת זי דערנענטערט זיך אַלץ מער און מער צום זיג איבערן משחית, מאָרדעט דערווייל אויס, די געשטאַפּאָ, אַ גאַנץ פאָלק לעיני, אין די אויגן פון דער מענטש־הייט און אין די אויגן פון די מערב׳דיקע קריג־פירער.

טשוירטשיל און רוזוועלט זענען אויסגעגאַנגען אָפּצוראַטעווען אַ וועלט און האָבן ניט געזען ווי אַ גאַנץ פאָלק שטייט ביי דעם אָפּ־גרונט פון אונטערגאַנג אין די מזרח־אייראָפּעישע געטאָס. און אפ־שר האָבן זיי יאָ געזען, נאָר זיי זענען נישט געקומען צו הילף יענעם פאָלק אין די געטאָס, ווייל זיי זענען נישט געווען זיכער, צי על פּי דער סטראַטעגיע פון זייערע גענעראַלן קענען זיי זיך דערלויבן צו העלפן.

מיט די לעצטע כוחות האָבן די יידן פון וואַרשע, די לעצטע פאַרבליבענע יידן פון וואַרשע, אָנגעצונדן ערב פסח תש״ג דעם פאַקל פון אויפשטאַנד געגן די אויסראָטער און האָבן סיגנאַליזירט דער וועלט, אַז איר געוויסן איז פאַרטונקלט, וואָרום ביז זי, די וועלט, וועט זיגן, וועט אַ פאָלק אין די געטאָס אונטערגיין, די וועלט האָט דעם סיגנאַל געהערט, אָבער זי האָט רוטינאַווע ווייטער גע־דאַוונט, איך מיין, ווייטער געקעמפט און נישט געטאָן גאָרנישט אויף צו העלפן די יידן אין וואַרשע, די יידן אין ווילנע און די יידן אין אַלע שטעט פון פּוילן, זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם שונא. מען האָט נישט געוואָרענט היטלערן, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַ פאַרבינדעטער פון אַמעריקע און ענגלאַנד, און אַז מאָרדן יידן איז גלייך ווי מאָרדן קריגס־געפאַנגענע.

און עס האָבן, לאָמיר מודה זיין, אויך רוטינאָווע געדאַוונט דעם קאַמף געגן היטלערן די יידן אין די פרייע לענדער.

מיר יידן אין ניו־יאָרק און אין לאָנדאָן, און אין אלע נאָך פריי־געבליבענע שטעט אויף דער וועלט, האָבן זיך נישט אָנגעטאָן קיין זעק אויף די לענדן און האָבן נישט געשיט קיין אש אויפן קאָפּ און זענען נישט ארויס דעמאָנסטרירן פארן „ווייסן הויז" אין וואשינגטאָן און פאר „דאונינג סטריט" אין לאָנדאָן און שרייען, אז מיר פארלאנגען תיכפדיקע הילף פאר אונדזערע ברידער אין די געטאָס. מיר האָבן נישט געלאָזט וויסן דער וועלט, אז אויב מען לאָזט צו גרונט גיין אונדזערע ברידער קאָנען מיר דאָ אויף דער פריי נישט סתם ווייטער לעבן.

מיר קענען נישט, ווייל אונדזער מענטשלעך געוויסן דערלויבט אונדז נישט, אז מיר זאָלן דאָ לעבן מיט אלע קליינע און גרעסערע הנאות פון לעבן, בעת זיי דאָרט שטאַרבן אין מאסן, מיט אלע גרעסטע און אכזריותדיקע פיינען פון שטאַרבן.

קיינער פון אונדז האָט זיך נישט צוגעהערט און האָט נישט דערהערט קלאַפּן זיין יידיש און מענטשלעך געוויסן עד שקמת שמואל מרדכי, ביז דו ביסט נישט אויפגעשטאַנען, דו, דערהויבענער און הייליקער ייד שמואל מרדכי זיגעלבוים, און האָסט ווי דער גרויסער משמש פונעם באַרדיטשעווער רב מכריז ומודיע געווען, אז בשם פונ׳ם יידישן פאָלק און פון זיין צוויי־טויזנט יעריקער מאַר־טירער־געשיכטע, בין איך, אַ דינער פון דעם דאָזיקן אַלטן פאָלק און א דינער פון דער אידיי פון נאציאָנאַלער און סאָציאַליסטישער באפרייאונג פון אלע פעלקער, מכריז ומודיע, אז ס׳איז דאָ א גאָט אין הארצן, וואָס פארלאנגט מען זאָל זיך צוהערן צו דער פיין און צו די טויט־געשרייען פון די יידן אין די גאַז־קאמערן, אפילו ווען מען פירט א באפרייאונגס־קריג געגען היטלערן. דאָס מענטשלעכע געוויסן פארלאנגט, אז מען זאָל ניט זיין פארטאָן אין סתם זיג, נאָר

אַז מען זאָל אויך טראַכטן תיכף אָפּצושטעלן די פּייערן פון די גאַז־אויוונס, כדי אויך די קינדער, וואָס זייער איינציקע זינד איז יידישקייט, זאָלן קאָנען דערלעבן דעם נצחון און פרייהייט.

שמואל מרדכי זיגעלבוים האָט אַוועקגעגעבן פרייוויליק זיין לעבן, כדי מיט אָט דעם קלאַפּ אין טיר פון טויט אויפצוּוועקן דאָס געוויסן פון די לעבעדיקע אויף דער וועלט.

ווען איך האָב געלייענט דעם בריוו, וואָס הקדוש שמואל מרדכי זיגעלבוים האָט געשריבן צו דער וועלט און צו איר געוויסן, איז אין מיר אויפגעגאַנגען די אַסאָציאַציע צו די רייד, וואָס ר׳ שלמה איבן ווירגאַ האָט, ביים סוף פון זיין ספר „שבט יהודה" גערעדט צום געוויסן פון דער וועלט — צו גאָט, ברוך הוא. ר׳ שלמה איבן ווירגאַ האָט אין זיין טעאָלאָגישער שפּראַך גערעדט די רייד פון ר׳ שמואל מרדכי זיגעלבוים מיט איבער פיר הונדערט יאָר שפּע־טער. עס האָט געזאָגט ר׳ שלמה ווירגאַ: ווי אַזוי קאָנסטו איבער־טראָגן און צוזען, גאָט, דאָס אומגליק, וואָס ס׳האָט געטראָפן דיין פאָלק, און ווי אַזוי קאָנסטו צוזען, ווי עס גייט אונטער דיין פאָלק, ווי עס גייען אונטער די זין פון דיינע קנעכט; זאָל נישט מינער זיין פאַר דיר, גאָט, אונדזער פיין, און קוק אַראָפּ פון הימל און זע, אַז מיט אַלע אויסראָטונגען הערן מיר נישט אויף דיר נאָכ־צוגיין...

ווי שלמה איבן ווירגאַס ווענדונג צו גאָט, אַזוי האָט אויך שמואל מרדכי זיגלבוים׳ס רוף צום געוויסן פון דער וועלט, ניט בלויז דערמאָנט די אַנדערע, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, נאָר אויך פאַרזיכערט דער וועלט, אַז מיר, יידן, הערן נישט אויף נאָכצוגיין דעם דאָזיקן מאָראַלישן געוויסן און זיך אויף אים סומך צו זיין. ווי פון ר׳ שלמה איבן ווירגאַס סוף פּסוקים אין זיין „שבט יהודה", אַזוי אויך פון ח׳ שמואל מרדכי זיגעלבוימס בריוו טראָגט זיך צו אונדז און זינגט אַריין אין אונדזער האַרץ ס׳געזאַנג פון איי־

ביקער האָפּענונג: אני מאמין בביאת המשיח, איך גלויב אין משי־חן; איך גלויב אין דער דערלייזונג פון דער וועלט, אפילו ווען די גאולה פאַרזאַמט זיך.

שמואל מרדכי זיגעלבוים האָט אוועקגעגעבן זיין לעבן פאַר איין שאַל פון דעם שופר פון פרייהייט, פון האָפענונג און פון גע־וויסן. אויף וויפל דער שאַל איז דערגאַנגען צום הארץ פון די פעלקער פון דער וועלט, ווייס איך נישט; אָבער אריינגעדרונגען האָט ער, בלי ספק, אין הארץ פון יידישן פאָלק, אין הארץ פון דער יידישער געשיכטע.

דורות יידן וועלן מיט יראת הכבוד דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם בונדיסט שמואל מרדכי (ארטור) זיגעלבוים; זיי וועלן לייע־נען זיינע בריוו און אים דערמאָנען, ווי דעם מאַן פון גרויסן מוט, פון פערזענלעכן און נאַציאָנאַלן מוט, וואָס האָט זיך אין איינער פון די שווערסטע שעה׳ן פון אונדזער היסטאָריע אוועקגעשטעלט בשער העולם, אין טויער פון דער וועלט, און האָט דערמאָנט דער מענטש־הייט און אונדז אַלע, אַז ס׳איז דאָ א גאָט; אַז ס׳איז דאָ א וועלט געוויסן, און אַז מיר מוזן זיך אומקערן צו אים.

שמואל מרדכי זיגעלבוימס קרבן איז גרויס, אָבער גרויס איז אויך זיין זכיה — די זכיה, וואָס אנאַטאָל פראַנס האָט זי אַמאָל פאָרמולירט, ווי די פריווילעגיע צו זיין פאַר א מאָמענט לאַנג דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט.

אָט די מאָמענטן אינאיינעם זענען דער משיח׳ישער פלאַקער פון אונדזער געשיכטע, און אָט די מאָמענטן אינאיינעם שטעלן אין תוך צונויף די גרויסע זעאונג פון וועלט־גאולה.

# די לעגענדע פון אונדזער דור

## — צו דעם 21־טן יאָרטאָג פון ארטור זיגעלבוים —

### פון רחל ה. קאָרן

דאָס איז געווען אין חודש מאַי, אין סאַמע מיטן פון פרילינג, ווען עס בליען די קאַשטאַן־ביימער, דער זשאַסמין, דער בעז — אָט אין אַזאַ פרילינגדיקן טאָג, ווען אַלץ רייסט זיך צום לעבן, בעת דאָס מינדסטע גרעזעלע, וואָס האָט נאָר וואָס דורכגעבראָכן די האַרטע אויבערפלאַך פון ערד און אויסגעקעמפט פאַר זיך אַ פלאַץ אונטער דער זון — האָט צווישן די פיר ענגע ווענט פון אַ געדונגען צימערל, ערגעץ אויף איינער פון די אומצייליקע לאָנדאָנער גאַסן, אַ הילך געטון אַ שאָס, ווי אַ סיגנאַל פון אַן אונטערגייענדיקער וועלט, דער אידישער וועלט אינמיטן חשכות פון צעבושעוועטן נאַציזם.

צו גאָר גרויסע געשעענישן איז נויטיק דיסטאַנס, שטח אין צייט, כדי מען זאָל זיי קענען אָפּשאַצן ווי געהעריק, פאַרשטיין זייער באַדייטונג.

טאָלסטאָי׳ס „קריג און פרידן״ איז נישט געוואָרן אָנגעשריבן בעת דעם נאַפּאָלעאָניש־רוסישן קריג; עריך מאַריאַ רעמאַרק׳ס ווערק „אויפן מערב פראָנט קיין נייעס״, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די מענטשן פון אַלע פעלקער און לענדער, איז נישט אַנטשטאַנען אין שוצן־גרובן בעת דער מלחמה, נאָר שפּעטער, ווען די אַלע פאַסירונגען האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוקריסטאַליזירן, באַקומען געשיכטלעכן אַספּעקט און געזעצמעסיקייט.

אין די לעצטע 25 יאָר האָבן די געשעענישן אין אונדזער ווירקלעכקייט געיאָגט איינע די אַנדערע מיט אַזאַ, ממש אכזריותדיקער געשווינדקייט, אַז בלויז דער רעפּאָרטאַזש האָט זיי געקענט אויפכאַפּן, ווי אויף אַ פילם־טאַשמע, אויפכאַפּן און פאַרנאָטירן.

א גרויסע, איינמאָליקע טאַט איז געגליכן צו אַן אומשטערבלעך ווערק פון א גרויסן קינסטלער — ביידע נעמען אריין אין זיך אלע שטרעמונגען פון א גאַנצער עפּאָכע און פירן זיי צו צו א קולמי־נאַציע פונקט, צו א פאַטעטישער פאַר׳זיווג׳טקייט מיט דער אייבי־קייט.

צו אַרטור זיגעלבוימען, צו זיין גרויסער טאַט זענען מיר ביז אהער צוגעקומען בלויז דורך רעפּאָרטאַזש־אַרטיקל באַשרייבונגען, וואָס זענען אויס פאַרבלאָז און הילפלאָז אין שאָטן פון זיינע לעצטע ווערטער: „איך קען נישט לעבן, ווען די רעשטלעך פון יידישן פאָלק אין פוילן, וועמענס פאַרשטייער איך בין, ווערן אומגע־בראַכט״.

ווייזט אויס, אַז אונדזער צייט איז נאָך נישט דערוואַקסן צו אָט דער גרויסער טאָט, וואָס שטייגט איבער אלע ביז איצט באַוווסטע פאָרמען פון העלדנטום, פאַר וועלכע מיר האָבן נאָך נישט געפונען קיין נאָמען.

העלדישקייט איז אָפט דער פּועל־יוצא פון אַן אויסזיכטסלאָזער סיטואַציע, ווען קיין אויסוועג, קיין אַנדער ברירה איז נישט פאַראַן.

עס איז אויך דאָ א סאָרט העלדישקייט, וואָס קומט פון אַוואַנ־טוריסטישן גייסט, דאָס זוכן בכיוון געפאַרן, בכדי צו באַווייזן דער וועלט און זיך גופא, אז מען איז בכוח זיי ביייצוקומען, צו באַצווינגען. עס איז אַן איינשטעלעניש, אַ האַזאַרד, אָבער בשעת מעשה גלויבט מען, אַז מען וועט דאָך בלייבן לעבן.

אַרטור זיגעלבוימס טאָט קען נישט ווערן צוגערעכנט צו קיין שום קאַטעגאָריע פון די ביז איצט באַקאַנטע העראָאישקייטן. זי איז אַן איינציקאַרטיקע, איינמאַליקע דערשיינונג. עס איז אויך נישט געווען קיין אָקט פון פאַרצווייפלונג. פאַרקערט, הינטער אַרטור זיגעלבוימס טאָט איז געשטאַנען זיין געטריישאַפט, זיין גאַנצע גלויביקייט אין מענטש, מענטשלעכקייט און די אידעען, אידעאַלן פון

א בעסערן מאָרגן, וועלכע ער האט איינגעזאַפּט אין זיך און זיך מיט זיי נישט געקענט צעשיידן אפילו אין די שווערסטע מינוטן פון זיין לעבן.

מיט זיין טאַט האָט ארטור זיגעלבוים געוואָלט דעמאַסקירן אָט די אלע, וואָס האָבן געפּרואווט פארשטעלן מיט הויך־קלינגענדיקע פראַזן וועגן הומאַניטאַרישקייט זייער ענגהאַרציקייט און אינדיפע־רענץ.

גלייכצייטיק האָט ער, דער מאמין, געוואָלט דער פאַרקריפּלטער צייט צוריקגעבן איר חשיבות, זי ארויסהויבן פון דעם חלל פון רעכט־לאָזיקייט און אכזריות.

אַרטור זיגעלבוים איז געווען צווישן באַשיידענסטע, תמימות־דיקסטע, אַן עכטער פאָלקס־מענטש מיט גרויסער ליבשאַפט צו זיינע מיטמענטשן, צו זיין פאָלק. ביז עס איז געקומען די גורלדיקע שעה, ווען אים איז געוואָרן באשערט צו ווערן דער שליח פון זיין פאר־פייניקט פאָלק, דער שליח צו דער „פרייער וועלט", א וועלט מיט טויבע אויערן און א פארשלאָסן הארץ.

ארטור זיגעלבוים איז געוואָרן דערשטוינט און דערשיטערט — ער האָט זיך קיינמאל נישט געקענט פאַרשטעלן, אז אזעלכעס איז גאָר מעגלעך. ער און זיינע חברים און די אלע איבערגעבליבענע יידן אין פּוילן, זענען דאָך געווען זיכער, אז „די וועלט" ווייסט נישט גענוי וואָס עס קומט פאָר הינטער די געטאָ־פאַרצוימונגען, אין די אויסראָטונגס־לאַגערן פון מאַידאַנעק, אָשוויענטשים, טרעמבלינקע, בעלזשעץ.

אָבער ווען קיינער פון די, וואָס האָבן געהאַלטן די לייצעס פון די וועלט־געשעענישן אין די הענט און געפּרעדיקט א קרייצצוג קעגן יעדן אומרעכט, האָט זיך נישט אָפּגערופן אויף זיין פארצווייפלטן רוף נאָך הילף פאר די רעשטלעך פון אויסגעהרגטן פאָלק, ווען זייער איינציקער ענטפער איז געווען טויט־שווייגעניש — האָט אָט דער

שטילער באַשיידענער פֿאָלקס־מענטש זיך דורכגעשמועסט מיט זיך אַליין און באַשלאָסן אַריינצושיסן אַ קויל אין דעם אַטראָפֿירטן געוויסן פֿון דער מענטשהייט, אַ קויל, וואָס זאָל ווערן געזעטיקט און געשטאַרקט מיט דעם וואַרעמען בלוט פֿון זיין אייגן האַרץ.

זיין שליחות אויפֿצורודערן די וועלט מיט די שוידערלעכע ידיעות פֿון די געטאָס און פֿאַרניכטונגס־לאַגערן האָט זיך זיגעלבוימען נישט איינגעגעבן, אָבער פֿון דורכפֿירן אַ שליחות אַריבער די גרעג־נעצן פֿון צייט און רוים, אַ שליחות, וואָס זאָל זיך אַריינבויערן אין דער צוקונפֿט, ווי אַ גליענדיקער דאָרן, וואָס זאָל נישט אויפֿהערן פֿאָדערן און מאָנען יושר און גערעכטיקייט פֿאַר אַלע פֿעלקער און פֿאַר אַלע ראַסן, און גלייכצייטיק דינען אַלס אַ באַווייז, אַז מען קען זיך קעגנשטעלן אַלע דיקטאַטורן און טעראָרן וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם זיי זאָלן נישט אָננעמען, פֿון דעם האָט אים קיינער און גאָרנישט נישט געקענט אָפּהאַלטן. די איינציקסטע וואָפֿן, וועלכע מען קען אין אַזאַ פֿאַל אָנווענדן זענען מוט, שטאַנדהאַפֿטיקייט און גלויבי־קייט. מיט אָט די וואָפֿן האָט אַרטור זיגעלבוים באַזיגט די צוקונפֿט, בעת אַלץ און אַלע אַרום האָבן מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט אויפֿגענו־מען די פֿאַרלענדונג פֿון זיין פֿאָלק.

ווי אַ פֿאַראָל פֿאַר די קומענדיקע דורות האָט אָפּגעהילכט אָט דער שאָס אין יענעם טאָג פֿון חודש מאַי. אַרטור זיגעלבוימס טאָט איז געבליבן ווי אַ וועגווייזער נישט נאָר פֿאַר די קומענדיקע דורות, נאָר אויך פֿאַר אונדז, זיינע מיטצייטלער, וואָס זוכן אַן אָנשפּאַר אין דער איצטיקער צייט פֿול מיט געשפּאַנטקייט און לויערנדיקע סכנות.

אַרטור זיגעלבוימס טאַט איז ווי אַ בוסאָלע, אַ קאָמפּאַס אין דער אויפֿגעשווידערטער תקופֿה, וואָס האָט דערפֿירט די מענטשהייט צום סאַמע ראַנד פֿון אַן אָפּגרונט.

איין איינציקער מענטש האָט זיך פֿאַרמאָסטן אַרויסצורופֿן אויף

אַ דועל די אַלע פינצטערע כוחות, וואָס געוועלטיקן אין פאַרשידע־נערליי פאָרמען פון סאַמע בראשית פון דער מענטשהייט. און ער האָט מנצח געווען.

ער האָט פאַרהייליקט דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס עס איז פאַראַן אין מענטש.

אויב די מאָס פאַר גרויסקייט פון אַ פאָלק זענען די אויפטוען און טאַטן פון זיינע זין און טעכטער, דאַן האָבן מיר דאָס פולסטע רעכט צו זאָגן: געבענטשט און אומשטערבלעך איז דאָס פאָלק, וואָס האָט דער וועלט געגעבן אַזאַ ליכטיקע געשטאַלט.

מיר בייגן אונדזערע קעפּ אין טיפסטן טרויער און גרעסטער באַוווּנדערונג פאַר דער לעגענדע פון אונדזער דור — פאַר אַרטור זיגעלבוימען.

# אַרטור זיגעלבוים אין דער יידישע פּאָעזיע

(צו זיין פינף און צוואַנציקסטן יאָרצייט)

פון ח. ש. קאַזדאַן

אין דער נאַכט פון 11־טן אויפן 1־טן מאַי 1943 איז אַרטור זיגעלבוים באַגאַנגען זעלבסמאָרד אין לאָנדאָן. מיט אַ יאָר פריער איז ער געקומען קיין לאָנדאָן צו זיין דער פאַרטרעטער פון „בונד" אין פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט. מיט טויזנט פעדים איז ער געווען געבונדן מיטן פּוילישן יידנטום און מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דעם ערשטן יאָר פון דער נאַצי־מלחמה האָט ער דורכ־געמאַכט צוזאַמען מיט אַלע וואַרשעווער יידן. איצט איז ער געווען זייער שליח־ציבור און אויפגענומען די מאַרטירער־פּיינען פון די פּוילישע יידן — פון דער ווייטן. די ידיעות, וואָס זיינען געקומען צו אים פון אונטערערדישן „בונד", זיינען געווען שרעקלעך, נישט

איבערצוטראָגן. אפריל 1943. עס זײַנען די לעצטע שעהן פון וואַרשעווער געטאָ, פון דעם לעצטן ביסל ייִדן. ארטור באַשליסט: „איך קען ניט בלײַבן לעבן, ווען די רעשטלעך פון ייִדישן פאָלק אין פוילן ווערן אומגעבראַכט". זײַן יונג לעבן לייגט ער אַוועק אויף דעם מזבח פון ייִדישן פאָלק. עס איז זײַן לעצטער פּראָטעסט קעגן דער גלײַכגילטיקער דעמאָקראַטישער וועלט.

ארטורס נאַציאָנאַלע טאַט האָט אויפגערודערט מיליאָנען ייִדן און נישט־ייִדן. ער פאַרבלײַבט א סימבאָל פון נאַציאָנאַלער אחריות און נאַציאָנאַלן ווידערשטאַנד, א סימבאָל פון העראָאיק אין ייִדישן לעבן.

*

די ייִדישע פּאָעזיע איז געשטאַנען פאַר א גרויסער נאַציאָנאַל־קינסטלערישער אויפגאַבע צו פאַראייביקן די געשטאַלט פון ארטור — זײַן לעבן און זײַנע לעצטע מינוטן. אויף דעם הייסן מאָמענט איז עס אפשר געווען אוממעגלעך צו פאַרווירקלעכן, צו שווער, צו געוואַגט. די געשטאַלט פון הירש לעקערט, למשל, איז אַרײַן אין דער ייִדישע פּאָעזיע ערשט מיט יאָרן שפּעטער. דערצו, ארטורס אַקט איז געווען נאָר א קלײנער ברוכטייל אין דעם בילד פון דער גרויסער ייִדישער חורבן־טראַגעדיע. נישט יעדער ייִדישער פּאָעט האָט געוואַגט זיך צוצורירן צו דער טעמע „ארטור זיגעלבוים".

זלמן שניאור לאָזט אונדז איבער א דראַמאַטישע פּאָעמע „זיגעלבוימס קאַמף מיטן שאָטן". עס איז א סצענע פון אינערלעכע ספיקות, א צווייקאַמף צווישן שכל און געפיל. דער שאָטן טענהט צו אים: „איך וועל נישט דערלאָזן זאָלסט אָפּגעבן אומזיסט דײַן לעבן"... אויף דער מאַטערנדיקער פראַגע — „וואָס דאַרף מען טאָן אַצינד אין נעפּלדיקן לאָנדאָן?! — ענטפערט דער שאָטן: „גאָרנישט! נאָר צו פרי ניט שטאַרבן! (פאַרבלײַב) און עדות, א לעבעדיקער בלוט־שטעמפּל אויפן פרעכן שטערן פון דער וועלט!".

## דער כוח צו שטאַרבן

ארטור קען נישט מסכים זיין מיט אזא מיסיע. ער ענטפערט דעם שאַטן:

ניטאָ קיין ביסלעכווייז אצינד!
גלייך און אויף אַן אָרט —
ווי אַ שטורעם־באַק — אין שטאָט־מויער אריין!
און זאָל מיין פוסטער שארבן
צעשפּרינגען, און צעברעכן
די שויבן אין די הויכע פענצטער! — — —
איך האָב אלע וועגן אויספּרובירט,
געקלאַפּט אין אלע טירן,
אלע טויבע אויערן פארשריען:
אזא שייטערהויפן,
ווי עס ברענט אצינד אין פוילן,
האָבן זיבן מיטלאלטערס
מיט זיבן טאָרקוועמאַדאָס
ניט אָנגעצונדן! — — —
און אָט איז זי, די לעצטע מאָנונג
פון די הונדערט טויזנטער מארטירער:
שטאַרבן אויפן אָפּגעהאַקטן שוועל
פון די גרויסע מאַכטהאָבער!
אפשר וועלן זיי זיך אומקוקן...

דער שאָטן דערמאָנט אים וועגן זיין פרוי און קינדער, וואָס ער האָט געלאָזן אין ווארשעווער געטאָ. ער האָט אלע פליכטן צום פאָלק און צום יידישן ארבעטער־קלאַס אויסגעפירט, חוץ איינס — „נאָר ניט די פליכט צו זיך אליין... ווער וועט אָפּשאַצן דיין לעצטן קרבן?" אָבער זיגעלבוימס גייסט בלייבט פעסט, ער לאָזט נישט צו צו זיך קיין שטימונגען פון קליינמוט, פון האָפענונגסלאָזיקייט. ער

דערמאָנט זיך די וואַרשעווער בילדער פון אַמאָל, ער זעט „א גאַנץ פאָלק וואָס פּלאַקערט״ אין מיידאַנעק, טרעבלינקע, און ער ענט־פערט מיט אַנטשיידנקייט, אַנטשלאָסנקייט:

אומקומען!
עס איז דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן
מיר, שליח אומבאַוואָפנטן
פון אַן אומבאַוואָפנטן פאָלק.

דער שאָטן איז באַזיגט... אַרטורס קרבן איז אָנגענומען גע־וואָרן...

א. לעיעלעס־גלאַנץ האָט אָנגעשריבן א גרויסע פּאָעמע „דער ייִנגסטער זון״ און האָט זי „געווידמעט מיט ליבשאַפט דעם ליכטיקן אָנדענק פון דעם קדוש שמואל (אַרטור) זיגעלבוים״. עס איז א קאַפּיטל פון דער פּאָעמע „א ייִדישע שטוב אין פּוילן״. עס איז א גרויס בילד, ווי אַזוי עס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך א ייִדישע משפּחה אין אַמאָליקן פּוילן — גייסטיק, געזעלשאַפטלעך. א מערק־ווירדיקע „ליידנשאַפט און פּאַטאָס פון די זין און טעכטער ייִדישע צו ווערן קוואַטערס פאַר דער פרייהייט פון דער וועלט״ און פון פּוילן, זייער היימלאַנד. צו ביסלעך אָבער דרינגען אַריין אין דער ייִדישער שטוב נייע שטימונגען, נייע אידעען, וואָס וואַרפן אָפּ

דעם באַגער צו זיין ווי עס זיינען גוֹיים אַקוראַט.

אָט אין דער נייער אַטמאָספער, אין די נייע ווינטן איז אויסגע־וואַקסן שמואל דער מוזיקער. נייע לאָזונגען, נייע געבאָטן וועקן זיך און רייפן אין יונגן שמואל — א נייער „געדאַנקען־שנור״ פון לעבן און קאַמף, פון וועלט און ייִד, פון גלייכהייט און גערעכטיקייט. עס וואַקסט שמואלס קאַמפּסלוסט און אַנטשלאָסנקייט, עס וואַקסט אין אים דער קומענדיקער שטאָלצער קעמפער.

ס'בלייבט זיין שלאַכטפעלד דער פאַרהאַסטער לאַנגער גלות.
גלות — דאָס איז וועלט אין פיינלעכן גאולה־גאַנג.
אויב ניט הייַנט, וועט זיין ווער עס זאָל אים מאָרגן אַרבן;
אויב ניט לעבן — ער וועט וויסן ווי צו שטאַרבן.

אַ לויב צו די וואָס האָבן געלערנט פון די דעמבעס אין וואַלד און האָבן געוווסט ווי צו שטאַרבן שטייענדיק, נישט פאַלנדיק גייסטיק, אידעאיש.

ז. סעגאַלאָוויטש האָט אין זיין פּאָעמע „דאָרטן" באַשריבן וואַרשע אין די דריי וואָכן פון דער נאַציישער אינוואַזיע און באַלאַגערונג. ער באַזינגט די העלדישע יחידים און מאַסן פון דער באַלאַגערטער הויפּטשטאָט. ער רעכנט אויס נעמען — פּוילישע און יידישע, זייער ווירדיקע און מסירת־נפשדיקע האַלטונג אונטער דעם שטורעם פון די דייטשישע האַרמאַטן. צווישן די אַלע נעמען שיינט אַרויס מיט אַ באַזונדער ליכט אַרטור זיגעלבוים.

דער חבר אַרטור, דאָס איז שמואל,
יאָ, זיגעלבוים שמואל איז זיין נאָמען,
אין וואַרשעווער טעג פון עינויים
און שווידער פון גאַסן־מלחמה —
געהאָלפן ווו ווער האָט געבלוטיקט,
געהאָלפן די גאַס צו באַשפייזן,
געוווען אומעטום און געמוטיקט
און וויפל אַ מענטש קען באַווייזן — — —
דריי וואָכן אין מאָרד און יסורים,
דריי וואָכן אין גרויזאַמען שעכטן,
דריי וואָכן אין פייער און שטורעם...

עס וואַרטן אויף אַרטורן נאָך אַ סך וואָכן און חדשים פון שווערע נסיונות. עס וואַרט אויף אים דער הייליקער טויט.

חוה ראָזענפארב האָט א גרויסע פּאָעמע „ארטור זיגעלבוים גייט אהיים". לאָנדאָן. ארטור אין שליחות פון פּוילישן יידנטום. ער שפּאנט איבער די גאסן. פאר זיינע אויגן טראָגט זיך זיין זון,

ער טוט מיר באפעלן פון פלאם־געטאָ־וואַלן:
טאַטע, פארשפּעטיק זיך ניט...

ארטור הערט די טראַגישע ראַדיאָ־רופן פון ווארשעווער געטאָ:

וואָס דרייסטו זיך אין פרעמדער „וועלטן־גאַס" ארום?
שטאַרב זשע, ווי מיר שטאַרבן.

און עס ווערט רייף אין ארטורס הארצן און מוח דער היס־טאָריש־טראַגישער באשלוס. ער גייט אנטקעגן זיין גורל. ער גייט צוריק צו זיינע ברידער און שוועסטער.

שוין אויסגעלאָדנט זיינען מיינע ארסענאַלן.
די לעצטע הייסע קויל — אין הארצן־קלאַפּ פארמאכט.
פון אלע זעלנער בין איך דער איינזאמסטער וואָס וועט
איצט פאלן,
פון אלע שלאכטן — איז מיינע די פארשפּילטסטע שלאכט.
און איך, נאָר אן אבר פון גוף וואָס עס סמאַליעט,
פארוואָרפן פון שייטער דורך ווינטן פון רויך,
וועל קומען אליין צום גרויסן מזבח.
נישקשה, נישקשה, עס קלעקט מיר נאָך כוח.

חיים לייב פוקס האָט אָנגעשריבן א גרויסע פּאָעמע „ארטור זיגעלבוים (א פּאָעמע וועגן א העלדיש לעבן און א העלדישן טויט)". דאָס גאנצע לעבן פון ארטורן, זיין דענקען און קעמפן, זיין יראת־הכבוד פאר די עלטערע פירער און לערער פון „בונד" — גייט אדורך אין דער פּאָעמע.

ס׳האָט דער גרויל געגורלט אים און אויסגעקליבן,<br>
פאַר זיין עדה זאָל ער זיין א פאַדערער און א מאָנער;

די פּאָעמע איז געצייכנט: אילי, קאַזאַכאַסטאַן, 1944 — לאָדזש, 1947. פאַרטריבן פון זיין היים אויף פרעמדער ערד האָט ח. ל. פוקס אויפגענומען די ידיעה וועגן ארטורס טויט. די לעצטע ווערטער אר־טורס לאָזן אים ניט רוען ביז ער האָט זיין געשטאַלט נישט ארויס־געבראַכט אין יידישן פערז. ער מאָלט ארטורס איבערלעבונגען אין לאָנדאָן ווען ער הערט די געהיימע ראַדיאָ פון װאַרשע: „די אויס־ראַטונג האַלט ווייטער אָן״. פאַר זיינע אויגן שוועבט די געשטאַלט פון ח׳ נח. עס מאַטערן אים ביטערע ספיקות און פאַרוווּרפן:

צי האָט ער דען געמעגט פאַרלאָזן וואַרשע, זיינע יידן?<br>
צי קען און מעג מען דען די צילן מעסטן אָדער וועגן?<br>
— איז טאַקע ליגנט אלץ, דער שיינער חלום, ס׳בענקען,<br>
אז ערד וועט זיין פאַר אלע גלייך דער מענטש וועט זי באַפרייען?

עס פייניקט אים דאָס בילד, ער זעט זיך ווי

דעם לעצטן ייד פון פוילן־לאַנד אין ברענענדיקע פאָנען, —<br>
אויף בערג פון טויטע שאַרבנס טרעט ער ווי אויף שטיינער<br>
און ער אליין איז עס דער לעצטער ייד, דער איינער, איינער...

איציק מאַנגער איז אין 1943 געווען אין לאָנדאָן אַן עדות פון דער עקידת־ארטור. מאַנגער האָט א גרעסערן ציקל לידער וועגן דעם חורבן פון פוילישן יידנטום, אלע געשריבן אין שטילן טאָן, אין איינגעהאַלטענעם ממעמקים. ווי אזוי זאָל ער שרייבן אין דעם מאָמענט וועגן ארטורן און זיין אקט? האָט ער אָנגעשריבן „מיין שנאה־ליד״ — געווידמעט דעם אָנדענק פון שמואל זיגעלבוים״.

מאנגער איז געווען באהערשט פון שרעקלעכע שטימונגען, עס האָט אין אים געקאָכט די שנאה צום לאנד פון די נאציס. ער איז צו דעם אלעם געווען שווער קראנק און איינזאם. איז טאקע זיין פּאָעמע פול מיט סם, מיט יאוש און קללה —

איז מיר באשערט צו זיין דער לעצטער זינגער
פון אן אויסגעסמטער עדה?
טונקען אין קברים־גראָז מיינע פינגער
ארום דער גרויסער ידישע עקדה?

און ער פארענדיקט דאָס ליד מיט בלוטיקע, צאָרן־זודיקע פערזן.

*

אזוי האָט די יידישע פּאָעזיע פאראייביקט די געשטאַלט פון ארטורן, באזונגען זיין געשיכטלעכע טאָט. אזוי האָט זי פארבונדן ארטורס עקידה מיט דער גרעסטער טראגעדיע פון יידישן פאָלק. מיט קדושה־אָרעאָל האָט זי ארומגערינגלט דאָס ביסל אש, וואָס איז אונדז געבליבן אן אָנדענק און מאָנונג אויף דורות.

(„קולטור און לעבן", מאי־יוני 1968)

## חבר ארתור

(דמויות ופרקים מחיי ה„בונד")

א. ש. שטיינס העברעאיש בוך „חבר ארטור" וואָס איז דער־שינען אין „הוצאת ספרים מ. ניומן" תל־אביב תשי"ג (1953) איז לויטן אונטער־קעפל: „געשטאַלטן און קאפּיטלען פון לעבן פון „בונד", א פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע ראַם פון ארטור זיגעלבוימס לעבן.

כאָטש דער מחבר איז נישט קיין בונדיסט, איז דאָס בוך געשריבן מיט אסך פּיעטעט צום „בונד" און זיין געשיכטע. שטיין

דערמאָנט אסך נעמען פון בונדישע פירער און אנדערע יידישע פערזענלעכקייטן און שרייבער וואָס האָבן געווירקט אויף דער יידישער גאס, ווו דער „בונד" האָט פארנומען א גאָר אַנזעעוודיקן פלאץ.

די קאפיטלען פון „זיגעלבוים־בוך", וואָס איז ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון די בונדיסטן אין מעקסיקע און צוזאמענגעשטעלט דורך דעם היסטאָריקער י. ש. הערץ, פארלאג „אונדזער צייט" ניו־יאָרק 1947, זענען געטריי איבערגעזעצט אין עברית. שטיינס בוך האָט א געוויסע ווירקונג אויף א טייל יוגנט אין ישראל.

אין זיין אריינפיר זאָגט דער מחבר: „דאָס בוך דארף האָבן א ווערט פאר אסך אין ישראל וואָס די באוועגונג „בונד" איז פאר זיי פרעמד".

א שילער און א שילערן פון א מיטל־שולע זענען צו מיר גע־קומען נאָך מער מאטעריאל וועגן „בונד" און ארטור זיגעלבוים פאר זייערע מאַטורע־ארבעטן אויף דער טעמע. די שילערן פון תיכון עירוני ד, רחל רוזינסקי, געבוירן אין ישראל, האָט אזא ארבעט געשריבן אונטערן נאָמען „שמואל מרדכי זיגעלבוים („ארטור") ומאבקו להצלת יהודי פולין". (שמואל מרדכי זיגעלבוים (ארטור), און זיין געראַנגל צו ראַטעווען די פוילישע יידן). געשיקט צו מיר האָבן זיי: דער לערער ראובן גאָלדבערג און דער שול־פארוואלטער דר. מינץ, וואָס פירט אין קלאס א שמועס וועגן חורבן.

דער מחבר שטיין זאָגט: „נאָר דער „בונד" האָט געקאָנט פון זיך ארויסגעבן אזא קדוש מיט דעם דעוויז פון יידישער אויסלייזונג" הגם דער „בונד" איז קעגן ציוניזם".

דער מחבר א. ש. שטיין ז"ל איז געווען א פועלי ציוניסט. ער דערמאָנט נעמען ווי: דובנאָוו, זשיטלאָווסקי, אחד־העם א. א. וואָס האָבן אויך נישט געזען די צוקונפט פון יידישן פאָלק אויף דער איין איינציקער קאָרט —ביים ירדן...

# שמואל זיגעלבוים, דער איינציקער

**די געזעגענונגס־דעפעשע פון איינציקן מענטשן אין דער פרייער וועלט, וואס האָט פרייוויליק אוועקגעגעבן זיין לעבן, ווי א פראטעסט געגן די דעמאקראטישע לענדער פאר זייער גלייכגילטיקייט צו דער נאצישער יידן־אויסראטונג. — דער גאנג פון ארימען יידישן אינגל פון קראסניסטאוו. — די „קעז־קאמונע” פון די יונגינקע יידישע „פראלעטאריער”. — זיגעל־בוים קלאפט אין אלע אפיציעלע טירן אין לאנדאן. — „איך האב נישט באוויזן צו ראטעווען קיין איין לעבן”. — דער דראמאטישער שמועס פון זיגעלבוים׳ען מיט׳ן שליח פון פוילן יאן קארסקי. — זונטאג, דעם 30טן אפריל, וועט אפגעדעקט ווערן די מצבה אויף זיגעלבוים׳ס קבר אויפ׳ן בית עולם פון ארבעטער רינג אין ניו יאָרק.**

**פון ב. שעפנער**

אין א מילדער, דופטיקער פרילינגס־נאכט פון יאָר 1943, זיצנדיק אין זיין איינזאמען צימער אין לאָנדאָן, האָט שמואל מרדכי זיגעלבוים („ארטור”), דאָס קראסנאסטאווער ארבעטער־אינגל, וואָס איז אויסגעוואָקסן צו אַ וויכטיקן פירער פון די יידישע ארבעטער אין פוילן און איז אין לעצטן יאָר פון זיין לעבן געוועזן דער פאָר־שטייער פון „בונד” אין פוילישן גלות־פארלאמענט אין לאָנדאָן און אויך דער פארמיטלער פון די וויי־געשרייען פון די געמאָרדעטע פוילישע יידן צו דער דעמאָקראטישער וועלט, זיך אומגעבראכט. דער 48־יעריקער זיגעלבוים איז געווען דער איינציקער מענטש אין דער פרייער וועלט, וואָס האָט פרייוויליק אוועקגעגעבן זיין לעבן ווי א פראָטעסט געגן דער גלייכגילטיקייט פון דער זעלביקער פרייער וועלט צו דער אויסראָטונג פון פוילישן יידנטום.

פאַר'ן אויספירן זיין מאַרטירערישע טאַט האָט זיגעלבוים אָנ־געשריבן עטלעכע געזעגענונגס־בריוו וועגן די סיבות פון זיין זעלבסט־מאָרד, דערונטער א בריוו צום פוילישן מלוכה פרעזידענט וולאַדיס־לאוו ראטשקעוויטש און צום פוילישן פרעמיער מיניסטער גענעראל וולאַדיסלאוו שיקאָרסקי, און אויך א דעפעשע צו זיינע חברים און פריינד אין ניו יאָרק, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די רעפּרעזענטאַנץ פון פוילישן „בונד" אין אמעריקע. פון אָט דער דעפעשע נעמען מיר ארויס די וויכטיקסטע שטעלן:

„מיט דער דעפעשע געזעגן איך זיך און זאָג אַ זיי־געזונט צו אלע מיינע חברים און פריינט, וועלכע איך האָב ליב. די רעשט־לעך פון אונדזער פאָלק אין פוילן גייען היינט אויס און איך בין נישט געווען אימשטאַנד כאָטש צו ראטעווען איינעם פון זיי. איך האָב א חוב צו צאָלן צו די אלע, וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אין דער היים, ווען איך בין ארויסגעפאָרן פון וואַרשע אין 1940. נאָר־וואָס זענען די לעצטע פון אונדזערע חברים אין ווארשע גע־שטאַרבן אין דעם העראָאישן ווידערשטאַנד, וואָס זיי האָבן אָנגע־הויבן דעם 18־טן אפריל. איך קען נישט לעבן אָן זיי. איך געהער צו זיי. איך נעם זיך דאָס לעבן, ווי א דעמאָנסטראציע פון פראָ־טעסט קעגן די דעמאָקראַטישע פעלקער און רעגירונגען, וועלכע האָבן אַבסאָלוט גאָרנישט געטאָן, כדי אָפּצושטעלן די פולשטענ־דיקע פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן, אפשר וועט מיין טויט דערגרייכן דאָס, וואָס איך בין ניט געווען אימשטאַנד צו דערגרייכן מיט מיין לעבן — אז א קאָנקרעטע אקציע זאָל אונטערגענומען ווערן, כדי אמווייניקסטן צו ראטעווען די קנאַפּע דריי הונדערט טויזנט יידן, וועלכע לעבן נאָך אין פוילן, פון די דריי און א האלב מיליאָן, וועלכע זענען דאָרט געווען פריער".

לײדער־לײדער... דער לעצטער װוּנטש פון זיגעלבוים׳ען איז ניט מקוים געװאָרן. דער אײנדרוק פון זײן טויט איז װאָס אָן אמת געװען זײער א גרויסער: הונדערטער צײטונגען און זשורנאַלן, און אויך ראַדיאָ־סטאַנציעס אין אַלע טײלן פון דער װעלט, האָבן די װערטער פון זײן צװאה געבראַכט צו די אויגן און אויערן פון פיל מיליאָנען מענטשן און אויף א װײל אויך א ריר געטאָן זײערע הערצער, אָבער באַלד איז װידער שטיל געװאָרן און דער נאַצי־מער־דער האָט װײטער געמאָרדעט אויך די פון די לעצטע דרײ הונדערט טויזנט, װעלכע ער האָט געקענט דערגרײכן.

דאָס מאַכט טאַקע זיגעלבוים׳ס טויט נאָך טראַגישער, אָבער זײן װאָרענונג בײשט האָפענונגסלאָזער. פאַרקערט, װאָס אָפטער מען װעט זיך דערמאָנען אין דער דאָזיקער װאָרענונג, װעלכע איז גע־קומען פון א מענטשן, װאָס האָט דאַמאָלס געבראַכט דעם העכסטן קרבן, אַלץ לעבעדיקער װעט בלײבן זיגעלבוים׳ס צװאה. דאָס גע־װיסן פון דער װעלט האָט זיך טאַקע נאָכנישט אויפגעװעקט פאַר דער גרעסטער ײדישער טראַגעדיע, אָבער אין װאָרט „נאָכנישט״ ליגט ניט בלויז װײטאָג, נאָר אויך — האָפענונג.

*

װער איז געװען שמואל מרדכי זיגעלבוים? װי אַזוי איז ער דערגאַנגען צו דעם שטאַפּל, אויף װעלכן ער איז געשטאַנען אין יענער נאַכט פון עלפטן אויפ׳ן צװעלפטן מאַי 1943 אין לאָנדאָן?

פאַר׳ן שרײבן דעם אַרטיקל האָב איך נאָכאַמאָל איבערגעלײענט די זיגעלבוים־ביאָגראַפיע, געשריבן פון באַקאַנטן פּובליציסט און היסטאָריקער י. ש. הערץ („זיגעלבוים־בוך״, פאַרלאַג „אונדזער צײט״, ניו יאָרק 1947) און נאָכגעגאַנגען דעם דאָזיקן אָרימען ײדישן אַרבעטער־קינד אויף זײן שװערן, לאַנגען באַרג־אַרויף־װעג ביז יענער טראַגישער מאַי־נאַכט פון 1943 אין לאָנדאָן. אין מיטן

לייענען האָב איך אַ סך מאָל זיך געמוזט אָפּשטעלן און דאָס ניט בלויז ביי די פאַרשידענע טראַגישע בילדער, מיט וועלכע די ביאָ־גראַפיע איז באַזונדערס רייך, נאָר אויך ביי שטילע בילדער, אָן טרערן, אָן געוויין, אָן פּייניקונגען, אָבער וואָס מאַכן אונדז מעגלעך צו געבן אַ טיפן אַריינבליק אין זיגעלבוים׳ס כאַראַקטער און אין זיין לעבנס־וועג.

*

אָנגעקומען אויף דער וועלט איז שמואל מרדכי זיגעלבוים אין דאָרף באָראָוויצאַ, כעלעמער קרייז, אין אָן אָרעמער שטוב, וואָס איז געווען רייך מיט קינדער (עלף קינדער!). ווען שמואל איז אַלט געווען פיר יאָר, האָט זיך די משפחה אַריבערגעצויגן אין שכנות־דיקן שטעטל קראַסניסטאַוו. דער טאַטע, „יאָסקע דער לערער", ווי מען האָט אים גערופן, ווייל ער האָט געלערנט יידישע קינדער און יוגנט־לעכע לייענען און שרייבן, איז געווען אַ גאַנץ קנאַפּער פאַרדינער, דערצו נאָך אַ חלוש, אַ גרויסער הוסטער און אַ שטאַרקער רויכע־רער. די מאַמע, די טאָכטער פון ר׳ יעקעל שוחט, איז דעריבער גע־וואָרן די הויפּט־פּרנסה געבערין, נייענדיק קליידלעך פאַר די קינ־דער פון שטעטל.

אָבער אויך מיט דער מאַמע׳ס פאַרדינסטן איז קיין פּרנסה נישט געווען, און כאָטש שמואל מרדכי׳ס מלמדים, אַריינגערעכנט דעם גמרא־מלמד, האָבן שטאַרק געלויבט איר קלוגן, אַמביציעזן יינגל, שמואל מרדכי, האָט פונדעסטוועגן ר׳ יעקל שוחט׳ס אייניקל געמוזט שוין אין עלטער פון צען יאָר פאַרלאָזן דאָס חדר, כדי אַרויסצו־העלפן אין דער פּרנסה. ער איז אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק, וואָס האָט אויסגעאַרבעט שאַכטלעך פאַר אַלערליי זאַלבן. אַרום הונ־דערט אָרעמע יידישע קינדער האָבן געאַרבעט אין דער דאָזיקער פאַבריק פאַר אַ לוין פון צוואַנציק־דרייסיק גראָשן אַ טאָג. שמואל־מרדכי, ווי די מערסטע פון די קינדער־„פּראָלעטאַריער", האָט זיינע

פאַרדינסטן אוועקגעגעבן דער מאַמען, ווי אַ צושטייער צו דער פּרנסה. און אויך ווי די איבעריקע קינדער, אַ גאַנצן טאָג געווען הונגעריק.

אָבער אַט איז עפּעס געשען, וואָס האָט שמואל־מרדכי׳ן אַ בליץ געטאָן פאַר די אויגן — ער האָט אַנטפּלעקט אין פאַבריקל אַן „אוצר״ פון... קעז. דער דאָזיקער קעז איז דורך די אייגנטימער באַנוצט געוואָרן אויף אַריינצוטאָן אין מעל ביים צוגרייטן דעם פאַפּ אויף צו קלעבן די קאַנטן פון די שאַכטעלעך. דער עלף־יעריקער שמואל איז מיט דער אַנטפּלעקונג באַלד אַוועק צו זיינע חברים און זיי פאַרגעלייגט, אַז מען זאָל שטילערהייט אַרויסנעמען דעם קעז פון מעל און זיך טיילן מיט דעם דאָזיקן געשמאַקן ביסן. דער עולם האָט גערן איינגעשטימט און אַ שטיקל צייט האָט די „קעז־קאָמונע״ פונקציאָנירט אויפ׳ן בעסטן אופן. ענדלעך אָבער האָט איינער פון די באַלעבאַטים, חיים ברוך האַלצהענדלער, דעם „רויב״ אָפּגעשטעלט אויף אַ גאַנץ פּרימיטיוון אופן: יעדן טאָג, ווען ער פלעגט אַריינשיטן דעם קעז אין מעל, האָט ער פאַר די קינדער אין די אויגן אַריינגעשפּיגן אין קעז און מיט דעם אָפּגעוווינט די קליינע נאַשערס פון גלוסטן צו פרעמדן אייגנטום...

*

ווען איך האָב איבערגעלייענט די דאָזיקע גראָטעסקע קעז־געשיכטע, האָב איך זיך געפרעגט:

— איז דאָך אייגנטלעך דאָס נישט דער נאָרמאַלער וועג, ווי עס פירט זיך אַ הונגעריקער מענטש, ווי אַלט, אָדער יונג ער זאָל נישט זיין, ווען ער אַנטפּלעקט אַן „אומלעגאַלן״ געשמאַקן ביסן. דער נאָרמאַלער וועג איז צו כאַפּן דעם ביסן און מיט אים צו אַנט־לויפן אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, ווייט פון מענטשלעכע אויגן, און אים אַ ל י י ן אויפצועסן. דאָס עלף יעריקע הונגעריקע יינגעלע פון קראַסניסטאַוו איז, אָבער, גאָר אַוועק מיט׳ן אַנטפּלעקטן „אוצר״

צו זיינע הונגעריקע חברימלעך און זיי פאַרגעלייגט, מען זאָל זיך טיילן מיט דעם קעז; אלע גלייך!... איז דען דאָס נישט קיין שטריך, וואָס האָט שוין יונגערהייט זיך אנטפּלעקט אין זיגעל־בוים׳ען; א שטריך פון שפּעטערדיקן אידעאַליסטישן ארבעטער־טוער, פון שפּעטערדיקן סאָציאַליסט, פון שפּעטערדיקן טרוימער פון גלייכהייט; פון שפּעטערדיקן רופער איינצושטעלן דאָס לעבן, און קודם־כל דאָס אייגענע לעבן, פאַר דער אלגעמיינער זאַך; פאַר דער מענטשלעכער ווירדע פון יעדן געקריוודעטן און פארשטוי־סענעם ?

ווי נאַטירלעך קלינגען, נאָכ׳ן באקענען זיך מיט אָט דער גע־שיכטע „קעז־קאָמונע", די ווייטערדיקע טיילן פון זיגעלבוים׳ס ביאָ־גראַפיע. למשל זיין פאַרלייגן באלד נאָכן אריינקומען פון די דייטשן אין דער פוילישער הויפּט־שטאָט, זיך ווי דעם צווייטן לעבעדיקן יידישן משכון פון די וואַרשעווער יידן פאַר דער „געסטאַפּאָ". און שפּעטער, זיין פאַרשלאַג אין דער וואַרשעווער קהילה פאַרוואַל־טונג, אַז זי זאָל זיך אָפּזאָגן אדורכצופירן דעם באַפעל פון דער דייַ־טשער מאַכט, צו רופן די יידישע באַפעלקערונג צו פאַרלאָזן אין פאַרלויף פון דריי טעג זייערע היימען אין שטאָט און אריבער־צוטראָגן זיך אין געטאָ.

צוליב דער מורא, אַז דאָס נישט אויספירן דעם דייטשן באַפעל וועט ברענגען נייע צרות די וואַרשעווער יידן, האָט די קהילה־פאַרוואַלטונג מיט א מערהייט שטימען באַשלאָסן די גזירה דורכ־צופירן. נאָכ׳ן אָננעמען דעם באַשלוס, האָט זיגעלבוים אָפּגעגעבן א דערקלערונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„עס איז דאָ געפאַלן א היסטאָרישער באַשלוס. איך בין, ווייזט אויס, געווען צו שוואַך, כדי אייך צו איבערצייגן, אַז מיר טאָרן דאָס נישט טאָן. איך פיל אָבער ביי זיך נישט גענוג מאָראַלישע כוחות צו קענען אין דער זאַך אָנטיילנעמען. איך פיל, אַז איך וואָלט קיין

רעכט נישט געהאט צו לעבן ווייטער, אויב דער געטאָ זאָל איינגע־פירט ווערן און מיין קאָפּ זאָל בלייבן גאַנץ".

די דערקלערונג האָט געמאכט אַן אומגעהויערן איינדרוק און געבראַכט דערצו, אַז די קהילה זאָל באַלד באַשליסן צוריק צו עפענען די געטאָ־דעבאַטע און לסוף אָננעמען אַ קאָמפּראָמיס פאָרשלאַג: די קהילה אַליין פירט נישט אויס די גזירה, אָבער זי שיקט פאַר־נאַנדער שליחים איבער דער שטאָט צו מעלדען די יידן, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ באַפעל, כדי די יידן זאָלן וויסן זיך אַרויסצוציען ביז'ן באַשטימטן טערמין פון די גאַסן, וואָס וועלן בלייבן אויסער'ן געטאָ.

אויף צוזאַמענגנס זענען טויזנטער יידן געקומען פאַר דער קהי־לה זיך צו דערוויסן, וואָס זיי זאָלן טון. דעמאָלט איז אַרויס צו זיי זיגעלבוים און אויף דער גאַס פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע, רופנדיק זיי נישט צו פאַרלירן דעם מוט און נישט צו גיין פרייוויליק אין געטאָ.

באַלד נאָך זיינע אַרויסטריטן איז צו זיגעלבוים'ען צו אַן אָפּי־ציר פון דער „געסטאַפּאָ" און אים „איינגעלאַדן" צו קומען צומאָר־גנס אין דער געסטאַפּאָ אויף „זיך אַדורכצערעדן"... עס איז געווען קלאָר וועגן וואָס די „געסטאַפּאָ" וויל זיך מיט זיגעלבוים'ען „אַדורכ־רעדן". דעמאָלט האָט די בונדישע אונטערערדישע באַוועגונג אָנ־גענומען דעם באַשלוס צו פּרוּוון באַלד אַרויסטראַנספּאָרטירן זיגעל־בוים'ען קיין אויסלאַנד. דער וועג האָט געדאַרפט פירן דורך — דייטשלאַנד, קיין אַנדער וועג איז דאָך נישט געווען...

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך ריזיקאַלישע נסיעה, ווו יעדע מינוט האָט דער טויט אַריינגעקוקט זיגעלבוים'ען אין די אויגן. די רייזע האָט אָבער געמוזט אונטערגענומען ווערן, בפרט, אַז זי האָט אויך געהאַט דעם צוועק צו ברענגען צו דער פרייער וועלט אַ לעבעדיקן עדות פון דער דייטשער אויסראָטונגס־אַקציע קעגן די פּוילישע יידן.

## דער כוח צו שטאַרבן

דעם 12טן סעפּטעמבער 1940 איז זיגעלבוים אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, ווו ער האָט אַ שטיקל צייט אויך געאַרבעט אין אַ שניי־דער־שאָפּ ווי אַן אָפּערייטאָר. אָבער אויך דעמאָלט האָט ער יעדע פרייע מינוט אוועקגעגעבן אויף צו דערציילן אין וואָרט (אויף לעקציעס, זיצונגען און מיטינגען) און אין שריפט (אין „פאָרווערטס" און אין דער „צוקונפט") די מאַרטירער־געשיכטע פון פּוילישן יידנטום.

פון פרילינג 1942 ביז פרילינג 1943 האָט זיגעלבוים געלעבט אין לאָנדאָן, ווי דער שליח פון אונטערערדישן פּוילישן „בונד" אין פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט (נאַציאָנאַל־ראַט), דאָס איז געווען, לויט זיינע אייגענע רייד, דאָס שווערסטע און פינצטערסטע יאָר אין זיין לעבן, כאָטש זיינע לאָנדאָנער ארויסטריטן, אַזוי אין פּוילישן פּאַר־לאַמענט, ווי אויף פּוילישע מיטינגען און קאָנפערענצן, און אַזוי אויך אויף זיצונגען און מיטינגען פון ענגלישע פּאָליטיקער און אויך אַרבעטער, האָבן שטאַרק אויסגענומען. מענטשן האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּוווּנדערן, ווי אַזוי דאָס דאָזיקע קינד פון דער יידישער אָרעמקייט אין פּוילן, וואָס האָט אין עלטער פון צען יאָר שוין גע־מוזט אַרבעטן פאַר אַ שטיקל ברויט, האָט באַוויזן, אַ דאַנק זיין נישט געשטילטן דורשט צו לערנען, צו וויסן, זיך געקענט אויס־לערנען צו רעדן אַזאַ גוטן פּויליש און אויך אַ קאָרעקטן ענגליש. מען האָט אים פון אַלע זייטן געמאַכט קאָמפּלימענטן, אָבער אים האָט דאָס נישט געוואַרעמט. ער האָט כסדר איבערגעחזר'ט, מיט טיפן ווייטאָג, אַז ניט געקוקט וואָס עס האָבן זיך פאַר אים געעפנט אַ סך אָפיציעלע טירן, און וואָס זיינע ווערטער האָבן געפונען אַ וועג צו פיל הערצער, אַזוי פון מלוכה־מענער, ווי פון פּשוט'ע פאָלקס־מענטשן, האָט זיך אים נישט איינגעגעבן אַפילו אָפּצורא־טעווען דאָס לעבן פון איין מענטשן.

„פון איין מענטשן".

*

דער פוילישער אָפיציר פון דער אונטערערדישער ארמיי אין נאַצישן פוילן, יאן קארסקי, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געבראכט פון אָקופּירטן פוילן צו דער פרייער וועלט און אויך פערזענלעך צו זיגעלבוים׳ען, די ערשטע אויטענטישע ידיעות, אַז די דייטשן פירן די פוילישע יידן אוועק אין די טויטן־לאַגערן, ווו עס האָבן שוין אָנגעהויבן ארבעטן בייטאָג און ביינאכט די גאַזקאַמערן.

קארסקי שרייבט אין זיין בוך („סטאָרי אָוו ע סיקרעט סטעיט״) אַז אייגענטלעך האָט ער פאקטיש געבראכט זיגעלבוים׳ען זיין טויט אורטייל. דאָס האָט ער אויף זיגעלבוים׳ס פאָדערונג אים געזאָגט, וואָס די יידישע פירער (פון „בונד״ און פון די ציוניסטן) האָבן אויף א געמיינזאַמער געהיימער קאָנפערענץ אין ווארשע אים געהייסן זאָגן זייערע פירער אין דער פרייער וועלט.

„זיי פאָדערן — האָט געזאָגט קארסקי צו זיגעלבוים׳ען, ווי ער דריקט זיך אויס, „מיט ברוטאַלער פשוט׳קייט״ — זיי פאָדערן פון זייערע פירער אין די פרייע לענדער, אַז זיי זאָלן גיין צו אלע וויכטיקע ענגלישע און אמעריקאנער אמטן און אגענטורן, און זאָלן נישט אָפּטרעטן פון דאָרט ביז זיי וועלן נישט באקומען קיין גאַראנטיעס, אַז מען האָט באַשלאָסן צו לאָזן זיך אויף א וועג צו ראַטעווען יידן. זאָלן זיי (דאָס הייסט די יידישע פירער פון „בונד״ און פון די ציוניסטן אין די פרייע לענדער), נישט עסן און נישט טרינקען. זאָלן זיי פאמעלעך אויסגיין פּנים־אל־פּנים מיט דער גלייכגילטיקער וועלט. זאָלן זיי שטאַרבן. דאָס וועט אפשר אויפטרייסלען דאָס געוויסן פון דער וועלט״.

„זיגעלבוים — שרייבט ווייטער קארסקי — איז אונטערגעשפּרונגען, ווי מען וואָלט אים אַ ביס געטאָן״.

— דאָס איז אומעגלעך — האָט זיגעלבוים ענדלעך געזאָגט —

איר ווייסט וואָס עס וואָלט געשען? זיי וואָלטן פשוט געבראַכט צוויי פּאָליציי לייט און מיך אוועקגעשלעפּט אין אַן אַנשטאַלט. מיינט איר, אַז זיי וואָלטן מיך געלאָזט שטאַרבן מיט אַ פּאַמעלעכן טויט? אויף קיין פאַל נישט!״

ביים געזעגענען זיך האָט זיגעלבוים קאַרסקי׳ן געזאָגט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין:

— איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קענען, כדי זיי צו העלפן. אַלץ! איך וועל טאָן אַלץ וואָס זיי פאָדערן, אויב איך וועל נאָר האָבן אַ שאַנס. איר גלויבט מיר, צי נישט?

— נאַטירלעך גלויב איך אייך — האָט קאַרסקי געענטפערט. — איך בין זיכער, אַז איר וועט טאָן אַלץ וואָס איר קענט, און אַלץ וואָס זיי פאָדערן. יעדער איינער פון אונדז באַמיט זיך צו טאָן דאָס בעסטע.

און קאַרסקי גיט צו.

„אין האַרצן האָב איך געפילט, אַז זיגעלבוים טרייבט איבער, אָדער אַמווייניקסטן זאָגט ער צו אָן אַ ישוב הדעת מער וויפל ער קען באַווייזן צו טאָן.

אָבער מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן זיגעלבוים׳ס זעלבסטמאָרד, האָט קאַרסקי זיך ערשט געכאַפּט, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות.

„איך האָב געפילט — שרייבט קאַרסקי — ווי איך וואָלט פּער־זענלעך איבערגעגעבן זיגעלבוימ׳ען זיין טויט־אורטייל, הגם איך בין געווען בלויז אַ שליח. ס׳איז געווען פּיינלעך צו טראַכטן, אַז אפשר האָט מיין ענטפער אויף זיין לעצטער פראַגע אים אויסגעזען צו זיין קאַלט און אומפּערזענלעך. כ׳האָב גענומען טראַכטן, אַז כ׳בין געוואָרן אַזוי האַסטיק און רוי אין מיין טראַכטן, אַז איך קען נישט אָפּשאַצן וואָס עס מיינט זיך אַליין מקריב זיין, — אַ זאַך, וואָס איז מעגלעך פאַר אַזאַ מענטשן ווי זיגעלבוים. טעג נאָכדעם האָב איך

געפילט ווי עס פאַרשווינדט מיין גאַנצער צוטרוי צו מיר גופא און צו מיין אַרבעט.

און קאַרסקי קומט צום אויספיר:

„פון אַלע פאַלן פון טויט, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, איז זיגעלבוימ'ס טויט איינער פון די אַלער־מירנדיקסטע".

צו אָט דער טרעפלעכער באַמערקונג פון יאַן קאַרסקי ווילט זיך מיר צוגעבן, אַז אויב זיגעלבוימ'ס טויט וועט אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן אַלאַרמירן מענטשן, — און איך גלויב, אַז אַזוי וועט זיין, ווייל אַזאַ טויט מוז איבערלאָזן אַ דויערנדיקן אָפּקלאַנג און אומרו אין מענטשלעכן געוויסן — דעמאָלט וועט אָט־דער טויט נישט האָבן געווען אומזיסט.

## די שטאָט ניו־יאָרק וואַרפט אָפּ יידישע מאָנומענט־פּראָיעקטן פון היטלער־חורבן...

אין „ניו־יאָרק טיימס" פון 11.2.1965, שרייבט וויליאַם ע. פאַררעל אַ גרעסערן אַרטיקל וועגן אויפשטעלן צוויי אָנדענק־מאָנומענטן.

איין מאָנומענט, אַ סטרוקטור פון 40 פוס הויך אויף אַ גאַר ברייטן פּיעדעסטאַל וואָס זאָל סימבאָליזירן די זעקס מיליאָן היטלער־קרבנות און דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. די צווייטע, אַ ספּיראַלע בראָנז־געשטאַלט שפּיזט זיינע הענט פאַרויס פון אַ קנויל דערנער און פלאַמען אין אָנדענק פון אַרטור זיגעלבוים.

די מאָנומענטן האָבן געזאָלט אויפגעשטעלט ווערן אין „ריווערסייד־פּאַרק" צווישן די גאַסן 83 און 84, וואָס די שטאָט פּאַרוואַל־

טונג האָט רעזערווירט פאַר אַזעלכע צוועקן אין יאָר 1947 און ביז היינט גאָרנישט געבויט.

די ספּעציעלע קונסט־קאָמיסיע האָט אָפּגעוואָרפן די פּראָיעקט מאָדעלן פון סקולפּטאָר נתן ראַפּאַפּאָרט וואָס זענען אילוסטרירט אין דער צייטונג. די מאָטיוון פון דער הויפּט קעגנערן, עלענאָר פּלאַטט, זענען, אַז די טראַגישע מאָנומענטן וועלן באַאומרואיקן די קינדער וואָס שפּילן זיך אין דעם פּאַרק. עס איז נישט געווונטשן אַז קינדער זאָלן קוקן אויף אַזעלכע גרויליקע סטאַטועט. ס'וועט אויך שאַפן אַ פּרעצעדענט ביי אַנדערע עטנישע גרופּן אין אַמעריקע.

די טענות פון פאָרשטייער פון 34 יידישע אינסטיטוציעס, אַז אין פּאַרק שטייען דאָך סטאַטועס פון מאָנומענטן פון מלחמה־כאַראַקטער, האָט די זעלבע פּלאַטט געענטפערט: „די זיינען פּאַטרי־אָטישע פון אַמעריקאַנער געשיכטע. אייערע מאָנומענטן טאָר מען נישט שטעלן אויף אַזעלכע פּלעצער, אפשר ערגעץ אַנדערש"... דערביי איז געבליבן.

דער ספּעציעלער אַרטור זיגעלבוים אָנדענק־קאָמיטעט האָט גע־שטעלט אַ מצבה־מאָנומעט איבער אַרטור זיגעלבוימס אַש־קבר אויפן בית עולם פון אַרבעטער רינג אין ניו־יאָרק.

## אַרטורס מצבה

פון „אונדזער צייט" פעברואַר מערץ 1972:

במשך פון עטלעכע יאָר האָבן מיר זיך באַמיט, אַז די שטאָט ניו־יאָרק זאָל דערלויבן צו שטעלן אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ אַ מאָנומענט פאַר אַרטור זיגעלבוימס מאָנומענטאַלער טאָט. דער פּלאַן איז געוואָרן צעשטערט — מיר גלויבן אַז נישט אויף שטענדיק...

די אורנע מיטן אש פון ארטור זיגעלבוים געפינט זיך אויפן ניי מאונט־כרמל בית עולם און ס׳איז דאָרט רעזערווירט דורכן ארבעטער־רינג א גרעסערער פלאַץ פאר א ווירדיקער ארטור זי־געלבוים מצבה.

אזא מצבה ווערט איצט געשטעלט לויט אן אנטשפּרעכענדיקן קינסטלערישן פּראָיעקט: פון רויטן גראניט, מיט זעקס ווענט, אויף איר זענען אויסגעקריצט ארטור זיגעלבוימס לעצטע ווערטער.

דאָס שטעלן דעם געדענק־שטיין איז דערמעגלעכט געוואָרן אדאנק א ספּעציעלער שטילער און געפילפולער אקציע אין וועלכער ס׳האָבן זיך באטייליקט: בונדיסטן, די ארבעטער־רינג ברענטשעס א״נ. פון ארטור זיגעלבוים אין ניו־יאָרק, שיקאגאָ, לאָס אנדזשעלעס און מאָנטרעאל. די אנדערע ברענטשעס פון ניי געקומענע (דער שלמה מענדעלסאָן בראַנטש אין ניו־יאָרק האָט אליין געזאמלט 3000 דאָלאר צווישן העכער 400 מיטגלידער) ווי אויך די משפחה זיגעלבוים.

דעם 16טן מערץ איז אין אטראַן קולטור־הויז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון ארטור זיגעלבוים אָנדענק־קאָמיטעט מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון „בונד״, יידישן ארבעטער־קאָמיטעט, ארבעטער רינג, פאַרוועטס, יידישן קולטור־קאָנגרעס, יידיש סאָצ. פארבאנד, קאצעטלער פארבאנד, ארטור זיגעלבוים ברענטש און קאָמיטעט פון ניי געקומענע א. ר. ברענטשעס. נאָך א באריכט און מיינונג־אויסטויש זענען אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדיקע באשלוסן: אויפ־דעקונג פון דער מצבה זונטיק דעם 30טן אפּריל, 11 פרי, אין שיי־כות דערמיט פארעפנטלעכן א געהעריקע דערקלערונג אין יידיש און ענגליש. רופן צו מאסנהאפטן אָנטייל אין דעם אָנדענק אקט״.

אין דער מאסן־מאניפעסטאציע ביים אויפדעקן די מצבה האָבן פון דער משפחה אָנטייל גענומען: ארטורס זון יאָסל, ברודער אב־רהם, שוועסטער חנה לייבמאן מיט איר מאן מרדכי.

# אנטהילט דענקמאל פון ארטור זיגעלבוים

איינע פון די צענטראלע פאראנשטאַלטונגען פון דער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק איז געווען — די פייערלעכע אנטהילונג פון דער מצבה פון ארטור זיגעלבוים אויפן „מאונט קאַרמעל״ בית עולם פון ארבעטער רינג, צו דער 29טער יאָרצייט נאָך זיין טראגיש־העלדישן טויט.

צו דעם פייערלעכן אנטהילונגס־אקט, וואָס איז פאָרגעקומען זונטיק דעם 30טן אפריל ה. י., איז געקומען א גרויסער עולם, וועלכער האָט מיט פענער און קרענץ מארשירט אין רייען פון דעם טויער פון בית הקברות צום אָרט פון דער מצבה. מיט טיפן יראת הכבוד און מיט טרערן אין די אויגן האָט דער פארזאמלטער עולם אויסגעהערט די איינדרוקספולע רעדעס פון ד״ר עמנואל שערער, דעם גענעראל־סעקרעטאר פונעם וועלט־קאָאָרדינירן־קאָמיטעט פון „בונד״, ווי אויך פון י. סטערן, דעם עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון ארבעטער־רינג, און ח׳ נונבערג, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון די געטאָ־קעמפער. די רעדנער האָבן געשילדערט די פראכט־פולע געשטאַלט פון דעם העלדישן מארטירער, וועלכער האָט מיט זיין דעמאָנסטראטיוון זעלבסטמאָרד געוואָלט אויפרודערן דאָס גע־וויסן פון דער וועלט און פראָטעסטירן קעגן דער פאסיווקייט, מיט וועלכער די דאָזיקע וועלט האָט זיך צוגעקוקט צו דער אויסראָטונג פון יידישן פאָלק.

די מצבה איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן קבר, ווו עס גע־פינט זיך דאָס אש פון דעם קדוש ארטור זיגעלבוים, אין דער גרוי־סער אַלייע נישט ווייט פון די קברים און מצבות פון דער פלע־יאדע יידישע קעמפער, שרייבער און קולטור־טוער — אזעלכע ווי א. ליעסין, ה. לייוויק, שלום־עליכם, אברהם רייזען, מאָריס ראָזנ־פעלד, רפאל אבראמאָוויטש, דזשאָן מיל, נח, יעקב פאט, דער

נאָך פרישער קבר פון עמנואל פאַט און פיל, פיל אנדערע. דער דענקמאָל איז געמאכט פון א זעקס־קאַנטיקן בלאָק פון רויטן גראַניט, איבער וועלכן עס איז אויסגעפורעמט א נר תמיד — א פאַקל פון ווייסן גראַניט שטיין. אויף די זעקס ווענט פון דער מצבה זענען אויסגעקריצט די לעצטע ווערטער פון ארטור זיגעלבוים, ציטאַטן פון זיין צוואה און זיינע בריוו — און צווישן זיי דעם לעצטן רוף זיינעם צו דער שווייגנדיקער וועלט, אז: „...מיט מיין טויט וויל איך אויסדריקן מיין פּראָטעסט קעגן דער פּאַסיווקייט, מיט וועלכער די וועלט קוקט זיך צו און דערלאָזט די אויסראָטונג פון יידישן פאָלק".

אין משך פון עטלעכע יאָר זענען געמאכט געוואָרן באַמיאונגען, אז די שטאָט ניו־יאָרק זאָל דערלויבן אויפצושטעלן אויף אַן עפנטלעכן פלאַץ א מאָנומענט פאַר ארטור זיגעלבוימס מאָנומענטאַלער טאַט. ביז איצט האָבן די באַמיאונגען נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן.

דאָס אויפשטעלן דעם אָנדענק־שטיין אויפן „מאַונט־כרמל" בית־עולם, איצט, 29 יאָר נאָך דעם טראַגיש־העלדישן טויט פון ארטור זיגעלבוים, איז דערמעגלעכט געוואָרן אדאנק דער מיפּולער און געפילפולער אקציע, אין וועלכער ער האָבן זיך באַטייליקט די אמעריקאַנער בונדיסטן, די בראַנטשעס פון ארבעטער־רינג א"נ פון ארטור זיגעלבוים אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, לאָס אנדזשעלעס און מאָנטרעאָל. די אנדערע בראַנטשעס פון ניי־געקומענע (דער שלמה מענדעלסאָן־בראַנטש אין ניו־יאָרק האָט אליין געזאמלט 3000 דאָלאַר צווישן זיינע איבער 400 מיטגלידער), ווי אויך די זיגעלבוים־משפחה. אין דעם ארטור זיגעלבוים אָנדענק־קאָמיטעט, וואָס האָט צוגעגרייט דאָס אויפשטעלן די מצבה און די פייערלעכע אנטהילונג, האָבן זיך באַטייליקט די פאָרשטייער פון „בונד", פון יידישן ארבעטער־קאָמיטעט, ארבעטער־רינג „פאָרווערטס", פון יידישן קולטור קאָנגרעס, יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, קאַצעטלער פאַר־

באנד, די ארבעטער רינג ברענטשעס א. נ. פון ארטור זיגעלבוים און פון די ניי־געקומענע.

די פייערלעכע אנטהילונג פון דעם ארטור־זיגעלבוים־מאָנומענט האָט געמאכט אן אומפארגעסלעכן איינדרוק אויף די אָנוועזנדיקע. זייטיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך צופעליק געפינען אויפן בית־עולם האָבן געזאָגט, אז זיי האָבן נאָך אויף אָט דעם בית־עולם אזא ריזיקע מאניפעסטאציע נישט געזען.

די מצבה פון ארטור זיגעלבוים מאכט א באזונדערס שטארקן איינדרוק סיי אין דער פאָרם מיט'ן פאקל פון אויבן, וואָס איז פארטראכט געוואָרן דורך דעם ארטיסט־מאלער דר. מאיקעל שער־קער, ווי אויך צוליב די אויפשריפטן פון די לעצטע ווערטער פון ארטור זיגעלבוים.

פון היינט אָן וועלען די באזוכער פון דעם פאנטעאָן פון די פארדינסטפולע ארבעטער פירער און יידישע שרייבער אויף דעם ארבעטער רינג בית עולם זיך אָפּשטעלן ביי דער מצבה פון ארטור זיגעלבוים און וועלן לייענען פאָלגנדיקע אויפשריפטן אין יידיש און אין ענגליש:

„ארטור שמואל מרדכי זיגעלבוים (1895—1943), מיטגליד פון צענטראל קאָמיטעט פון אלגעמיינעם אידישן ארבעטער „בונד" אין פוילן, פאָרשטייער פון „בונד" אין פוילישן גלות פארלאמענט אין לאָנדאָן, האָט מקריב געווען זיין לעבן פאָרן פאָלק":

„מיט מיין טויט וויל איך אויסדריקן דעם שטאַרקסטן פראָ־טעסט געגן דער פאַסיווקייט, מיט וועלכער די וועלט קוקט זיך צו און דערלאָזט די אויסראָטונג פון יידישן פאָלק.

„איך קען נישט בלייבן לעבן שטיל, איך קען נישט לעבן, ווען די רעשטלעך פון יידישן פאָלק ווערן אומגעבראַכט. מיין לעבן געהערט צום יידישן פאָלק אין פוילן און דערפאַר גיב איך אים אוועק.

„מיינע חברים אין ווארשעווער געטאָ זיינען אומגעקומען מיט געווער אין האנט אין דעם לעצטן העראָאישן געראנגל. עס איז מיר נישט געווען באשערט צו שטאַרבן אזוי ווי זיי, צוזאמען מיט זיי, אָבער איך געהער צו זיי און צו זייערע מאסן־קברים״.

(„לעבנס־פראגן״, מאי־יוני 1972)

## צו ארטורס 30־טער יארצייט

דער קאָמיטעט פון „בונד״ אין ניו־יאָרק האָט, צוזאַמען מיטן ניו־יאָרקער ארטור זיגעלבוים ברענטש פון ארבעטער־רינג, איינ־געאָרדנט זונטאָג, דעם 13־טן מאי, אן ארויספאָר צום קבר פון ארטור זיגעלבוים, אויף דעם „ניו מאונט כרמל״ בית עולם פון ארבעטער רינג.

ביי דעם קבר, אויף וועלכן ס׳איז מיט א יאָר צוריק, בעת דער 5־טער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד״, אויפגעדעקט געוואָרן א קינסטלערישער מצבה־מאָנומענט, מיט א סימבאָלישן נר־תמיד אין שפיץ, האָבן זיך פארזאמלט: די משפחה־מיטגלידער פון ארטור זיגעלבוים און א גרעסערע צאָל חברים פון זיין בונדישער משפחה, צווישן זיי געוועזענע געטאָ־קעמפער, קאצעטלער, פארטיזאנער.

רעדעס האָבן געהאלטן די חברים עמנואל שערער אין נאָמען פון „בונד״: שמעון פאלעווסקי — פארן ארטור זיגעלבוים ברענטש און דער ברודער פון ארטור זיגעלבוים, פייוול (פון ישראל).

נאָך דעם האָבן צוויי אנדערע זיגעלבוים־ברידער, אברהם (פון לאָס אנדזשעלעס), און ראובן (פון יאָהאנעסבורג) פאָרגע־לייענט ארטור זיגעלבוימס לעצטן אָפּעל צום געוויסן פון דער וועלט און זיינע לעצטע ווערטער צו דער רעפּרעזענטאנץ פון „בונד״ אין ניו־יאָרק.




אַ טייל פון דער משפחה ביי ארטורס קבר צו זיין 30טער יארצייט.
פון לינקס : פיניעלע זיגעלבוים, ארטורס אייניקל, ראובן זיגעלבוים, פייגע דאַנציגער. פון דער צווייטער זייט :
אברהם זיגעלבוים, חנה לייבמאן, שוואגער מרדכי לייבמאן, יוסף זיגעלבוים, ארטורס זון און פייוול זיגעלבוים.

צום אָפּשלוס פונעם איינדרוקספולן אָנדענק־אַקט האָבן אַלע פאַרזאַמלטע אין געשטילטע טענער געזונגען: „אַ ברידער, מיר האָבן געשלאָסן" און די „שבועה".

אויף דעם קבר זענען געלייגט געוואָרן קרענץ פון „בונד", פון אַרטור זיגעלבוים ברענטש און פון דער משפּחה.

חוץ די דערמאָנטע האָבן זיך אין דעם אָנדענק־אַקט באַטייליקט אַרטור זיגעלבוימס זון, יוסף, און זיין אייניקל פּיניע (פון לאָס אַנדזשעלעס); די שוועסטער דאַנציגער (פון בוענאָס איירעס), די שוועסטער חנהטשע און שוואָגער מרדכי לייבמאַן (פון טאָראָנ־טאָ). עס האָט נישט געקאָנט קומען דער ברודער ישראל (פון יאָהאַנעסבורג).

(„אונדזער צייט", מאַי־יוני 1973)

*

פון ניו־יאָרק בין איך געפאָרן קיין מאָנטרעאָל אָנטייל צו נעמען אין אַן אָוונט צו אַרטורס 30טן יאָרצייט שבת דעם 19טן מיי, צו־זאַמען מיט די שרייבער: חוה ראָזנפאַרב, יעקב זיפּער און די אַר־טיסטן: י. גאָנשער, א. איגעלפאַרב און רייזל קענדיב־פישמאַן. פּאַסיקע טרויער מוזיק — דוד באָטוויניק.

דעם איינדרוקפולן אָוונט האָט איינגעאָרדנט דער אַרטור זיגעלבוים אָנדענק קאָמיטעט.

העשיל קלעפפיש

# סוכות: אריינבליק אין דער יידישער פסיכיק

דער שרייבער דערמאָנט זיינס אַ שמועס מיט שמואל זיגעלבוים אין לאָנדאָן וואָס מיר ברענגען דאָ:

„מעגלעך, אז דערפאַר, ווייל איינע פון מיינע לעצטע באַגעגענישן מיט שמואל זיגעלבוים איז פאָרגעקומען אין יום־טוב סוכות אין דער סוכה פון אונדזערס אַ בשותפותדיקן פריינט אין לאָנדאָן, האָט זיך נאָך שטאַרקער צונויפגעבונדן אין מיין געדאַנק די געשטאַלט פון דאָזיקן טריבון פון פוילישן יידנטום אין די יאָרן פון נאַצי־שווידער, מיט דער סוכה־פסיכיק, וועלכע איך ברענג ארויס אין אָט די שורות. דאָס איז געווען אין דער גרויל־צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן אין אונדזער געשפּרעך אָנגערירט פארשידענע פראַגן, וואָס זענען דעמאָלט געווען אַקטועל פאר דער וועלט און פאר אונדזער פאָלק. וואָסער ענין מיר זאָלן נישט האָבן אויפגעוויקלט, האָט שמואל זיגעלבוים כסדר זיך אומגעקערט צו דער עיקר־טעמע, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין זיין געמיט און וואָס האָט אַ פּאָר חדשים שפּעטער פארצערט זיין לעבן: דער פּיין־גורל פון פוילישן יידנטום.

שמואל זיגעלבוים איז בעצם בעת יענעם געשפּרעך נישט געווען מיט אונדז. פאר זיינע אויגן זענען געשטאַנען די מאַסן יידן פון ווארשע, לאָדזש, לובלין און פון ווילנע, וואָס זענען דעמאָלט געגאַנגען זייער לעצטן וועג. אין אונדזער שמועס זענען ארויפגעבריענגט געוואָרן די סוכות, וואָס יידן אין פוילן פלעגן אויפשטעלן אין די הויפן פון דער יידישער אָרעמקייט. עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון זענען אָנגעוואָרפן געוואָרן און איך האָב פאר זיגעלבוימען דערקלערט, דאָס דערהויבענע און סימבאָלישע, וואָס איך זע אין דער סוכה־טראַדיציע: דער באַשלוס זיך אויפצוהויבן איבער דער פּיינ־לעכערווירקלעכקייט און דער טאַלאַנט אויפצובויען אידעאלן פון

ווונדער און שפינען אונטער אלע אומשטענדן די האָפנונג, אז אַ נייער מענטש וועט אויפגיין פון די חורבות.

די אינטערפּרעטאַציע איז געפאַלן אין האַרץ פון שמואל זיגעל־בוים. בעיקר האָט דאָס אים אויפגעוויזן צו זיין דער פסיכאָלאָגישער שטריך פון פּוילישן יידנטום אין אלע תקופות פון זיין געשיכטע. דאָס סוכה־ביידל, האָט ער צוגעגעבן, האָט משמעות געהאָלפן די פּוי־לישע יידן אויפשטעלן זייערע גרויסאַרטיקע שלעסער פון גלויבן און האָפנונג״.

(„אידישער קעמפער״, ראש השנה תשל״ו)



פון לינקס: שוועסטער הנהטשע מיט איר מאַן מרדכי לייבמאַן און טעכטערל נאַדיאַ, אברהם און טעמע זיגעלבוים אין וואַרשע־לאַוו 1946, נאָך זייער צוריקקומען פון רוסלאַנד צוזאַמען מיט אַרטורס זון, יאַסל און זיין פרוי אַדעלא.

יוסף זיגעלבוים

# מיין פארהייליקטער פאטער!...

עס איז מיר נישט באשערט געווען צו זיין ביי דער לוויה אין לאָנדאָן, אין יאָר 1943. איצטער, צו דער דרייסיקסטער יאָרצייט זינט דיין מארטירער־טויט, שטיי איך ביי דיין קבר, וואָס איז באַצירט מיט דעם זעקס־ווענטיקן פלאמיקן מאָנומענט, מיט זעקס נידעריקעביימלעך ארום אים — א סימבאָלישער אויסדרוק פאר די זעקס מיליאָן פארשניטענע יידישע לעבנס, מיט וועלכע דו האָסט זיך פרייוויליק באַהאָפטן דורך דיין טאַט...

איך, דיין עלטסטער זון, וואָלט געדאַרפט די ווייטערדיקע ווערטער זאָגן ביי דיין קבר אין דער אָנוועזנהייט פון דיין פאַר־יתומטער משפחה און פריינט, אָבער די שטארקע עמאָציע האָט מיר נישט דערלאָזט זיי ארויסצוברענגען...

מיין הארץ האָט געבלוטיקט און די ווערטער זיינען געוואַקסן אין מיר ביז זיי האָבן אָנגעפילט מיין גאנץ וועזן און איך מוז זיי איצט ארויסברענגען.

דו האָסט דיין אייגענעם גורל קאָנטראָלירט זינט דיין קינד־הייט. אָן פאָרמעלער בילדונג, אָנהויבנדיק אלס א ניין־יאָריקער פּראָלעטאריער, ביסטו דערגאנגען צו דער פירערשאַפט פון יידישן פּראָלעטאריאט, אין די רייען פון „בונד" און געוואָרן א סימבאָל פון מוט און מארטירערטום פאר דעם יידישן פאָלק!...

„...מיין לעבן געהערט צום דעם יידישן פאָלק אין פוילן און דערפאר גיב איך עס אים אוועק"...

...און איידער דו ביסט געפאלן — זיך מקריב געווען — האָסטו אפּעלירט צום געוויסן פון דער מענטשהייט עס זאָל ווערן אויפגעציטערט!... און ווען איך האָב געפונען א נאצישע צייטונג (דער פעלקישער באָאָבאַכטער) אין א קליין שטעטל, וואָס איז

באפרייט געוואָרן פון דער נאַצי־אָקופּאַציע, האָב איך דערזען אויף דער צווייטער זייט א ידיעה וועגן דיין טאָט. נישט געקוקט אויף דער גיפטיקער און ציניִשער שפּראַך אין דעם באַריכט, האָב איך געהאַט דעם געפיל, אַז אפילו אונדזערע בלוטיקע שונאים האָבן אויפגעציטערט פנים אל פנים מיט דיין גרויסקייט...



ארטורס זון, יוסף זיגעלבוים מיט זיין משפחה׳לע:
יוסף, אדעלאַ זיין ווייב, פיניעלע און ארטור.

אָבער דיין טאָט האָט נישט געבראַכט דעם געווינטשטן רע־זולטאַט, הגם די ידיעה וועגן איר און דיין גייסט זענען אריינגע־דרונגען אין די הערצער פון די אנטי־נאַצי־קעמפער.

*

טייערער טאַטע! דו ביסט מיט מיר געווען כסדר זינט דעם אויסברוך פון דער וועלט מלחמה אין יאָר 1939.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט לאָדזש און דייטשע עראָפּלאַנען האָבן אונדז באַשאָסן, האָסטו מיך געפרעגט צי איך האָב מורא, איך האָב געענטפערט: „ניין, דו ביסט דאָך מיט מיר!” דו האָסט מיר גע־געבן מוט, דיין מוט.

דו ביסט געווען מיט מיר גייסטיק אומעטום, ווו כ׳בין געווען און זיך באַטייליקט אין אַנטי־נאַצי־קאַמף בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך האָב געזען דיין פּנים אומעטום, אין די שווער־סטע מינוטן פון לעבן, אין די בלוטיקסטע שלאַכטן אויפן מלחמה־פראָנט.

און אויך דאָ, אין אַמעריקע, שוין נאָך דער מלחמה, ביסטו מיט מיר געווען דורך די לאַנגע יאָרן אין שולע, און פון מיינע דערגרייכונגען.

דורך די אַלע יאָרן איז דיין געשטאַלט און די ליכטיקע גע־שטאַלט פון מיין מאַמע גאָלדע, געשטאַנען פאַר מיינע אויגן...

מיין טייערער טאַטע! נאָך לאַנגע יאָרן, ווען די אורנע מיטן אַש פון דיין פאַרברענטן גוף האָט זיך געפונען אין אַ לאָנדאָנער קרעמאַטאָריע, האָסטו ענדלעך געפונען דיין אייביקע רו אין ניו־יאָרק. דו ביסט דאָ צווישן דיינע גלייכע. דו טיילסט דיין אייביקע רו מיט די קעמפער און פירער פון „בונד”, פון דער יידישע אַר־בעטער באַוועגונג פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

מיין האַרץ וויינט נישט בלויז פון ווייטיק, נאָר אויך פון שטאָלץ, וואָס איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין דיין זון.

שלמה מענדעלסאָן

# די טאַט

## (ארטור זיגעלבוים)

דער זעלבסטמאָרד פון ח׳ שמואל (ארטור) זיגעלבוים האָט אויפ־גערודערט די יידישע און טײלוויז די ניט־יידישע וועלט. אַרטורס טאָט איז אריין אין דער יידישער געשיכטע. דער קומענדיקער היס־טאָריקער וועט ניט קענען אין דעם קאַפּיטל „יידיש לעבן, טויט און קאַמף אין נאַצי־פּוילן״ פאַרבייגיין דעם נאָמען שמואל זיגעלבוים. און ווייל ער איז דעם אַקט באַגאַנגען בעת ער האָט זיך געפונען אויף אַ וויכטיקן פּאָסטן, אויף וועלכן עס האָט אים אוועקגעשטעלט די יידישע ארבעטער־באַוועגונג — דער „בונד״ — איז ארטורס טראַגישער רוף און פּראָטעסט צו דער וועלט גלייכצייטיק אַן אַקט פון דער העראָאישער יידישער ארבעטערשאַפט. ניט נאָר איז ארטור א קינד פון „בונד״, ניט נאָר האָט ארטור געשטאַלטיקט זיין כאַראַקטער אין „בונד״, ניט נאָר האָט ער זיך געלערנט מוטיק קעמפן אין „בונד״ — נאָר ער האָט די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן אויף אַן אויפטרייסלענדיקן אופן דעמאָנסטרירט די אַבסאָלוטע פאַרבונדקייט פון „בונד״ מיטן גורל פון די יידישע מאַסן. דער שליח זייערער האָט זיך ניט באַטראַכט בלויז ווי דאָס מויל פון די פאַרשטומטע און צעבלוטיקטע יידן, נאָר ער האָט געפילט ממש, אז ער איז אפילו פיזיש אַ טייל פון דער דאָזיקער מאַסע. ווען זי ווערט געמאָרדעט און קומט אום, דאַן איז אים אוממעגלעך געוואָרן צו לעבן. ניט בלויז אין געדאַנק, ניט בלויז אין געפיל איז ער געווען באַהאַפטן מיט די העלדן פון געטאָגראַד — נאָר זיין פיזישע עקסיסטענץ איז געוואָרן אוממעגלעך.

עס איז אַ זעלטענע, אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג, ווען אַ רעפּרעזענטאַנט פון אַ מאסע זאָל זיך אזוי אַבסאָלוט אידענטי־

פּיצירן מיט איר. ער זאָל זיך באַטראַכטן, ווי דער פאַרשפּרעכער און גלייכצייטיק זיין אזוי שטאַרק א טייל פון איר. דער אויסגעוויילטער, דער וואָס געפינט זיך אויף אַן ארויסגערוקטן פּאָסטן און אין דער זעלבער צייט — איינער פון אַ סך, איינער פון אַלע.

שטיין אויף דער טריבונע פון פוילישן נאַציאָנאַל־ראַט און אזוי אומדערמידלעך קעמפן, ווי ארטור האָט דאָס געטאָן און אין זעלבן מאָמענט אינערלעך מאַרשירן מיט די דעפּאָרטירטע יידן צו די טרעבלינקער וואַגאָנען, אינערלעך מיטבאַטייליקן זיך אין דעם פאַנטאַסטישן קאַמף אויף די ווארשעווער געטאָ־גאַסן. און עס איז פאַר אים געווען אזוי נאַטירלעך, אז ער פאַלט אין איין שורה מיט זיינע און אונזערע נאָענטסטע — אַבראַשאַ בלום, ל. קלאָג, סאָניע נאָוואָגרודסקי א״אנד. און אויב עס פאַרניכטעט ניט זיין לעבן אַ נאַצי־קויל — דאַן ווערט דאָס דערגרייכט דורך אַן איבעריקער דאָזע פון שלאָף־מיטלען. סיי ווי האָט זיך אין די לעצטע מינוטן ארטור אפשר געפילט „פּריווילעגירט״ לגבי אנדערע. ער האָט דאך אזא „לייכטן טויט״, אָן טויט־שרעק, אָן בזיונות, אָן פּייניקונגען...

מען דאַרף, דוכט זיך, אַרטורס זעלבסטמאָרד ניט באַטראַכטן בלויז ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער וועלט, אפשר קעגן אונז אלעמען, וואָס מען האָט אזוי וויניק געטאָן אויף צו ראַטעווען די יידן פון נאַצי־מדינות פון אומקום (דער עלעמענט האָט זיכער געשפּילט ביי אים א גרויסע ראָל, אָבער ניט די אויסשליסלעכע), נאָר אויך ווי אַ פענאָמענאַלע אינערלעכע צונויפגיסונג מיט דער יידישע מאַסע.

ער איז געקומען פון איר, און כאָטש ער איז הויך געשטיגן אויפן לייטער פון אינטעליגענץ און פירערשאַפט — ווייזט אויס, אַז אין זיין טיפסטן וועזן האָט ער געהערט צו דער שוואַרץ־ערד פון דער יידישער געדיכטער מאַסע: „איך באַלאַנג צו זיי״ שרייבט ער אין זיין געזעגענונגס־בריוו. אַ זאַץ א פשוטער, זייער אָפט באנוצטער, אבער ער האָט באַקומען אזוי פיל וואָג, אַזא טיפן זין, ווען ער איז

געהייליקט געוואָרן דורך אַ לעבן פון מענטשן; פרייוויליק איז ער אַוועק צו די ברידער־קברים; עס האָבן אים אַהין געצויגן עפּעס



שלמה מענדעלסאָן אין קאַליפאָרניאַ, ווו ער איז פּלוצלינג געשטאָרבן אין פעברואַר 1948.
פון לינקס: ב. לעווין, דאָס יינגעלע אויף זיין שויס, איז אַרטור, יוסף זיגעלבוימס זון. ער הייסט נאָך זיין זיידן.

געהיימע כוחות, וואָס זיינען אַ סך שטאַרקער ווי לעבנסלוסט און לעבנסווילן. אין אַנבליק פון די מאַסן־קברים איז אים, ווייזט אויס, די וועלט געוואָרן פרעמד און ניט נויטיק.

זעלבסטמאָרדן זיינען געווען אָן אָפּטע דערשיינונג, בפרט ביי דער יידישער אינטעליגענץ פון מערב־אייראָפּע נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט. דאָס זיינען געווען אַקטן פון פאַרלוירנקייט, דער־שראָקנקייט, הילפלאָזיקייט.

ווער קען דען זיי פאַראורטיילן? מיר קענען בלויז זען די טראַגישע וואָרצלען פון די פאַרצווייפלונג־אַקטן. עס האָט אויס־געפעלט כוח. אלע הימלען זיינען פאַר די אומגליקליכע איינגעפאַלן. אלע אידעאַלן צערונען, געבליבן בלויז אַ פוסטע, פינצטערע, וועל־פישע וועלט. בעסער דעריבער — אריינשפּרינגען אין דער אומ־ענדלעכקייט פון ניט זיין!

„ער וואָלט געקאָנט שטיין אויף דער וואַך אין לאָנדאָן אַ סך יאָרן, ער וואָלט געקענט אויספירן זיין עפנטלעכן אַמט, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, שיקן אַלאַרם־טעלעגראַמעס צו דער וועלט.. און נאָכדעם זיצן אין דער היים אָדער אין געזעלשאַפט פון פריינט, קרעכצן, וויינען און... אַ ביסל הנאה האָבן פון לעבן... מיט איין וואָרט, טאָן דאָס אלץ, וואָס מיר טוען... אלע ווייטיקן מיר צוליב דעם, וואָס עס ווערט געטאָן מיט די יידן אין אייראָפּע, דער בונדיסט זיגעלבוים האָט געזאָגט: גענוג, איך קען מער ניט פאַרטראָגן די רואיקייט. די מנובלדיקע וועלט איז ניט פאַר מיר. איך וועל שטאַרבן צוזאַמען מיט מיינע ברידער אין וואַרשעווער געטאָ", — שרייבט דער זשורנאַל „מצודה", וועלכער דערשיינט אין לאָנדאָן.

טויט — פ ר י י ו ו י ל י ק ע ר, אליין אים ברענגען אויף זיך.

יעדע געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַליסטישע לאָגיק איז קעגן זעלבסטמאָרד אַלס מיטל אין קאַמף. אָבער — איך בין זיכער — אַז אַרטור איז צו זיין באַשלוס געקומען ניט אויפן סמך פון לאָגישע

באַטראַכטונגען, ניט נאָך א שכלדיקן ישוב הדעת. פון די אומענד־לעכע טיפעניישן פון אונטערבאַוווּסטזיין איז צו אים געקומען אַ מאַנונג, וועלכע האָט ניט אָפּגעלאָזן, האָט אים געפּייניקט און גערופן.

ער האָט כסדר זיין אומרואיקייט אויסגעשריען — אין טעלע־גראַמעס, אין ס.אָ.ס.־רופן, אין קאָנפערענצן, אין רעדעס. אַ פּוסטער עכאָ האָט זיך צו אים צוריק דערטראָגן. ער האָט דערפילט די צוועק־לאָזיקייט. אים האָט זיך אָנגעהויבן אויסדוכטן, אַז מיר שטייען פאר אַ טויבער וואַנט, ניט דורכצוברעכן. איז אַלץ שטאַרקער און אייַנ־געשפּאַרטער געוואָרן דער רוף אין די טיפעניישן פון זיין „איך" — קום, ווו דו געהערסט.

דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן דער טראַגישער באַוווּסטזיין — אויב מיט מיינע ווערטער קען איך גארניט דערגרייכן, וועל איך אפשר דורך דעם העכסטן קרבן פון לעבן, אויפוועקן די דרימלענ־דיקע, וועל איך אפשר די גלייכגילטיקע אויפמונטערן!

זיין צוואה — דער שטורמישער רוף, וואָס איז אזוי גרויס אין זיין פשטות, אין זיין איינפאַכקייט!

ארטורס טויט איז געווען אַבסאָלוט פריי פון יעדן שפור פון אַ פּערזענלעכער טראַגעדיע. טייל צייטונגען האָבן געפּרוּווט דאָס פארבינדן מיט א כלומרשטער ידיעה וועגן דערמאָרדן זיין פרוי און קינד. אין דעם בריוו צו די פּארטיי־חברים רעדט ער, אז אויב מען וועט טרעפן זיין פרוי און קינד, זאָל מען זיי געוויסע זאַכן איבער־געבן. ניט דאָס אומברענגען דעם אדער יענעם מענטשן איז געווען ארטורס טראגעדיע, נאָר דער אומקום פון די יידן אין פּוילן.

די גרויסע לאַסט פון פאראנטוואָרטלעכקייט און אומבאַשרייב־לעכע צוגעבונדקייט צו דער יידישער מאַסע — דאָס זיינען די גרונט־שטריכן, וועלכע אַרטור האָט דערוואָרבן אין „בונד" — אַן אוצר, פאר וועלכן מען באַצאָלט אַמאָל זייער טייער.

אַט די שטריכן האָבן דעם „בונד״ ניט איינמאָל געשטעלט אין אַ פּאָזיציע, וועלכע זיינע קעגנער האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן. זיי פלעגן מיט שוים אויף די ליפּן זיך וואַרפן אויף דער פּאַרטיי זיי פלעגן זיך פאַר קיין שום רכילות און אינסינואַציעס ניט אָפּשטעלן. דער זעלבער גורל האָט געטראָפן ארטורן בעת ער האָט אויסגעפירט זיין שווערע מיסיע אין לאָנדאָן.

אלע פּרווון אָפּצושיידן אַרטורן נאכן טויט — פון „בונד״, זיינען אַ פאַרשוועכונג פון דעם הייליקן קרבן. צו זיין טאָט איז ארטור דערגאַנגען נאָר און ווייל זיין היים איז געווען דער „בונד״. דעריבער — ווי עס גיבן איבער די לאָנדאָנער חברים — האָט ער די לעצטע טעג אזוי אָפּט און אזוי וואַרעם, מיט אזוי פיל דאַנקבאַרקייט און אנטציקונג גערעדט וועגן דער פּאַרטיי.

*

אין די קאַטאַקאָמבן פון די געטאָס, בעת די העלדישע שלאַכטן זענען געפירט געוואָרן אויף די גאַסן פון וואַרשע — דערציילן די אונטערערדישע באַריכטן — איז געערט געוואָרן דער אָנדענק פון אונזערע מאַרטירער העניריק ערליך, וויקטאָר אלטער און ארטור זיגעלבוים. אַלע דריי זענען געפאַלן — אמת, אויף פאַרשידענע אופנים — אלס קרבנות פון זייערע אידעאַלן, פון זייער בונדישער טריישאַפט. יעדן פון אונז מאַטערט אָפּט א שטים, וואָס דערטראָגט זיך פון אונטער דער ערד פון טרעבלינקע, סאָביבאָר, ווארשע: „אויב איר האָט אונז ניט געקענט ראַטעווען, קומט אהער צו אונז, זייט צוזאמען מיט אונז. טיילט אונזער גורל״! מען מוז האָבן א סך גבורה בייצוקומען דעם רוף.

— אַרטור האָט דעם רוף געפאָלגט. ער איז רואיק, זיכער — אַוועק צו זיי!

### גדעון האוזנער

## פארוואס איז זיגעלבוים באגאנגען זעלבסטמארד?

אין בוך „ירושלימער משפט", וואס איז ארויס אין ענגליש אין די פאראייניקטע שטאַטן (1966) און האט זיך געדרוקט אין עברית אין המשכים אין „ידיעות אחרונות", דערציילט דער געוועזענער פראָקוראר פון אייכמאנ'ס משפט און הייַנטיקער מיניסטער גדעון האוזנער, וועגן אלע אנשטרענגונגען וואס יידן אין דער גארער וועלט, אין לאנדאן, וואשינגטאן און מאסקווע, האבן געמאכט כדי די אליאירטע פעלקער זאלן רעאגירן אויף די מאַסן פארניכטונגען פון יידן, דורך באמבארדירן די טויט לאגערן, אדער די פארבינדונגס פונקטן פון די באנען וואס פירן צו די לאגערן, אדער כאטש באַגלייטן די באמבארדירונג פון אנדערע שטעט אין דייטשלאנד, מיט פראקלאַמאַציעס, ווו עס זאל געזאגט ווערן, אז דאס איז אַ שטראף פאר די פאַרברעכן געגן די יידן. די ענגלענדער און די אמעריקאנער האבן מיט טעכנישע און סטראַטעגישע תרוצים עקשנותדיק אפגעשטויסן אלע פארשלאַגן און אלע בקשות.

„דאָס יידנטום וואָס איז געפאַנגען געוואָרן אין גיהנום, האָט איבערגעשיקט א רוף נישט נאָר צו די אליאירטע פעלקער, נאָר אויך צו זייערע ברידער אינדרויסן. ווען די יידישע פארשטייער האָבן זיך באַגעגנט אין ווארשעווער געטאָ מיט יאַן קארסקי פון דער פוילישער אונטערגרונד באַוועגונג פאר זיין ארויסגיין אין דער אויסערלעכער וועלט, האָבן זיי אים באַפוילן איבערצוגעבן די יידישע מנהיגים: „זיי זאָלן גיין אין אלע וויכטיקע אַמטן אין ענגלאנד און אמעריקע, און זאָלן דאָרטן בלייבן, ניט אוועקגיין ביז זיי וועלן ניט באקומען גאַראַנטיעס פאר א ממשותדיקן טאַט פאר אונזער רעטונג. זאָלן זיי זיך אָפּזאָגן פון עסן און טרינקען, זאָלן זיי לאַנגזאם אויסגיין. אפשר וועט עס אויפטרייסלען דער וועלטס געוויסן".

די מעלדונג איז איבערגעגעבן געוואָרן צו וועמען זי איז געשיקט געוואָרן צו שמואל זיגעלבוימען. ווען שמואל זיגעלבוים האָט זי באַקומען אין לאָנדאָן, איז ער אויפגעשפרונגען ווי אַ געביסענער פון אַ שלאַנג. „דאָס איז דאָך אינגאַנצן אוממעגלעך" האָט ער געשטאַ־

מלט, „זיי וועלן מיך נישט לאָזן לאַנגזאַם שטאַרבן, זיי וועלן פשוט שיקן צוויי פּאָליציאַנטן און וועלן מיך אַריינוואַרפן אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע״.

דעריבער איז זיגעלבוים אַרויס אויפטרייסלען די וועלט מיט דערשיטערנדיקע אַנטפּלעקונגען, אָבער נאָך אַ קורצער צייט, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער האָט גאָרנישט דערגרייכט, האָט ער מער נישט געקאָנט איינהאַלטן אין זיך דעם ווייטאָג. ער האָט אָנגעשריבן און געלאָזן אַ בריוו, אין וועלכע ער האָט קאָנסטאַטירט אַז „די אחריות פאַר די פאַרברעכן פאַלן דירעקט אויף די אויספירער אָבער אומדירעקט אויף דער גאַנצער מענשהייט, וואָס קוקט אויף זיי מיט גלייכגילטיקייט. אפשר וועל איך מיט מיין טויט גורם זיין צו צוברעכן די גלייכגילטיקייט (לא אכפּתיות). מיין לעבן געהערט צו די מאַסן קברים פון די פּוילישע יידן און איך קער עס זיי צוריק״.

ער האָט געחתמעט די בריוו און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דעם 12טן מאַי 1943. „ידיעות אחרונות״, ט״ז תשרי תשכ״ז, 30.9.1966.

אסתר לודען

## ריפּס און אַרטור זיגעלבוים

איליאַ ריפּס, דער יונגער ייד פון ריגע, האָט זיך אַליין אונטער־געצונדן ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער דיסקרימינאַציע און אונטער־דריקונג פון דעם טיראַנישן רעזשים אין ראַטן פאַרבאַנד. זיין פאַרזוך צו באַגיין זעלבסטמאָרד דערמאַנט אונז אַן אַנדער אָפּפערונגס־טאַט אין דער תקופה פון חורבן (שואה). ס׳זיינען שוין אַריבער 26 יאָר זינט אַרטור זיגעלבוים, דער יידישער אַרבעטער פירער האָט געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן אין לאָנדאָן, וועלנדיק אויפוועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט, און ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט אויף דער גרויזאַמער טראַגעדיע וואָס איז אין יענער צייט

פאַרגעקומען אין די געטאָס און אין די טויט־לאַגערן, ווו עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן די לעצטע קדושים פון אייראָפּעאישן יידנטום.

ארטור זיגעלבוים איז געווען אַן אָנפירער פון דער ארבעטער פּאַרטיי „בונד" אין פּוילן, און גלייך מיט דעם אריינמאַרש פון די דייטשן אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע אין אָקטאָבער 1939, איז ער ארעסטירט געוואָרן מיט נאָך עלף מיטגלידער פון דער שטאָט באַפעלקערונג ווי ערובניקעס, פאַר דער „גוטער" אויפפירונג פון דער שטאָט באַפעלקערונג. דעמאָלט איז ארטור אויך געווען דער פאַרשטייער פון די יידישע ארבעטער אין דער וואַרשעווער קהילה פאַרוואַלטונג.

טראָץ אַלע סכנות האָט ער זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון אויפהויבן זיין שטימע קעגן דער הסכמה פון די אָנפירער פון דער קהילה צו גיין פריוויליק אין געטאָ. ער האָט עפנטלעך פּראָטעסטירט קעגן די ווילדע מעשים פון די נאַציס. אָבער ווען די געסטאַפּאָ האָט אים אָנגעהויבן נאָכשפּיאָנירן און מ'האָט זיך דערוווּסט אז זיי האָבן בדעה אים אַרעסטירן, האָט אים די אָנפירערשאַפט פון זיין פּאַרטיי אין אונ־טערגרונד געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון פּוילן מיט אַ האָלענדישן געפעלשטן פּאַספּאָרט.

ער איז נאָך שווערע מאַטערנישן אָנגעקומען קיין ניו יאָרק. שפּעטער אין לאָנדאָן איז ער געווען דער פאַרשטייער פון די יידישע ארבעטער אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט אין גלות. זיצנדיק אין דעם פרייען לאָנדאָן, ווייט פון די גרויזאַמקייטן פון די נאַציס, האָט ער זיך אליין געזען ווי איינער פון זיינע ליידנדע ברידער, וועלכע ער האָט רעפּרעזענטירט פאַר די רעגירונגען און די אָנפירער פון דער וועלט. זיינע געשרייען און פאָדערונגען צו געבן ממשותדיקע הילף כדי צו ראַטעווען די פּוילישע יידן פון פאַרניכטונג האָבן נישט געפונען קיין אויער זיך צו צוהערן. די וועלט איז געבליבן טויב און גלייכגילטיק צום גורל פון די יידן אין אייראָפּע.

די ידיעות פון פאַרניכטונג וואָס זיינען געקומען פון אָקופּירטן פּוילן, זיין אַבסאָלוטע אוממעכטיקייט זיי צו ראַטעווען, האָבן אים דערשלאָגן. ווען עס זיינען אָנגעקומען די ידיעות וועגן דער אונטערדריקונג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אָבער דאָס האָט ער געמאַכט נישט מחמת יאוש, נאָר צוליב אַ קלאָרע כוונה צו פאַרשטאַרקן דעם טויט געשריי פון זיין יידישן פאָלק און אויך כדי אויפצוּוועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט.

„איך געהער צו זיי... אפשר וועל איך קענען מיט מיין טויט זיי העלפן מער ווי מיט מיין לעבן...״ — האָט ער געשריבן אין בריוו וואָס ער האָט איבערגעלאָזן.

דער טראַגישער טויט פון שמואל מרדכי (אַרטור) זיגעלבוים האָט טאַקע אויפגעטרייסלט אַ חלק פון דער פאַרגעשריטענער געזעל־שאַפטלעכקייט אין דער פרייער וועלט, אָבער בלויז אַ קורצע צייט. זיין געשריי איז געבליבן ווי אַ קול קורא במדבר — אַ קול וואָס רופט אין מדבר, ענלעך צו יענעם קול וואָס האָט זיך די טעג געטראָגן פון ריגע פון דעם יונגן ייד אין פלאַמען אויף דעם פרייהייטס פּלאַץ אין דער הויפּט שטאָט פון דער סאָוויעטישער לעטלאַנד.

*

די איבערגעבליבענע פון דער משפחה זיגעלבוים זיינען צע־שפּרייט אין אַלע עקן וועלט און זיינען באַוווּסט מיט זייער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. לעצטנס זענען זיך צונויפגעקומען די ברידער און שוועסטער צו אַ משפחה צוזאַמענפאָר, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אין ישראל. זיי זיינען געקומען פון דרום־אַפריקע, אַר־גענטינע, קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן צו זייער ברודער, פּייוול, וואָס וווינט אין ישראל.

דער אָנדענק פון אַרטור זיגעלבוים איז פאַראייביקט געוואָרן דורך זיינע פאַרערער מיט רעסטאַווּרירן אַ זאַל וואָס טראָגט זיין

נאָמען. אָבער ווייניקע אין לאַנד ווייסן אַז עס איז פאַראַן אין תל־אביב, אין דער שכונה קרית שלום, אויך אַ גאַס אויפֿן נאָמען פון שמואל ארטור זיגעלבוים. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט דער יונגער ברודער ראובן פון דרום־אַפריקע דערציילט אויף דעם קבלת פנים וואָס מ׳האָט איינגעאָרדנט דער משפחה: —

ווען ער איז געקומען אין לאַנד כדי אַנטיילצונעמען אין דער „אינטערנאַציאָנאַלער״ באַגעגעניש פון זיין משפחה, האָט ער געדונגען אַ טאַקסי און געבעטן פירן אים צו דער ארטור זיגעלבוים גאַס, אין קרית שלום נעבן תל־אביב. עס האָט אים באַגלייט אַ פריינד פון ירושלים. אין משך פון צוויי שעה האָט דער שאָפער געזוכט די גאַס און נישט געקאָנט געפינען. ער האָט זיך אויפגערעגט און אָנגעהויבן שעלטן די גאַס, דעם נאָמען און דעם מענטשן וואָס האָט „אויסגעפונען״ אַזאַ נאָמען, און אויך די וואָס האָבן באַשלאָסן אָנרופן מיט זיין נאָמען אַ גאַס וואָס מ׳קען נישט געפינען אין תל־אביב.

דער שאָפער האָט זיך באַנוצט מיט אויסדריקן וואָס האָבן שווער באַליידיקט זיין קליענט. דער באַגלייטער האָט אַריינגעפּליסטערט אַ פּאָר ווערטער אין אויער פון דעם אויפגערעגטן שאָפער און דער איז אַנטשוויגן געוואָרן אין משך פון דער איבעריקער נסיעה. און ווען מ׳האָט סוף־סוף, נאָך לאַנגע האָפנונגסלאָזע זוכענישן געפונען דאָס געסל, איז דער שאָפער געבליבן ווי פאַרשטיינערט נעבן דעם אָרט וווּ עס איז געווען צוגעפעסטיקט אַ שילד מיט דעם נאָמען פון דער גאַס. ווען מ׳איז צוריקגעקומען מיט דער טאַקסי צו דער סטאַנציע, האָט דער שאָפער, אַן אָריענטאַלער ייד, נישט געוואָלט נעמען געצאָלט פאַר דער נסיעה. טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן, און ער האָט געבעטן זיין קליענט סליחה ומחילה פאַר די באַליידיגנדיקע אויסדרוקן. ער האָט דאָך נישט געוווּסט וועגן וועמען עס רעדט זיך. דעם נאָמען ארטור זיגעלבוים האָט ער קיינמאָל נישט געהערט, און וועגן זיין העלדנטאַט האָט אים קיינער נישט דערציילט...

„למרחב״, 21.5.1969.

ראובן זיגעלבוים

# על קידוש העם

## געהייליקט דעם ליכטיקן אנדענק פון מיין ברודער שמואל מרדכי (אַרטור) זיגעלבוים

דער רעדנער איז פּלוצלינג שטיל געוואָרן, האָט איבערגעריסן זיין ריידן, און זאַל האָט געהערשט א טויטע שטילקייט. די עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס זיינען געקומען אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן מיטינג פון דער ענגלישער ארבעטער־פּאַרטיי, האָבן ערנסט און גערירט אויסגעהערט דעם יידישן פאָרשטייער אין פּוילישן נאַציאָנאַלן ראַט, דעם פאָרשטייער פון „בונד״ שמואל (ארטור) זיגעלבוים. ער האָט געשילדערט פאר זיי די גרויל־מעשים וואָס די דייטשן טוען אַפּ די יידן אין פּוילן, געלייענט באַריכטן פון דער וואַרשעווער אונטערערד, דערציילט וועגן אויפשטאַנדן אין געטאָס... וועגן העראָאישן געראַנגל און טראַגישן אומקום פון די רעשטלעך יידן. שוין 2 שעה ווי ער רעדט פאר זיי, פאר די נישט־יידן וועגן דער טראַגישקייט פון אַ פאָלק, וואָס ווערט סיסטעמאטיש אויסגעמאָרדעט. און פּלוצלינג האָט ער איבערגעריסן. האָט ער פאַרענדיקט ? די שטיל־קייט האָט אָנגעהאלטן א מינוט. זיגעלבוים הערט די שטילקייט. ער ווייסט אז ער דאַרף ווייטער רעדן. ער האָט נאָר אויף איין מינוט פאַרלאָרן דעם קשר מיט די וואָס הערן אים, אַוועקגעטראָגן זיך אהין און דערזען דאָס אַלץ וועגן וואָס ער האָט גערעדט און געשילדערט, ער האָט דערפילט א זינלאָזיקייט אין זיינע רייד, אין האַלטן רעדעס אין אָנבליק פון דער גרויזאַמער רעאַליטעט. דאָס האָט אבער גע־דויערט נאָר אַ מינוט. ער האָט זיך גלייך איבערגעטראָגן צוריק אין זאַל. ער האָט ווייטער גענומען ריידן: „איר האָט היינט געהערט אָט די שרעקלעכע נייעס פון פּוילן, דאָס זיינען פאַקטן וועלכע מאַכן גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. אָט האָב איך אין מיין האַנט אַן אויסצוג פון אַ בריוו, וואָס א יידישע פרוי אין איין געטאָ האָט

געשריבן צו איר אַ שוועסטער אין אַ צווייטער געטאָ אין פוילן. דער בריוו איז אַן אויפטרייסלענדיקער רוף צו דער וועלט.

שטעלט אייך פאָר די מוטערס ביי וועלכע מען רייסט ארויס די קינדער פון די הענט. שטעלט זיך פאָר דאָס גרויסע פאַרברעכן פלאַנמעסיק אויסצומאָרדן אַ גאַנץ פאָלק. יעדער פון אונדז, וועלכער באַנעמט דעם גרויל פון פאַרברעכן, מוז ארומגעכאַפּט ווערן מיט אַ געפיל פון חרפה וואָס ער געפינט זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע. און עס וועט ווירקלעך זיין א חרפה ווייטער צו לעבן, צו געהערן צום מענטשלעכן מין, אויב עס וועט נישט געפונען ווערן מיטלען אָפּצושטעלן דאָס גרעסטע פאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. עס מוז אויפגעטרייסלט ווערן דאָס געוויסן פון יעדן, עס מוז אויפגעריסן ווערן די רואיקייט פון יענע, וואָס פאַרטרייבן פון זיך די פאַקטן, מיט דער זעלבסטנאַרונג אז זיי זיינען אומגלויבלעך. יעדער פון אונדז וואָס וועט נישט טאָן אַלץ כדי אָפּצושטעלן די מאַסן־שחיטות וועט נעמען אויף זיך די מאָראַלישע מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאר זיי. אין נאָמען פון די הילפלאָזע אומשולדיקע, פאַרורטיילטע צום טויט מענשען אין די געטאָס פון פוילן, וועמענס אויסגעשטערקטע הענט צו דער וועלט קאָנען נישט געזען ווערן, רוף איך צו אלע מענטשן, צו אלע פעלקער, וועמענס געוויסן איז נאָך וואַך, וױשט אָפּ די ברענענדיקע שאַנד וואָס ווערט געוואָרפן אויף דער מענטשלעכער ראַסע, צווינגט די נאַצי־מערדער אָפּצושטעלן דאָס פלאַנמעסיקע אויסמאָרדן פון אַ פאָלק".

זיגעלבוים איז ארויס פון זאַל אליין, ס'האָבן אים דענערווירט די מענטשן, וואָס האָבן אים געדריקט די הענט. ער איז פון זיי אנטלאָפן, עס האָט אים ווידער באַהערשט דאָס געפיל פון פארצווייפלונג און אומבאַהאָלפנקייט. שוין אַ יאָר צייט ווי ער איז דער פארשטייער פון פוילישן יידנטום אין דער פוילישער גלות־רעגירונג. ער האָט

געשריבן, גערעדט, געוואָרנט, געדראָט, נישט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגענהייט צו אויפקלערן, צו איבערצייגן, צו רופן און בעטן הילף, און אַלץ שלאָגט זיך אָן אין אַ טויבער וואַנט פון נישט גלויבן און גלייכגילטיקייט. ער איז אַ פאַרשטייער פון אַ פאָלק וואָס ווערט קאַלטבלוטיק אויסגעמאָרדעט. צי האָט ער כאָטש איין איינציקן נפש פון זיי באַוויזן צו ראַטעווען? יאָ, מען קומט אים הערן, דאָס וואָס ער דערציילט ווירקט אויף די מענטשן, אָבער דאָס איז נאָר אַן אויבנאויפיקע ווירקונג, נאָכדעם גייט מען איבער צום טאָג־טעגלעכן לעבן. אַ ביסל גלויבט מען נישט, מען וואַרפט אים אפילו פאָר, יידישע היסטעריע; אַ סך פון זיינע יידישע און נישט־יידישע פריינט האָבן אים אנגעהויבן אויסמיידן, זיי פילן זיך אומהיימלעך אין זיין געזעלשאַפט. ער ווייסט וואָס זיי טראַכטן: „ווי קאָן דאָס אַ מענטש שטענדיק און כסדר לעבן נאָר מיט איין געדאַנק, ער נעמט דאָס צו ערנסט, אָט דער זיגעלבוים". נו, יאָ, אוודאי, מען קאָן זיין אַ פאַר־שטייער, ארויסטרעטן עפנטלעך ריידן, שיקן אַלאַרם־טעלעגראַמעס צו דער וועלט און נאָכדעם זיצן אין דער היים אָדער אין געזעלשאַפט פון פריינט, קרעכצן, וויינען און אַ ביסל הנאה האָבן פון לעבן, טאָן דאָס וואָס אַלע טוען. זיינע אויגן האָבן אויפגעבליצט פון כעס, ער האָט פאַרדריקט די הענט אין פויסטן און זיך מיט כוח דורכגעשטופּט דורכן שפּאַצירנדיקן זונטאָגדיקן עולם, כמעט ווי געלאָפן. ער האָט דערזען אַ ליידיקן אָרט אויף אַ באַנק אין סקווער און האָט מיט אַמאָל דערפילט אַזאַ מידקייט אז עס האָט אים נישט געלאָזט שטעלן אַ טראָט מער, ער האָט זיך שווער אוועקגעזעצט. עס איז געווען אַ שיי־נער פרילינג־טאָג, איינער פון די זעלטענע זוניקע טעג אין פאַר־נעפּלטן לאָנדאָן. די ביימער ארום זיינען געווען צעבליט און האָבן פאַרשפּרייט אַ פאַרשיכּורנדיקן ריח. אַלץ איז אַזוי נאָרמאַל ארום.

אמת, לאָנדאָן לעבט איבער שווערע טעג, ווערט באָמבאַרדירט פון דייטשע עראָפּלאַנען. און דאָך אַזאַ רואיקייט, אַ זיכערקייט. צווישן

איין באָמבאַרדירונג און דער צווייטער גייט מען ארויס אין גאַס, מען שפּאַצירט. זיגעלבוים האָט זיך אין סקווער פּארקוקט אויף צוויי שפּילנדיקע קינדער: א יינגעלע א יאָר 7 מיט א מיידעלע פון זעלבן עלטער. ער האָט געקוקט אויף זייערע צעשטראָלטע פּנימלעך, אויף די צוויי מאַמעס וואָס האָבן זיך נחת'דיק צוגעקוקט צו זיי. ער איז געוואָרן מיטגעריסן מיט דער זוניקייט און העלער קינדער־פרייד, און אַ שמייכל, אזא זעלטענער גאַסט אין די לעצטע צייטן, האָט זיך צעשפּילט אויף זיין פּנים. די פּילקע, מיט וועלכער די קינדער האָבן זיך געשפּילט, האָט זיך צוגעקאָלערט צו זיינע פיס. ער האָט זי גענומען אין דער האַנט, געוואָלט זי צוריקווארפן. די קינדער זיינען געשטאַנען אין דערווארטונג מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך און ברייט צעעפנטע אויגן. זיגעלבוים האָט זיי א ווײלע אָנגעקוקט, זיין האַנט איז געבליבן הענגען אין דער לופטן, דאָס פּנים האָט פאַר־קרימט אַ גרימאַסע און די אויגן זיינען געוואָרן פארלאָפן. ער האָט דערזען פאר זיך די אויסגעשטערקטע הענטלעך און שרעק־אויגן פון טויזנטער און טויזנטער קינדער, אין וואַגאָנען און אויאָס און צופוס געטריבן צום טויט, צו די אויוונס. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און גענומען ווידער גיין שנעל, לויפן. אָט האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט ביי אַ סקווער און דאָ ווידער געהערט דאָס הילכן פון קינדערשע געלעכטערס. ווי וואָלט געווען, האָט ער געטראַכט, ווען מען נעמט אָט די מאַמעס, פאַרליבטע אין זייערע קינדער, און מען שיקט זיי אוועק דאָרטן, זיי זאָלן זיך צוקוקן און זען וואָס די דייטשן טוען מיט די קינדער פון זיין פאָלק. ווי וואָלטן זיי רעאַגירט? וואָלטן זיי אויפגעציטערט, געשריען, געוואָרפן זיך מיט די פויסטן אויף די רוצחים, צי אפשר גאָר גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט, און אפשר צוגעהאָלפן. אָט טוט דאָך אזוי דער גרעסטער טייל פון פּוילישן פאָלק. זיין גאַנץ לעבן האָט ער טיף געגלויבט אין דעם מענטש, אין זיין גייסט מיט גלויבן און אָפּטימיזם איז ער געגאַנגען פון שטאַפּל

צו שטאַפּל. און וואָס איז סאָציאַליזם אויב נישט דאָס טיפע גלויבן אין דערהייבנקייט פון מענטש. אַלס צוועלף־יאָריק יינגל איז ער אוועק פון דער אָרעמער, פול מיט הונגעריקע קינדער, שטוב, אוועק אין דער גרויסער פרעמדער שטאָט, פול מיט גלויבן אין מענטש, דערזען פאַר זיך דעם סאָציאַליזם, די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, דעם „בונד", דערפילט אין זיי די שיינקייט, די התלהבות, אַריינגעוואָרפן זיך אין דעם צעשטורעמטן ים פון מענטשלעכע ליידן און טרערן קעמפּענדיק פאַר גערעכטיקייט און דערהויבנקייט. ער איז געגאַנגען מיט דער מאַסע און אַרויסגערוקט זיך פאָרויס. זיין אָפּטימיזם און גלויבן אינעם מענטש האָבן אים געהאָלפן זיי צו איבערצייגן. זיי האָבן אים געהערט, די יידישע אַרבעטער, האָבן אים געגלייבט. ער איז שטענדיק געווען גרייט פאַר זיי, אין וואָכעדיקע טעג פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און אין ימים טובים, אין קאַמף, אין סכנות. גרייט אויף די העכסטע קרבנות פאַר זיי, פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַרן יידישן פאָלק. און איצטער, ווען זיין פאָלק גייט אָפּ אין בלוט, האָבן זיי אים אוועקגעשטעלט אַלס זייער שליח־ציבור פון אַ פאָלק וואָס ווערט אויסגעהרגעט, און ער קאָן גאָרנישט העלפן. ער קאָן נישט דורכהאַקן די וואַנט פון גלייכגילטיקייט און קורצזיכטיקייט.

ערגעץ־ווו האָט זיך צעקלונגען אַ זייגער. זיגעלבוים האָט זיך איינגעהערט אין די מאָנאָטאָנע טיק־טאַקן וואָס האָבן געגאָסן אַ קילקייט אויף זיין צעהיצטן קאָפּ. ער האָט זיך אַרומגעקוקט: די זון איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען, ס'איז געווען טונקל, די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן איינהילן אין אַ פייכטן קאַלטן נעפּל. די קילקייט האָט אים אָפּגעפרישט. זיין מוח האָט ווידער גענומען לאָגיש טראַכטן. מען טאָר זיך נישט אַריינלאָזן אין ספקות, ער מוז טאָן אַלץ וואָס עס לאָזט זיך,אַלץ וואָס איז נאָך געבליבן אין זיינע מעגלעכקייטן, ער מוז דערפולן זיין פליכט. ער קומט צו זיך אין צימער, זיצט ווידער ביי

זיין שרייב־טיש. קוקט נאָך אַמאָל איבער דעם אויסגעאַרבעטן געזעץ־פּראָיעקט קעגן אַנטיסעמיטיזם אין דעם נאָך־מלחמהדיקן באפרייטן פּוילן. ער דאַרף דעם פּראָיעקט מאָרגן פאָרלייגן אויף דער זיצונג פון דעם נאַציאָנאַל־ראַט. יאָ, ער איז אויך איבערצייגט אין דעם נצחון פון די אַליאירטע, אַ באפרייט פּוילן וועט אויפשטיין, אָבער צי וועלן נאָך זיין דאָרט יידן? ער האָט האַסטיק אוועקגעלייגט דעם פּראָיעקט. ניין! ער וועט נישט מיד ווערן צו פאָדערן: קודם מוז געטאָן ווערן אַלץ עס זאָלן בלייבן לעבן יידן. דאָס איז פריער פארן געזעץ קעגן אַנטיסעמיטיזם. ער האָט אָנגעשריבן 3 פאָרשלאָגן, וועלכע ער וועט מאָרגן אויף דער זיצונג אריינטראָגן:

„1) דער נאַציאָנאַל־ראַט פאָדערט אויף די רעגירונג אז זי זאָל גלייך פאָרלאַנגען פון אַלע אַליאירטע מלוכות, באַזונדערס פון אמע־ריקע און ענגלאנד, תיכּף אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פון ספּעציעלע אַקטן קעגן דייטשלאַנד, וואָס זאָלן זיי צווינגען אָפּצושטעלן די יידן־שחיטות.

2) געניווע באַשרייבונגען פון די יידן־שחיטות אין דער דייט־שער שפּראַך זאָלן אין גרויסע צאָלן אַראָפּגעוואָרפן ווערן פון עראָ־פּלאַנען איבער דייטשלאַנד.

3) די רעגירונג זאָל אָננעמען שריט אז גאָר אין גיכן זאָל צוזאַמענגערופן ווערן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון אַלע אַליאירטע רעגירונגען, וועלכע זאָלן אין נאָמען פון אַלע קעמפנדיקע פעלקער פאַרעפנטלעכן אַ פלאַמענדיקן פּראָטעסט און אַ שאַרפע וואָרנונג צום דייטשן פאָלק און זיין רעגירונג״.

זיגעלבוים איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און גענומען ארומשפּרייזן איבערן צימער. אין זיין מוח האָט ווידער געגעבערט דער ספק. האָט ער דאָך שוין צוויי מאָל אריינגעטראָגן פאָרשלאָגן וועגן אָננעמען סאַנקציעס קעגן די דייטשן. ער האָט די פאָרשלאָגן געשיקט צו טשערטשילן און רוזוועלטן. די ענטפערס זיינען געווען דיפּלאָמאַטיש־ארויסדרייענדיקע. ניין! איך וועל נישט מיד ווערן צו מאָנען, האָט

ער אויסגעשריען. און נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער אוועקגעשיקט דעם אַפּיל צו פּרעזידענט רוזוועלט און צו פּרעמיער טשערטשיל.

„אַלס באַפולמעכטיקטער פאָרשטייער פון דער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג אין פּוילן און אין נאָמען פון די יידן וואָס ווערן מאַסנ־ווייז אויסגעמאָרדעט הינטער די טויערן פון געטאָ, ווענד איך זיך צו אייערע רעגירונגען מיט דעם לעצטן פאַרצווייפלטן אַפּיל. אָט איז אַן אויסצוג פון דעם לעצטן באַריכט וואָס איז ווידער אָנגעקומען פון וואַרשע: אַ ווילדער שטורעם בושעוועט אויף די קעפּ פון פּוילישן יידנטום, און דער שרעקלעכער שטורעם ווערט מיט יעדן טאָג שטאַרקער. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג ווערט אויסגעראָטן, די מענער, די פרויען און די קינדער. פון די דריי און א האַלב מיליאָן יידן אין פּוילן פאַרן קריג, זיינען איצט געבליבן לעבן נישט מער ווי געציילטע טויזנטער, און די מאַסן־מאָרדן דויערן נאָך ווייטער. די לעבן־געבליבענע יידן אין פּוילן בעטן אייך צו געפינען מיטלען ווי אזוי צו ראַטעווען די רעשט פּוילישע יידן וואָס זיינען נאָך גע־בליבןביים לעבן. אַלס מענטש וואָס רעפּרעזענטירט די אומגליקלעכע יידישע באַפעלקערונג פון פּוילן, גיב איך אייך איבער זייער לעצטן אַפּיל וועגן רעטונג״.

ער האָט געענדיקט דעם בריוו און מיד געלאָזט פאַלן די האַנט אויפן טיש. די אויגן זיינע האָבן שטאַר געקוקט אין דער ווייטקייט. צו וועט עס דאָס מאָל זיי רירן, די פירער פון דער ציוויליזירטער וועלט?

יאַן קאַרסקי, דער שליח פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג וואָס איז געקומען אין לאָנדאָן, האָט אויך געהאַט א שלי־חות פון די יידישע פאָרשטייער. ער האָט געבעטן זיגעלבוימען וואַרטן אויף אים 5 אזייגער. ער האָט זיך א ביסל פאַרשפּעטיקט. זיגעלבוים האָט שוין געוואַרט אויף אים. זיי האָבן זיך האַרציק

באַגריסט און אַוועקגעזעצט זיך. וואָס ווילט איר הערן, פרעגט קאַר־סקי? וועגן יידן, איך בין אַ ייד, זאָגט מיר, וואָס ווייסט איר וועגן די יידן אין פוילן.

קאַרסקי האָט גענומען דערציילן רואיק און זאַכלעך אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט וועגן די יידן, אַלץ וואָס ער האָט געזען. ער האָט דערציילט וועגן די „געיעגן" אויף יידן אין די גאַסן, וועגן די „אַקציעס" אין געטאָ, וועגן די הונדערטער און טויזנטער וואַגאָנען פולע מיט יידן, וועלכע גייען אַוועק אין אומבאַשטימטע, אָבער דאָך באַשטימטע ריכטונגען. ער האָט דערציילט וועגן זיינע געשפרעכן מיט די יידישע פאָרשטייער פאַר זיין אַוועקפאָרן. זיגעלבוים איז געזעסן שטייף, מיטן קערפּער אַרויסגערוקט פאַרויס. ער האָט געהערט, איינגעזאַפּט אין זיך די גרוילן, די אויגן ברייט צעעפנט, האָבן געקוקט ווייט הינטער דעם דערציילער, זיי האָבן נישט קיין פינטל געטאָן, זיין פּנים איז געווען ווי פאַרגליווערט, נאָר אַ נערוועזער צוק איז פון צייט־צו־צייט דורכגעלאָפן אויפן געזיכט. קאַרסקי האָט ריידנדיק באַטראַכט זיין פּנים. ער האָט אויסגעזען זייער מיד. די אויגן האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון זייערע לעכער און דער צוק אויפן געזיכט האָט זיך מער אָפטער באַוויזן. זיגעלבוים האָט פּלוצ־לינג אָנגעהויבן שטעלן פראַגן. דערציילט מיר גענוי ווי זעען אויס די יידן אין די געטאָס? וואָסער פּנים האָבן די קינדער, וועלכע איר האָט געזען, וואָס האָט געזאָגט די פרוי, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט אייך צוגעקוקט אויף דער „יאַגד" אין געטאָ? ווי אַזוי זעען אויס די קערפּערס פון די טויטע יידן אויף די גאַסן פון געטאָ? צי גע־דענקט איר די לעצטע ווערטער פון קינד, וואָס איר האָט געזען שטאַרבן אויפן גאַס? אָ, איך האָב פאַרגעסן, איר פאַרשטייט נישט קיין יידיש, איר זייט נישט קיין ייד. קאַרסקין האָבן אָנגעהויבן דע־נערווירן די אַלע נישט וויכטיקע פראַגן און פּרטים. ער איז אויך געווען מיד פון די איבערלעבונגען, געשפרעכן.

— הער זיגעלבוים, האָט ער אַ ביסל נערוועאיש אים איבער־געריסן — דאָס איז דאָך אַלץ נישט אזוי וויכטיק. אין אַלגעמיין זיינען די באַדינגונגען שרעקלעכע און גרויזאַמע. די באַפעלקערונג אין געטאָ לעבט אין אַ מצב פון גסיסה, אין אַ כסדערדיק דראָענדיקן טויט. די אינסטרוקציעס וואָס די יידישע פירער פון געטאָ האָבן מיר גע־געבן, האָב איך איבערגעגעבן די פאַרשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג, וואָס האָבן מיר געענטפערט, אַז דאָס איז נישט דורכפיר־באַר צוליב פּאָליטישע און טאַקטישע טעמים.

זיגעלבוים האָט זיך אַ ריס געגעבן פון אָרט, זיך דערנענטערט צו קאַרסקין, זיינע אויגן האָבן געבליצט מיט כעס און פאַראַכטונג. הערט, האָט ער געשריען, איך בעט אייך נישט דערציילן מיר וואָס עס געשעט דאָ, וואָס מען זאָגט דאָ, וואָס מען טוט דאָ... דאָס ווייס איך בעסער פון אייך. איך וויל הערן וואָס עס געשעט ד אָ ר ט ן, וואָס זיי ווילן ד אָ ר ט ן, וואָס זיי זאָגן ד אָ ר ט ן ! ער האָט ארויס־געשריען פון זיך די רייד די און גענומען נערוועז שפּאַנען איבערן צימער. נו גוט, האָט געענטפערט קאַרסקי מיט ברוטאַלער פשוטקייט און זאַכלעכקייט. איך וועל אייך איבערגעבן וואָס עס ווילן אייערע פאַרשטייער אין געטאָ פון זייערע פירער אין די פרייע לענדער פון דער וועלט. אָט דאָס האָבן זיי מיר געהייסן זאָגן: „זאָלן זיי גיין צו די וויכטיקע ענגלישע און אמעריקאנער אַמטן און אַגענטורן, זאָלן זיי נישט אָפּטרעטן, ביז זיי וועלן נישט באַקומען קיין גאַראַנ־טיעס אז מען האָט באשלאָסן טאָן אַלץ צו ראַטעווען די יידן. זאָגט זיי, זיי זאָלן נישט עסן און נישט טרינקען, זאָלן זיי אויסגיין פנים אל פנים אין אָנבליק מיט דער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט, זאָלן זיי שטאַרבן. דאָס וועט אפשר אויפטרייסלען דאָס געוויסן פון דער וועלט".

קאַרסקי האָט זיך אויפגעשטעלט. זיגעלבוים איז געשטאַנען אקעגן אים אויסגעגלייכט מיט ברייט צעעפנטע אויגן און אים אָנ־

געקוקט. דאָס פּנים איז געווען אַ ביסל אויסגעלייטערט און כּמעט אַ שמייכל האָט לייכט באַוועגט זיינע ליפּן. נאָר אין די אויגן איז געווען עפּעס אַזוינס וואָס ער האָט פריער נישט באַמערקט, אַזאַ מאָדנע פייערל פאַר וועלכן ער האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן. זיגעל־בוים האָט אויסגעצויגן זיין האַנט, קאַרסקי האָט זי אַ פעסטן דריק געטאָן. הער קאַרסקי, איך וועל טאָן אַלץ וואָס איך קאָן זיי צו העלפן, אַלץ! איך וועל טאָן אַלץ וואָס זיי פאָדערן, איר גלייבט מיר צי נישט? קאַרסקי איז אַרויס פון צימער, האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און געבליבן שטיין. עפּעס האָט אים נישט געלאָזט אַוועקגיין. די אויגן מיט וועלכע זיגעלבוים האָט אים אָנגעקוקט! און אפשר האָט ער נישט באַדאַרפט איבערגעבן אַלץ, ער האָט זיך אויסגעדרייט און געפּרוווט אָנקלאַפּן אין טיר, קיינער האָט נישט געענטפערט. פון הינטער דער טיר האָט זיך געהערט אַ נערוועז שפּאַנען איבערן צימער. קאַרסקי איז מיד און שווער אַראָפּ פון די טרעפּ.

נאָך האַלבער נאַכט. דורכן אָפענעם פענצטער רייסט זיך אַריין אַ געדיכטער פייכטער נעפּל, וואָס ווערט צערונען אין דער טונקל־קייט פון צימער. זיגעלבוים שטייט ביים אָפענעם פענצטער, קוקט אין דער שוואַרצקייט. אַלע חושים אין אים זיינען אָנגעצויגן. ער האָט שוין באַשלאָסן, פאַרענדיקן... שוין פון לאַנג דערפילט זיין פיזישע עקסיסטענץ פאַר נישט מאָראַליש, ווען אַרום הערשט טויט און פאַרניכטונג. ער האָט פריער דעם געדאַנק נישט דערלאָזט צו זיך ווייל זיי דאָרטן, אין ווענעמס נאָמען ער רעדט, האָבן פאַרלאַנגט פון אים שטיין אויף דער וואַך. זיי האָבן געגלייבט, אַז ער קאָן עפּעס העלפן. אָבער איצט גלייבן זיי שוין אויך נישט אין דעם און פאַר־לאַנגען פון אים אויספּרובירן דאָס לעצטע. אפשר וועט דאָס העלפן? אפשר וועט די וועלט דערהערן? איז וואָס שטייט ער נאָך, וואָס שלעפּט ער אָפּ? זיגעלבוימען, דעם ניכטערן לאָגישן אידעאַליסט,

האָט שטענדיק באַגלייט זיגעלבוים דעם טרוימער, באַגלייט און זיך דערגאַנצט און געשאַפן שלימותדיקייט. איצט האָבן זיי ביידע אין אים געשריען, געריסן זיך: „עס איז אומזין״ האָט געשריען אין אים דער לאָגיקער: דו דאַרפסט שטיין אויף דער וואַך, דערפילן דיין פליכט, ווייטער טאָן אַלץ וואָס עס לאָזט זיך, האָסט דערשראָקן זיך, מיד געוואָרן און וואָס איז דאָס פארא טעאַטראַלע מעלאָדראַמאַטיש־קייט, באַגיין זעלבסטמאָרד? דאָס קאָן באַווייזן יעדער פארליבטער בחור, יעדער שוואַכלינג. און וואָס וועסטו אויפטאָן מיט דיין טויט? אָפּטרעטן דעם וועג דעם שונא, א ברייטהאַרציקער זעשסט אזא. זיי וועלן נאָך זיין צופרידן דערפון, וועלן זיך רייבן די הענט פון שמחה. פארקערט — וואָס מער אזעלכע „מאַרטירער״ און זיי וועלן קאָנען ווייטער אומגעשטערט טאָן אלץ וואָס זיי ווילן. און די וועלכע דו ווילסט באַווירקן מיט דיין טאַט, מאַכן אויפציטערן — נאַרישקייטן, זיי וועלן העכסטנס לאָזן אַ טרער, לייגן אַ פּאָר בלומען אויפן קבר און ווייטער מאַכן זייערע קאַלטע דיפּלאָמאַטישע חשבונות. צו וואָס אוועקגעבן אומזיסט דאָס לעבן? באַטראַכט דאָך לאָגיש?

זיגעלבוים האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער און גענומען שפּאַנען איבערן צימער.

הער אויף, האָט געשריען אין אים דער צווייטער. ס׳איז נאָך נישט אלץ פאַרלאָרן, די וועלט וועט מוזן דערהערן.

וואָס איז לאָגיק? אָט שרייב איך אָפּילן צו מלוכה־מענער, קאָנ־פעריר מיט זיי, באַמי זיך צו זיין לאָגיש און זאַכלעך, איבערצייגן זיי, ווען אלץ רייסט זיך אין מיר, און זיי באַטראַכטן דאָס אלץ לאָגיש מיט רואיקע פּנימער, דיפּלאָמאַטיש מאַכן זיי דעם חשבון, אַז ס׳לוינט נישט, מען קאָן נישט און דערווייל קומט אום דאָס פאָלק. ניין, ניין, אומקומען מיט זיי, דאָס איז דער איינציקער וועג וואָס איז געבליבן מיר, דעם שליח פון אַן אומבאַהאָלפן פאָלק.

איך וועל שוין דאָ גאַרנישט אויפטאָן. איך קלאַפּ מיטן קאָפּ אָן א האַרטער, טויבער וואַנט. די וואָס הערן מיך קלאַפּן, האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דעם, עס ווירקט שוין נישט מער. דאַרף מען זיך מיטן גאַנצן אימפּעט א וואַרף טאָן אויף דער וואַנט, באַשפּריצן זי מיטן אייגענעם מאַרך, אפשר וועט דאָס ווירקן? זיי דאַרטן גלייבן אין דעם „אפשר". און דער „אפשר" האָט גענומען ביי אים אויסוואַקסן, אָננעמען רעאַלע פאָרמען.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פון זיין שפּאַנען הין און צוריק. איז צו צום טיש, זיך אוועקגעזעצט און גענומען שרייבן. מאָמענטנווייז זיך פאַרהאַלטן, פאַרטראַכט זיך און ווידער געשריבן. ער האָט פאַר־ענדיקט, די הענט זיינען געבליבן ליגן אויפן טיש. ער האָט אויפ־געהויבן א ביסל דעם קאָפּ, באַטראַכט אלע קלייניקייטן אויפן שרייב־טיש און פאַרהאַלטן דעם בליק אויף די דריי רויטע רויזן. דאָס האָט די באַלעבאָסטע, אן אלטע ארבעטער־פרוי, וואָס האָט אים מיט זאָרג לעצטנס נאָכגעקוקט, אוועקגעשטעלט די רויזן אויף זיין טיש, טיף גערירט פון זיין נעכטיקער רעדע אויף א מיטינג. זיי זיינען געשטאַנען, די רויזן, אקעגן אים צעבליטע ווי מיט צעעפנטע מיילער. ער האָט א גלעט געטאָן איינע פון זיי, די סאַמעטענע גלאַטקייט האָט אים אַ ברי געטאָן אין האַנט. ער האָט זי צוריקגעכאַפּט, איז אויפגעשטאַנען און מיט שנעלע טריט אוועק אין טונקעלן הינטער־גרונט פון צימער, ווו ס'איז געשטאַנען זיין בעט. דער לאָמפּ אויפן טיש איז געבליבן ברענען און האָט באַלויכטן די אָנגעשריבענע לעצטע ווערטער:

„איך קאָן נישט בלייבן שטיל, איך קאָן נישט לעבן, ווען די רעשטלעך פון יידישן פאָלק אין פוילן, וועמענס פאַרשטייער איך בין, ווערן אומגעבראַכט. מיינע חברים אין וואַרשעווער געטאָ זיינען אומגעקומען מיט געווער אין האַנט אין דעם לעצטן העראָאישן געראַנגל. עס איז מיר נישט געווען באַשערט צו שטאַרבן אזוי ווי

זיי, צוזאַמען מיט זיי. אָבער איך געהער צו זיי און צו זייערע מאַסן־קברים״.

„הינטער די מויערן פון געטאָ קומט איצט פאָר דער לעצטער אַקט פון דער טראַגעדיע, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם פאַרברעכן פון אויסמאָרדן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין פוילן פאַלט אין דער ערשטער ריי אויף די מערדער גופא. אָבער אומדירעקט באַלאַסטעט די דאָזיקע אחריות אויך די גאַנצע מענטשהייט, די פעלקער און די רעגירונגען פון די אַליאירטע מלוכות, וועלכע האָבן ביז איצט נישט געמאַכט קיין באַמיאונגען צו אַ ממשותדיקער אַקציע פאַרן אָפּשטעלן דאָס פאַרברעכן. דורך פּאַסיוון צוקוקן זיך צו דער דערמאָרדונג פון שוצלאָזע מיליאָנען געפּייניקטע קינדער, פרויען און מענער זיינען די דאָזיקע לענדער שותפים פון די פאַרברעכער״.

„מיט מיין טויט וויל איך אויסדריקן דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט קעגן דער פּאַסיוקייט, מיט וועלכער די וועלט קוקט זיך צו און דערלאָזט די אויסראָטונג פון יידישן פאָלק״.

„איך ווייס ווי ווייניק אַ מענטשלעך לעבן איז ווערט ביים היינטיקן טאָג, אָבער ווייל איך האָב נישט געקאָנט טאָן גאָרנישט בעת מיין לעבן, וועל איך אפשר מיט מיין טויט מיטהעלפן, אַז עס זאָל געבראָכן ווערן די גלייכגילטיקייט פון די, וועלכע האָבן די מעגלעכקייט צו ראַטעווען איצט, אפשר אין לעצטן מאָמענט, די נאָךפאַרבליבענע פּוילישע יידן.

„מיין לעבן געהערט צום יידישן פאָלק אין פוילן און דערפאַר גיב איך עס אים אוועק.

שמואל זיגעלבוים״.

לאָנדאָן, 12־טער מאַי, 1943.

# פון ארטורס
# פארבליבענע שריפטן

## צום 25־טן יארצייט פון י. ל. פרץ *

פארמאך די אויגן און פרוּוו דיך אין געדאַנק אַריבערטראָגן צו יענעם פרילינג־טאָג, אין וועלכן י. ל. פרץ האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם — וואָס זעסטו?

...1915. ריזיקע שטחים פון דער מאמע ערד אין אייראָפּע ווערן געשענדעט. די הויט פון דער ערד ווערט אויפגעבראָכן נישט פון אַקער־אייזן; איר אינגעווייד ווערט אַרויסגעשליידערט דורך מיליאָנען גראַנאַטן. עס שפּרייזט נישט איבער איר איר זון, וואָס זייט אין איר שפע — עס מאַרשירן און צוטרעטן זי האַרט און ברוטאַל גאַנצע פעלקער, פאַרפּאַנצערטע אין אייזן און מאָרד־מכ־שירים; עס צערייבן זיי די רעדער פון טויזנטער האַרמאַטן; אַ פאַרגוואַלדיקטע ווערט זי געצוואונגען איינצוזאַפּן אין זיך דאָס בלוט פון מיליאָנען אירע פויערים־זין...

...איבער די שטחים פון רוסלאַנד טראָגן זיך מעשוגענערווייז טויזנטער עשאַלאָנען. מיליאָנען פויערים־קינדער, אַרויסגעריסענע פון זייערע שטילע דאָרף־נעסטן, פאַלן ווי אונטערגעהאַקטע בוימער, אויף די שלאַכטפעלדער פון פוילן. און די פוילישע ערד, די אַזוי שווער געפּרוּווטע דורך דער געשיכטע, איז ווידער דער קריג־שוי־פּלאַץ צווישן די אימפּעריאַליזמען פון מזרח און מערב. אירע שטעט ווערן חרוב, אירע מיט שטרוי־געדעקטע דאָרפישע בתים גייען אוועק מיטן פייער.

* דאָס איז אַ רעדע וואָס אַרטור האָט געהאַלטן אין פּאַריז נאָכן אַרויס־ראַטעווען זיך פון פוילן.

און איבער יידישע שטעט און שטעטלעך טראָגט זיך די זאָוויע־רוכע פון טויט און פארוויסטונג. די נישט־געזעטיקטע בעסטיע פון רוסישן נאציאָנאַליזם, וועלכע קאָן דעם שטאַרקערן שונא נישט דערגרייכן, געפינט א נאָענטערן, א שוואכערן, אויף וועמען ס'איז גרינגער אויסצולאָדן דעם כעס: דעם ייד. — „יידן שפּיאָנען!", „יידן — פאררעטער פון דער „מאַטושקא ראָסיאַ!" — טראָגט זיך עס ווילד און אומזיניק. און צענדליקער שטעטלעך ווערן פּאָגראָ־מירט דורך קאָזאַקישע האָרדעס. צוזאמען מיטן רוסישן פויערים־בלוט, מוז די פוילישע ערד איינזאפּן אויך גאנצע שטראָמען יידיש בלוט. צענדליקער טויזנטער יידישע נפשות ווערן פארטריבן פון זייערע היימען, אלס „פארדעכטיקע". איבערן גאנצן שטח פון אמאָ־ליקן רוסלאנד שלעפּן זיך די עשאלאָנען מיט יידישע אנטרונענע — „בּיעזשענצעס". ווארשע ווערט פול מיט צענדליקער טויזנטער אומגליקלעכע, וועלכע קומען צו לויפן פול בהלה און טויט־אנגסט. עלטערן זוכן קינדער און קינדער — ארויסגעריסענע פּרילינג־בליטן — זוכן זייערע עלטערן. נויט, גרויל, אומגליק.

י. ל. פּרץ לייגט אוועק די פעדער און נעמט די קעלנע אין האנט אריין. ס'מענטשלעכע אומגליק רופט אים. זיין עמפינדלעך הארץ פארנעמט די פיין און גרויל און לאָזט אים נישט זיצן ביים שרייב־טיש: מען מוז טאָן, בויען, נישט לאָזן אונטערגיין! ער שאפט קאָמיטעטן, בויט קיכן פאר הונגעריקע, קינדערהיימען פאר פארוואָרלאָזטע קינדער און ווארפט דעם ערשטן קערן פון א יידי־שער פאָלקס־שול.

און אין דעם דאָזיקן מאטעריעלן, קאָנקרעטן שאפן איז ער פונקט אזוי גאַנץ און פּרעציש, ווי אין זיין גייסטיקן, ליטעראַרישן שאפן; ער גיט אָפּ, אין זעלטענער האַרמאָניע, זיין גאנץ הארץ און זיין גאנצן פאַרשטאַנד.

*

פּרץ׳עס געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון די טעג פון 5־1914, וועלכע זענען געווען אזוי ענלעך צו אונדזערע היינטיקע טעג, איז געווען אין פולער גאַנצקייט מיט זיין ליטעראַרישן שאַפן, איז געווען א דערגאַנצונג פאַר זיין לעבן. דער סימן־מובהק, דאָס ווערט־פולסטע אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, פון וועלכער פּרץ איז דער וויכטיקסטער און גלענצענדיקסטער פאָרשטייער, — איז איר וואָרצלען אינם קאָנקרעטן לעבן פון די דערוואַכטע יידישע מאַסן. יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און מאָדערנע יידישע ליטע־ראַטור זענען געבוירן געוואָרן צוזאַמען. זיי זענען די צוויי הויפּט־אויסדרוקן פון איין פּראָצעס: ווידערגעבורט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, פון זייער מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען — זענען געווען און געבליבן די מאַטעריעלע כוחות, די פאָרמאַציעס, וואָס האָבן געקעמפט און קעמפן פאַרן עקאָנאָמישן, נאַציאָנאַלן און קול־טורעלן ווידערגעבורט פון פאָלק; די יידישע שרייבער מיט פּרץ׳ן אין דער שפּיץ — זענען די טרובאַדורן פונם דאָזיקן קאַמף, די וועקער און אָפּשפּיגלער צוזאַמען.

צי באַדייט דאָס, אַז פּרץ איז געווען א בונדיסט? אַז די יידישע ליטעראַטור איז בונדיסטיש? — ניין. דאָס וואָלט געווען צו פּרימי־טיוו פאַרשטאַנען. אָבער דאָס ערלעכע, נישט געפעלשטע דיכטע־רישע עמפּינדן האָט פּרצן און זיין שאַפן געפירט אויף די וועגן, אויף וועלכע ער האָט באַגעגנט די מאַסן, וואָס האָבן געשטורעמט די לאָדנס, כדי צו פאַרטרייבן די פינצטערניש, אין וועלכער עס פילן זיך גוט גנבים און געשפּענסטער פון דער פאַרגאַנגענהייט. די אינערלעך־אויסגעלייזטע נשמה פון די „שבת־יומטובדיקע יידן״, וועלכע פאַראַכטן די ווערעמדיקע קליינלעכקייט פון דער וואָך, וועלכע זענען גרייט זייער אייגן לעבן מקריב צו זיין, כדי א וועלט

צו באפרייען, „אייביקן שבת" צו ברענגען, — האָט באקומען איר קאָנקרעטע פארקערפערונג אין די בונדישע לעקערטס און אין זייערע מעשים. דאָס איז די פארבינדונג צווישן דער יידישער ליטעראטור, צווישן פרצן און דעם „בונד", צווישן די „יום־טוב־בלעטלעך", און די בונדישע „סכאָדקעס"...

*

פרץ האָט דערציילט אזא מעשהלע: אינם אלטן גריכנלאנד איז א שטאָט באפאלן געוואָרן פון א מעכטיקן שונא. די קריגער פון דער שטאָט האָבן פארטיידיקט אירע מויערן מיט העלדיש־קייט, מיט פארצווייפלטן מוט. אָבער די באלאגערונג האָט גע־דויערט לאנג, דער שונא האָט געהאט א גרויסע איבערמאכט. די רייען פון די פארטיידיקער זענען געוואָרן אלץ שיטערער, דער מוט איז געפאלן און ס'איז געבליבן בלויז די פארצווייפ־לונג. דאָס געשפענסט פון מפלה און פארשקלאפונג האָט שוין פארשפרייט זיין טונקעלן שאָטן איבער דער העלדישער שטאָט. דעמאָלט האָבן די עלטסטע געשיקט שליחים צו א שכנימדיקער שטאָט און געבעטן הילף. גאנצע טעג זענען די פארשמאַכטע איינוואוינער פון דער באלאגערטער שטאָט געשטאַנען ביים ברעג און אויסגעקוקט די אויגן: צי וועלן די שליחים צוריקקומען, צי וועלן זיי ברענגען הילף?

ענדלעך, אין א טאָג, ווען אין די מענטשן איז שוין די לעצטע האָפענונג געווען פארלאָשן, האָט זיך פון ווייטן באוויזן א שיף. פרייד האָט אויפגעבליט אין די הערצער: עס קומט דאָך הילף! אָבער ווען די שיף איז געקומען צום ברעג, איז די פרייד ווידער אָפּגעמעקט געוואָרן פון זייערע פנימער: פון דער שיף איז אראָפּ איין און איינציקער מענטש — א הינקענדיקער זינגער מיט א הארפע אין האנט. — איז דאָס חוזק פון זייער

אומגליק? דאָס זאָל זיין די הילף, וואָס די שכנים האָבן זיי געשיקט?

אָבער דער זינגער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן מארק מיט זיין הארפע. ווינדערלעכע טענער האָבן אָנגעפילט די שטאָט, זענען אריין אין די הערצער, האָבן אויפגעשוימט דאָס בלוט, ווי אַלטן ווײַן; דאָס בעסטע, דאָס ווערטפולסטע, וואָס האָט געדרימלט אין אונטערבאַוווסטזיין, אין דער פאָטענץ פון די מענטשן, האָט דער זינגער, ווי אַ נביא, ארויסגעפילט און אַרויסגעכישופט אין זיין געזאַנג, געבראַכט עס ממשותדיק פאַר זיי. און פארשוווּנדן איז די פארצווייפלונג און פארטריבן איז געוואָרן דער שווארצער שאָטן, וואָס האָט שוין געהאַט די שטאָט אין זיין באַזיץ גענומען. אין העלן ליכט פון דער לויטערער זון זענען די קריגער, מיט נייעם מוט, פון בטחון, ארויס צום קאַמף און — האָבן געזיגט, דעם שונא צעשמעטערט און די שטאָט באַפרייט.

און אייביק האָבן שוין אין זייערע הערצער געציטערט די קלאַנגען פונם הינקענדיקן זינגער...

*

דורך לאַנגע יאָרן פון שווערן קאַמף פון די יידישע מאַסן און זייערע אָרגאַניזאַציעס קעגן אַן איבערמעכטיקער, פיינטלעכער וועלט, האָט י. ל. פרץ די הארפע פון האַנט נישט ארויסגעלאָזן. ווי יענער לעגענדארער זינגער האָט ער ארויסגעצויבערט און געברענגט צום באַוווסטזיין פון די יידישע מאַסן די שענסטע, ווערטפולסטע קרעפטן, וואָס האָבן אין זיי געדרימלט. און אין די שווארצע טעג פון 1914־5 איז ער געווען מיט זיי, פּאָזיטיוו, אַקטיוו, געוועקט לעבן, מוט, האָפענונג. אָבער זיין אייגן

האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם איבערפּלוס פון מענטשלעכן אומגליק. עס האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן.

היינט לעבן מיר ווידער איבער טעג פון גרויל. נאָך גרעסער, נאָך שרעקלעכער ווי דעמאָלט האָט אומגליק ארומגענומען די יידי־שע מאַסן מיט זיינע ביינערדיקע אָרעמס. ווידער שטייען די פּאַר־מאַציעס פון די יידישע מאַסן — דער „בונד", די פאַריינען — אויף זייער פּלאַץ אין שווערן, מסירות־נפשדיקן קאַמף פאַרן לעבן, פאַרן קיום, — אין קאַמף מיט אַ שרעקלעכן, מיט אַ מאָנסטרועלן שונא.

אָבער ווו איז דער זינגער מיט זיין האַרפּע? ווו איז דער פון גאָט־געבענטשטער נביאהשער אויסזינגער פונם ליד, דער וועקער און דערמונטערער, מיטן אָדלער־בליק, וואָס זאָל אונז ווייזן דעם ליכטיקן ברעג פון אויסלייזונג, — ער איז נישטאָ. און ס'איז נאָך אין דער יידישע ליטעראַטור נישט געבוירן געוואָרן קיין אַנדערער, וואָס זאָל פּרצן פאַרטרעטן און זיין ראָל אויספירן.

אָבער אין די הערצער פון די יידישע קעמפנדיקע מאַסן ציטערן נאָך די קלאַנגען פונם אַלטן ליד, קלאַנגען, וואָס זענען מיט 25 יאָר צוריק פאַרשטומט געוואָרן, דאָס ליד גופא לעבט אָבער און הייסן הייסט עס — י. ל. פּרץ...

(„אונזער שטימע", פּאַריז, 20.4.1940)

# די פֿאַבריק

## נאָוועלע

דער קליינער שמואליק האָט אָנגעטראָגן זיינע עלף יאָר, אָנגעפּילט מיט ניט־דערעסענע אָנבייסנס, מיט ניט דערזיפטע האָפֿנונגען פֿון זיין איינגעקוואַרטער מאַמען און מיט טראַכטעניש װעגן תּכלית.

איבער דער היים אין געלעגן די מראה פֿון שטענדיקער זאָרג מיט וואָס צו פֿאַרשטופּן די הונגעריקע מײַלער פֿון די זיבן פֿרעסערס, וואָס פֿון שמואליקן, דעם בכור, ביז צום לעצטן איינייעריקן פּענדרי״ק האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט געזעטיקט מיטן טאַטנס מרה־שחורה און מיט דער מאַמעס קללות, און האָבן שטענדיק געוואָלט נאָך עפּעס...

האָט דער טאַטע — אַן אָנגעכמורעטער — געשפּרייזט גאַנצע טעג איבער דער שטוב, אַריינגעהוסט אין דער קנוידער־באָרד אַריין, אַרויסגעשפּיגן שטיקלעכווייז די שווינדזיכטיקע לונגען אין אַ ווינקל פֿון שטוב און שטילערהייט געגנערט זיך מיטן אָנדענק פֿון זיין יחוס און גדלותדיקע צייטן, ווען מילן האָבן זיך געדרייט, תּבֿואות האָבן זיך געצייטיקט אויף די אַרענדירטע פֿעלדער, סאַדזעוויקעס האָבן געהאָדעוועט אַ שפע מיט פֿיש, סוחרים — גרויסע, בכבֿודיקע סוחרים פֿון די מרחקים — זענען געקומען און געפֿאָרן און אַ וועלט האָט געקלונגען.

אַזוי האָט דער טאַטע געטראָגן זיין געוועזן לעבן און זיין שווינדזוכט אַהין און צוריק איבער דער שטוב, און די מאַמע איז געזעסן גאַנצע טעג איבער פֿרעמדע העמדער, וואָס זי האָט געצערעט און געהאַפֿטן. אויף איר איינגעקנייטשטן פּנים זענען נאָך געלעגן די געצערטעלטע יחוס־סימנים, איבער אירע מאַט־געוואָרענע

אויגן זענען אין אויסגעבויגענע שנירלעך געלאָפן די צוויי שמאָלע, שווארצע ברעמען, וואָס זי האָט נאָך פון איר טאַטנס רבנישער שטוב מיטגעבראכט. צייט שמואליק געדענקט, איז אויף דער מאמעס פנים און אין דער מאמעס בליק, צוזאמען מיטן צער און מיט דער בושה, געלעגן אויסגעגאָסן א טענה — א טענה פון א קלאָג צום רבונו־של־עולם, צו דער גאנצער וועלט, פאר איר צעבראָכן לעבן, פאר אירע אויסגערונענע האָפנונגען, פאר איר יחוס, וואָס איז פון אלעמען פארגעסן. און די טענה האָט זיך געריסן פון דער מאמעס ליפן, האָט זיך אויסגעגאָסן מיט א קללה און מיט שפיזיקע בליקן אויפן טאטן, אויף זיין ליידיק גיין און פאר זיין אייביקער מחשבה. און אז דער טאַטע פלעגט ווייטער אזוי שפרייזן, ווי ער וואָלט אפילו נישט געהערט, איז אן אויפגעפלאמטע אויפגעשפרונגען די מאמע:

— און וואָס־זשע שווייגסטו נאָך, מאן טייערער, פרנסה־געבער מיינער? האָסטו שוין גוט באַזאָרגט דיין הויז־געזינד, האָסט שוין אָנגעגרייט אויף וואָרמעס, האָסט שוין באַזאָרגט דיין בכור מיט שכר־לימוד? — ווי ביי די גוים לויפט ער דאָך ארום!

און שמואליק האָט, ווי דער טאטע, געשפרייזט מיט אויסגע־בויגענער פלייצע, מיט אראָפגעהאָנגענעם קאָפּ, און געטראכט זיין מחשבה, ווי אן אלטער מאן: „וואָס וועט זיין דער תכלית? די מאמע וויל — א רב. נו, האָט דאָך אויך דער טאטע היתר־הוראה — איז דאָס שוין א תכלית?".

גאנצע טעג האָט ער געשפרייזט הינטערן פלויט פון גלחס סאָד, געקוקט אַראָפּ, ווי עס קוילערן זיך די כוואַליעס פון וויעפּזש און אלץ ארום האָט צוגעדריקט די משא פון שמואליקס עלף יאָר מיט דער ברענענדיקער קשיה:

— „וואָס וועט זיין דער תכלית"?

— — — — — — — — — — — —

## דער כוח צו שטאַרבן

פון לובלין איז געקומען דער הויכער ייד ר׳ ברוך לוריע, פון זיין געשטאַלט און פנים האָט אַראָפּגערעדט עשירות און זיין תּקיפֿדיקער גאַנג האָט דערציילט וועגן אָנגעשטאָפּטע טייסטערס. איבערן שטעטל האָבן גאַנצע טעג געסקריפּעט הויכע פורן, אָנגעלאָדן מיט שטאַמען פון אַלטע־בוימער. מ׳האָט געשמועסט, אַז ר׳ ברוך לוריע האָט דעם גאַנצן וואַלדביים פּריץ אָפּגעקויפט און ביי ר׳ חיים לאַרבער האָט ער אָפּגעקויפט דאָס אַלטע, חרובע הויז, מיט די גרויסע שטיבן ווי קאַזאַרמעס און מיטן גרויסן פּאָדוועך, וואָס איז פול און הפקר אויסגעשפּרייט צווישן באַלמעלאָכישע און באַלעבאַטישע הייזלעך דאָרט איבערן וויעפּזש אויף דער גראָבליע. אָהין האָט מען געפירט די קלעצער, גוים האָבן אויפגעשטעלט געלעכטערס, אַרויפגעלייגט איינציקווייז די בוימער, ווי אברהם יצחקן אויף דער עקדה, און זיך אַריינגעשניטן מיט לאַנגע זעגן אין זייערע געדערים.

אין שטעטל האָבן אַלע שוין געוווּסט: ר׳ ברוך לוריע — דער פרעמדער ייד — מאַכט אַ פאַבריק פון הילצערנע אַפּטייק־פּודעלעך. יידן האָבן אין די פאַרנאַכטן באַטראַכט די אָנגעלאָדענע וועגענער, וואָס האָבן דורכן מאַרק פאַרבייגעסקריפּעט. יידן האָבן געשאַצט דאָס עשירות, האָבן דערציילט זיך וועגן דער פאַבריק:

— אַ פאַבריק — דאָס איז נישט קיין שפּאַס; שטאָט וועט אויפגעריכט ווערן; סוחרים וועלן קומען, אכסניות וועט מען עפענען, גאַרקיכן...

— און אַזאַ פאַבריק מיט סוחרים דאַרף דאָך אוודאי מעקלערס...

— און אפשר נאָך אַ באַן... אַ קלייניקייט — ר׳ ברוך לוריע! — ער קאָן אַלץ פועלן.

— און פאַר די געמיינע לייט — די באַלמעלאָכעס — איז עס דאָך אוודאי אַן אויפריכטעניש. קליינע קינדער נעמט ער צו דער

ארבעט. דרייסיק קאָפּיקעס א וואָך! — פאר א געמיינעם ייד איז עס דאָך א האלבע פרנסה. א קלייניקייט — דרייסיק קאָפּיקעס א וואָך יעדעס קינד!

אזוי האָט מען געשמועסט אין מארק און פון די שטיבלעך אויף דער גראָבליע האָבן כאָפּטעסווייז די בלייכע קינדער געשפרייזט אין די פארטאָגן צו דער פאבריק.

— פאר זיי, פאר די גראָבליער, איז דאָס נאָך אַן עסק: ייִנגלעך לערנען סיי־ווי־סיי נישט, פארגרעבט איז מען סיי־ווי, גייען ייִנגלעך און מיידלעך צוזאמען, זיצן גאנצע טעג אין די קאזארמעדיקע שטובן אָן השגחה, רעדן ניבול־פה, פארדינען שוין אליין און קויפן זיך גוישע הלבשה, — אזוי האָט מען געשמועסט אין די יחוסדיקע הייזער פונם שטעטל, — פאר זיי, פאר די גראָבליער, אָבער נישט פאר א באלעבאטיש קינד, — האָט אָפּגעזיפצט א מאמע, געקוקט אויף אירע הונגעריקע קדישים און טיפער אראָפּגערוקט די גזירה־קופּקע.

נאָר אָפּט און עפטער אין די דאָזיקע פארטאָגן פלעגט זיך עפּענען אין שטעטל א טיר פון א באלעבאטיש הויז און צוערשט נישט דרייסט, ווי בשעת גניבה, נאָר אויף דער בריק — שוין ייִנג און טענצלענדיק איז א באלעבאטיש קינד בלייך און דערשראָקן געלאָפן צו דער פאבריק: א קלייניקייט — דרייסיק קאָפּיקעס א וואָך!

שטאָט האָט נישט געזען, שטאָט האָט נישט געוווסט. נאָר אין דער שטיל האָבן ווייבער זיך געשושקעט, אין די אויערן אריין דערציילט די חרפה:

— ר׳ חיים יואלס ייִנגל...

— און מאטל דוואָשעס מיידל אויך...

— און צירל דעם דיינס...

— און ר׳ יעקל שוחטס אייניקלעך — ס׳איז דאָך עק וועלט!...

— א בראַך איז צו מיר נעבעך! מיט די גראַבליער יינגען און מוידן צוזאמען — א תכלית פאר באלעבאטישע קינדער!...

באלעבאטיש־פרומע ווייבער מיט שטערן־טיכלעך האָבן אין דער שטיל זיך אויסגעצופט שטיקער פנים און אין שטעטל זענען אלע פלעצער פוסט געוואָרן; ווייסע חברה האָט געארבעט אין פאבריק און גערוט האָבן — דער פאלענט און דער שטעטלדיקער פלאַץ מיט דער אלטאנע אין מיטן מארק, דער גראַבליער ברעג פון וויעפזש און דער וויעפזש גופא. ווייל גראַבליער קליינוואַרג האָט שוין נישט געשניטן און געפעטשלט זיינע כוואַליעס. און דער אלטער שמש האָט געזאָגט, אז ס׳האָט, אפנים, דאָס גהינום זיך איינגע־שטילט, ווייל ווייסע חברה טומלט גאָרנישט אויפן שול־הויף און ער האָט שוין לאנג ניט געקריגן מיט קיין איינגעוויקלטן האנטוך אינם רוקן.

און אין איינעם א פארנאכט איז נעכע די דיינטע ארויס אזוי זיך פאר דער טיר און א נישט־גוטקייט איז אויף איר געקומען. מיטביידע הענט האָט זיך געכאפט זיך פארן פנים:

— ווי צו מיינע אויגן, וואָס זיי זעען — שמואליק, דעם אלטן רבס אייניקל אויך?...

און זי האָט געקוקט, ווי שמואליק, א בלייכער און א מידער, מיט א פארשטויבט כאלאטעלע, איז געגאנגען צוריק פון דער פאבריק און אריין אין שטוב צו זיין מאמען — נעכעס חברטע פון מיידלווייז.

שמואליק האָט פארוואָרפן די העוויות פון זיין טאַטן. ער האָט קאָפּ ניט מער געבויגן צו דער ערד, דעם קליינעם רוקן האָט ער אויסגעגלייכט און זיין בליק האָט אָנגענומען דעם הפקר־חוצפה־דיקן אויסדרוק פון די גראַבליער־יינגן.

יעדע שעה האָט אים אָנגעפילט מיט דער מידקייט און מיטן אימפעט פון דער ארבעט. ער האָט מיט נייגער און מיט הנאה גע־

קוקט ארום זיך, וואָס עס טוט זיך: ביי די גרויסע, גרויסע הובלס, מיט די הענטלעך פוןביידע זייטן, זיצן גרויסע יינגן, וואָס פלעגן שטענדיק שיכורן מיט שקצים פון די הינטערשטעטלדיקע בערג און די גאנצע שטאָט האָט פאר זיי מורא געהאט, און זיי ציען מיט פיר הענט יעדן הובל — אהין און צוריק, אהין או צוריק. און פון די הובלעס פליען שפענער און אין דעם בארג זיצן קינדער — גראָבליער מיט באלעבאטישע צוזאמען, און זיי לייגן גלייך שפּאָן צו שפּאָן. יעדעס בינטל שפענער גייט פון זיי אין דער צווייטער שטוב — צו דער מעסער־באנק. דאָרטן שטייט דער פערצן־יאָריקער כאצקל און איז א גאנצער מייסטער. מיט א גאווהדיקער מינע לייגט ער בינטלעך שפענער אויף דער באנק. מעסט אָן די לענג ביי דעם ברעטל מיט די נומערן און לאָזט אראָפּ מיט זיכערקייט דאָס גרויסע, שארפע מעסער, וואָס איז צוגעשרויפט צו דער באנק. אָט דער כאצקל האָט א שטארקן אָרעם און נעמט שוין גאנצע פערציק קאָפּיקעס א וואָך.

אך, ווי שמואליק איז אים מקנא!

שמואליק זיצט ביי א גרויסער רעם מיט פאכן, קלעפּט די אָנ־געשניטענע, ווייכע שפענדלעך אויף די קיילעכדיקע פּאָרעמס, יעדעס לויט זיין נומער. שמואליק וווּנדערט זיך: וואָס דארף די וועלט אזוי פיל פודעלעך? אים דאכט זיך, אז עס זענען גאָר נישטאָ אזוי פיל מענטשן אויף דער וועלט, וויפיל מאשטשן עס מאכן די אפטייקן.

און עס רוקן זיך לאנג די טעג — יעדער טאָג מיט זיין פאר־נאכט, ווען שמואליק לאָזט זיך מיד און מאט פון דער פאבריק, צוזאמען מיט די גרעסטע לאָבוזעס פון גראָבליע — מיט אלע שוין „פאן־בראט". און אז ער גייט שוין אויף דער בריק און קוקט אראָפּ אין טונקל פונם טייך, וועקט זיך אויף נאָר בלויז א פונק פון דער אלטער מחשבה, וואָס האָט אמאָל געגאָגט. נאָר א מידע

טעמפּקייט איז אין קאָפּ און שמואליק טראַכט בלויז איין געדאַנק, וואָס ער האָט שוין אין דער שטיל דערטראַכט: אויף הוצאות וועט ער שוין האָבן און אַז ס׳וועט קומען חול־המועד, וועט ער נעמען זײַנע העמדער און וועט פאַרן קיין וואַרשע זיך אויסלערנען אַ מלאכה — אַז קיין אַנדער תּכלית איז נישטאָ...

יעדן אָוונט, אין דער היים, קוקט די מאַמע שטום און שטאַר אויף איר בכור — דעם בעל־פּרנסה, ווי ער זיצט אַזוי אַ מידער, מיט די רויטע, אָנגעהאַרעוועטע הענטלעך אַראָפּגעהאָנגען צווישן ביידע קני, דאָס פּנים טעמפּ און מיד, ווי אַ גוי, אַ האָלצהעקער, נאָכן האַקן אַ פֿור האָלץ, — אַזוי זיצט ער, איר עלטסטער זון, וואָס זי האָט אירע אייגענע און טאַטנס האָפֿנונגען אויף אים געלייגט. און אויף דער מאַמעס פּנים ליגט נאָך מער ווי שטענדיק די מורא־דיקע טענה אויסגעגאָסן. אירע ליפּן ציטערן און פֿליסטערן פֿאַר־באָרגענע קללות, טויטע קללות פֿאַר אַלע וויסטע פֿעלדער. און די שמאָלע, שוואַרצע שנירלעך איבער אירע אויגן, הויבן זיך און קרימען זיך, אַרויף, אַרויף, ווי שלענגלעך, גלײַך זיי וואָלטן וועלן אָפּשפּרינגען פֿון שטערן.

נאָר דער טאַטע קוקט אויף אים הכנעהדיק און שווײַגנדיק. אין טאַטנס אויגן ליגט עפּעס אַזאַ פֿאַרשולדיקטקייט, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן ביי שמואליקן פֿאַר עפּעס מחילה בעטן. און אַז שמואליק זעט דעם טאַטן, ווי ער נישטערט מיט די דאַרע פֿינגער אין די קע־שענעס פֿון וועסטל, זוכנדיק אומזיסט די קרישקעס פֿון טיטון צו מאַכן זיך אַ פּאַפּיראָס — כאַפּט אים אָן אַזאַ רחמנות אויפֿן טאַטן וואָס ער הוסט און וואָס ער שווײַגט און וואָס ער טראַכט אַזוי טאָג נאָך טאָג, און ער דערלאַנגט דעם טאַטן אַ זעקסער.

— קויף דיר, טאַטע, פּאַפּיראָסן, נאָר די גוטע זאָלסטו קויפֿן! טורעצקע קויף, טורעצקע...

*

שמואליק האָט א נייעם חבר, כאצקל — דעם זון פון מייסטער, וואָס ר׳ ברוך לוריע האָט אים ערגעץ פון דער גרויסער וועלט געבראכט אהער, פאר גאנצע אכט רובל א וואָך.

שפאצירן זיי צוזאמען יעדן אָוונט, די הענט פארוואָרפן אויף די אקסל, לאָזן זיך אראָפּ צום ברעג און גייען אוועק אזש צום צמענטאַזש.

אויסגעוועזן שוין א וועלט איז ער, אָט דער כאצקל, און ער ווייסט שוין אלע זאכן, וואָס עס טוט זיך אין די גרויסע שטעט. הערט ער שמואליק אין די אָוונטן צוזאמען מיטן פליסטערן פון טייך, מיטן רויש פון די בוימער ביים ברעג די רייד פון זיין חבר, וואָס דערציילט אזעלכע וווּנדער. שמואליק הערט און חידושט זיך צוזאמען: זאָל עס טאקע זיין אזוי, אז דאָס איז נאָך נישט קיין אמתע פאבריק?

— אָהאָ — דערציילט זיין חבר כאצקל — אין די גרויסע שטעט זענען דאָ פאבריקן גרויסע, גלייכע רויטע מויערן, הויכע־הויכע קוימענס, וואָס זיי הודיען און זיי פייפן אויס די שעה פון ארבעט. עפענען זיך שווארצע טויערן און עס שיטן זיך מענטשן־ארבעטארער — טויזנט־טויזנטער, גרויסע מענטשן ארבעטאָרער, אפילו יידן, אלטע יידן אויך — נישט קיין קינדער אזוי ווי דאָ.

— טאַקיש, אלטע יידן אויך, יידן ווי מיין טאַטע...

נאָר עס פארשעמט זיך שמואליק פאר זיין אייגענער מחשבה: ס׳הייסט, זיין טאטע — מיט אזעלכע נארישקייטן — פודעלע, צי עפעס אנדערש — ס׳קאָן דען זיין?...

און זיין חבר כאצקל אנטפלעקט אלץ נייע וווּנדער:

— און אָט די ארבעטאָרער האָבן זיך אן אחדות און האָבן גאָר פאר קיינעם נישט קיין מורא, נישט פאר פאָליציי, אפילו נישט פאר זעלנער, פאר קיינעם נישט?

— גאָר פאר קיינעם נישט קיין מורא? ס׳קען דען זיין?

— און אז מען טוט זיי עפּעס שלעכטס, שטרייקן זיי און האָבן נישט קיין מורא!

און עס ווייס דער קליינער שמואליק, אז דאָס מוז זיין עפּעס אַזוינס פאַרוואָס מען דאַרף אוודאי מורא האָבן און ער פרעגט מיט אויגן און מיט ווערטער:

— וואָס־זשע מיינט מען דאָס: „זיי שטרייקן?"

— אָ, דו ווייסט דאָך טאַקע גאָרנישט? ווען זען, ביי אונדז וועט אויך נאָך זיין א שטרייק. מיינסט, אז חיים גאָדער וועט שוין אייביק אַזוי אַרבעטן פאַר דריי קאַרבוינעס א וואָך? איך האָב אליין געהערט ער האָט געזאָגט: מ'דאַרף אַרויסטרייבן די קינדער און א סוף, זאָל זיין א שטרייק! אוי, וועט זיך דאָס דער גראָבער לוריע שרעקן!

שמואליק הערט מיט אַלע חושים. זיינע אויגן גרויסן זיך אין טונקל פון פאַרנאַכט און זיי זאַפּן איין אין זיך די גרויסקייט פונם ברעג, די בלויע ראַזקייט פונם הימל און די טונקלקייט פון טייך, וואָס קוילערט זיינע וואַסערן אוועק ערגעץ צו יענע גרויסע שטעט, ווו עס זענען דאָ פאַבריקן, מיט די גרויסע־גרויסע קוימענס און מיט דעם מאָדנעם פאָלק.

*

כאַצקל האָט זיין חבר שמואליק אויסגעלערנט שפּענער שניידן אויף דער מעסער־באַנק, און אליין איז ער אוועק שוין אויפן פאָד־ווער, צווישן גרויסע יונגן, און ער שניידט שוין אויס די דנאָען אויפן קלאָץ, מיטן שאַרפן שטאַמס. פרייט זיך שמואליק: פערציק קאָפּיקעס א וואָך — און ער איז דאָך שוין אַן אַרבעטער. נאָר זיין אָרעם איז נישט אַזוי שטאַרק ווי כאַצקלס, מוז ער אונטערשפּרינגען יעדעס מאָל, ווען ער גרייכט צום הענטל פונם מעסער. און דאָס מעסער איז שווער און דער מייסטער, כאַצקלס טאַטע, לויפט פאַרביי און שרייט:

— ארבעט, אַרבעט — דאָ איז נישט קיין בית־המדרש, ווו מען חלומט זיך א פשטל!

בויגט זיך שמואליק איין אין דרייען און שוין ווידער שפּרינגט ער אונטער. גרויסע טראָפּנס שווייס קיצלען אויפן פּנים און עס שלאָבערן די הענט.

פילט ער, אז די מידקייט איז אים שוין באַפאַלן און דאָ איז נאָך גרויסער טאָג — לאַנגע שעהן נאָך פון אַרבעט. כאַפּט ער אָן זיך מיטן לעצטן אימפּעט, טוט א שפּרונג צום מעסער־הענטל, נאָר עס ציטערט די שלאָבערדיקע האַנט, שפּרינגט דאָס מעסער און טוט פריצייטיק א פאַל אויפן צוגעשפּאַרטן בינטל. זייער שאַרף איז דאָס מעסער. האָט אין פלוג דער קליינער שמואליק אפילו נישט גע־וו׳סט, וואָס געשען איז: וואָס־זשע איז עפּעס א נאָדל אזא אַריבער־געלאָפן איבער אלע ביינער? נאָר אויף דער באַנק צווישן אויס־געשיטע, רויט־באַשפּריצטע שפּענדלעך האָבן זיך געוואַלגערט צוויי שאַרף־אָפּגעשניטענע האַלבע פינגער פון שמואליקס לינקער האַנט, ווי צעהאַקטע שטיקער ערד־ווערים. שמואליק ווייס נאָר, אז די באַנק, די שפּענער און זיין לינקע האַנט האָבן עפּעס אָנגעהויבן אַוועקצוטאַנצן אין חשכות אַריין.

אויף א באַרג הויכע שפּענער איז געלעגן שמואליק א בלייכער, ווי דער טויט. מען האָט געשפּריצט אויף אים מיט וואַסער, מען האָט געמינטערט און דערמינטערט דעם געחלשטן שמואליק. פּעסע די וואַרשעווערין — כאַצקלס מאַמע — האָט מיט מאַמישן רחמנות געבראַכט פון שטוב א ביסל יום־טובדיקן ווישניק צו דער־לאַבן דעם געחלשטן. ביי דער האַנט, דער באַשניטענער, האָבן זיך געפּאַרעט כאַצקלס טאַטע און יענדער — דער הינטערשטעטלדיקער זנאַכער. שמואליק האָט געפילט, ווי מען טוט אים דאַרטן צרות, אזוי ווי מען וואָלט אים געשיט זאַלץ אויף זיינע פרישע ווונדן.

נאָר דער זנאַכער איז צופרידן: „דאָס בלוט איז שוין פאַר־

האַלטן. איבערבינדן יעדן טאָג און צוליגן אַט־דאָס — ווייזט ער עפּעס ברודיקס אין א פלעשל.

*

מיט א האַנט, — א באַרג, אַרומגעבונדן מיט אַזוי פיל שמאַטעס און באַנדאַזשן, אַריינגעלייגט אין דער פאַטשיילע, וואָס איז געהאַנגען אויף זיין האַלדז און אָנגעשפּאַרט אויפן אַקסל פון חבר כאַצקל, איז שמואליק געגאַנגען אַהיים. כאַצקל האָט אַלץ אין איינעם אים געלערנט:

— זאָלסט שטיין האַרדע, זאָלסטו! לוריע מוז דיר געבן וואָס עס קאָסט דאָס היילן און ער מוז דיר צאָלן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דו ביסט קראַנק, הערסט? — כ'האָב אַליין געהערט מיין טאַטן זאָגן — אַפילו אין סאָנד וועט ער מוזן צאָלן.

און שמואליק איז געשטאַנען ביי דער גראַבליע־ברעג פון וויעפּזש און האָט געקוקט אויף יענער זייט, ווי פון דער קוילער־גאַס הויבט זיך אויף דאָס שטעטל און עס שפּאַרן זיך די דעכער פון באַלעבאַטישע הייזער. פון דער לינקער האַנט האָט א נאָגנדיקער ווייטאָג זיך צעגאָסן איבער אַלע איברים און האָט אָנגעפילט די ביינער מיט א שווינדלדיקן פיבער.

שמואליק האָט געהערט זיין חברס רייד און האָט פאַרטראַכט געקוקט אַריבער, ווייט איבער די דעכער פון זיין שטעטל: עס האָט זיך אים געדאַכט, אז ער זעט, ווי אויפן הימל דאָרטן צייכענען זיך ערגעץ שאָטנס פון די שטעט מיט פאַנטאַסטיש־הויכע קוימענס פון פאַבריקן, און אין זייערע געדערים זעט שמואליק דאָס מאָדנע פאָלק פון אַרבעטאָרער און ער פילט א נאָענטקייט, עפּעס איז ער שוין אן אייגענער.

ער וועט האַרדע מאָנען ביי דעם הויכן, רייכן לוריע פאַר זיין יעדן שטיקל פינגער, אַזוי ווי יענע דאָרטן, אין די גרויסע שטעט, וואָס האָבן גאָר פאַר קיינעם קיין מורא... („יוגנט וועקער")

# לעצטער ארטור זיגעלבוים עקספאנאט
# אין יד־ושם, ירושלים

ווען דאָס משפחה־בוך איז שוין געווען אין דרוק האָט דר. קערמיש, דער אַרכיוו דירעקטאָר פון יד־ושם אין ירושלים מיר מודיע געווען, וועגן פרישע ארטור זיגעלבוים מאַטעריאַלן וואָס ער האָט באקומען פון בנימין אלעקסאנדער בערנפעס אין לאָנדאָן, פון זיין װארשעווער געטאָ־ארכיוו.

גענוג ארײנצוקוקן אין דער ענגליש אילוסטרירטער אויסגאַבע: „וואָרלד וואָר 2 ספּעשיאל". וועגן ווארשעווער געטאָ וואָס איז מער נישטאָ, זיך צו איבערצייגן אין אלעקסאנדער בערנפעסטס חוש און פעאיקייטן איינצוזאַמלען דאָקומענטן און מאַטעריאַלן פון דעם פינצטערן הילטער־פּעריאָד.

אַרטורס לעצטע בריוו, האנט און מאשין געשריבענע, אין פויליש און אין ענגליש, ווי אנדערע דאָקומענטן און בילדער פון וועלכע אַ טייל זענען שוין באקאנט פון פריער האָט דר. קערמיש, מיט אַ סך אָפּשיי אויסגעשטעלט אויף אַ ספּעציעלן טיש.

דער עקספּאָנאט שטייט אין ארייַנגאַנג־זאַל פון יד־ושם בנין אין ירושלים און ציט די אויפמערקזאַמקייט פון באַזוכער.